ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

מסכת

# בבא מציעא חלק א׳

## עם פירוש אידיש

### כפי רש"י ומלבי"ם ז"ל

וגם בלשון הקודש

**476**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# מסכת
# בבא מציעא
## חלק ראשון

עם פירוש אידיש כפי רש״י ומלבי״ם ז״ל, וגם
הפירוש בלשון הקודש כפי מלבי״ם ז״ל

הפירוש הזה יחוה צפונות, ויגלה פליאות, ויפתור חידות,
ויברר כי כל דברי תורה שבעל פה הלא הם כתובים
באצבע אלקים בתורת הכתב ויתן אות ומופת על אמתת
תורה שבעל פה ועל גודל חכמתה וקדושתה.

מלוקט ומעובד מנאי

שלמה בן בצלאל דריליך
שנת תשט״ז לפ״ק, ניו יארק.

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

מסכת

# בבא מציעא

## מן תלמוד בבלי

חלק ראשון

## עם פירוש יידיש
## כפי רש"י ומלבי"ם ז"ל

**וגם הפירוש בלשון הקודש כפי מלבי"ם ז"ל**

הפירוש הזה יחוה צפונות, ויגלה פליאות, ויפתור חידות, ויברר כי כל דברי תורה שבעל פה הלא הם כתובים באצבע אלקים בתורת הכתב ויתן אות ומופת על אמתת תורה שבעל פה ועל גודל חכמתה וקדושתה.

מלוקט ומעובד מנאי

## שלמה בן בצלאל דריליך

שנת תשט"ו לפ"ק, ניו-יארק

---

Copyright 1954

כתובת המחבר:
RABBI S. DRILLICH
86 Morton St., Brooklyn 11, N. Y.

נאָכדרוק סיי אינגאנצען סיי טיילווייז איז פארבאָטען אָהן דער ערלויבעניש פונ'ם מחבר.

לזכר נשמת אבי מורי ז"ל
ר' בצלאל בן ר' יחזקאל ז"ל
נ' י"ד טבת, תש"א

ולזכר נשמת אמי מורתי ז"ל
סעריל גיטל בת ר' יהושע ז"ל
שנפלה בידי הרשעים (הנצים י"ש)
על קידוש השם על עמה ותורתו
ונקתי דמם לא נקתי

## הסכמה חשובה

הישיבה הגבוהה לתורה
„כוכב מיעקב"
בנשיאות הגאון שר התורה
הרב דוב-בעריש ווײדענפעלד שליט"א
אב"ד דק"ק טשעבין
בעיה"ק ירושלים ת"ו

ב"ה, יום כ"ז אייר, תשי"ג
לכבוד
הרה"ג הנעלה וכו' מוהר"ש דריליך שליט"א
שלום וישע רב;

מכתבו הגיעני ובתשובה עליו הנני לאשר קבלת הגמרות עם תרגומו על מה שאני מודה לו מקרב.

ונוכחתי כי תרגום זה יביא תועלת חשובה לרבים; והנני ברכה כי חפץ ה' בידו יצליח לברך על המוגמר להגדיל תורה ולהאדירה.

בברכה מירושלים תובב"א.

ידידו דושכ"ת בלענ"ח

דוב בעריש ווײדענפעלד

ביי דער מסכתא איז דאָ דער פולער טעקסט אינווייניג צווישען טייטש און מיט א גרעסערן טייפּ אותיות, אום דער לעזער און דער לערנער זאָל ניט דארפען דרייען זיינע אויגען נאָר אַלעס האָבען אין די שורות קענטיג צום לייענען דעם טעקסט און גרונטליך צו פארשטעהן דעם טייטש און דעם אויסשמועס פון דער גאנצער האנדלונג אין דער גמרא.

---

סודר ונדפס ע"י מודרן לײנאָטײפּ קאָמפּ.
Printed in the United States of America by
MODERN LINOTYPE CO.
1527 St. Johns Pl., Brooklyn 13, N. Y.

# מסכת בבא מציעא

**שנים אוחזין בטלית זה אומר אני מצאתיה וזה אומר אני מצאתיה, זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי, זה ישבע שאין לו בה פחות מחציה וזה ישבע שאין לו בה פחות מחציה ויחלוקו,** אז צוויי מענשען האלטענדיג א טלית וואו דער זאגט איך האב איהר געפונען און דער זאגט איך האב איהר געפונען, דער זאגט זי איז אינגאנצען מיין און דער זאגט זי איז אינגאנצען מיין, אזוי האלטענדיג קומען זיי צו בית דין, איז דער דין אז דער זאל שווערען ער האט אין איהר ניט ווייניגער ווי א האלב און דער זאל שווערען ער האט אין איהר ניט ווייניגער ווי א האלב און זאלען זיך צוטיילען. **זה אומר כולה שלי וזה אומר חציה שלי, האמר כולה שלי, ישבע שאין לו בה פחות משלשה חלקים, והאומר חציה שלי ישבע שאין לו בה פחות מרביע, זה נוטל שלשה חלקים וזה נוטל רביע,** אז דער זאגט זי איז אינ־גאנצען מיין און דער זאגט די העלפט איז מיין, איז דער דין דער וואס זאגט אינגאנצען מיין זאל שווערען אז ער האט אין איהר ניט ווייניגער פון דריי טייל, און דער וואס זאגט האלב איז מיין זאל שווערען אז ער האט אין איהר ניט ווייניגער פון א פירטל חלק, דער נעמט דריי חלקים און דער א פירטל־חלק. **היו שנים רוכבין על גבי בהמה או שהיה אחד רוכב ואחד מנהיג, זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי זה ישבע שאין לו בה פחות מחציה, וזה ישבע שאין לו בה פחות מחציה ויחלוקו, בזמן שהם מודים או שיש להן עדים חולקין בלא שבועה,** אז צוויי זיינען געריטען אויף א בהמה אדער איינער איז געריטען און איינער האט געפיהרט, דער זאגט זי איז אינגאנצען מיין און דער האט געזאגט זי איז אינגאנצען מיין, דער דארף שווערען אז ער האט אין איהר ניט ווייניגער פון האלב און דער דארף אזוי שווערען, און זאלען זיך צוטיילען, אין צייט זוי זיינען מודים אדער זיי האבען עדות, צוטיילען זיי זיך אן א שבועה: **גמ׳,** פרעגט די גמרא **למה לי למיתנא זה אומר אני מצאתיה וזה אומר אני מצאתיה זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי, ליתנא חדא?** צו וואס איז געדארפט צו לערנען דאפעלט אני מצאתיה און כולה שלי, זאל ער לערנען בלויז איינס? ענטפערט די גמרא **חדא קתני זה אומר אני מצאתיה וכולה שלי, וזה אומר אני מצאתיה וכולה שלי,** ער לערענט טאקע איינס, נאר זאג עס אינאיינעם אז דער זאגט איך האב איהר געפונען און זי איז אינ־גאנצען מיין, פרעגט די גמרא **וליתני אני מצאתיה ואנא ידענא דכולה שלי? אי תנא אני מצאתיה הוה אמינא מאי מצאתיה? ראיתיה, אף על גב דלא אתאי לידיה בראיה בעלמא קני, תנא כולה שלי דבראייה לא קני,** זאל ער לערנען בלויז אני מצאתיה, וועל איך דאך שוין וויסען אז ער מיינט צו טענען אויפ׳ן גאנצען זיינס? ענטפערט די גמרא ווען ער וואלט לערנען בלויז אני מצאתיה, וואלט איך זאגען וויסטו וואס ער מיינט מיט׳ןווארט מצאתיה? איך האב איהר פריהער דערזעהן, און כאטש עס איז ניט געקומען אין זיין האנד,

נעמט עס אָן די משנה אַז מיט'ן בלויזען זעהן האָט ער איהר קונה געווען, דעריבער לערנט ער אויך כולה שלי צו לאָזען הערען אַז מיט'ן בלויזען זעהן איז ער ניט קונה. פרעגט די גמרא **ומי מצית אמרת מאי מצאתיה ?ראיתיה, והא אמר רבינאי ומצאתה דאתאי לידיה משמע ?** ווי קענסטו זאָגען אַז מצאתיה מיינט מיט'ן בלויזען זעהן, רבינאי האָט דאָך געזאָגט אַז ומצאתה מיינט ווען ער האָט עס שוין אין האנד. דער גאנצער פסוק איז וכן תעשה לכל אבדת אחיך אשר תאבד ממנו ומצאתה, דער טייטש איז און אַזוי זאָלסטו טהאָן צו יעדער אבדה פון דיין מיטברודער וואָס וועט פאַרלוירען זיין פון איהם און דו וועסט איהר האָבען געפונען — צו אריינעמען עס צו דיר אום נאכהער צו־ריקקערען, אַזוי ווי עס איז א ספק צי מיט'ן בלויזען זעהן הייסט שוין געפונען און קונה געווען, כאפט דער פסוק אָן — אנשטאָט ותמצאה וואָס איז א רעכטער צוקונפט — ומצאתה וואָס איז א פאַרגאנגענהייט איבערגעקערט אויף א צוקונפט דורך דער וא"ו אָנפאנגס, און עס דינען ביידע, דער צוקונפט דינט אַלס צוקונפט, און די פאַרגאנגענהייט דינט צו לאָזען הערען אַז ער האָט עס שוין לאנג אין האנד, איז דאָך דער ומצאתה זיכער געמיינט אַז ער האָט עס שוין אין האנד, און געוויס דער אני מצאתיה אין אונזער משנה וואָס איז א פולער פאַרגאנגענהייט, היינט ווי קענסטו זאָגען אַז מצאתיה מיינט מיט'ן בלויזען זעהן? ענטפערט די גמרא אין יאָ, **ומצאתה דקרא דאתא לידיה משמע, ומיהו תנא לישנא דעלמא נקט, ומדחזי ליה אמר אנא אשכחית ואף על גב דלא אתאי לידיה בראיה בעלמא קני, תני כולה שלי דבראיה בעלמא לא קני לה,** עס איז טאקע אַזוי אז ומצאתה פון פסוק מיינט ער האָט עס שוין אין האנד, אָבער דער תנא כאפט אָן א לשון פון דער וועלט, ווען איינער דערזעהט א מציאה שרייט ער באלד איך האָב עס געפונען, לערענט ער דעריבער אויך כולה שלי צו לאָזען הערען אַז מיט'ן בלויזען זעהן האָט ער ניט קונה געווען. פרעגט די גמרא **וליתני כולה שלי ולא בעי' אני מצאתיה ? אי תני כולה שלי הוה אמינא בעלמא דקתני מצאתיה בראיה בעלמא קני, תנא אני מצאתיה והדר תנא כולה שלי דממשנה יתירה אשמעינן דראיה לא קני,** זאָל ער לערנען כולה שלי וועט ער דאָך שוין ניט דאַרפען אני מצאתיה? ענטפערט די גמרא ווען ער וואָלט לערנען בלויז כולה שלי, וואָלט איך נאָך אַלץ זאָגען, איבעראל וואו ער לערנט מצאתיה מיינט עס מיט'ן בלויזען זעהן, לערענט ער דעריבער דאָ אני מצאתיה און נאכהער כולה שלי, צו לאָזען הערען פון דער איבעריגער משנה אַז מיט'ן בלויזען זעהן איז ער ניט קונה. פרעגט די גמרא **ומי מצית אמרת חדא קתני, והא זה וזה קתני, זה אומר אני מצאתיה וזה אומר אני מצאתיה, זה אומר כולה שלי וכו ? אמר רב פפא ואיתימא רב שימי בר אשי ואמרי לה כדי רישא במציאה וסיפא במקח וממכר וצריכא,** ווי קענסטו זאָגען אַז ער לערנט איינס, מיינענדיג אַלס איין טענה אני מצאתיה וכולה שלי, ער לערנט דאָך זה וזה אלס אָפּגעטיילט אין צוויי טענות? האָט רב פפא געזאָגט און טייל זאָגען רב שימי בר אשי האָט עס געזאָגט און טייל זאָגען כדי האָט עס געזאָגט דאָס די רישא שמועסט ביי מציאה און די סיפא שמועסט ביי מקח און ממכר און ביידע זאכען מוזען געלאָזט הערען,

(דף ב׳ ע״ב) דאי תנא מציאה הוה אמינא מציאה הוא דרמו רבנן שבועה עליה משום דמורי ואמר חבראי לאו מידי חסר בה, איזל אתפיס ואתפליג בהדיה, דען ווען ער וואָלט לאָזען הערען בלויז מציאה, וואָלט איך זאָגען, נאָר ביי מציאה האָבען די רבנן געוואָרפען אויף אים א שבועה, צוליב ער צייגט זיך א היתר זאָגענדיג, מיין חבר פאַרלירט דאָך גאָרניט דערביי, וועל איך געהן און זיך אָנכאַפּען און צוטיילען זיך מיט אים. אבל מקח וממכר דליכא למימר הכי אימא לא( אָבער ביי א קויף וואו מען קען דאָס ניט זאָגען, וואָלט איך מיינען ער זאָל ניט דארפען שווערען, לאָזט ער אונז הערען אויך כולה שלי פאר מקח וממכר, ואי תנא מקח וממכר, הוא דרמו רבנן שבועה עליה, משום דמורי ואמר חבראי דמי קא יהיב, ואנא דמי קא יהיבנא, השתא דצריכא לדידי אשקליה אנא, וחבראי ליזול ליטרח ליזבן, אבל מציאה דליכא למימר הכי אימא לא, צריכא, און ווען די משנה וואָלט לערנען בלויז מקח דהיינו שנים אוחזין במקח זה אומר אני לקחתי וכו׳ וואָלט איך ווידער זאָגען, נאָר דאָ האָבען די רבנן געוואָרפען א שבועה צוליב ער לערענט זיך א היתר, מיין חבר גיט טאקע געלד, אָבער איך גיב דאָך אויך געלד, איצט אַז איך דארף עס אַזוי, וועל איך עס נעמען, און מיין חבר קען זיך געהן און קויפען ערגעץ אנדערש, פאר געלד קריגט מען דאָך, אָבער ביי מציאה קען מען דאָס ניט זאָגען, וואָלט איך מיינען זיי צוטיילען זיך אָהן א שבועה, איז דעריבער געדארפט צו לאָזען הערען ביידען. פרעגט די גמרא מקח וממכר ולחזי זוזי ממאן נקט? לא צריכא דנקט מתרווייהו מחד מדעתיה, ומחד בעל כורחיה, ולא ידענא מי הוא מדעתיה ומי הוא בעל כורחיה, ביי מקח וממכר קענען מיר דאָך זעהן פון וועמען ער האָט גענומען די געלד? ענטפערט די גמרא עס איז ניט געדארפט צו לאָזען הערען נאָר ביי א פאַל וואו ער האָט גענומען ביי ביידען, פון איינעם מיט׳ן ווילען און פון איינעם געצוואונגען, און מיר ווייסען ניט ווער עס איז געווען מיט׳ן ווילען, און דער פאַרקויפער געדענקט ניט. פרעגט די גמרא לימא מתניתין דלא כבן ננס, דאי בן ננס האמר כיצד? אלו ואלו באין לידי שבועת שוא? עס קומט דאָך אויס צו זאָגען אַז אונזער משנה וועט ניט קענען אויסקומען ווי בן ננס, דען ווי בן ננס, זאָגט ער דאָך ווי אַזוי קענען מיר צולאָזען צו אזא שבועה, ביידע קאָלעקטיוו וועלען דאָך קומען צו א פאלשע שבועה, דאָרט שמועסט ביי אַ קרעמער וואָס גיט אויף באָרג פארשרייבענדיג די חובות אין זיין בוך, ער האָט געגעבען סחורה צו איינעם אויף זיין קאָנטאָ, יענער טענה׳ט איך האָב ניט גענומען קיין וואַרע, און דער קרעמער טענה׳ט איך האָב געגעבען, זאָגען דאָרט די חכמים דאָס ביידע שווערען און נעמען פון בעל הבית, אויף דעם זאָגט דאָרט בן ננס ווי אַזוי קען דאָס זיין, זיי וועלען דאָך זיכער קומען צו אַ פאלשע שבועה צי דער נעמער, צי דער קרעמער, און דאָס זעלבע איז דאָך אויך דאָ, וועט דאָך שוין די משנה ניט קענען אויסקומען ווי בן ננס וואָס קוקט אויס מעהר סברה׳דיג? ווענדט די גמרא אָפּ אפילו תימא בן ננס, התם ודאי איכא שבועת שוא, הכא איכא למימר דליכא שבועת שוא, אימור דתרווייהו בהדי הדדי אגבהוה, מען קען אפילו זאָגען אַז די משנה זאָל יאָ אויסקומען ווי בן ננס ווייל עס איז פאראן אַ אונטערשייד צווישען דאָ און דאָרט,

דען דארט איז זיכער פאראן א פאלשע שבועה, אבער דא קען מען נאך זאגען אז ניט, ווייל מיר קענען זאגען אזביידע אינאיינעם האבען אויפגעהויבען די מציאה, און ביים מקח קען מען אויך זאגען דאס ער האט גענומען בייביידען ניט קענענדיג אפזאגען. פרעגט די גמרא **לימא מתניתין דלא כסומכוס, דאי כסומכוס, הא אמר ממון המוטל בספק חולקין בלא שבועה? ואלא מאי? רבנן, הא אמרי המוציא מחבירו עליו הראייה?** עס קומט דאך אויס צו זאגען אז די משנה זאל ניט אויסקומען ווי סומכוס, דען אויב ווי סומכוס, זאגט ער דאך אז אזא געלד וואס איז אונטערוואָרפען אין א ספק, צוטיילען זיי זיך אהן א שבועה? און באלד פרעגט די גמרא צוריק, נאר וואס דען קענסטו זאגען? עס זאל מוזען אויסקומען בלויז ווי די רבנן, זאגען זיי דאך אבער דערביי די סברה, אז ווער עס וויל ארויסציהען פון יענעם געלד, איז אויף איהם די פליכט צו ברייגנען באווייזע, קען דאך זי ווי זיי אויך ניט אויסקומען? ווענדט די גמרא אפ **האי מאי? אי אמרת בשלמא רבנן, התם דלא תפסי תרווייהו אמרו רבנן המוציא מחבירו עליו הראייה, הכא דתרווייהו תפסי פלגי לה בשבועה.** וואס פאר א פארגלייך איז דאס? אנדערש אז דו וועסט זאגען וועגען די רבנן, קען זיין רעכט, דאס נאר דארט ביי דער קוה וואו אן אקס האט איהר געעשטויסען און עס איז געפונען געווארען די קאלב נעבען, ניט וויסענדיג צי פאר'ן שטויסען איז די קינד געקומען צי נאכ'ן שטויסען, — האבען די רבנן געזאגט אז ער דארף ברייגנען באווייזע, אבער דא וואו ביידע האלטען קען מען זאגען אז די רבנן האלטען אויך אז זיי צוטיילען זיך מיט א שבועה וועלכע איז דא די איינציגע אויף צו באווייזען. **אלא אי אמרת סומכוס, השתא ומה התם דלא תפסי תרווייהו חולקין בלא שבועה, הכא דתרווייהו תפסי לה לא כל שכן?** אבער אז דו וועסט זאגען סומכוס, איז עס א מיידאך מיידאך דארט ביי דער קאלב וואס איז ניט אזא בולט'ע זאך, ווי ביידע וואלטען האלטען די זאך פאר אונזערע אויגען, זאגט ער פונדעסטוועגען אז זיי צוטיילען זיך אהן א שבועה, איז דאך דא וואו ביידע האלטען די זאך פאר אונזערע אויגען, געוויס ניט אנדערש נאר אזוי? הייגט צי מוזען מיר זאגען עס זאל ניט קענען אויסקומען ווי סומכוס? ווענדט די גמרא אפ **אפילו תימא סומכוס, כי אמר סומכוס שמא ושמא, אבל ברי וברי לא אמר,** מען קען זאגען אז די משנה קען אפילו אויסקומען ווי סומכוס, ווייל מיר קענען זאגען, דאס ווען האט סומכוס געזאגט אז ספק־געלד ווערט צוטיילט אהן א שבועה? נאר ביי טאמער און טאמער וואו ביידע זיינען אין ספק קען מען דאך ניט ווארפען קיין שבועה אויף זיי, אבער ביי ברי וברי וואו ביידע זיינען זיכער, ביידע וויסען דאך ביי זיך דעם אמת אלס זיכער, זאגט אויך סומכוס ניט, אהן א שבועה. פרעגט די גמרא **ולרבה בר רב הונא דאמר, אמר סומכוס אפילו ברי וברי מאי איכא למימר? אפילו תימא סומכוס, כי אמר סומכוס? היכא דאיכא דררא דממונא אבל היכא דליכא דררא דממונא לא,** און נאך רבה בר רב הונא וואס זאגט אז סומכוס זאגט זיין סברה, אויך ביי ברי וברי, וואס קענסטו דא ענטפערען? ווענדט די גמרא אפ, איך קען זאגען אז די משנה זאל אויסקומען אפילו ווי סומכוס, דען ווען זאגט ער זיי צוטיילען זיך אהן א שבועה? וואו עס איז פאראן א געלד־פארלוסט,

אבער וואו עס איז ניט פאראן קיין געלד־פארלוסט ווי א שטייגער דא ביי דער מציאה אדער מקח זאגט ער אויך ניט אהן א שבועה. פרעגט די גמרא ולאו קל וחומר הוא, ומה התם דאיכא דררא דממונא למר ואיכא דררא דממונא למר (דף ג' ע"א) ואיכא למימר כולה למר, ואיכא למימר כולה למר, אמר סומכוס ממון המוטל בספק חולקין בלא שבועה, הכא דליכא דררא דממונא, דאיכא למימר דתרווייהו היא לא כל שכן? איז עס דען ניט קיין קל וחומר מיידאך דארט ביים קאלב וואו עס איז פאראן א געלד־פארלוסט צי פאר דעם צי פאר דעם, דען עס איז א ספק צי עס געהערט אינגאנצען צו דעם צי צו דעם, האט סומכוס געזאגט אז געלד געווארפען אין ספק צוטיילען זיי זיך אהן א שבועה, דא וואו עס איז ניט פאראן קיין געלד־פארלוסט ווייל מעגליך עס באלאנגט צו ביידען, איז דאך געוויס ניט אנדערש נאר זיי צוטיילען זיך אהן א שבועה? ווענדט די גמרא אפ אפילו תימא סומכוס, שבועה זו מדרבנן היא, כדר' יוחנן דאמר ר' יוחנן שבועה זו תקנת חכמים היא שלא יהא כל אחד ואחד הולך ותוקף בטליתו של חבירו ואומר שלי הוא, מען קען זאגען אפילו ווי סומכוס, ניט מעהר די שבועה דא איז נאר מדרבנן, ווי ר' יוחנן האט עס געזאגט אז די שבועה איז א תקנה פון די חכמים, אום מענשען זאלען זיך ניט אנכאפען אן יענעמס מציאה אדער מקח צו שרייען עס איז מיינס. פרעגט די גמרא לימא מתניתין דלא כר' יוסי, דאי כר' יוסי הא אמר אם כן מה הפסיד רמאי? אלא הכל יהא מונח עד שיבא אליהו? צי קומט אויס צו זאגען אז די משנה זאל ניט קענען אויסקומען ווי ר' יוסי, דען אויב ווי ר' יוסי, זאגט ער דאך ביים דין — וואו צווי מענשען האבען געגעבען צו באהאלטען צו איינעם דער הונדערט און דער צווי הונדערט און נאכהער האט דער גע־טענה'ט די צווי הונדערט זיינען מיינע, און ז'ער די צווי הונדערט זיינען מיינע, וואו דער קריגט הונדערט און דער קריגט הונדערט און דער דריטער הונדערט בלייבט ביים בית דין ביז אליהו קומט און ענטשיידעט — דאס אויב אזוי וואס קען שוין דער ליגנער שאדען האבען? נאר דאס אלע דריי הונדערטטער בלייבען ביים בית דין ביז אליהו קומט? און באלד פרעגט די גמרא צוריק, אלא מאי רבנן? כיון דאמרי רבנן השאר יהא מונח עד שיבא אליהו, הא נמי כשאר דמי דספקא היא? נאר ווי דען ווילסטו זאגען? עס זאל אויסקומען ווי די רבנן? וויבאלד די רבנן זאגען אז דער דריטער הונדערט זאל בלייבען ליגען צוליב'ן ספק, איז דאך דער טלית אינגאנצען אויך ווי דער דריטער הונדערט צוליב ער איז אין ספק, וועט דאך די משנה ווי די רבנן אויך ניט קענען אויסקומען ווענדט די גמרא אפ האי מאי? אי אמרת בשלמא רבנן התם דוודאי האי מנה דחד מינייהו הוא, אמרו רבנן יהא מונח עד שיבא אליהו, הכא דאיכא למימר דתרווייהו הוא אמרי רבנן פלגי בשבועה. וואס פאר א פארגלייך איז דאס? אנדערש די רבנן, קען מען זאגען, דאס דארט וואו זיכער דער הונדערט געהער צו איינעם פון זיי, האבען די רבנן ריכטיג געזאגט ער זאל בלייבען ליגען, אבער דא וואו מיר קענען זאגען אז די זאך באלאנגט צו ביידען, זאגען די רבנן צו צוטיילען מיט א שבועה, אלא אי אמרת ר' יוסי השתא ומה התם דבוודאי איכא מנה למר ואיכא מנה למר, אמר

ר' יוסי יהא מונח עד שיבא אליהו, הכא דאיכא למימר דחד מינייהו הוא לא כל שכן? אָבער אַז דו זאָלסט איינשטעלען ווי ר' יוסי, איז דאָך זיכער ניט מעגליך, דען מיידאָך דאָרט וואו זיכער איין הונדערט באלאנגט צו איינעם און דער צווייטער הונדערט צום צווייטען, האָט ר' יוסי געזאָגט אַז די גאנצע געלד זאָל בלייבען ליגען, איז דאָך דאָ — וואו מען קען זאָגען אַז אינגאנצען באלאנגט עס צו איינעם, — זיכער ניט אנדערש נאָר אַזוי, קען דאָך זיכער די משנה ניט אויסקומען ווי ר' יוסי? ווענדט די גמרא אָפּ אפילו תימא ר' יוסי, התם ודאי איכא רמאי, הכא מי יימר דאיכא רמאי? אימא תרווייהו בהדי הדדי אגבהוה, אי נמי התם קניס ליה ר' יוסי לרמאי כי היכי דלודי, הכא מאי פסידא אית ליה דלודי, מען קען זאָגען אַז די משנה קען אויסקומען אפילו ווי ר' יוסי, דען עס איז אַן אונטערשייד פון דאָ צו דאָרט, דאָרט איז זיכער עס איז דאָ א ליגנער, אָבער דאָ ווער קען זאָגען עס איז פאַראַן א ליגנער? עס קען דאָך זיין אַז ביידע האָבען די מציאה אויפגעהויבען אינאיינעם, אויך קען מען זאָגען אַז דאָרט האָט ר' יוסי שטראָפירט צום ליגנער אום ער זאָל מודה זיין, אָבער דאָ וואָס א פארלוסט קען ער האָבען מיט אזא קנס, ער זאָל מוזען מודה זיין, קען זיין אַז ר' יוסי זאָגט אויך זיי זאָלען זיך טיילען מיט א שבועה. פרעגט די גמרא תינח מציאה, מקח וממכר מאי איכא למימר? עס איז רעכט מציאה האָט ער גאָרניט קיין פארלוסט מיט דעם וואָס עס בלייבט ליגען, אָבער אויף מקח וממכר וואָס קענסטו ענטפערען, עס קען דאָך בלייבען ליגען נאָך ר' יוסי'ס דעה ער זאָל מודה זיין? אלא מחוורתא כדשנין מעיקרא, נאָר דער פאַל איז ווי דער ערשטער ענטפער אַז נאָר ביי א זיכערען ליגנער הייסט עס ר' יוסי לאָזען ליגען, ניט דאָ ביי דער מציאה און מקח וממכר. פרעגט די גמרא בין לרבנן ובין לר' יוסי התם גבי חנווני על פנקסו דקתני זה נשבע ונוטל וזה נשבע ונוטל, מאי שנא דלא אמרינן נפקיה לממונא מבעל הבית ויהא מונח עד שיבא אליהו דהא בודאי איכא רמאי? צי נאָך די רבנן צי נאָך ר' יוסי, דאָרט ביים קרעמער אויפ'ן בוך, וואו ער לערנט דאָס דער שווערט און נעמט און דער שווערט און נעמט, ווארום זאָל דאָרט זיין אנדערש וואָס מיר זאָגען ניט אַז מען זאָל אַרויסציהען די געלד פונ'ם בעל הבית און עס לאָזען ליגען ביז אליהו קומט) דאָרט איז דאָך זיכער דאָ א ליגנער? זאָגט די גמרא אמרי התם היינו טעמא דאמר ליה חנוני לבעל הבית אנא שליחותא דידך קא עבידנא מאי אית לי גבי שכיר, אף על גב דקא משתבע לי, לא מהימן לי בשבועה, את האמנתיה דלא אמרת לי בסהדי הב ליה, איך קען דיר אזא ענטפער געבען, דאָרט ביים קרעמער איז דאָ די סברה, דען דער קרעמער קען זאָגען צום בעל הבית, איך האָב דיין שליחות געטאָן, וואָס האָב איך צו טאָן ביים שכיר, כאָטש ער וועט מיר שווערען, איז ער אַלץ ניט באגלויבט, ווייל איך האָב מיט אים ניט פאַרקערט צו מאכען גלויבען אים, דו האָסט אים געגלויבט מיט דעם וואָס דו האָסט מיר ניט געזאָגט צו געבען אים ווארע פאר עדות. ושכיר נמי אמר ליה לבעל הבית אנא עבדי עבידתא גבך, מאי אית לי גבי חנוני, אף על גב דמשתבע לי, לא מהימן לי, הלכך תרווייהו משתבעי ושקלי מבעל הבית. און דער געדונגענער

פאַר ארבייט קען אויך זאָגען צום בעל הבית, איך האָב געטאָן אַן ארבייט ביי דיר, וואָס האָב איך צו טאָן מיט'ן חנוני, כאָטש ער וועט מיר שווערען, איז ער אַלץ ניט באַגלויבט, איז דעריבער אַז ביידע דאַרפען שווערען און נעמען פון בעל הבית: **תני ר' חייא מנה לי בידך והלה אומר אין לך בידי כלום, והעדים מעידים אותו שיש לו חמשים זוז, נותן לו חמשים זוז, וישבע על השאר, שלא תהא הודאת פיו גדולה מהעדאת עדים מקל וחומר** ר' חייא האָט געלערנט אַז איינער זאָגט צום צווייטען איך האָב ביי דיר הונדערט זוז, און דער זאָגט דו האָסט ביי מיר גאָרניט, און עדות זאָגען פאר אים דאָס עס קומט יאָ פופציג זוז, איז דער דין ער גיט אים די פופציג זוז און ער שווערט אים אָפּ אויף די רעשט געלד, די שבועה קומט אים, עס זאָל ניט גרעסער זיין, זיין אייגענע אנערקענונג פון די אנערקענונג דורך עדות, דאָס לערנט מען אַרויס פון א קל וחומר, ווי ווייטער עס וועט באשיידט ווערען. **ותנא תונא שנים אוחזין בטלית זה אומר אני מצאתיה וכו' והא הכא כיון דתפיס אנן סהדי דמאי דתפיס האי דידיה הוא, ומאי דתפיס האי דידיה הוא וקתני ישבע,** און דער תנא פון אונזער משנה האָט עס גוט צוגעלערנט אַלס א גוטע ראייה צו מיר, דען די משנה פון שנים אוחזין דאָ, וויבאלד זיי קומען אַזוי האַל־טענדיג דעם טלית פאַר'ן בית דין, און מיר פסק'ענען פאַר דעם האלב און פאר דעם האלב צוליב דער סברה וואָס מיר אַליין זעהען איין אַז וואָס דער האלט אין זיין, און וואָס דער האלט איז זיין, און פונדעסטוועגען מוז יעדער שווערען, זעהסט דאָך גוט אז אפילו ביי עדות אנערקענונג מוז מען אויך שווערען אויף די רעשט, און יעדער שווערט דאָך אָפּ דאָס ער האָט ניט ווייניגער פון האלב, וועלכע יענער זאָל ניט קענען צונעמען אַלס זיינס, **מאי שלא תהא הודאת פיו גדולה מהעדאת עדים מקל וחומר? ..שלא תאמר הודאת פיו הוא דרמיא רחמנא שבועה עליה כדרבה, דאמר רבה מפני מה אמרה תורה מודה מקצת הטענה ישבע? ..חזקה אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו.** וואָס איז דאָ געמיינט מיט דעם, אז הודאת פיו זאָל ניט זיין גרעסער פון העדאת עדים פון א קל וחומר? עס מיינט אַז זאָלסט ניט זאָגען צו מאכען אונטער־שיידען צווישען הודאת פיו און העדאת עדים, אז נאָר ביי אייגענע אנערקענונג אויף א טייל חוב, דאָ האָט די תורה געוואָרפען אויף אים א שבועה, לויט ווי רבה זאָגט עס, ווארום האָט די תורה געזאָגט אז א מודה במקצת זאָל שווערען אויף דער רעשט, דאָס איז צוליב איין זייט איז פאראַן א חזקה אַז א מענש קען ניט מעיז פנים זיין פאַר זיין בעל חוב, און אין אמת'ן **והאי בכוליה בעי דניכפריה, והא דלא כפריה משום דאין אדם מעיז פניו (דף ג' ע"ב')** ער וואָלט וועלען אינגאנצען פאַרלייקענען, אַי וואָס ער פאַרלייקענט ניט אינגאנ־צען חוב? דאָס איז צוליב ער קען ניט מעיז פנים זיין, דאָס איז ווען איך זאָל אים אָנעמען פאר שלעכט, אָבער לויט דעם וואָלט איך אים קיין שבועה ניט קענען געטרויען, איז דעריבער לויט א צווייטער זייט פאַראַן אַן אנדער חילוק צו מאכען צו גוטען, דאָס **והאי בכוליה בעי דלודי ליה, והאי דלא אודי אשתמוטי דקא משתמט מיניה, סבר עד דהוו לי זוזי ופרענא ליה, ואמר רחמנא רמי שבועה עליה כי היכי דלודי ליה בכוליה,** ער וואָלט אויפ'ן

גאנצען חוב וועלען מודה זיין, אַי וואָס ער איז ניט מודה? ער וויל בלויז אָפשלעפּען, ער טראַכט זיך ביז איך וועל קריגען געלד וועל איך אים דאמאָלט באַצאָהלען, האָט דעריבער די תורה געזאָגט וואַרף אויף אים א שבועה ער זאָל מוזען מודה זיין אויפן גאנצען חוב. **אבל העדאת עדים דליכא למימר הכי, אימא לא, קא משמע לן קל וחומר**, אָבער ביי העדאת עדים קען מען דאָך די אָ סברות ניט זאָגען, וואָלט איך מיינען ער דאַרף ניט שווערען? לאָזט ער אונז הערען אַז עס איז פאַראַן א קל וחומר אז הודאת פיו זאָל ניט גרעסער זיין און מיר מאַכען ניט די אָ סברות צו אונטערשיידען צווישען הודאת פיו און העדאת עדים. **ומאי קל וחומר? ומה פיו שאין מחייבו ממון, מחייבו שבועה, עדים שמחייבין אותו ממון אינו דין שמחייבין אותו שבועה**, און ווי אזוי איז דער קל וחומר? מיידאָך זיין אייגען מויל וועלכע קען איהם ניט מחייב זיין קיין געלד, פונדעסטוועגען א שבועה איז ער זיך יאָ מחייב, עדות וועלכע זיינען אים יאָ מחייב געלד, איז דען ניט קיין געוויס אַז זיי זיינען אים מחייב א שבועה. פרעגט די גמרא **ופיו אין מחייבו ממון, והא הודאת בעל דין כמאה עדים דמי? מאי ממון? קנס, ומה פיו שאין מחייבו קנס, מחייבו שבועה, עדים שמחייבין אותו קנס אינו דין שחייבין אותו שבועה**, און דו זאָגסט אז פיו קען אים ניט מחייב זיין קיין געלד, מיר האָבען דאָך געלערענט אַז אייגענע אנערקענונג איז גלייך ווי הונדערט עדות? ענט־פערט די גמרא ווייסטו וואָס עס מיינט דאָ ממון? עס מיינט קנס, און אַזוי געהט דער קל וחומר, מיידאָך זיין אייגען מויל וואָס קען אים ניט מחייב זיין קיין קנס, פונדעסטוועגען א שבועה איז ער זיך יאָ מחייב, עדות וועלכע זיינען אים יאָ מחייב קנס, איז דען ניט קיין געוויס אַז זיי זיינען אים מחייב א שבועה. פרעגט די גמרא אָפּ **מה לפיו? שכן מחייבו קרבן, תאמר בעדים שאין מחייבין אותו קרבן?** ווייסטו וואָרום זיין מויל איז אים מחייב א שבועה? וויל ער איז אויך מחייב אים א קרבן, זאָגענדיג אָבער ביי עדות וועלכע קענען אים קיין קרבן ניט מחייב זיין, איז דאָך ניט קיין סברה צו קענען מחייב זיין א שבועה? וועגדט די גמרא אָפּ **הא לא קשיא ר' חייא כר' מאיר סבירא ליה דאמר עדים מחייבין אותו קרבן מקל וחומר, דתנן אמרו לו שנים אכלת חלב והוא אומר לא אכלתי, ר' מאיר מחייב וחכמים פוטרים**, דאָס איז ניט קיין קשיא ר' חייא האלט ווי ר' מאיר, וואָס זאָגט אז עדות זיינען יאָ מחייב אים א קרבן פון א קל וחומר, דען מיר האָבען געלערענט אין א משנה אז צוויי עדות האָבען געזאָגט צו איינעם, דו האָסט געגעסען חלב, און ער זאָגט איך האָב ניט געגעסען, ר' מאיר איז מחייב אים א קרבן און די חכמים פטר'ן, **אמר ר' מאיר אם הביאוהו שנים לידי מיתה חמורה, לא יביאוהו לידי קרבן הקל? אמרו לו מה אם ירצה לומר מזיד הייתי יפטר**, האָט ר' מאיר געזאָגט אויב צוויי עדות קענען אים ברייגנען צו מיתה וואָס איז הארב, זאָלען זיי אים ניט קענען ברייגנען צו אַ קרבן וואָס איז גרינג? האָבען די חכמים בעזאָגט צו אים, וואָס וואָלט זיין ווען ער וויל זאָגען איך בין געווען דערביי אַ מזיד, וואָלט ער דאָך פטור זיין, אויב אַזוי אויך יעצט אַז ער זאָגט איך האָב ניט געגעסען איז ער פטור, **אלא מה לפיו? שכן מחייבו אשם? אשם**, היינו

**קרבן? אלא מה לפיו שכן מחייבו חומש הא לא קשיא ר' חייא בר' מאיר סבירא ליה, כי היכי דמחייב ליה קרבן מקל וחומר מחייב ליה חומש מקל וחומר**, נאר אזוי פרעג אפ, ווייסטו ווארום זיין מויל קען אים מחייב זיין א שבועה וויל ער קען אים אויך מחייב זיין אן אשם, און גלייך פרעגט די גמרא איבער, אשם איז דאך דאס זעלבע וואס קרבן וואס דו האסט שוין אפגע־פרעגט? נאר אזוי פרעג ווייסטו ווארום זיין מויל קען אים מחייב זיין א שבועה? וויל ער קען אים אויך מחייב זיין א חומש? ניט אזוי זיינען עדות. ווענדט די גמרא אפ דאס איז ניט קיין קשיא ר' חייא האלט ווי ר' מאיר אז פונקט ווי עדות קענען אים מחייב זיין אקרבן פון א קל וחומר, אזוי קענען זיי אים מחייב זיין א חומש פון א קל וחומר, (חומש און אשם קומען צו חיוב ווען איינער פארלייקענט יענעם געלד און איז נאכהער מודה, דארף ער באצאהלען דעם קרן און א פינפטעל אריבער און דארף ברייגען א קרבן אשם) נאר אזוי פרעג אפ, **אלא מה לפיו שכן אינו בהכחשה ובהזמה, תאמר בעדים שישנו בהכחשה ובהזמה? אלא אתיא מעד אחד, ומה עד אחד שאין מחייבו ממון מחייבו שבועה, עדים שמחייבין אותו ממון, אינו דין שמחייבין אותו שבועה**. ווייסטו ווארום זיין מויל קען אים מחייב זיין א שבועה? וויל זיין אויסזאגען פאלט ניט אפ אויך ביי הכחשה און הזמה, ווען למשל ער אליין איז מודה צו יענעם אויף הונדערט זוז, און עדות קומען און לייקענען אפ, דאס ער איז גארניט שולדיג אדער צייגען איבער דאס אין טאג פון לייען וואס ער גיט אן, איז דער גאר געווען אין אן אנדער פלאץ? אבער ניט אזוי זיינען עדות, זיי פארלירען דעם ווערט ביי הכחשה און הזמה, קען טאקע זיין זיי זאלען אויך ניט קענען מחייב זיין קיין שבועה? נאר לערען דעם קל וחומר פון איין עדות, מיידאך איין עדות וואס קען קיין געלד ניט מחייב זיין, פונדעסטוועגען א שבועה איז ער מחייב, עדות וואס קענען אים יא מחייב זיין געלד, איז דען ניט קיין געוויס אז זיי זאלען אויך קענען מחייב זיין אים א שבועה, איך קען דאך דיך אפפרעגען, **מה לעד אחד? שכן על מה שהוא מעיד הוא נשבע (דף ד' ע"א) תאמר בעדים שעל מה שכפר הוא נשבע?** ווייסטו ווארום איין עדות איז מחייב א שבועה? וויל אויף וואס דער עד זאגט עדות, אויף דעם שווערט ער אפ, צו אפלייקענען אים, ווי דער פסוק זאגט לא יקום עד אחד באיש לכל עון ולכל חטאת, אז איין עדות זאל ניט קענעןביישטעהן ביי א מענש צו קענען מחייב זיין אים ביי קיין שום זינד, טייטשט מען דאס אבער צו א שבועה קען ער יא ביישטעהן, דאס מיינט אז דער מענש מוז שווערען צו אפלייקענען דעם איינעם עדות, זאגענדיג אבער ביי צוויי עדות וואו דו ווילסט אז זיי זאלען קענען מחייב זיין אים א שבועה, איז דאך די שבועה ניט אויף אדער געגען זייער עדות־זאגעריי, נאר אויף די איבעריגע געלד וואס ער לייקענט, איז עס דאך ניט גלייך אלס א קל וחומר צו מאכען הארבער ביי דעם אפגעלערענטען? (עס איז ענליך צו דיו לבא מן הדין להיות כנדון) אז עס איז גענוג, דאס אפגעלערענטע זאל זיין ווי דער אפלערנער, ניט נאך מעהר פון אים, מיט'ן אונטערשייד דאס דא איז אינגאנצען ניט חל דער קל וחומר, **אלא אמר רב פפא אתי מגלגול שבועה דעד אחד**,

נאָר האָט רב פפא געזאָגט איך לערן אַרויס פון גלגול שבועה ביי עד אחד, גלגול שבועה מיינט וואו איינער באקומט א שבועה דורך איין עדות, כדי צו אָפּלייקענען אים, און עס איז געווען אויף אים נאָך א טענה פאַר וועלכע מען האָט ניט געקענט געבען אים א שבועה, קען מען שוין מגלגל זיין די טענה אונטער דער זעלבער שבועה צו שווערען אויף ביידע, און גלגול שבועה איז מדאורייתא, ווי מען לערנט עס אַרויס אין קידושין דף כ"ז ע"ב פון פסוק ואמרה האשה אמן אמן, וואו זי זאָגט צוויי מאָהל אָמן צו נעמען אויף זיך נאָך א זאך אונטער דער שבועה, וואָס מיינט צוויי שבועות, און די שבועה איז דאָך שוין ניט אויף דעם וואָס ער זאָגט עדות. איך קען דאָך דיך אָפּפרעגען **מה לגלגול שבועה דעד אחד? שכן שבועה גוררת שבועה, תאמר בעדים דממון קא מחייבי, פיו יוכיח**, ווייסטו ווארום מען קען מגלגל זיין די שבועה ווייל איי־דער נאָך ער ווערט חייב א שבועה, שלעפט שוין יענע שבועה צו אויך די טענה, זאָגענדיג אָבער ביי די צוויי עדות וועלכע מאכען אים באצאָלען די פופציג זוז, ווערט ער דאָך ניט חייב קיין שבועה עס זאָל קענען אָנקומען צו גלגול שבועה, און ווען ער וואָלט יאָ חייב זיין א שבועה, וואָלט מען דאָך סיי ווי ניט דארפען אָנקומען צו גלגול שבועה? איז דאָך אָבער פיו יוכיח, דאָ וואו ער אליין איז מודה טיילוויז, איז דאָך אויך אַזוי, דאָס די שבועה קומט אויף די געלד וואָס ער לייקענט, ניט אויף דעם וואָס ער איז מודה. איז דאָך אויך ניט פאראַן קיין גלגול דורך א שבועה, פונדעסטוועגען שווערט ער, אַזוי אויך זאָל איך דאָ צובריינגען ביי צוויי עדות? זיי זאָלען אים מחייב זיין א שבועה. איך קען דיך אָבער אויך דאָס אָפּפרעגען, **מה לפיו? שכן אינו בהכחשה, איז עד אחד יוכיח שישנו בהכחשה ומחייבו בשבועה.** ווייסטו ווארום זיין אייגען מויל קען איהם מחייב זיין א שבועה? ווייל מען קען אים ניט אָפּ־לייקענען, דען אייגענע הודאה איז גלייך צו הונדערט עדות, ניט אַזוי איז ביי צוויי עדות, זיי קענען אנדערע עדות צונישט מאכען, איז אָבער איין עדות איבערצייגענד מיט דעם כאָטש מען קען אים אָפּלייקענען מיט אנדערע עדות, האָט ער פונדעסטוועגען דעם כח צו מחייב זיין אים א שבועה, און ווידער וואָס איך פרעג אָפּ **מה לעד אחד? שכן על מה שמעיד הוא נשבע, תאמר בעדים שעל מה שכפר הוא נשבע**, ווי שוין באשיידט פריהער, איז דאָך זיין מויל וואָס צייגט איבער, **וחזר הדין לא ראי זה כראי זה ולא ראי זה כראי זה, הצד השוה שבהן שעל ידי טענה וכפירה הן באין ונשבע, אף אני אביא עדים שעל ידי טענה וכפירה הן באין ונשבע**, אַזוי ארום קומט צוריק דער קל וחומר, די מעלה וואָס די האָט, האָט ניט די, און די מעלה וואָס די האָט, האָט ניט די, די הויפט גלייכע זייט ביי אלע איז, וואָס דורך טענה און כפירה קומען זיי צום בית דין און ער דאַרף שווערען, אַזוי אויך וועל איך צובריינגען די זאַך ביי צוויי עדות וואָס דורך טענה און כפירה קומען זיי צום בית־דין און ער זאָל דאַרפען שווערען. איך קען דאָך אָבער ווייטער אָפּפרעגען **מה להצד השוה שבהן? שכן לא הוחזק כפרן, תאמר בעדים שכן הוחזק כפרן**, ווייסטו ווארום לויט'ן צד השוה איז די סברה צו קענען מחייב זיין א שבועה? ווייל ער איז נאָך ניט קיין אָנגענומענער ליגנער,

זיין ליגענט איז נאָך דערווייל ניט איבערצייגט, זאָגענדיג אָבער, ביי די צוויי עדות וועלכע מאכען אים האלב צו באצאָהלען, וואָס מאכט אים אויף די רעשט געלד אלס ליגנער, איז דאָך ניט קיין סברה צו גלויבען אים אויף א שבועה? פרעגט די גמרא ובעדים מי הוחזק כפרן? והאמר רב אידי בר אבין אמר רב חסדא הכופר במלוה כשר לעדות, בפקדון פסול לעדות? ביי עדות ווערט דען דער לוה אָנגענומען ביי אזא פאַל אלס ליגנער? רב אידי בר אבין האָט דאָך געזאָגט פון רב חסדא'ס וועגען אַז איינער לייקענט ביי א הלוואה איז ער כשר אַלס עדות, אָבער אַז ער לייקענט אויף צו אים אַן איבערגעגעבענע זאך, איז ער פסול אלס עדות, אלא פריך הכי מה להצד השוה שבהן שכן אינן בתורת הזמה, תאמר בעדים שישנן בתורת הזמה? הא לא קשיא, ר' חייא תורת הזמה לא פריך. נאָר פרעג אַזוי ווייסטו ווארום דער הצד השוה קען מחייב זיין א שבועה? ווייל זיי זיינען אויך ניט אונטער תורת הזמה, אויב אנדערע עדות צייגען איבער דעם איינעם עד דאָס ער איז גאָר געווען דאמאָלט אין אַן אנדער פלאַץ, האלט עס אויך ניט אָפּ פון צו מחייב זיין אים א שבועה? און ער באצאָהלט ניט קיין קנס און א מודה מקצת זיכער איז ניט אונטער הזמה, זאָגענדיג אָבער ביי די צוויי עדות, זיי זיינען דאָך אונטער תורת הזמה צו באצאָהלען קנס, קענען זיי אויך ניט מחייב זיין קיין שבועה? ווענדט די גמרא אָפּ, עס איז ניט קיין קשיא, ווייל ר' חייא פרעגט אינגאנצען ניט וועגען תורת הזמה, ווייל פאַרט ווערט אויך איין עד מוזם אין פלאַץ פון צוויי עדות. זאָגט די גמרא אלא דקאמר ותנא תונא, מי דמי, התם למלוה אית ליה סהדי, ללוה לית ליה סהדי דלא מסיק ולא מידי, דאי הוו ליה סהדי ללוה דלא מסיק ליה ולא מידי, לא בעי ר' חייא לאשתבועי? אָבער דאָס וואָס ר' חייא האָט געזאָגט אַז די משנה איז א ראייה צו זיין זאך, קענסטו אים אַזוי פרעגען, איז עס דען גלייך איינס צום אַנדערען, דאָרט ביי ר' חייא'ס זאך, איז דאָך צום מלוה פאראן עדות, און צום לוה אַז ער איז ניט שולדיג — ניט, דען ווען עס וואָלט זיין עדות צום לוה אויף ניט, וואָלט ר' חייא ניט געמאכט צו שווערען. הכא כי היכי דאנן סהדי להאי, אנן סהדי להאי, ואפילו הכי משתבעי? אָבער דאָ ביי דער היגער משנה איז דאָך דער משפט באלד באשטימט אויף צו צוטיילען צוליב דעם ווייל ביידע האלטען דעם בגד, איז דאָך פונקט ווי מיר זיינען עדות פאַר דעם, זיינען מיר אויך עדות פאַר דעם, און פונדעסטוועגען שווערען זיי, מוז דאָך זיין אַז עס איז ניט צוליב מודה במקצת, נאָר צוליב דער תקנה מען זאָל זיך ניט צוטשעפּען, איז עס דאָך ניט גלייך צו ר' חייא'ס זאך? אלא כי איתמר ותנא תונא? אאידך דר' חייא איתמר, דאמר ר' חייא מנה לי בידך והלה אומר אין לך בידי אלא חמשים זוז והילך חייב, מאי טעמא? הילך נמי כמודה מקצת הטענה דמי, ותנא תונא שנים אוחזין בטלית, והא הכא כיון דתפיס אנן סהדי דמאי דתפיס הילך הוא וקתני ישבע, נאָר ווייסטו ווי אַזוי דער ותנא תונא איז געלערענט? אויף דער צווייטער זאך פון ר' חייא איז עס געלערנט. דען ר' חייא האָט געזאָגט אַז איינער טענה'ט איך האָב ביי דיר הונדערט זוז, און דער זאָגט צו אים דו האָסט ביי מיר ניט נאָר פופציג זוז און דאָ האָסטו זיי, און

אַזוי אוועקגעלייגט די געלד, אָדער ער האָט זיי צוגענומען, אָדער דער בית־דין האָט זיי געהאלטען פאר אים, נאָר ווייטער געמאָנט די צווייטע פופציג, איי־דער דין ער איז חייב א שבועה, וואָס איז די סברה, אויב ער האָט זיי שוין גרייט דאַרף ער דאָך שוין הייסען א כופר הכל, דען די צוגענומענע געלד איז דאָך שוין ניט קיין חלק צו דער הלואה? נאָר דער טעם איז אַז אפילו הילך איז אויך גלייך צו א מודה במקצת, און אויף דעם ברענגט ער־צו, די משנה פון שנים אוחזין אלס באוויז צו דער זאך פון הילך, דען יעדער פון זייביידע האלט דאָך א העלפט, וואָס איז גלייך ווי יעדער איינער וואָלט צום צווייטען דערלאנגט זיין העלפט נאָר זיי לאָדען זיך יעדער אויף דער צווייטער העלפט, און ער לערנט דאָס ער דאַרף שווערען, איז עס וואַרשיינליך אַז דער תנא האלט נאָך אַלץ יעדען פון זיי אַלס א מודה במקצת, **ורב ששת אמר הילך פטור, מאי טעמא? כיון דאמר ליה הילך, הני זוזי דקא מודי בגוייהו כמאן דנקיט להו מלוה דמי, באינך חמשים הא לא מודי, הלכך ליכא הודאת מקצת הטענה**, און רב ששת זאָגט אז הילך איז פטור, וואָס איז די סברה? די סברה איז, וויבאלד ער דערלאנגט זיי אים גלייך, און ער האָט זיי צוגענומען, זיינען די דאָזיגע געלד וואָס ער האָט מודה געווען, ווי גלייך דער מלוה האלט זיי שוין לאנג, און זיי האָבען שוין גאַרניט צו טאָן מיט די צווייטע פופציג וועלכע ער איז איינגאנצען ניט מודה, איז דעריבער דאָ ניט פאַראן קיין מודה במקצת. פרעגט די גמרא **ולר' ששת קשיא מתניתין? ..אמר לך רב ששת מתניתין תקנת חכמים היא**, און נאָך רב ששת נאָך, וועט דאָך זיין א קשיא פון דער משנה אויף אים? רב ששת קען דיר אזא ענטפער געבען אַז אין דער משנה איז די שבועה צוליב דער תקנת פון די חכמים, מען זאָל זיך ניט אָנכאפּען אָן יענעמס זאך, ניט צוליב מודה מקצת, פרעגט די גמרא ואידך? איז דאָך א קשיא אויף ר' חייא, דען די סברה גיט דאָך מיט אַז עס איז גיכער צוליב דער תקנה? ענטפערט די גמרא אין יאָ, **תקנת חכמים היא ומיהו אי אמרת בשלמא מדאורייתא הילך חייב, מתקני רבנן שבועה כעין דאורייתא, אלא אי אמרת מדאורייתא הילך פטור, מתקני רבנן שבועה דליתא דכוותא בדאורייתא?** עס איז טאקע צוליב תקנת חכמים, ניט מעהר אָבער, אנדערש אַז דו וועסט זאָגען אַז מן התורה איז הילך חייב, איז רעכט אַז די רבנן האָבען מתקן געווען אזא שבועה וואָס איז ענליך צו דער שבועה דאורייתא פון מודה מקצת, אָבער אַז דו זאָלסט זאָגען אז הילך איז פטור, זיינען די רבנן מתקן א שבועה וואו איהר גלייכען איז ניט פאַראן אין דער תורה? זאָגט די גמרא **מיתיבי (דף ד' ע"ב) סלעים דינרין מלוה אומר חמש, ולוה אומר שלש, ר' שמעון בן אלעזר אומר הואיל והודה מקצת הטענה ישבע, ר' עקיבא אומר אינו אלא כמשיב אבידה ופטור,** איך וועל דיך א קשיא פרעגען, מיר האָבען געלערנט אַז דער מלוה מאָנט געלד מיט א שטר וואו עס שטעהט סתם ער איז שולדיג אים סלעים אָדער עס שטעהט דינרין, נאָר דער מלוה זאָגט אז די הלואה איז געווען פינף סלעים אָדער דינרין און דער לוה זאָגט אַז די הלואה איז געווען דריי, געוועגליך אַז דער חוב איז מיט א שטר, רעכענט זיך אַלעס לויט'ן שטר, און אויב דער לוה

וואָלט זאָגען נאָר צוויי, וואָלט דער מלוה איינגאַנצען ניט באַגלויבט זיין ווייל סתם סלעים אָדער דינרין מיינט צוויי, דאָ זאָגט אָבער דער לוה דריי וואָס איז שוין מעהר פון סתם, דאָס ברענגט שוין אויך די טענה פון מלוה אין רעכענונג. אויף דעם זאָגט: ר' שמעון בן אלעזר וויבאַלד דער לוה איז דאָ א מודה במקצת דאַרף ער שווערען געגען מלוה'ס טענה פון פינף. און ר' עקיבא זאָגט ער איז ניט, נאָר ווי איינער קערט אום אַן אבידה און איז פטור פון א שבועה דען איבער צוויי דאָ איז ווי אומקערען אַן אבידה. **קתני מיהת ר' שמעון בן אלעזר אומר הואיל והודה מקצת הטענה ישבע, טעמא דאמר שלש, הא שתים פטור, והאי שטר דקא מודי ביה הילך הוא, ושמע מינה הילך פטור?** לערנט ער דאָך יעדענפאַלס אַז ר' שמעון בן אלעזר זאָגט ווייל ער איז א מודה מקצת זאָל ער שווערען, און דאָס איז דאָך נאָר וואו ער זאָגט דריי, אָבער ווען ער זאָגט צוויי וואָלט ער זיין פטור, און דער שטר וואו ער איז מודה איז דאָך ווי הילך, אנערקענט ער דאָך דעם שטר, איז דאָך געדרונגען הילך איז פטור. דען נאָר אויף דריי איז ער חייב צו שווערען, איז דאָך א קשיא אויף ר' חייא וואָס זאָגט אַז הילך איז חייב? וועגדט די גמרא אָפּ לא ניין, **לעולם אימא לך שתים חייב והאי דקתני שלוש לאפוקי מדר' עקיבא דאמר משיב אבידה הוה ופטור, קא משמע לן דמודה מקצת הטענה הוי וחייב.** לעולם קען איך דיר זאָגען אַז אויך ביי שתים איז ער חייב צו שווערען, אַי וואָס לערנט די ברייתא דריי? דאָס איז אויף אַרויסצוציהען פון ר' עקיבא וואָס ער זאָגט ער איז ווי א משיב אבידה, לאָזט ער אונז הערען אַז ער איז א מודה מקצת הטענה אפילו ביי דריי, און לויט ר' עקיבא איז ער א משיב אבידה אפילו ביי צוויי, דען וויבאַלד דער מלוה זאָגט פינף ווערט דער שטר נאָהענט צו ווערטלאָז, הייסט שוין דעם לוה'ס אנערקענונג ווי צוריק צו געבען א מציאה, און דער שטר זאָגט דאָך עדות פאַר צוויי. פרעגט די גמרא **אי הכי ר' שמעון בן אלעזר אומר הואיל והודה מקצת הטענה ישבע, אף זה ישבע מיבעי ליה?** אויב ביי צוויי איז ער אויך חייב א שבועה, האָט דאָך ר' שמעון בן אלעזר געדאַרפט זאָגען אַז אויך ער ביי צוויי דאַרף שווערען פונקט ווי ביי דריי? נאָר זאָגט די גמרא **אלא לעולם שתים פטור והילך חייב ושאני הכא דקא מסייע ליה שטרא,** לעולם איז שתים פטור פון א שבועה און הילך איז חייב, אַי וואָלט ער דאָך דאָ ביי שתים וואָס איז ווי הילך דאַרפען חייב זיין א שבועה? נאָר דאָ איז אנדערש ווייל דער שטר העלפט אים צו, דען סתם לשון רבים איז דאָך צוויי און עדות זיינען דאָך גע'חתמ'עט איז ער אויך פטור פון א שבועה. **אי נמי משום דהוה ליה שטר שעבוד קרקעות, ואין נשבעין על כפירת שעבוד קרקעות,** אויך קען מען ענטפערען דאָס די צוויי דאָ הייסט ניט קיין מודה במקצת צו חייב זיין א שבועה, ווייל דער שטר זאָגט דאָך אַזוי, דען דער שטר איז דאָך א שעבוד קרקעות וואו מען קען פאַר'ן חוב צונעמען יענעמס פעלדער, און פונקט ווי מען שווערט ניט אויף לייקענען א פעלד, אַזוי אויך דאָס מודה זיין ברענגט ניט צו א שבועה, ווייל קרקעות זיינען אַרויסגענומען פון תורת שבועה אין שבועות דף מ"ב ע"ב, אָבער אַז דער מלוה זאָגט פינף און דער לוה זאָגט דריי, איז שוין יאָ פאַראַן כפירה און הודאה

וואָס איז ניט אין שטר. **איכא דמותיב מסיפא ר' עקיבא אומר אינו אלא כמשיב אבידה ופטור, טעמא דאמר שלש, הא שתים חייב, והא שטר דקא מודי ביה כהילך דמי, שמע מינה הילך חייב.** טייל האָבען געפרעגט אויף רב ששת פון דער סיפא, ר' עקיבא זאָגט ער איז ניט נאָר ווי א משיב אבידה און פטור פון א שבועה, דאָס איז נאָר וואו ער זאָגט דריי, אָבער וואו ער זאָגט צוויי איז ער חייב, און דער שטר איז דאָך ווי הילך, זעהסט דאָך אז הילך איז חייב? וועגדט די גמרא אָפּ לא ניין, **לעולם אימא לך שתים נמי פטור והאי דקתני שלש לאפוקי מדר' שמעון בן אלעזר דאמר מודה מקצת הטענה הוי וחייב, קא משמע לן דמשיב אבידה הוי ופטור,** לעולם קען איך דיר זאָגען אז ביי שתים איז ער פטור ווייל דער סתם לשון רבים איז נאָר צוויי, אַי וואָס ער לערנט דריי? דאָס טוט ר' עקיבא ארויסצוציהען פון ר' שמעון וואָס זאָגט אַז ער איז א מודה מקצת, און ער לאָזט אונז הערען אַז ער איז ווי א משיב אבידה און פטור, **הכי נמי מסתברא, דאי סלקא דעתך שתים חייב בשלש היכי פטר ליה ר' עקיבא, הא אערומי קא מערים, סבר אי אמינא שתים בעינן אשתבועי, אימא שלש דאהוי כמשיב אבידה ואיפטרי, אלא שמע מינה שתים נמי פטור,** די סברה גיט אויך אַזוי מיט אז שתים איז אויך פטור, דען אויב עס זאָל אַרויף אויפ'ן געדאנק חייב ביי שתים, ווי וואָלט ר' עקיבא פטר'ן ביי שלש, ער וואָלט דאָך קענען אָפּנארען, ער וואָלט זיך טראכטען אויב איך וועל זאָגען שתים וועל איך דאָך מוזען שווערען, וועל איך בעסער זאָלען שלש אום איך זאָל זיין ווי א משיב אבידה און פטור זיין. נאָר איז געדרונגען אז ביי שתים איז ער אויך פטור. **אלא קשיא לר' חייא? שאני התם דקא מסייע ליה שטרא, אי נמי משום דהוה ליה שטר שעבוד קרקעות ואין נשבעין על כפירת שעבוד קרקעות.** איז דאָך אָבער א קשיא אויף ר' חייא וואָס זאָגט אז הילך איז חייב, און דאָרט ביי צוויי וואָס איז הילך איז ער פונדעסטוועגען פטור? נאָר דאָרט איז אנדערש ווייל דער שטר העלפּט אים צו. אויך איז פאַראַן אן ענטפער צוליב דער שטר איז שטר שבעוד קרקעות און מען שווערט ניט אויף קרקעות ווי אויבען שוין אויפגעקלערט. **מתיב מר זוטרא בריה דרב נחמן טענו כלים וקרקעות הודה בכלים וכפר בקרקעות, הודה בקרקעות וכפר בכלים פטור, הודה מקצת קרקעות פטור, מקצת כלים חייב,** האָט מר זוטרא דער זוהן פון רב נחמן א קשיא געפרעגט מיר האָבען געלערנט אַז איינער האָט געמאָנט ביים צווייטען כלים און קרקעות און ער האָט מודה געווען כלים און געלייקענט די קרקעות אָדער מודה געווען קרקעות און געלייקענט די כלים, איז ער פטור פון א שבועה אַלס מודה מקצת, אָדער ער האָט מודה געווען טייל קרקעות איז ער פטור, אָבער אַז ער האָט מודה געווען טייל פון די כלים איז ער חייב א שבועה אלס מודה מקצת. **טעמא דכלים וקרקעות, דקרקע לאו בת שבועה היא, הא כלים וכלים דומיא דכלים וקרקעות חייב, היכי דמי? לאו דאמר ליה הילך, ושמע מינה הילך חייב?** דאָס איז אַזוי ביי כלים מיט קרקעות צוליב קרקע איז ניט אונטער שבועה חיוב, אָבער כלים מיט כלים ווי א שטייגער כלים מיט קרקעות דאָרט איז ער

חייב, ווי קען דאָ שמועסען? מיינט עס דען ניט, וואו ער זאָגט צו אים הילך נא דיר שוין דיינס, זעהסט דאָך גוט אַז הילך איז חייב, איז דאָך א קשיא אויף רב ששת? ווענדט די גמרא אָפּ לא ניין, **לעולם אימא לך כלים וכלים נמי פטור, והא דקתני כלים וקרקעות? הא קא משמע לן הודה במקצת כלים חייב אף על הקרקעות**, לעולם קען איך זאָגען אַז ביי כלים און כלים איז ער אויך פטור, אַי וואָס לערנט ער פונקט ביי כלים און קרקעות? דאָס איז צו לאָזען הערען אַז אויב ער איז מודה ביי טייל כלים איז ער שוין אויך חייב א שבועה אויף די קרקעות. פרעגט די גמרא **מאי קא משמע לן? זוקקין? תנינא זוקקין הנכסים שאין להם אחריות את הנכסים שיש להן אחריות לישבע עליהם? הכא עיקר התם אגב גררא נסבה**, וואָס לאָזט ער הערען דערמיט? ווערסטו דאָך זאָגען זוקקין? מיר האָבען דאָך שוין דאָס געלערנט אַז זאכען אָהן אן אחריות וואָס מיינט באוועגליכע זאכען, צווינגען אויך מיט, די אומבאוועגליכע פארמעגענס צו שווערען אויף זיי, דאָס איז א גלגול שבועה, האָבען מיר דאָך שוין געלערנט וועגען דער שבועה? ענטפערט די גמרא דאָ אין שבועות איז דער עיקר פלאַץ צו לאָזען הערען דאָס, און דאָרט אין קידושין איז עס געקומען אין איינוועגס, ווייל ער לערנט וועגען קנין ווי זיי ווערען נקנה, ווי כלים ווערען נקנה צוליב קרקע, לערנט ער דאָרט אויך שוין וועגען שבועה: (דף ה׳ ע״א) פרעגט די גמרא **ולמאן דאמר הילך פטור אמאי איצטריך קרא למעוטי קרקע משבועה, הא כל קרקע הילך הוא?** נאָך דעם מאן וואָס האלט אַז הילך איז פטור פון א שבועה צו וואָס איז געדארפט א פסוק צו ממעט זיין קרקע פון א שבועה, יעדע קרקע איז דאָך הילך וואָלט ער דאָך סייווי ניט שווערען? **אמר לך איצטריך קרא היכא דחפר בה בורות שיחין ומערות, אי נמי היכא דטענו כלים וקרקעות והודה בכלים וכפר בקרקעות**, ער קען דיר אזא ענטפער געבען, אַז דער פסוק איז געדארפט צו ממעט זיין, וואו ער האָט געגראָבען אינ׳ם פעלד גריבער שפּאלטען און היילען, דאמאָלט איז שוין די פעלד ניט קיין הילך, אָדער ער האָט פאַרלייקענט ביי א טענה פון כלים און פעלד — די פעלד, און מודה געווען אויף די כלים. **תא שמע דתני רמי בר חמא ארבעה שומרין צריכין כפירה במקצת והודאה במקצת, שומר חינם והשואל נושא שכר והשוכר**, איך וועל דיך א קשיא פרעגען דען רמי בר חמא האָט געלערנט אז די שבועה וואָס איז געזאָגט ביי די פיר שומרים, ביים שומר חינם אַז די זאך איז ביי אים גע׳גנב׳עט געוואָרען, און ביים שומר שכר און שוכר אז צו דער זאך איז ביי אים געשעהן אַן עקסידענט, און ביים שואל אַז די זאך איז אַוועקגעקומען דורך דער מלאכה, ביי זיי צו חייב זיין א שבועה, דארף זיין טיילווייז אָפּגעלייקענט און טיילווייז מודה געווען, די אָפּלייקענונג דאָ איז, אָדער איך האָב קיינמאָהל ניט גענומען ביי דיר, אָדער איך האָב טאקע גענומען, נאָר איך האָב עס דיר צוריקגעגעבען. און דאָס מודה זיין דאָ איז, אַז איך האָב די זאך ביי מיר וואָס איך דאַרף דיר צוריקגעבען. קומט דאָך אויס דאָ ביי די שומרים אַז די שבועה קען אנדערש ניט קומען סיידען ער מאָנט ביי אים דריי קיה, איינע לייקענט ער אים אָפּ, און איינע איז ער אים מודה אַז זי איז ביי אים און די דריטע קוה איז גע־

שעדיקט געווארען, און אויב דאס איז דער שומר חינם זאגט ער אים ביי דער דריטער קוה אז זי איז צוגע־גנב'עט געווארען וואו ער איז חייב א שבועה צי ער אליין האט איהר ניט צוגענומען פאר זיך, אבער א שבועה אויפ'ן אפ־לייקענען איז ניט די שבועה וואס איז ביי די שומרים, און אהן צו פארלייקענען קענסטו אויך ניט מחייב זיין אים א שבועה, דען ביים שומר חינם זאגט דער פסוק כי הוא זה, אז דער מאנער זאגט צו אים דו קומסט מיר אזויפיל און אזויפיל און ער ענטפערט אים כי הוא זה נאר דאס אליין ניט אלעס וואס דו מאנסט מיך. דער ווארט הוא דא באדייט אויף פארקערט און אנדערשקייט ווי למשל דער פסוק **ונפש כי תחטא ושמעה קול אלה, והוא עד**, אז א מענש וועט זינדיגען דערמיט, הערענדיג ווי יעמאנד באשווערט אים צו קומען עדות זאגען פאר אים און ער ענטפערט דאס ער ווייסט גארניט אין דער זאך, און באמת והוא עד, און די ריכטיגקייט איז אז ער איז דער יעניגער עד וואס ווייסט יא. אויך דער פסוק **ונעלם ממנו והוא טמא**, אז די טומאה איז פארהוילען פון איהם, ער ווייסט ניט צי ער איז טמא, אבער אין אמת'ן איז והוא טמא אז ער איז יא טמא, און אזוי דא איז גענוג געווען צו זאגען כי זה, זאגענדיג אבער כי הוא זה, קומט עס אויסדריקען אויף פארקערט דאס נאר די זאך, ניט נאך זאכען וואס דו מאנסט. דער תנא דא וואס דארף כפירה און הודאה ביי די שומרים קומט ארויסציהען פונ'ם תנא אין בבא קמא דף ק"ז, וואס זאגט אז די פרשיות זיינען אזוי אויסגעמישט און דער כי הוא זה באציהט זיך ניט אויפ'ן שומר חינם דינעבען, נאר אויפ'ן פסוק אם כסף תלוה את עמי ביי הלוואות, און דער תנא דא האלט אז ביי שומרים דארף אויך זיין כפירה און הודאה, און די שבועה וואס איז געזאגט דא, באציט זיך אויף דער דריטער קוה. **היכי דמי? לאו דאמר ליה הילך?** ווי קען דא שמועסען וועגען דער הודאה? מיינסטו דען ניט אז די קוה וואס ער איז צו אים מודה, שמועסט אז ער האט צו אים געזאגט הילך, זעהסט דאך גוט אז הילך איז אויך חייב אלס מודה מקצת? ווענדט די גמרא אפ לא ניין, **דאמר ליה שלש פרות מסרתי לך ומתו כולהו בפשיעה, ואמר ליה איהו חדא לא היו דברים מעולם, וחדא מתה באונס וחדא מתה בפשיעה דבעינא שלומי לך דלאו הילך הוא**, עס שמועסט אז דער מאנער האט צו אים געזאגט דריי פרות האב איך דיר איבערגעגעבען און אלע זיינען אוועקגעקומען דורך פשיעה ווייל דו האסט פארנאכלעסיגט, און דער שומר ענטפערט אים איינע איז אינגאנצען ניט פארגעקומען, און איינע איז אוועקגעקומען דורך אן אומגליק און איינע איז טאקע אוועקגעקומען צוליב איך האב פארנאכלעסיגט, פאר וועלכע איך דארף דיר טאקע באצאהלען, דאס איז שוין ניט קיין הילך. **תא שמע דתני אבוה דרבי אפטוריקי לדר' חייא קמייתא מנה לי בידך והלה אומר אין לך בידי כלום, והעדים מעידים אותו שיש בידו חמשים זוז, יכול ישבע על השאר? תלמוד לומר על כל אבדה אשר יאמר כי הוא זה, על הודאת פיו אתה מחייבו ואי אתה מחייבו על העדאת עדים?** איך וועל דיר א קשיא פרעגען פון דעם וואס דער פאטער פון ר' אפטוריקי האט געלערענט די קשיא איז אויף ר' חייא'ס ערשטער דין, אז איינער מאנט איך האב ביי דיר הונדערט זוז און דער ענטפערט

אים דו האָסט ביי מיר גאָרניט, און עדים זאָגען אים עדות אַז עס קומט אים נאָר פופציג, וואָלט איך מיינען ער זאָל דארפען שווערען אויפן רעשט? דערויף שטעהט על כל אבידה אשר יאמר כי הוא זה טייטש איך נאָר אויף אייגענע אנערקענונג קענסטו אים מחייב זיין, אָבער דו קענסט אים ניט מחייב זיין אויפ׳ן אויסזאָגען פון עדות, זעהסט דאָך גוט אַז ביי העדאת עדים געהט ניט אָן די שבועה? ענטפערט די גמרא **מתניתא קא רמית עליה דר׳ חייא, ר׳ חייא תנא הוא ופליג**, א ברייתא פרעגסטו אויף ר׳ חייא, ר׳ חייא איז א תנא און ער קריגט אויף דער ברייתא. פרעגט די גמרא **והא קרא קאמר! ההוא למודה מקצת הטענה**, דער תנא פון דער ברייתא, זאָגט דאָך די זאך פון א פסוק? ענטפערט די גמרא ר׳ חייא האלט אַז דער אשר יאמר כי הוא זה קומט אַז עס דאַרף זיין אַ הודאה במקצת צו חייב זיין א שבועה, און העדאת עדים לערנט ער אַרויס דערפון מיט א קל וחומר ווי אויבען ערקלערט, **ואבוה דר׳ אפטוריקי אמר לך כתיב הוא וכתיב זה, חד למודה מקצת הטענה וחד להעדאת עדים דפטור**, און דער פאָטער פון ר׳ אפטוריקי ענטפערט אזוי עס שטעהט הוא און עס שטעהט זה, דער הוא קומט אַז עס מוז זיין ער זאָל מודה זיין אויף א מקצת, און דער איבעריגער וואָרט זה איז ממעט העדאת עדים, אַז ער איז דאמאָלט פטור פון א שבועה. פרעגט די גמרא **ואידך? חד למודה מקצת הטענה, וחד למודה ממין הטענה**, און דער תנא ר׳ חייא וואָס טוט מיטן זה? ער ענטפערט אַז דער הוא איז דאָך ווי אויבען געזאָגט אויף הודאה במקצת און זה אַז די הודאה מוז זיין אויפ׳ן זעלבען מין וואָס יענער מאָנט, צוזאמען איז עס טייטש, כי הוא זה, נאָר די פון דער דאָזיגער זאך וואָס דו מאָנסט בין איך שולדיג. פרעגט די גמרא **ואידך? מודה ממין הטענה לית ליה, דסבר ליה כרבן גמליאל דתנן טענו חטין והודה לו בשעורין פטור, ורבן גמליאל מחייב**, און אבוה דר׳ אפטוריקי פון וואנעט לערנט אַרויס צו ממעט זיין שלא ממין הטענה? ענטפערט די גמרא ער האלט ניט אַז עס מוז זיין ממין הטענה, דען ער האלט ווי רבן גמליאל, דען מיר האָבען געלערנט אין א משנה אַז איינער מאָנט ווייטץ און ער איז מודה גערשטען איז ער פטור פון א שבועה און רבן גמליאל איז מחייב א שבועה: **ההוא רעיא דהוו מסרי ליה כל יומא חיותא בסהדי, יומא חד מסרו ליה בלא סהדי, לסוף אמר להו לא היו דברים מעולם, אתו סהדי אסהידו ביה דאכל תרתי מינייהו**, עס איז געווען א פאסטוך וואָס מען פלעגט איבערגעבן אים שאָף יעדען טאָג פאַר עדות, איין טאָג האָט מען איבערגעגעבן אים די שאָף אָהן עדות, צום סוף האָט ער אָפגעלייקענט אז מען האָט אים די שאָף ניט איבערגעגעבן, זיינען נאכהער געקומען עדות און עדות געזאָגט אויף אים דאָס ער האָט צוויי פון די שאָף אויפגעגעסען. **אמר ר׳ זירא אם איתא לדר׳ חייא קמייתא משתבע אשארא, אמר ליה אביי אם איתא משתבע, והא גזלן הוא? אמר ליה שכנגדו קאמינא**, האָט ר׳ זירא געזאָגט אויב די הלכה איז ווי ר׳ חייא׳ס ערשטער דין וואו עדות זיינען פאַראַן, דאַרף ער שווערען אויף די רעשט שאָף. האָט אביי צו אים געזאָגט דו זאָגסט דער רעיא זאָל שווערען, ער איז דאָך א גזלן? האָט ער צו אים געזאָגט איך זאָג אַז דער

געגנער זאָל שווערען ניט דער פאסטוך. פרעגט די גמרא השתא נמי דליתא לדר' חייא וחייביה מדרב נחמן דתנן מנה לי בידך, אין לך בידי פטור, ואמר רב נחמן משביעין אותו שבועת היסת? יעצט אויך ווען אפילו די הלכה זאָל ניט זיין ווי ר' חייא, זאָלען מיר אים מחייב זיין פון רב נחמן, דען עס איז געלערנט אין א משנה וואו ער לייקענט איינגאנצען אַז ער איז פטור, האָט אויף דעם רב נחמן געזאָגט אַז מען מאכט אים שווערען א שבועת היסת, און דער כנגדו זאָל שווערען (היסת מיינט אַז די מורא פאר דער שבועה זאָל אים אָנרעדען צו מודה זיין, דאָס איז דער תיקון פון די חכמים) ענטפערט די גמרא דרב נחמן תקנתא היא (דף ה' ע"ב) ותקנתא לתקנתא לא עבדינן, די זאך פון רב נחמן איז א תקנה, און דאָס וואָס דער כנגדו שווערט איז אויך א תקנה, דען אימער שווערט דער וואָס דארף באצאָהלען צו פטר'ן זיך. און א תקנה אויף א תקנה מאכען מיר ניט. פרעגט די גמרא ותיפוק ליה דהוה ליה רועה, ואמר רב יהודה סתם רועה פסול? לא קשיא הא דידיה, הא דעלמא. אביי פרעגט אויבען ווי קען דער רועה שווערען, ער איז דאָך א גזלן דאָ, דרינג דיר בעסער אַז ער טאָר ניט שווערען אלס סתם רועה, דען רב יהודה האָט דאָך געזאָגט אַז סתם רועה איז פסול אלס עדות? ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא, דאָ וואו רב יהודה זאָגט דאָס, שמועסט וואו ער פאשעט זיין אייגענע שאָף, און סתם רועה פאשעט זיינע שאָף אין פרעמדע פעלדער, אָבער דאָ שמועסט וואו ער פאשעט יענעמס שאָף. דאי לא תימא הכי, אנן חיותא לרועה היכי מסרינן, והא כתיב לפני עור לא תתן מכשול אלא חזקה אין אדם חוטא ולא לו. ווארים אַז דו זאָלסט אַזוי ניט זאָגען צו אונטערשיידען צווישען זיינע און יענעמס, ווי וואָלטען מיר קענען איבערגעבען שאָף צו א רועה, דער פסוק זאָגט דאָך פאַר א בלינדען טאָרסטו ניט אוועקלייגען קיין שטרויכלונג? נאָר מוז זיין אַז מען מעג איבער־געבען אים שאָף, צוליב עס איז א חזקה אז א מענש זינדיגט ניט, ער זאָל דערביי גאָרניט פארדינען: זה ישבע שאין לו בה פחות מחציה וכו': פרעגט די גמרא על דאית ליה משתבע או על דלית ליה משתבע? אמר רב הונא דאמר שבועה שיש לי בה ואין לי פחות מחציה, צי שווערט ער אויף דעם וואָס ער האלט אַז ניט ווייניגער ער האָט, צי אויף דעם וואָס ער האָט ניט אַז ער האָט ניט אין דער אַנדערע העלפט? האָט רב הונא געזאָגט עס שמועסט אַז ער זאָגט איך שווער אַז איך האָב, נאָר איך האָב ניט אין איר ווייניגער פון האלב. פרעגט די גמרא ונימא שבועה שכולה שלי? ומי יהבינן ליה כולה. ונימא שבועה שחציה שלי? מרע ליה לדיבוריה, השתא נמי מרע ליה לדיבוריה? זאָל ער שווערען אַז די גאנצע טלית איז מיין? ענטפערט די גמרא גיבען מיר אים דען די גאנצע, וועט דאָך ניט שטימען די שבועה מיט'ן נעמען. זאָל ער שווערען סתם אַז די האלב איז מיין? ענטפערט די גמרא ער וועט דאָך דערמיט קאלע מאכען זיינע ערשטע רייד פון כולה שלי. פרעגט די גמרא און יעצט אַז ער שווערט איך האָב, און ניט ווייניגער פון האלב מאכט ער דאָך אויך קאלע זיינע ערשטע רייד? ענטפערט די גמרא דאמר כולה שלי, ולדבריכם שבועה שיש לי בה, ואין לי בה

פחות מחציה. יעצט קוקט עס ניט אַזוי אויס צו קאָלע מאכען זיינע ערשטע רייד, דען ער זאָגט לעולם איז די גאנצע מיין, ניט מעהר לויט אייערע רייד אַז איר גלויבט מיר ניט, שווער איך אַז איך האָב אין איהר, און איך האָב אין איהר ניט ווייניגער פון האלב. פרעגט די גמרא וכי מאחר שזה תפוס ועומד וזה תפסו ועומד, שבועה זו למה? אמר ר׳ יוחנן שבועה זו תקנת חכמים היא שלא יהא כל אחד ואחד הולך ותוקף בטליתו של חבירו ואומר שלי הוא, וויבאלד דער שטעהט אָנגעכאפּט אָן קלייד און דער שטעהט אָנגעכאפּט צו וואָס טויג די שבועה? האָט ר׳ יוחנן געזאָגט אַז די שבועה איז תקנת חכמים, מען זאָל זיך ניט אָנכאפּען אָן יענעמס מציאה און זאָגען זי איז מיין. פרעגט די גמרא ונימא מגו דחשוד אממונא חשוד נמי אשבועתא? לא אמרינן מיגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא, לאָמיר זאָגען אַזוי ווי ער איז חשוד און פארדעכטיגט אויף געלד, זאָל ער אויך זיין חשוד אויף דער שבועה? ענטפערט די גמרא מיר זאָגען ניט מגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא, דאי לא תימא הכי, האי דאמר רחמנא מודה מקצת הטענה ישבע, נימא מיגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא? התם אשתמוטי קא משתמיט ליה כדרבה, וואָרים אויב דו זאָלסט אַזוי ניט זאָגען, וואָלט דאָך שווער זיין ביי מודה מקצת הטענה, וואו די תורה זאָגט ער זאָל שווערען. לאָמיר דאָרט אויך זאָגען מגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא? נאָר מוז זיין, מיר זאָגען ניט די סברה, ווענדט די גמרא אָפּ לעולם זאָגען מיר יאָ מגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא, ניט מעהר ביי מודה במקצת איז דאָ אָן אויסרייד אַז ער מיינט נאָר צו אָפּשלעפּען דעם חוב ניט צו פאַרנעמען, ווי רבה האָט עס אויבען געזאָגט, תדע דאמר רב אידי בר אבין אמר רב חסדא הכופר במלוה כשר לעדות, בפקדון פסול לעדות, דו קענסט דרינגען אַזוי דען רב אידי בר אבין האָט געזאָגט פון רב חסדאס וועגען אַז איינער לייקענט אָן אנלייהע איז ער כשר צו זיין עדות און אַ פקדון אַז ער פאַרלייקענט ווערט ער פסול צו זיין אָן עדות, דאָס איז צוליב דער סברה ווייל ביי אָן הלואה קען מען זאָגען אשתמוטי קא משתמט. פרעגט די גמרא אלא הא דתני רמי בר חמא ארבעה שומרין צריכין כפירה במקצת והודאה במקצת שומר חינם והשואל נושא שכר והשוכר, נימא מיגו דחשוד אממונא חשוד נמי אשבועתא? התם נמי אשתמוטי קא משתמט סבר משכחנא לגנב ותפיסנא ליה, און דאָס וואָס רמי בר חמא האָט געלערנט וועגען הודאה במקצת ביי די פיר שומרין ווי שוין אויבען באשיידט, לאָמיר אויך זאָגען מגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתה? ענטפערט די גמרא דאָרט קען מען אויך זאָגען אשתמוטי ער טראכט זיך איך וועל געפינען דעם גנב וועל איך אים צוהאלטען אויף צו באצאָהלען, אי נמי משכחנא ליה באגם ומייתינא ליה, אויך אַז איך וועל געפינען אים אין פעלד וועל איך אים ברייגגען אויף צו באצאָהלען. פרעגט די גמרא אי הכי הכופר בפקדון אמאי פסול לעדות, נימא אשתמוטי קא משתמט, סבר עד דבחשנא ומשכחנא ליה? אויב אַזוי קען מען דאָך ביי פקדון אויך זאָגען וועגען אשתמוטי משתמיט, ער טראכט זיך ביז איך וועל אויסזוכען און געפינען דעם גנב? ענטפערט די גמרא כי אמרינן הכופר·

בפקדון פסול לעדות ?כגון דאתו סהדי ואסהידו ביה דההיא שעתא איתיה לפקדון בביתיה והוה ידע, אי נמי דהוה נקיט ליה בידיה, ווען זאָגען מיר אַז לייקענדיג דעם פקדון, איז פסול פאַר עדות? וואו עדות זיינען געקומען און עדות געזאָגט אויף אים אַז יענע צייט איז דער פקדון געווען אין הויז, און ער האָט געוואוסט, אָדער מען האָט געזעהן ווי ער האלט אים אין האנד דאמאָלט הייסט ער אַ גזלן און פסול לעדות, פרעגט די גמרא אלא הא דאמר רב הונא משביעין אותו שבועה שאינה ברשותו, נימא מיגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא? התם נמי מורי ואמר דמי קא יהיבנא ליה, אָבער דאָס וואָס רב הונא האָט געזאָגט, וואו איינער וויל באצאָלען און ניט שווערען — דאָס מען באשווערט אים א שבועה אז די זאך איז ניט אין זיין רשות, ווייל טאָמער האָט ער געוואָרפען או אויג דערויף, לאָמיר זאָגען מגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא? ענטפערט די גמרא דאָרט איז אויך פאראַן א היתר, ער טראכט זיך איך גיב דאָך געלד, אמר ליה רב אחא מדיפתי לרבינא והא קא עבר על לאו דלא תחמוד? לא תחמוד לאינשי בלא דמי משמע להו. האָט רב אחא פון דיפתי געזאָגט צו רבינא ער האָט דאָך עובר געווען אויף לא תחמוד, קען ער דאָך נאָך עובר זיין אויף דער שבועה? ענטפערט די גמרא לא תחמוד ביי מענשען באדייטעט נאָר אַז ער נעמט עס אָהן געלד. (דף ו' ע"א) ואלא הא דאמר רב נחמן משביעין אותו שבועת היסת, נימא מגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא? ותו הא דתני ר' חייא שניהן נשבעין ונוטלין מבעל הבית נימא מגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא? אָבער דאָס וואָס רב נחמן זאָגט אז מען מאכט איהם שווערען א שבועת היסת, איז דאָך אויך צו באזאָרגען מגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא? און נאָך איינס ביי דער זאך וואָס ר' חייא האָט געלערנט אזביידע שווערען און נעמען פון בעל הבית לאָמיר אויך באזאָרגען מגו דחשוד אממונא חשוד אשבועתא, ותו הא דאמר רב ששת שלש שבועות משביעין אותו שבועה שלא פשעתי בה, שבועה שלא שלחתי בה יד, שבועה שאינה ברשותי, נימא מגו דחשיד אממונא חשיד אשבועתא? אלא לא אמרינן מגו דחשיד אממונא חשיד אשבועתא, און אויך וואָס רב ששת האָט געזאָגט אַז דריי שבועות באשווערט מען דעם שומר חינם, א שבועה אַז איך האָב ניט פושע געווען נאָר גוט געהיטען, א שבועה אַז איך האָב ניט געטאָן דערמיט פאר זיך, דען אויב יאָ הייסט ער א גזלן און איז חייב אויב די זאך איז געשעדיקט. און א שבועה אַז די זאך איז ניט אין מיין רשות. לאָמיר דאָרט אויך זאָגען מגו דחשיד אממונא חשיד אשבועתא? נאָר מוז זיין מיר זאָגען ניט מגו דחשיד אממונא חשיד אשבועתא. אביי אמר חיישינן שמא מלוה ישינה יש לו עליו, אי הכי נשקול בלא שבועה? אלא חיישינן שמא ספק מלוה ישינה יש לו עליו, אביי זאָגט אַז די שבועה דאָ אין אונזער משנה איז צוליב מיר באזאָרגען, אז טאָמער האָט ער אויף איהם אַן אלטען חוב, האָט ער זיך אָנגעכאפט, האָבען די חכמים געגעבען א שבועה. פרעגט די גמרא אויב אַזוי זאָל ער טאקע נעמען אָהן א שבועה? ענטפערט די גמרא מיט אַן אויסבעסערונג דאָס עס איז צו באזאָרגען טאָמער האָט ער אויף אים א ספק

אלטען חוב, איז ער זיך מודה היתר צו אָנכאפּען זיך מיט יענעמס מציאה. פרעגט די גמרא **ולאו אמרינן תפים ממונא מספיקא, משתבע נמי מספק?** זאָגען מיר דען ניט דאָ, אַז ער קען זיך אָנכאפּען אָן געלד פון בלויזען ספק, קענען מיר דאָך אויך איבערקלערען דאָס ער קען נאָך שווערען צוליב׳ן ספק? **אמר רב ששת בריה דרב אידי פרשי אינשי מספק שבועה, ולא פרשי מספק ממונא, מאי טעמא? ממון איתיה בחזרה שבועה ליתיה בחזרה.** האָט רב ששת בר אידי געזאָגט אז מענשען שיידען זיך אָפּ און דערווייטערען זיך פון א ספק שבועה, אָבער זיי שיידען זיך ניט אָפּ פון ספק געלד, וואָס איז די סברה? געלד איז אין דער לאַגע צו קענען צוריקגעבען, אויב ער רעכענט זיך נאָר איבער אַז ער האָט אומזיסט גענומען, קען ער דאָך צוריקגעבען, אָבער א שבועה איז דאָך ניט אין דער לאַגע צו קענען פאַריכטען: **בעי ר׳ זירא תקפה אחד בפנינו מהו? היכי דמי? אי דשתיק אודיי אודי ליה, ואי דקא צווח מאי הוה ליה למיעבד?** האָט ר׳ זירא געפרעגט אַז איינער האָט זיך געשטאַרקט און אַרויסגעריסען פון צווייטענס האנד אויך די צווייטע העלפט אין געגענוואַרט אונז דער בית דין, ווי איז דער דין? פרעגט די גמרא ווי שמועסט דאָ? האָט ער געשוויגען, הייסט דאָך עס מודה געווען, האָט ער ווידער געשריען, וואָס נאָך מעהר האָט ער געקענט טאָן? ענטפערט די גמרא **לא צריכא דשתיק מעיקרא והדר צווח מאי, מדאשתיק אודויי אודי ליה, או דילמא כיון דקא צווח השתא איגלאי מלתא דהאי דשתיק מעיקרא סבר הא קחזו ליה רבנן?** עס איז ניט געדאַרפט צו לאָזען הערען נאָר אין אזא פאַל, אַז ער האָט אָנפאַנגס געשוויגען און נאָכהער געשריען, ווי איז דער דין, צו זאָגען מיר אַז דאָס שווייגען מיינט אַז ער האָט צוגעגעבען, אָדער פיליכט איז, וויבאלד אַז ער שרייט יעצט, איז באַוואוסט אַז דאָס וואָס ער האָט פריהער געשוויגען איז ווייל ער האָט זיך געטראַכט די רבנן זעהען דאָך ווי ער רייסט פון מיין האנד, ווי איז דער דין? **אמר רב נחמן תא שמע במה דברים אמורים? ששניהם אדוקים בה, אבל היתה טלית יוצאת מתחת ידו של אחד מהן, המוציא מחבירו עליו הראיה,** האָט רב נחמן געזאָגט קום איך וועל דיר פּושט זיין, מיר האָבען געלערנט, ווען זיינען די רייד געזאָגט אויף צוטיילען? וואו ביידע האַלטען זיך אָן אין קלייד, אָבער אַז דאָס קלייד איז אַרויס פון דער האנד פון איינעם פון זיי, מיינענדיג אַז נאָר איינער האָט איהר געהאַלטען, בלייבט דער דין אַז דער וואָס געהט ארויסציהען פון יענעם געלד, דאַרף ער ברייגען באַווייזע. פרעגט די גמרא **היכי דמי? אי נימא כדקתני, פשיטא? אלא שתקפה אחד בפנינו,** ווי שמועסט דאָ? זאָלען מיר זאָגען אַז ער מיינט איינפאַך ווי ער לערענט אַז נאָר איינער האַלט די מציאה, איז דאָך אַ געוויס אַזוי דער דין, וואָס איז געדאַרפט דאָ צו לאָזען הערען? נאָר מוז דאָך זיין אַז איינער האָט נאָכהער ארויסגעכאַפּט פון אנדערענס האנד פאַר די אויגען פון די רבנן, זעהסט דאָך גוט אַז אין אזא פאַל זאָגען מיר אויך המוציא מחבירו עליו הראיה, וועגדט די גמרא אָפּ לא ניין, **הכא במאי עסקינן? כגון דאתו לקמן כדתפיסו לה תרווייהו, ואמרינן להו זילו פלוגו, ונפקו והדר אתו כי תפיס לה חד מינייהו, האי אמר אודויי אודי לי, והאי אמר בדמי**

אגרתי ניהליה, לעולם ביי אזא פאל זאָגען מיר ניט המוציא מחבירו וכו' נאָר ווייסטו ווי דאָ שמועסט? דאָ שמועסט וואו בײדע זיינען געקומען האלטענדיג די מציאה, און מיר האָבען געזאָגט צו זיי געהט און טיילט זיך, זיינען זיי אַרויס און נאכהער ווידער צוריקגעקומען אָבער שוין ווי איינער האָט געהאַלטען, דער האָט גע'טענה'ט ער האָט מיר מודה געווען אַז עס באלאנגט צו מיר, דעריבער האָט ער נאָכגעלאָזט, און דער צווייטער האָט גע'טענה'ט אז פאַר געלד האָב איך מיט אים באדונגען, נאָר יעצט וויל ער ניט באצאָהלען, דאמרינן ליה עד השתא חשדת ליה בגזלן והשתא מוגרת ליה בלא סהדי? אין אזא פאַל זאָגען מיר צו אים, ביז יעצט האָסטו אים פאַרדעכטיגט, אלס גזלן, און יעצט באדינגסטו מיט אים, אָהן עדות? ביזטו שוין ניט באגלויבט, ואי בעית אימא כדקתני דאתו לקמן כי תפיס לה חד מינייהו ואידך מסרך בה סרוכי ואפילו לסומכוס דאמר ממון המוטל בספק חולקין בלא שבועה, מודה סומכוס דסרכא לא כלום היא, און אַז ווילסטו וועל איך דיר זאָגען עס איז ווי געלערנט אויבען, אַז ווען בײדע זיינען געקומען האָט נאָר איינער געהאַלטען, און דער צווייטער האָט זיך בלויז נאָכגעשלעפּט, איז דער דין דאָס אפילו נאָך סומכוס נאָך, וואָס זאָגט אַז געלד געוואָרפען אין ספק צוטיילט מען זיך אָהן א שבועה, דאָ איז פונדעסטוועגען מודה סומכוס אז נאָכשלעפען הייסט גאָרניט. אם תמצי לומר תקפה אחד בפנינו מוציאין אותה מידו, הקדישה אינה מקודשת, אם תמצי לומר תקפה אחד בפנינו אין מוציאין אותה מידו, הקדישה בלא תקפה מהו? אויב דו וועסט זאָגען דעם דין אַז וואו איינער האָט ארויסגעכאפּט אין אונזער געגענווארט, ציהט מען עס צוריק ארויס פון יענעמס האנד, אויב ער האָט די מציאה מקדיש געווען, איז זי ניט הייליג ווייל עס איז ניט זיין, אויב דו וועסט זאָגען אז ביי כאפּען ציהט מען ניט אַרויס פון זיין האנד, וועל איך דיר פרעגען, אויב ער האָט איהר מקדיש געווען אין דעם צושטאנד אַלס ניט צוגעכאפּט, ווי איז דער דין? כיון דאמר מר אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט דמי, כמאן דתקפה דמי, או דילמא השתא מיהא הא לא תקפה וכתיב ואיש כי יקדיש את ביתו קודש וגו' מה ביתו ברשותו אף כל ברשותו לאפוקי האי דלא ברשותו? צו זאָגען מיר, וויבאלד דער תנא האָט געזאָגט אַז אָפּזאָגען פאַר הקדש איז אַזוי גילטיג ווי איבערגעבונג צו א ציוויל. — זאָל עס הייסען ווי גלייך ער האָט עס שוין אַרויסגעכאפּט און עס איז אין זיין רשות, און דער הקדש איז א גוטער הקדש, אָדער פיליכט זאָגען מיר, דאָס דערווייל אָבער האָט ער נאָך ניט ארויסגעכאפּט, און דעריבער נאָך ניט אין זיין רשות, און דער פסוק זאָגט דאָך אז איינער וועט מקדיש זיין זיין הויז אלס קודש טייטשען מיר, דאָס פונקט ווי זיין הויז איז אין זיין רשות, אַזוי אויך אלעס מוז זיין אין זיין רשות צום מקדיש זיין, אויסגענומען איז דער דאָ וואָ סאיז נאָך ניט אין זיין רשות, ווי איז דאָ דער דין? תא שמע דההוא (דף ו', ע"ב) מסותא דהוו מנצו עלה בי תרי, האי אמר דידי הוא והאי אמר דידי הוא,

קם חד מינייהו אקדשה, פרשי מינה רב חנניא' ורב אושעיא וכולהו רבנן, קום איך וועל דיר פושט זיין, עס איז געוועזן א באד־הויז וואו צוויי האבען זיך געקריגט דער האט געזאגט זי איז מיין און דער האט געזאגט זי איז מיין, ביז עס איז אויפגעשטאנען איינער און האט איהר מקדיש געווען, האבען זיך רב חנניא און רב אושעיא און אלע רבנן אפגעשיידט פון איהר, ואמר ליה רב אושעיא לרבה כי אזלת קמיה דרב חסדא לכפרי בעי מיניה, כי אתי לסורא אמר ליה רב המנונא מתניתין היא, און רב אושעיא האט געזאגט צו רבה אז דו וועסט געהן זיין פאר רב חסדא קיין כפרי, פרעג פון אים די שאלה. ווי ער איז אנגעקומען קיין סורא האט רב המנונא געזאגט צו אים, עס איז א משנה, ספק בכורות אחד בכור אדם ואחד בכור בהמה בין טהורים בין טמאים המוציא מחבירו עליו הראייה, ותני עלה אסורים בגיזה ועבודה, די משנה זאגט אז ספק בכורות סיי א מענש סיי א בהמה סיי טהורים סיי טמאים, (א פטר חמור) אויב דער כהן וויל קריגען די בענעפיטס דארף ער בריינגען באווייזע אז זיי זיינען בכורות, און עס איז געלערנט גע־וועגן דארויף אז זיי זיינען אסור צוליב'ן ספק קודש פאר'ן שערען די וואל און צו ארבעטען מיט זיי. והא הכא דאמר תקפו כהן אין מוציאין אותו מידו דקתני המוציא מחבירו עליו הראיה, וכי לא תקפו אסורין בגיזה ועבודה, און דא זאגט ער דאך אז דער כהן אויב ער האט געכאפט, נעמט מען פון אים ניט ארויס, דען ער לערענט דאך סתם אז המוציא מחבירו עליו הראיה, וואס מיינט אז עס איז ניט קיין אונטערשייד צי דער ישראל האלט די בכורות און דער כהן ברענגט באווייזע, צי דער כהן האט זיי געכאפט אין באזיץ דארף דער ישראל באווייזען, און אז דער כהן האט ניט געכאפט, זיינען זיי פונדעסט־וועגען אסור פאר גיזה און עבודה, אזוי אויך דא ביי אונזער שאלה איז גע־דרינגען אז אויב דו זועסט זאגען תקפו אין מוציאין אותו מידו, איז אויב ער האט מקדיש געווען איז עס קודש. אמר ליה רבה קדושת בכור קא אמרת לעולם אימא לך תקפו כהן מוציאין אותו מידו ואפילו הכי אסורים בגיזה ועבודה דקדושה הבאה מאליה שאני, האט רבה צו אים' געזאגט דו רעדסט פון קדושת בכור, לעולם קען איך דיר זאגען ביי בכור אז אפילו תקפו כהן ציהט מען ארויס צוריק פון זיין האנד, און מסתמא הייסט ער אין רשות פון ישראל און דער כהן הייסט דער המוציא מחבירו, און דאס וואס ער איז אסור בגזיה ועבודה איז ניט צוליב דעם ווייל דער כהן האט עפעס א כח דערביי, דו זאלסט דיר קענען דרינגען דערפון אז אויב תקפו ביי מציאה ציהט מען ניט ארויס פון זיין האנד און אז אויב ער איז מקדיש איז עס קודש, נאר דא איז דער טעם צוליב גיזת קדשים, ווייל דאס איז דאך א קדושה וואס קומט פון זיך זעלבסט. וואס איז אנדערש, איז עס דאך א ספק וואס מען דארף קלערען דערויף, אבער ביי דער מסותא וואו די קדושה קומט ניט נאר דורך זיין מויל, קען איך טאקע זאגען צו דיר, דאס אפילו ווען דו וועסט וועלען זאגען אז תקפה אין מוציאין, איז זיין מקדיש זיין אהן תקפה אויך ניט קיין קדש. ווייל מען קען ניט מקדיש זיין א זאך וואס איז ניט אין זיין רשות. אמר ליה רב חנניא לרבה תניא דמסייע לך הספיקות נכנסין לדיר להתעשר,

**ואי סלקא דעתך תקפו כהן אין מוציאין אותו מידו, אמאי נכנסין לדיר, נמצא זה פוטר ממונו בממונו של כהן?** האט רב חנניא געזאגט צו רבה עס איז פאראן א ברייתא וואס וועט זיין א הילף צו דיר דען מיר האבען געלערנט אז די ספיקות קענען אויך אריינגעהן אין דער קאמער צו ווערען גע'מעשר'ט, ווייטער איז באשיידט אז די ספיקות מיינט א ספק פטר חמור, א ספק ערשטלינג פון אן עזעל וואס דארף אויסגעלייזט ווערען אויף א לאם צו ארויסציען דעם איסור, און דעם לאם קען ער האלטען פאר זיך, און ניט אוועקגעבען צום כהן לויט'ן דין המוציא מחבירו, ווייל דער כהן דארף ברענגען באווייזע, אז אזוינע ספיקות דארף מען מעשר'ן, און אויב עס זאל ארויף אויפ'ן געדאנק אז תקפו כהן איז פארפאלען ווארום זאלען זיי קענען אריינגעהן צום מעשר'ן, עס וועט דאך אויסקומען אז דער ישראל זאל פטר'ן זיין געלד מיט'ן געלד פונ'ם כהן, נאר מוז זיין א תקפו מוציאין אותו מידו, האסטו א ראיה צו דיינע רייד. **אמר ליה אביי אי משום הא לא תסייעיה למר, הכא במאי עסקינן? כגון דלית ליה אלא תשעה והוא, דמה נפשך, אי בר חיובא הוא שפיר קא מעשר, אי לאו בר חיובא הוא, תשעה לאו בר עשורי נינהו,** האט אביי צו אים געזאגט אויב צוליב דעם ברענגסטו די ברייתא, וועט עס ניט באווייזען צו רבה ווייל מען קען אפווענדען אז דא שמועסט וואו דער ישראל האט ניט צום מעשר נאר ניין שעפסען, און דעם שעפס וואס פארבייט דעם ספק פטר חמור, איז דאך מה נפשך, איז דער אונטערן חיוב מעשר, האט ער דאך גוט גע'מעשר'ט, איז ער ווידער קיין חיוב ניט, בלייבט אים דאך צום מעשר'ן נאר ניין שעפסען, און ניין זיינען ניט פעהיג צום מעשר'ן. **הדר אמר אביי לאו מלתא היא דאמרי, דספיקא לאו בר עשורי היא, דתנן קפץ אחד מן המנויין לתוכן כולן פטורין, ואי סלקא דעתך ספיקא בעי עשורי, לעשר ממה נפשך, דאי בר חיובא הוא שפיר מעשר, ואי לאו בר חיובא הוא נפטר במנין הראוי, דאמר רבא מנין הראוי פוטר,** נאכהער האט אביי געזאגט עס איז אבער ניט אזוי וואס איך האב געזאגט, דען א ספק איז ניט צום מעשר'ן דען מיר האבען געלערנט אין א משנה אז איין שעפסעל פון די שוין געצעהלטע האט אריינגעשפרונגען צוריק צו די נאך ניט געציילטע און זיך אויסגעמישט זיינען אלע פטור פון מעשר'ן, און אויב עס זאל ארויף אויפ'ן געדאנק אז א ספק איז נאך צום מעשר'ן קען ער דאך מעשר'ן מה נפשך, איז ער א בר חיובא צו מעשר'ן אויך א ספק, מעשר'ט ער דאך ריכטיג, איז ער ניט קיין בר חיובא, ווערט ער דאך מיט'ן צעהלען פטור פון א ווייטערען מנין מיט אנדערע שאף, דען רבא האט דאך געזאגט אז מנין הראוי פטר'ט, דהיינו אז ער האט געהאט צעהן שאף און אנגעציילט פון זיי פינף, און איינס פון די ניט געציילטע איז געשטארבען, איז דער דין אז די שוין געציילטע זיינען פטור, און די נאך ניט געציילטע ווערען צוגענומען צו א נייע סטאדע שפעטער וואס וועט אים צוקומען צו א פרישען מעשר, אבער די שוין געציילטע זיינען פטור פון א ניי אנגעברייטען מנין וואס איז ראוי צו זיין שפעטער, דאס לערנט מען ארויס פון אשר יעבור תחת השבט, וואס וועט אדורכגעהן אונטער דער רוט, אבער ניט וואס איז שוין לאנג דורך אונטער

רוט, די לאזט מען שוין מעהר ניט דורך נאך אמאהל, און אז פון די שוין געצעהלטע האט זיך פארמישט מיט די ניט געצעהלטע זיינען זיי דאך אלע אין דעם ספק. (דף ז' ע"א) **אלא מאי אית לך למימר? עשירי ודאי אמר רחמנא ולא עשירי ספק, הכא נמי עשירי ודאי אמר רחמנא ולא עשירי ספק,** נאר וואס דען איז דערביי צו זאגען ווארום מען האט ניט מחייב געווען צו מעשר'ן ממה נפשך? מוזטו דאך זאגען א זיכערע צעהנטע האט די תורה געזאגט, ניט קיין ספק, אי וואס ער זאגט אויבען נכנסין לדיר? דאס איז צוליב עס איז אן אנדער סארט ספק ווי שוין אויבען פאראויס געזאגט. **אמר ליה רב אחא מדפתי לרבינא מאי ספיקות?** ..**אילימא ספק בכורות, יהיה קדש אמר רחמנא ולא שכבר קדוש? אלא ספק פדיון פטר חמור וכדרב נחמן דאמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה ישראל שיש לו עשרה ספק פטרי חמור בתוך ביתו מפריש עליהן עשרה שיין ומעשרן והן שלו.** האט רב אחא פון דפתי געזאגט צו רבינא וואס פאר א ספיקות מיינט מען אויבען זאל איך זאגען איינפאך ספק בכורות, זאגט דאך די תורה ביי מעשר ער זאל זיין הייליג, ניט וואו ער איז שוין פון לאנג הייליג, ווען אפילו מטעם ספק? נאר עס מיינט ספק פדיון פטר חמור, און אזוי ווי רב נחמן האט געזאגט פון רבה בר אבוה ווענען, אז א ישראל האט צעהן ספק פטרי חמור ביי זיך, שיידט ער אפ צעהן שעפסען אויף זיי, און ער מעשר'ט זיי און זיי זייגען זיין אט אזא מין ספק קען ער מעשר'ן, **מאי הוי עלה דמסותא? תא שמע דאמר ר' חייא בר אבין הוה עובדא בי רב חסדא ורב חסדא בי רב הונא ופשטו מהא דרב נחמן כל ממון שאין יכול להוציאו בדיינין הקדישו אינו קדוש,** ווי בלייבט דער דין ביי דער מסותא? קום איך וועל דיר פושט זיין דען ר' חייא בר אבין האט געזאגט עס האט פאסירט וואס די זאך איז פארגעקומען פאר רב חסדא, און רב חסדא האט עס פארגעבראכט פאר רב הונא, און ער האט עס פושט געווען פון דער זאך פון רב נחמן, אז יעדעס געלד וואס מען קען ניט ארויסציהען מיט'ן בית־דין, אז ער איז מקדיש עס, איז עס ניט קודש, און באלד פרעגט די גמרא איבער **היך יכול להוציאו בדיינין הקדישו קדוש אף על גב דלא אפקיה, והאמר ר' יוחנן גזל ולא נתייאשו הבעלים שניהם אינם יכולים להקדישו, זה לפי שאינה שלו, וזה לפי שאינה ברשותו.** אבער אזא געלד וואס מען קען יא ארויסקריגען מיט'ן בית דין, אז מען איז מקדיש, איז עס יא קודש כאטש ער האט עס נאך ניט געהאט געקראגען, ר' יוחנן האט דאך געזאגט אז גזל וועלכע די בעלים האבען זיך נאך ניט געהאט מייאש געווען דערפון, און האבען עס נאך ניט געהאלטען פאר פארפאלען, קענען ביידע סיי דער גזלן סיי דער נגזל ניט מקדיש זיין. דער גזלן ניט ווייל עס איז ניט זיין און דער נגזל ניט ווייל עס איז ניט אין זיין רשות, זעהסט דאך גוט אז אפילו ווען ער קען ארויסקריגען מיט'ן בית דין, קען ער אויך ניט מקדיש זיין ווייל ער האט עס ניט אין באזיץ? אזוי אויך דא ביי דער מסותא האט ער אלענפאלס ניט געקענט מקדיש זיין, צו ער וואלט קענען ארויסציהען מיט'ן בית דין צו ניט. ווענדט די גמרא **אף מי סברת במסותא מטלטלין עסקינן, במסותא מקרקעי עסקינן, דכי יכול להוציאה בדיינין ברשותיה**

קיימא, מען מוז דאָ איינזעצען וואו ער קען איינמאָנען מיט'ן בית דין, ווייל מיינסטו דען אַז דאָ שמועסט א מסותא וואָס איז מטלטלין, עס שמועסט דאָך א מסותא וואָס איז קרקע, און ביי קרקע וויבאלד ער קען עס ארויסציהען מיט'ן בית דין הייסט עס שוין אין זיין רשות. **תני רב תחליפא בר מערבא קמיה דר' אבהו שנים אדוקין בטלית זה נוטל עד מקום שידו מגעת וזה נוטל עד מקום שידו מגעת, והשאר חולקין בשוה, מחוי ליה ר' אבהו ובשבועה**, רב תחליפא פון ארץ ישראל האָט געלערנט פאַר ר' אבהו אזא ברייתא אַז צוויי האלטען זיך אָן א טלית וועלכען זיי האָבען געפונען, וואו יעדער טענה'ט אַז די מציאה איז זיין, איז דער דין יעדער נעמט ביז'ן פלאַץ וואו זיין האנד גרייכט, און מיט די איבעריגע צוטיילען זיי זיך אויף גלייך. האָט אויף דעם ר' אבהו צוגעוואונקען און מיט א שבועה, צייגענדיג מיט'ן פינגער צום הימעל, לויט דער ברייתא איז דאָך צו פרעגען **אלא מתניתין דקתני דפלגי בהדדי ולא קתני זה נוטל עד מקום שידו מגעת היכי משכחת לה ? אמר רב פפא דתפיסי בכרכשתא**, אָבער אונזער משנה וואָס לערנט אַז זיי צוטיילען זיך, און לערנט ניט וועגען מקום עד שידו מגעת, ווי איז דאָס מעגליך, יעדער פון זיי זאָל קענען האלטען און ניט האלטען די קלייד אליין, די ברייתא איז דאָך ווי א פירוש אויף דער משנה דאָ ? האָט רב פפא געזאָגט עס שמועסט וואו זיי האלטען ביי די טראלזען, אַזוינע פראנזען, איןביידע עקען זיינען פון א טיש־טוך, וואו זיין הויפט ווערט ליגט אין דעם וואָס זי האָט די טראָלזען, הייסט עס ווי יעדער האלט די גאנצע העלפט כאָטש ער האלט נאָר ביי די פראנזען. **אמר רב משרשיא שמע מינה האי סודרא כיון דתפיס ביה שלש על שלש קרינן ביה ונתן לרעיהו, דכמאן דפסיק דמי וקני**, האָט רב משרשיא געזאָגט פונדאנען איז געדרונגען אַז א מלבוש אָדער ווארע פאַר דעם, וויבאלד אז איינער האלט אין אים די גרויס פון דריי אויף דריי פינגער וואָס איז חשוב אלס בגד, הייסט עס ריכטיג צו אים אלס נתינה און עס הייסט ווי אָפּגעהאקט, און עס איז גילטיג אַלס חליפין צו קענען קונה זיין דערמיט יענעמס זאכען. פרעגט די גמרא **ומאי שנא מדרב חסדא דאמר רב חסדא גט בידה ומשיחה בידו, אם יכול לנתקו ולהביאו אצלו אינה מגורשת, ואם לאו מגורשת ? התם כריתות בעינן וליכא, הכא נתינה בעינן והא איכא**, ווארום זאָל דאָ אנדערש זיין פון דער זאך ביי רב חסדא, דען ער האָט דאָך געזאָגט אז איינער געבענדיג זיין פרוי א גט, וואו דער גט איז אין דער פרוי'ס האנד, נאָר א שנור ציהט זיך פונ'ם גט צו אים אין דער האנד, איז דער דין, אויב מיט'ן שנור קען ער צושלעפען און ברייגען דעם גט צו זיך, איז זי ניט גע'גט און אויב ניט איז זי יאָ גע'גט ,ווערהענד דאָ זאָגט ער אַז עס הייסט ווי אָפּגעהאקט ? ענטפערט די גמרא דאָרט ביים גט איז אנדערש ווייל מיר דארפען האָבען עס זאָל הייסען כריתות וואָס מיינט גענצליך איבערגעהאקט, און דאָס איז דאָך ניט. (כריתות איז דאָ געדאָפּעלט דער דריטער אות פאַר שטארקייט, עס זאָל באדייטען גענצליכע איבערשניידונג) אָבער דאָ אַלס חליפין דארף נאָר זיין נתינה און דאָס איז דאָך דאָ. **אמר רבא אם היתה טלית מוזהבת חולקין, פשיטא ? לא צריכא דקאי דהבא בי מצעי, הא נמי פשיטא ? לא צריכא**

דמיקרב לגבי דחד מהו דתימא דאמר ליה פלוג הכי, קא משמע לן דאמר ליה מאי חזית דפלגת הכי פלוג הכי, האָט רבא געזאָגט אויב דער טלית איז געווען מיט א גאָלד מיטעלשטיק, טיילען זיי זיך אויך מיט'ן גאָלד. פרעגט די גמרא עס איז דאָך געוויס אַזוי? ענטפערט די גמרא עס איז ניט געדארפט צו לאָזען הערען, נאָר וואו די גאָלד איז אין דער מיטען, אַז אויב אין דער מיטען צוטיילען זיי זיך, און באלד פרעגט ער איבער, דאָס איז דאָך אויך אַ געוויס? ענטפערט די גמרא עס איז ניט געדארפט צו לאָזען הערען נאָר דארט וואו די גאָלד איז נאָהענטער צו איינעם, אין אזא פאל וואָלט איך מיינען צו זאָגען, אַז דער וואָס צו אים איז די גאָלד נאָהענטער קען צום אנדערען זאָגען צוטייל אַזוי ווי עס איז, מיט דער גאָלד צו מיין זייט, לאָזט ער אונז הערען אַז ער קען צו אים זאָגען וואָס זעהסטו צו צוטיילען אַזוי, צוטייל אַזוי: תנו רבנן שנים אדוקין בשטר, מלוה אומר שלי הוא ונפל ממני ומצאתיו, ולוה אמר שלך הוא ופרעתיו לך, יתקיים השטר בחותמיו דברי רבי, רבן שמעון בן גמליאל אומר יחלוקו, נפל ליד דיין לא יוציאו עולמית. ר' יוסי אומר הרי הוא בחזקתו. די רבנן האָבען געלערנט אז דער מלוה און לוה האלטענדיג א שטר דער מלוה זאָגט דער שטר איז מיין, ער איז פון מיר ארונטערגעפאלען און איך האָב אים צוריקגעפונען, און דער לוה זאָגט, ער איז טאקע דיין, נאָר איך האָב אים שוין דיר אָפּגעצאָהלט נאָר ער איז ארונטערגעפאלען פון מיר און יעצט האָבען מיר איםביידע געפונען, איז דער דין אַז פאַר אלעם דארף דער שטר ווערען באשטעטיגט פון די עדות ביים בית דין, אַזוי האלט רבי, רבן שמעון בן גמליאל זאָגט אז זיי דארפען זיך צוטיילען, איז דער שטר אריינגעפאלען צום דיין, קען מען אים שוין מעהר ניט אַרויס־ציהען. ר' יוסי זאָגט אַז דער שטר איז נאָך אַלץ אין זיין חזקה. אמר מר יתקיים השטר בחותמיו, וגבי ליה מלוה כוליה? ולית ליה מתניתין שנים אוחזין כו'? אמר רבא אמר רב־נחמן במקוים דברי הכל יחלוקו, כי פליגי בשאינו מקויים, רבי סבר מודה בשטר שכתבו צריך לקיימו, ואי מקיים ליה פליג ואי לא מקיים ליה, לא פליג מאי טעמא חספא בעלמא הוא, מאן קא משוי ליה להאי שטרא? לוה, קא קאמר דפריע. ערשט זאָגט ער אַז מען זאָל מקיים זיין דעם שטר מיט די חתימות פון די עדות, קומט דאָך אויס אַז דער מלוה זאָל גובה זיין דעם גאנצען חוב, ווי קען דאָס זיין? האלט ער דען ניט די פּראָצעדור פון אונזער משנה וועגען צוטיילען? האָט רבא געזאָגט פון רב נחמן וועגען, אז דער שטר איז שוין מקויים דורך די עדות ביים בית דין אויף גובה צו זיין, און אין דעם צושטאנד האָבען זיי אים געפונען. האלטען אלע צוטיילען, ווייסטו וואו זיי קריגען? וואו דער שטר איז נאָך ניט מקויים, רבי האלט אז א שטר אנערקענט פונ'ם לוה, מוז נאָך אַלץ אָנקומען צום בית דין פאַר באשטעטיגונג, און אויב ער ווערט באשטעטיגט, ווערט ער צוטיילט, און אויב ער ווערט ניט באשטעטיגט, ווערט ער ניט צו־טיילט. וואָס איז דער טעם? ווייל ער הייסט שוין ניט מעהר ווי א שארבעלע, דען ווער מאכט דען צורעכט דעם שטר? דער לוה, און ער זאָגט דאָך, ער איז שוין באצאָהלט. ורבן שמעון בן גמליאל סבר מודה בשטר שכתבו, אין

**צריך לקיימו) ואף על גב דלא מקיים ליה יחלוקו.** און רבן שמעון בן גמליאל האלט אַז מודה בשטר, דאַרף ניט ערשט ווערען באַשטעטיגט, און כאָטש מען באַשטעטיגט אים ניט ביים בית דין, איז דער דין אויך פאַר צוטיילען. **נפל ליד הדיין לא יוציאו עולמית (דף ז' ע"ב) מאי שנא דיד דיין? אמר רבא הכי קאמר ואחר שמצא שטר שנפל ליד הדיין, והיכי דמי? דכתב ביה הנפק לא יוציאו עולמית,** אַז דער שטר איז אַנגעקומען צום דיין, דהיינו ער האָט אים געפונען, קען אים שוין קיינער ניט קריגען. איז דאָך די קשיא וואָס עפּעס איז דאָ אַן אונטערשייד פון דיין צו אַן אנדערען? האָט רבא געזאָגט אַזוי מיינט ער צו זאָגען אַז אויב אַן אנדערער האָט געפונען דעם שטר וועלכער איז דאָס אַנגעקומען צום דיין, און וואָס מיינט אַנגעקומען צום דיין? עס מיינט אזא שטר וואו עס שטעהט שוין אין אים דער הנפק, א באַשטעטיגונג דורך עדות פונ'ם בית דין, אזא שטר ווערט שוין ניט אַרויסגעגעבען ניט צום מלוה און ניט צום לוה, סיידען עדות באַשטעטיגען פון וועמען דער שטר איז פאַר־לוירען געגאַנגען, **לא מיבעיא לא כתוב ביה הנפק, דאיכא למימר כתב ללות ולא לוה, אלא אפילו כתב ביה הנפק דמקוים לא יחזיר דחיישינן לפירעון, ור' יוסי אומר הרי הוא בחזקתו ולא חיישינן לפירעון.** און עס איז קיין פראַגע ניט אויב אין שטר איז ניט פאראַן קיין הנפק, דער זיכער ווערט ניט אַרויסגעגעבען ווייל מען קען זאָגען ער איז בלויז געשריבען צום לייען אָבער ער האָט ניט געליהען, נאָר אפילו ווען עס איז יאָ אין אים א הנפק אלס באַשטעטיגט זאָל ער אויך ניט אים צוריקגעבען, ווייל עס איז צו באַזאָרגען דאָס פיליכט איז ער שוין באַצאָהלט. און ר' יוסי זאָגט דער שטר איז נאָך אַלץ אין זיין חזקה און מיר באַזאָרגען ניט פאַר שוין באַצאָהלט. פרעגט די גמרא **ולא חייש ר' יוסי לפירעון והתניא מצא שטר כתובה בשוק בזמן שהבעל מודה יחזיר לאשה, אין הבעל מודה לא יחזיר לא לזה ולא לזה,** און דו זאָגסט אַז ר' יוסי באַזאָרגט ניט וועגען פירעון, מיר האָבען דאָך געלערנט אַז איינער האָט געפונען א שטר כתובה אין דער גאַס, אַז דער מאַן איז מודה אויף דער כתובה, זאָל ער צוריקגעבען דעם שטר צו דער פרוי, איז דער מאַן ניט מודה, זאָל ער ניט צוריקגעבען ניט צום מאַן ניט צו דער פרוי, **ר' יוסי אומר עודה תחת בעלה יחזור לאשה נתארמלה או נתגרשה לא יחזור לא לזה ולא לזה,** ר' יוסי זאָגט איז זי נאָך אונטערן מאַן זאָל ער צוריקגעבען דעם שטר כתובה צו דער פרוי, איז זי אַן אלמנה אָדער גע'גט געוואָרען, זאָל ער ניט צוריקגעבען ניט צו דעם, און ניט צו דעם, זעהסט דאָך גוט אַז ר' יוסי באַזאָרגט יאָ אויף פירעון? ענטפערט די גמרא **איפוך נפל ליד דיין לא יוציאו עולמית דברי ר' יוסי, וחכמים אומרים הרי הוא בחזקתו, אי הכי קשיא דרבנן אדרבנן?** קעהר איבער דעם טעקסט פון דער ברייתא אויבען אַז לא יוציאו עולמית האלט ר' יוסי און די חכמים האַלטען אַז דער שטר איז נאָך אין זיין חזקה, און באלד פרעגט די גמרא איבער אויב אַזוי איז דאָך א קשיא פון די חכמים אויף די חכמים, דען אין דער צווייטער ברייתא אויבען זאָגט דאָך דער ערשטער תנא וואָס מיינט די חכמים אַז אין צייט ווען דער מאַן איז ניט מודה, גיט מען ניט אַרויס דעם שטר ניט צו דעם און ניט

צו דעם, איז דאָך דער שטר ניט אין דער חזקה? ענטפערט די גמרא **שטר כתובה כולה ר׳ יוסי וחסורי מחסרא והכי קתני אין הבעל מודה לא יחזיר לא לזה ולא לזה במה דברים אמורים שנתארמלה או שנתגרשה אבל עודה תחת בעלה יחזיר לאשה, שר׳ יוסי אומר עודה תחת בעלה יחזיר לאשה, נתארמלה או שנתגרשה לא יחזיר לא לזה ולא לזה.** די ברייתא וועגן שטר כתובה קומט אינגאנצען ווי ר׳ יוסי נאָר עס פעלט דאָ א פאַל אינ׳ם טעקסט, און אַזוי איז געמיינט צו לערנען, איז דער מאַן ניט מודה, גיט מען ניט צוריק ניט צו דעם און ניט צו דעם, ווען זיינען די רייד געזאָגט? אַז זי איז געוואָרען אן אלמנה אָדער ערהאלטען פון אים א גט, אָבער אַז זי איז נאָך אונטערן מאַן, זאָל ער צוריקגעבען דעם שטר כתובה צו דער פרוי, ווייל ר׳ יוסי זאָגט אז זי איז נאָך אונטערן מאַן, גיט מען צוריק דעם שטר כתובה צו דער פרוי, אָבער אַלס אלמנה אָדער גרושה גיט מען ניט דעם שטר כתובה, ניט צו אים און ניט צו איהר. **רב פפא אמר לעולם לא תיפוך, ר׳ יוסי לדבריהם דרבנן קאמר להו, לדידי אפילו נתארמלה או נתגרשה נמי לא חיישינן לפירעון, לדידכו אודו לי מיהת בעודה תחת בעלה דיחזיר לאשה דלאו בת פירעון היא, ואמרו ליה רבנן אימור צררי אתפסה,** רב פפא זאָגט לעולם זאָגען מיר אַז זאָלסט ניט איבערקערען דעם טעקסט אויבען ביי דער ערשטער ברייתא, אַי וועט דאָך שווער זיין פון דער צווייטער ברייתא וואו ר׳ יוסי באַזאָרגט יאָ טאָמער איז באַצאָהלט שוין דער שטר? איז דער ענטפער אַז ר׳ יוסי זאָגט עס צו די רבנן לויט זייער סברה. נאָך מיין סברה נאָך איז אַז אַפילו אלס אלמנה אָדער גרושה, באַזאָרגען מיר אויך ניט וועגען פירעון ווייל א באַצאָהלטען שטר צורייסט מען באלד, נאָר נאָך אייך נאָך, זייט מיר וועניגסטענס מודה ווערענד זי איז נאָך אונטערן מאַן, אז דאמאָלט זיכער מען גיט צוריק דעם שטר צו דער פרוי, דען סייווי איז זי נאָך ניט ראוי צו קריגען באַצאָהלט, און די רבנן האָבען אויף דעם געענטפערט אַז מיר קענען זאָגען, אַז עס קען זיין א טענה וואו דער מאַן זאָגט מיין בינטעל מיט געלד האָב איך איהר געמאכט צו האלטען אלס א גאַרנטי פאַר דער כתובה, אום זי זאָל ניט דאַרפען אָנקומען שפּעטער צו די יורשים אין א פאַל וואו זי ווערט אן אלמנה. **רבינא אמר לעולם איפוך קמייתא וטעמא דרבנן הכא משום דחיישינן לשתי כתובות, ור׳ יוסי לשתי כתובות לא חייש,** רבינא זאָגט לעולם. זאָג איך יאָ צו איבערקערען די ערשטע, אַי איז דאָך שווער פון די רבנן אויף די רבנן וועגען חזקת שטר? נאָר דער טעם פון די רבנן דאָ ביי שטר כתובה איז ניט ווייל מיר באַזאָרגען אויף פירעון, נאָר דער טעם איז טאָמער נאָכ׳ן פאַרלירען דעם שטר כתובה, האָט איר דער מאַן אָנגעשריבען אַן אנדער שטר כתובה, און ער זאָגט דאָס יעצט, דאָס מען זאָל איר דעם שטר ניט געבען, דעריבער זאָגען דאָס די חכמים מען זאָל ניט געבען דעם שטר כתובה ניט צו אים און ניט צו איהר, און ר׳ יוסי האָט פאַר צוויי כתובות ניט צו באַזאָרגען, **אמר ר׳ אלעזר מחלוקת בששניהם אדוקין בטופס ושניהם בתורף, אבל אחד אדוק בטופס ואחד אדוק בתורף, זה נוטל טופס וזה נוטל תורף, ור׳ יוחנן אמר לעולם חולקין,** האָט ר אלעזר געזאָגט דאָס וואָס

ר' שמעון בן גמליאל זאָגט יחלוקו, איז אין מחלוקת וואוביידע האלטען זיך ביים שטר סיי ביים טופס סיי ביים תורף (תורף מיינט דעם נוסח פון שטר מיט'ן דאטום, און תופס מיינט דעם רעשט לשון פון שטר און דעם ווידערהאָלטען נוסח צולעצט וואָס קומט שוין אָהן דעם דאטום, תורף איז מעהר פון תופס ווייל ער האָט אויך דעם דאטום מיט זיך, כאָטש דער תופס איז דער עיקר געגען דער סומע) אָבער אַז איינער האלט ביים תופס און איינער ביים תורף נעמט דער דעם תופס און דער דעם תורף, און ר' יוחנן זאָגט דאָס אימער טיילען זיי זיך. פרעגט די גמרא ואפילו אחד אדוק בטופס ואחד אדוק בתורף, והתניא זה נוטל עד שידו מגעת? און אפילו ווען איינער האלט זיך ביים טופס און איינער ביים תורף, זאָגסטו אויך אַז זיי טיילען זיך, ווי קען דאָס זיין? מיר האָבען דאָך געלערנט אַז דער נעמט ביז וואנען זיין האנד גרייכט און דער נעמט ביז וואנען זיין האנד גרייכט? ענטפערט די גמרא לא צריכא דקאי תורף בי מצעי, אי הכי מאי למימרא? לא צריכא דמקרב לגבי דחד מהו דתימא אמר ליה פלוג הכי, קא משמע לן דאמר ליה מאי חזית דפלגת הכי פלוג הכי, עס איז ניט געדאַרפט צו לאָזען הערען אַז אימער טיילען זיי זיך, נאָר אין א פאַל וואו דער תורף איז אין דער מיטען און ביידע זאָגען איינס, פרעגט די גמרא אויב אין דער מיטען, וואָס פאַר א נייעס קומט ער דאָ צו דערצעהלען? ענטפערט די גמרא עס איז ניט געדאַרפט צו לאָזען הערען, נאָר וואו דער תורף איז נאָהענטער צו איינעם, אין אַזאַ פאל וואָלט איך מיינען צו זאָגען אַז דער וואָס איז נאָהענטער צום תורף קען טענה'ן צוטייל אַזוי ווי עס איז יעצט, אַז דער תורף זאָל אָנקומען צו מיר? לאָזט ער אונז הערען אַז דער צווייטער קען זאָגען צו אים, וואָס זעהסטו דאָ איין צו צוטיילען אַזוי, טייל אַזוי גלייך אויף גלייך. אמר ליה רב אחא מדפתי לרבינא לר' אלעזר דאמר זה נוטל תופס וזה נוטל תורף, למה ליה, וכי לצור על פי צלוחיתו הוא צריך? אמר ליה לדמי, דאמר הכי, שטרא דאית ביה זמן כמה שוה, ודלית ביה זמן כמה שוי. האָט רב אחא פון דיפתי געזאָגט צו רבינא, נאָך ר' אלעזר נאָך וואָס זאָגט אַז דער נעמט דעם טופס און דער דעם תורף, צו וואָס טויג דאָס פאַר אים? דאַרף ער דען דאָס שטיקעל פאַפיר אויף צו פאַרשטאָפּען א גלאָז? האָט ער צו אים געזאָגט דאָס איז טאקע געגען געלד דען ער זאָגט אַזוי צו אים, א שטר מיט'ן דאטום וואָס האָט די ווערט, און א שטר אָהן דעם דאַטום וואָס האָט די ווערט? שטרא דאית ביה זמן גבי ממשעבדי, ואידך לא גבי ממשעבדי, יהיב ליה היאך דביני ביני, און א שטר וואו עס איז פאַראַן דער דאטום, איז מען גובה פונ'ם לוה'ס פעלדער ווען אַפילו זיי זיינען דערווייל פאַרקויפט געוואָרען, ווייל פון דעם דאטום אָן, זיינען זיי שוין משועבד פאַר'ן חוב, אָבער דער אנדערער אָהנ'ם דאטום קען ניט גובה זיין פון משעבדי, גיט דעריבער יענער דעם אונטערשייד צום האלטער פון תורף וואָס האָט מעהר די ווערט ויחלוקו נמי דאמרין לדמי, דאי לא תימא הכי, שנים אוחזין בטלית הכי נמי דפלגי? הא אפסדוה? הא לא קשיא ( דף ח' ע"א) דחזיא לקטנים, און דעם ויחלוקו וואָס מיר זאָגען אויך אין דער ברייתא ביים שטר איז געמיינט קעגען דעם געלד־ווערט פונ'ם שטר וויפיל

יעמאנד וואלט געבען פאר אים, ווארים אז דו וועסט אזוי ניט זאגען, נאר דו וועסט זאגען וויפיל די סומע איז אין שטר, מיט דעם צוטיילען זיי זיך גלייך אויף גלייך, וועסטו דאך ביים טלית אויך מוזען זאגען, מען זאל אים צו צוטיילען, און ווי קען דאס אזוי זיין, מען וועט דאך איבערפירען דעם טלית דערמיט? נאר מוז זיין מען טיילט זיין ווערט, ווענדט די גמרא אפ דאס וואלט קיין קשיא ניט זיין, ווייל די העלפטען וואלטען ראוי זיין פאר קליינע קינדער, און באלד פרעגט די גמרא איבער **והא דאמר רבא אם היתה טלית מוזהבת חולקין הכי נמי דפלגי לה הא אפסדוה? הא לא קשיא דחזיא לבני מלכים,** און דאס וואס רבא האט געזאגט אז אויב דער טלית איז געוועז דורכגעוועבט מיט גאלד פעדים, טיילען זיי זיך, וועסטו דען אויך זאגען אז די טיילונג איז איינפאך, מען וועט דאך דערמיט איבערפירען די ווארע, און דאס איז דאך שוין זיכער ניט ראוי אפילו פאר קטנים? ווענדט די גמרא אפ, דאס קען נאך אלץ ראוי זיין פאר קטנים פון די בני מלכים, פרעגט די גמרא **והא דתנן היו שנים רוכבין על גבי בהמה וכו׳ הכי נמי דפלגי לה, הא אפסדוה? בשלמא טהורה חזיא לבשר אלא טמאה הא אפסדוה? אלא לדמי, הכא נמי לדמי,** און דאס וואס מיר האבען געלערנט אין דער משנה וואו צוויי האבען געריטען אויף א בהמה אדער איינער האט געריטען און דער צווייטער האט איהר געפירט, דער זאגט די בהמה איז זיין און דער זאגט די בהמה איז זיין, דארפען זיי זיך טיילען, וועסטו דען אויך אזוי זאגען איינפאכע טיילונג, מען וועט דאך איהר ענטווערטען? אנדערש ווען די בהמה וואלט זיין ווייניגסטענס פון די כשר׳ע בהמות, וואלט זי כאטש ראוי זיין פאר׳ן פלייש, אבער אלס בהמה טמאה, וואלט ער דאך איהר ענטווערטען? נאר מוז זיין אז דאס טיילען איז וואס אנבעלאנגט דעם געלד־ווערט, אזוי אויך דא. **אמר רמי בר חמא זאת אומרת המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, דאי סלקא דעתך לא קנה חבירו, תיעשה זו כמי שמונחת על גבי קרקע, וזו כמי שמונחת על גב קרקע, ולא יקנה לא לזה ולא לזה? אלא ודאי שמע מינה המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו,** האט רמי בר חמא געזאגט די משנה דא וועגען שנים רוכבין על גבי בהמה, מאכט צו דרינגען אז איינער הויבט אויף א מציאה פאר יענעמס וועגען האט יענער קונה געוועזן, דען אויב עס׳ זאל ארויף אויפ׳ן געדאנק אז יענער איז ניט קונה, זאל די מציאה פון דעם זיין, ווי גלייך זי וואלט נאך ליגען אויף דער ערד און די מציאה פון דעם, ווי גלייך זי וואלט נאך ליגען אויף דער ערד, דען מיט׳ן אויפהויבען א העלפט איז נאך די זאך ניט אין זיין באזיץ און עס זאל ניט קונה זיין, ניט דער און ניט דער? דאס רעכט זאל נאך בלייבען פאר אן אנדערען צו קונה זיין, נאר מוז זיין ניט אנדערש, אז עס דרינגט אויף המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, די גמרא וועט ווייטער פרעגען פון וועלכען פאל, רמי בר חמא דרינגט עס. **אמר רבא לעולם אימא לך המגביה מציאה לחבירו, לא קנה חבירו, והכא היינו טעמא, מגו דזכי לנפשיה זכי נמי לחבריה, תידע שאילו אמר לשלוחו צא וגנוב לי, וגנב, פטור, ושותפין שגנבו חייבין, מאי טעמא? לאו משום דאמרינן מגו דזכי לנפשיה זכי נמי לחבריה, שמע מינה...** האט רבא געזאגט צו

אפוועגדען, דאס לעולם זאג איך דיר אז מגביה מציאה לחבירו איז לא קנה חבירו, אי ווי אזוי מאכט דא איינער דעם אנדערן קונה זיין? נאר דא איז דער טעם פאראן, דאס מיט'ן כח וואס ער מאכט פאר זיך קונה זיין, מאכט ער שוין אויך קונה זיין פאר'ן חבר, דו קענסט דיר אויך דרינגען די סברה פון דעם, דען אויב איינער זאגט צו זיין שליח געה ארויס און גנב'ע פאר מיר, און ער איז געגאנגען און גע'גנב'עט, איז דער שיקער פטור, און אויב אלס שותפין אז זיי האבען גע'גנב'עט, זיינען זיי ביידע חייב, וואס איז די סברה אז אלס שיקער זאל ער זיין פטור, און אלס שותף חייב? מוז זיין ניט אנדערש, נאר צוליב דעם ווייל מיר זאגען דאס מיט'ן כח וואס ער מאכט פאר זיך קונה, מאכט ער אויך קונה פאר יענעם, אבער אלס שליח וואו ער געהט בלויז פאר יענעם, איז יענער ניט קונה ווייל עס איז ניט פאראן קיין שליח צו אן עבירה, דען וועמען דארף מען גיכער הארכען? די תורה צו א מענשען וועלכער איז אויך מחויב צו הארכען די תורה. (די תורה וואס רעדט אין נאמען פון ג"ט זי איז דער רבי פון אלע אידען). **אמר רבא השתא דאמרת אמרינן מגו, חרש ופקח שהגביהו מציאה, מתוך שקנה חרש קנה פקח,** האט רבא געזאגט יעצט אז מיר זאגען שוין די סברה פון מגו, וויבאלד א טויב שטומער און א קלוגער האבען אויפגעהויבען א מציאה, צוליב דער חרש האט קונה געווען פאר זיך, צוליב'ן תיקון פון די חכמים פאר דרכי שלום, האט שוין אויך צוליב דעם קונה געווען דער קלוגער, פרעגט אויף דעם די גמרא **בשלמא חרש קנה דקא מגבה ליה בן דעת, אלא פקח במאי קנה? אלא אימא חרש קנה, פקח לא קנה, ומאי מגו? מגו דשני חרשין בעלמא קנו, האי נמי קני,** אנדערש דער חרש וואס איז קונה, ווייל דער בר דעת הויבט אויף פאר אים, אבער דער קלוגער מיט וואס א כח קען ער קונה זיין מיט'ן אויפהויבען פונ'ם חרש, ער אליין איז דאך בלויז קונה צוליב תקנת חכמים? די סברה איז דא געבויט ווי אזוי די לאגיק ארבעט דא ביי צוויי שותפין וואו קיין איינער האלט ניט די גאנצע זאך, מיט וואס א כח יעדער איינער קען קונה זיין, אז אן אנדערער זאל עס ניט קענען ארויסרייסען פון זיי גלייך פון הפקר, צי צוליב המגביה לחבירו, קנה חבירו, צי צוליב מגו דזכי לנפשיה זכה נמי לחבריה, אז דא איז אבער א חרש וואס איז נאר קונה צוליב דרכי שלום, ניט ווייל די קניה איז א רעכטע קניה, ווי אזוי קען ער מאכען זוכה זיין צו א קלוגען? נאר זאג אזוי אז דער חרש האט טאקע קונה געווען מיט'ן אויפהויבען פונ'ם קלוגען, אבער דער קלוגער האט ניט געקענט זוכה זיין מיט'ן אויפהייבען פונ'ם חרש, אי וואס א מגו איז דא פאראן? עס איז פאראן א מגו פון צוויי חרשין, ווייל ער איז קונה פאר זיך צוליב דרכי שלום, איז ער אויך שוין מקנה צום צווייטען חרש, און אזוי איז ער אויך שוין מקנה צו א קלוגען. פרעגט די גמרא **האי מאי? אם תמצי לומר המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, הני מילי? היכא דקא מגבה ליה אדעתא דחבריה, האי אדעתא דידיה קא מגבה ליה, איהו לא קני לאחריני מקני?** וואס פאר א פארגלייך איז דא, ווען אפילו דו זאלסט שוין זאגען מגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, איז ווען זיינען די רייד געזאגט? וואו ער הויבט אויף מיט דער דעה פון חבר, אבער דער פקח

דא הויבט אויף מיט זיין אייגענער דעה, זאל איך גאר זאגען אז ער אליין איז ניט קונה, און צו אנדערע מאכען קונה זיין יא? **אלא אימא מתוך שלא קנה פקח לא קנה חרש, וכי תימא מאי שנא משני חרשין בעלמא? התם תקינו להו רבנן דלא אתו לאנצויי, הכא מימר אמר פקח לא קני אנא אקני?** נאר זאג אזוי צוליב דער פקח איז ניט קונה, איז שוין אויך ניט קונה דער חרש, אי דו ווערסט פרעגען וואס איז ער אנדערש פון די צוויי חרשין? דארט האבען די רבנן מתקן געווען עס זאל ניט קומען צו א קריג, אבער דא וועט דער חרש זאגען און וויסען ביי זיך, דער פיקח איז ניט קונה אלס פקח, זאל איך גאר קענען קונה זיין? **אמר ליה רב אחא בריה דרב אדא לרב אשי דיוקית דרמי בר חמא מהיכא? אי נימא מרישא שנים אוחזין בטלית, התם האי קאמר כולה שלי, ואנא אגבהתה כולה, והאי אמר כולה שלי ואנא אגבהתה כולה.** האט רב אחא דער זוהן פון רב אדא געזאגט צו רב אשי, דער גערדאנג פון רמי בר חמא, אז המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, פון וועלכען פאל אין דער משנה דרינגט ער דאס ארויס? זאלען מיר זאגען פון דער רישא שנים אוחזין בטלית, דארט זאגט דאך יעדער אז אינגאנצען איז מיינס און אינגאנצען האב איך עס אויפגעהויבען, לייקענען דאךביידע איינער דעם אנדערענס אויפהויבען, צייגט דאך יעדער פון זיי דערמיט ארויס, אז ער הויבט עס ניט אויף פאר יענעם נאר פאר זיך, הייגט ווי קענסטו דרינגען וועגען מגביה מציאה לחבירו קנה חבירו? **אלא מהא דקתני זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי, הא תו למה לי? אלא ממשנה יתירה שמע מינה המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו...** נאר פון דער זאך איז עס גע־דרונגען, דען אז ער לערנט שוין, דער זאגט כולה שלי און דער זאגט כולה שלי, וואס נאך איז געדארפט צו לערנען אני מצאתיה? נאר מוז זיין אז פון דער איבעריגער משנה איז דאס גערדונגען אז מגביה מציאה לחבירו איז קנה חבירו, ווייל ביידע זאגענדיג אני מצאתיה מאכט זייער אויפהויבען דעם גאנצען קנין, ווייל מגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, פרעגט די גמרא **והא אקימנא רישא במציאה וסיפה במקח וממכר? אלא מסיפא זה אומר כולה שלי וזה אומר חציה שלי הא תו למה לי? אלא ממשנה יתירה שמע מינה המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו,** מיר האבען דאך איבען אייגעזעצט אז די רישא זה אומר אני מצאתיה שמועסט ביי מציאה און די סיפא כולה שלי שמועסט ביי מקח וממכר? נאר זאגט די גמרא פון דער סיפא דרינגט זיך דאס רמי בר חמא, דען ער זאגט נאך אפאל פון זה אומר כולה שלי און זה אומר חציה שלי, צו וואס איז דער פאל געדארפט? איך ווייס דאך שוין פון דער רישא אז אלע מאהל איז חלוקה ביי דער זאך וואס זיי האלטען און קריגען? נאר עס איז גערדונגען אז מגביה מציאה לחבירו קנה חבירו און דאס לאזט ער טאקע הערען, אניט וואלטען זיי ניט קונה זיין, ווייל א טיילווייזע קניה איז ניט גילטיג, און עס וואלט זיין ווי גלייך די מציאה זאל נאך ליגען אויף דער ערד. פרעגט די גמרא **וממאי דבמציאה דלמא במקח וממכר? וכי תימא אי במקח וממכר מאי למימרא?** פון וואנען קען מען וויסען אז דער פאל שמועסט ביי מציאה פיליכט שמועסט דער פאל ביי מקח וממכר? אי ווערסטו

אפשר זאָגען אויב ביי מקח און ממכר, וואָס לאָזט ער דערמיט הערען? איצטעריך, סלקא דעתך אמינא האי דקאמר חציה שלי להוי כמשיב אבידה וליפטר, קא משמע לן דהאי איערומי קא מערים סבר אי אמינא כולה שלי בעינא אשתבועי, אימא הכי דאהוי כמשיב אבידה ואיפטר, עס איז יאָ געדארפט, ווייל איך וואָלט מיינען צו זאָגען, אַז דאָס וואָס ער זאָגט חציה שלי, זאָל דער דערפאר פאַרעכענט ווערען ווי א משיב אבידה און פטור זיין פון א שבועה, לאָזט ער אונז הערען, אַז דאָס טוט ער א טריק, ער רעכענט אויב איך זאָל זאָגען כולה שלי, וועל איך דארפען שווערען, וועל איך בעסער זאָגען חציה שלי, איך זאָל פארעכענט זיין ווי א משיב אבידה און פטור זיין פון א שבועה. אלא מהא היו שנים רוכבין על גבי בהמה הא תו למה לי? אלא ממשנה יתירה שמע מינה המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, נאָר זאָגט די גמרא פון דאנען היו שנים רוכבין על גבי בהמה, צו וואָס איז דער פאל געדארפט? נאָר פון דער איבעריגער משנה איז דאָס געדרונגען. פרעגט די גמרא ודילמא הא קא משמע לן דרוכב נמי קני? אלא מסיפא בזמן שהן מודין או שיש להם עדים חולקין בלא שבועה. פיליכט מוז דער פאַל אויך שטעהן צו לאָזען הערען אַז דער רייטער איז אויך קונה, היינט פונוואנען קען ער דרינגען מגביה מציאה לחבירו קנה חבירו? נאָר פון דער סיפא איז דאָס געדרונגען, דען ער זאָגט אַז אין צייט ווען זיי זיינען מודה אָדער עס זיינען פאראן עדות, צוטיילען זיי זיך אָהן א שבועה, דאָס איז דאָך זיכער איבעריג. במאי? אי במקח וממכר, צריכא למימר? ..אלא לאו במציאה ושמע מינה המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, ביי וואָס קען דער פאַל שמועסען? זאָל איך זאָגען ביי מקח וממכר, איז דאָס געדארפט צו לאָזען הערען? נאָר מוז זיין ניט אנדערש אַז דער פאל שמועסט ביי מציאה, איז געדרונגען אז מגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, ורבא אמר לך מגו דזכי לנפשיה זכי נמי לחבריה, אַי איז דאָך א קשיא אויף רבא, עס איז דאָך פאראן אַן איבעריגע משנה צו לאָזען הערען דאָס? נאָר רבא קען דיר אַזוי ענטפערען אַז דאָס טאקע לאָזט הערען די משנה אַז פונדאנען דרינגט מען עס מגו דזכי לנפשיה זכי נמי לחבריה. דען קיינער פון זיי וויל ניט אַז א דריטער זאָל קענען פון זיי געזעצליך דאָס אַוועקכאפען, און דער צווייטער איז קונה צי צוליב מגביה מציאה לחבירו לויט רמי בר חמא? צי צוליב מגו דזכי לנפשיה לויט רבא, ניט מעהר רבא'ן געפעלט ניט די סברה פון מגביה לחבירו ווי די גמרא זאָגט ווייטער דף יו"ד: היו שנים רוכבין: אמר רב יוסף אמר לי רב יהודה (דף ח' ע"ב) שמעית מיניה דמר שמואל תרתי רכוב ומנהיג חד קני וחד לא קני, ולא ידענא הי מינייהו, האָב רב יוסף געזאָגט, רב יהודה האָט מיר געזאָגט מיט דעם לשון איך האָב געהערט פון מר שמואלביידע דינים וועגען רכוב און וועגען מנהיג, איינער האָט קונה געווען און איינער האָט ניט קונה געווען, נאָר איך ווייס ניט וועלכער פון זיי איז דאָס קונה. פרעגט די גמרא היכי דמי? אילימא רכוב לחודיה ומנהיג לחודיה, מנהיג לחודיה מי איכא מאן דאמר לא קני? ווי קען דאָ שמועסען? זאָל איך זאָגען אַז דאָ שמועסט וועגען רכוב אַליין אָדער מנהיג אליין, איז דאָך אָבער

צו פרעגען, וועגען מנהיג אליין, איז דען פאַראַן א מאן דאמר, ער איז ניט קונה עס איז דאָך די ריכטיגע משיכה, וואָס דען איז צו רב יהודה א פראַגע געווען? אלא אי איכא למימר דלא קני? רכוב הוא דאיכא למימר. אלא רכוב במקום מנהיג איבעיא ליה מאי, רכוב עדיף דהא תפוס בה, או דילמא מנהיג עדיף דאזלא מחמתיה? נאָר וויסטו וואו מען קען זאָגען ער איז ניט קונה? דאָס קען מען נאָר זאָגען ביי רכוב, נאָר וואו דער רכוב איז צוזאמען מיט'ן מנהיג איז איהם צו פראגע געווען ווי עס איז דער דין, צי רכוב איז בעסער ווייל ער האלט דאָך די בהמה, אָדער פילייכט איז דער מנהיג בעסער ווייל די בהמה געהט דאָך צוליב אים. אמר רב יוסף אמר לי רב יהודה נחזי אנן דתנן המנהיג סופג את הארבעים והיושב בקרון סופג את הארבעים. ר' מאיר פוטר את היושב בקרון, ומדאפיך שמואל ותני חכמים פוטרין את היושב בקרון, שמע מינה רכוב לחודיה לא קני וכל שכן רכוב במקום מנהיג. האָט רב יוסף געזאָגט רב יהודה האָט צו מיר געזאָגט לאָמיר זעהן לויט יענער משנה דען מיר האָבען געלערנט אַז איינער פיהרט צוויי מינים געשפאנט צו א וואָגען קריגט פיערציג מלקות פאר כלאים און דער וואָס זיצט אויפ'ן וואָגען קריגט פיערציג מלקות, ר' מאיר פטר'ט דעם וואָס זיצט אויפ'ן וואָגען (קרון מיינט א געדעקטע בויט אויף אַ וואָגען) און ווען איך זעה אַז שמואל קערט איבער די מחלוקת און לערנט דעם טעקסט דאָס די חכמים פטר'ן דעם יושב בקרון און ר' מאיר'ן אָלס דעם תנא קמא, איז דאָך געדרונגען אַז דער רכוב אליין איז ניט קונה מיט'ן רייטען, און געוויס ניט דאמאָלט ווען דער רכוב איז צוזאמען מיט'ן מנהיג ער פאַריכט אַזוי די גירסה, אום די משיכה זאָל זיין לויט די חכמים וואָס איז לויט דער הלכה, דען ר' מאיר איז דאָך א יחיד. אמר ליה אביי לרב יוסף הא זימנין סגיאין אמרת לן נחזי אנן ולא אמרת לן משמיה דרב יהודה? אמר ליה איברא ודכרינן נמי דאמרי ליה היכי פשוט מר רכוב מיושב? יושב לא תפיס במוסירה, רכוב תפיס במוסירה? ואמר לי רב ושמואל דאמרי תרווייהו מוסירה לא קני, האָט אביי געזאָגט צו רב יוסף א סך מאָהל האָסטו דאָך געזאָגט צו אונז די הלכה מיט'ן לשון נחזי אנן, און דו האָסט אונז דאָס ניט געזאָגט אין נאָמען פון רב יהודה? האָט רב יוסף צו אים געזאָגט אמת רב יהודה האָט עס טאקע געזאָגט צו אונז, און מיר געדענקען אויך אַז איך האָב צו אים געזאָגט ווי אַזוי איז עס דער האר פושט דעם רכוב פונ'ם יושב בקרון? דער יושב האלט דאָך ניט דעם צוים אין האנד אָבער דער רכוב האלט דאָך יאָ דעם צוים אין האנד? און ער האָט צו מיר געזאָגט דאָס רב און שמואל זאָגען אַז די מוסירה איז ניט קונה, איז עס דאָך ניט געווענדט אין דער מוסירה, זיינען דאָך דער רוכב און דער יושב ביידע גלייך. איכא דאמרי אמר ליה אביי לרב יוסף, היכי פשיט מר רכוב מיושב, יושב לא תפיס במוסירה, רכוב תפיס במוסירה? אמר ליה הכי תנא אידי מוסירה לא קני, טייל זאָגען אז אביי האָט אזוי געזאָגט צו רב יוסף, ווי אזוי קען דער האר פושט זיין רכוב פון יושב, א יושב האלט דאָך ניט דעם צוים, אָבער דער רוכב האלט דאָך דעם צוים מיט וואָס קונה צו זיין? האָט רב יוסף צו אים געזאָגט אזוי האָט

אידי געלערנט אז מוסירה איז ניט קונה, איז דאָך שוין ניט פאראן א זאך וואָס אונטערשיידט. **אתמר נמי אמר ר' חלבו אמר רב הונא מוסירה מחבירו קנה, במציאה ובנכסי הגר לא קני, מאי לשון מוסירה?** ..**אמר רבא אידי אסברא לי כאדם המוסר דבר לחבירו**, מיר האָבען אויך אַזוי געלערנט דאָס ר' חלבו האָט געזאָגט פון רב הונא וועגען, אַז מיט איבערגעבען א מוסירה איז מען קונה אלעס פון זיין חבר ביי מקח וממכר, ביי מציאה און פארמעגענס פון א גר נאָך זיין טויט, איז מען ניט קונה מיט א מוסירה, וואָס מיינט דער לשון מוסירה? האָט רבא געזאָגט אידי האָט מיר אויפגעקלערט, דאָס די זאך איז ווי גלייך מען גיט איבער א זאך איינער צום אַנדערען. **בשלמא מחבירו קני, דקא מסר ליה חבריה, אלא במציאה ובנכסי הגר מאן קא מסר ליה דליקני**, אנדערש ביי מקח וממכר וואו איינער גיט איבער צום אנדערען, איז רעכט וואָס יענער איז קונה, ווייל יעמאנד האָט דאָך איבערגעגעבען, אָבער ביי מציאה און נכסי הגר, ווער גיט אים איבער, ער זאָל קענען קונה זיין, זיי זיינען דאָך אָהן א בעל הבית. זאָגט די גמרא **מיתיבי היו שנים רוכבין על גבי בהמה וכו' מני? אילימא ר' מאיר, השתא יושב קני, רכוב מיבעיא? אלא לאו רבנן ושמע מינה רכוב קני?** איך וועל א קשיא פרעגען, אין דער היגער משנה לערנען מיר וועגען רוכב ומנהיג אַז דער רוכב איז אויך קונה, ווי ווער קען אויסקומען די משנה? זאָל איך זאָגען ווי ר' מאיר, ער זאָגט דאָך אז יושב איז אויך קונה, איז דאָך רוכב געוויס קונה, היינט צו וואָס איז געדארפט צו לאָזען הערען אין צווייען? נאָר מוז דאָך זיין ניט אנדערש אז די משנה איז געלערנט לויט די רבנן, איז דאָך געדרונגען אז רוכב איז קונה דען די רבנן פטור'ן נאָר ביי יושב אָבער ביי רכוב ניט ווייל ער איז קונה, און דאָס טאקע לאָזט אונז די משנה הערען לויט די רבנן דאָרט ביים כלאים, איז דאָך א קשיא אויף רב יהודה וואָס ער דרינגט רוכב פון יושב? דאָס וואָלט דאָך מיינען אַז אויך יושב איז קונה? ענטפערט די גמרא **הכא במאי עסקינן? במנהיג ברגליו, אי הכי היינו מנהיג? תרי גווני מנהיג, מהו דתימא רכוב עדיף דהא מנהיג ותפיס בה, קא משמע לן.** ווייסטו ווי דאָ שמועסט? וואו ער דער רוכב פירט איהר מיט זיינע פיס, ער קאָפּעט איהר אונטער זי זאָל געהן, איז ער איהר קונה מיט משיכה, אָבער אָהן דעם איז רוכב גלייך צו יושב. פרעגט די גמרא אויב אַזוי איז עס דאָך דאָס זעלבע ווי מנהיג? ענטפערט די גמרא צווייערליי מנהיג איז פאַראַן, און ער מוז מיר לאָזען הערען אויך דעם מנהיג, ווייל איך וואָלט מיינען צו זאָגען אַז אזא רכוב איז בעסער ווי א רעכטער מנהיג, דען ער פירט איהר און האלט איהר, לאָזט אונז די משנה הערען אַז דער רייטענדיגער מנהיג איז אַלץ ניט בעסער פונ'ם רעכטען מנהיג. און ווען די משנה וואָלט לאָזען הערען פון צוויי מנהיגים אינאיינעם, וואָלטען מיר די רבותא ניט וויסען, ווייל איך וואָלט מיינען פון צוויי רעכטע מנהיגים. **תא שמע שנים שהיו מושכין בגמל ומנהיגין בחמור או שהיה אחד מושך ואחד מנהיג (דף ט' ע"א) במדה זאת קנו**, איך וועל דיך ווייטער פרעגען, מיר האָבען געלערנט אַז צוויי האָבען געצויגען א גמל און געפירט א חמור אָדער איינער האָט געצויגען דעם גמל און איינער האָט געפירט דעם

חמור, איז דער דין אַז מיט דער מדה פון משיכה און הנהגה האָבען זיי קונה געווען, קיין אונטערשייד ניט צי דעם גמל צי דעם חמור. **ר׳ יהודה אומר לעולם לא קנה עד שתהא משיכה בגמל והנהגה בחמור**, **קתני מיהת או שהיה אחד מושך ואחד מנהיג, מושך ומנהיג אין, אבל רכוב לא?** ר׳ יהודה זאָגט אז קיינמאָהל איז ער ניט קונה ביז סיידען משיכה איז ביים גמל און די הנהגה ביים חמור לויט זייער שטייגער, על כל פנים לערענט ער דאָך וועגען מושך און מנהיג, מיינט עס דאָך אַז מושך ומנהיג יאָ אָבער רכוב ניט, ווען אפילו ער איז א דאמאָלט מנהיג ברגליו? ווענדט די גמרא אָפּ **הוא הדין דאפילו רכוב והא דקתני מושך ומנהיג?.. לאפוקי מדר׳ יהודה דאמר עד שתהא משיכה בגמל והנהגה כחמור, קא משמע לן דאפילו איפכא נמי קני**, לעולם איז דער זעלבער דין ביי רכוב, אַי וואָס ער לערנט בלויז וועגען מושך ומנהיג? דאָס איז נאָר צו אַרויסציהען פון ר׳ יהודה וואָס זאָגט אז משיכה דאַרף זיין ביים גמל און הנהגה ביים חמור, פאַרקערט ניט, לאָזט אונז דער ערשטער תנא הערען אַז אפילו פאַרקערט איז ער אויך קונה. פרעגט די גמרא **אי הכי ליערבינהו וליתנינהו שנים שהיו מושכין ומנהיגין בין בגמל בין בחמור? איכא חד צד דלא קני, איכא דאמרי משיכה בחמור, ואיכא דאמרי הנהגה בגמל**, אויב אַזוי אויב ביים תנא קמא איז קיין אונטערשייד ניט צווישען משיכה און הנהגה ביי ביידען, האָט ער געזאָלט זיי אויסמישען און אַזוי לערנען אַז צוויי האָבען מושך און מנהיג געווען סיי ביים גמל סיי ביים חמור? ענטפערט די גמרא עס איז אָבער פאראַן איין צד וואָס איז ניט קונה, קען ער זיי שוין ניט אויסמישען, טייל זאָגען דער צד משיכה ביים חמור, און טייל זאָגען דער צד הנהגה ביים גמל איז דאָס וואָס איז ניט קונה. **ואית דמותיב מסיפא במדה זו קנה, במדה זו למעוטי מאי? לאו למעוטי רכוב? לא למעוטי איפכא**, פאראַן וואָס פרעגען די זאך פון דער סיפא, וואו ער זאָגט אַז מיט דער מידה האָט ער קונה געווען, וואָס קומט דער במדה זו ממעט צו זיין? איז עס דען ניט ממעט רכוב, זעהסט דאָך גוט אז רכוב איז ניט קונה איז דאָך א קשיא אויף אויבען? ווענדט די גמרא אָפּ, ניין, עס איז ממעט אַז פאַרקערט זיינען זיי ניט קונה. פרעגט די גמרא **אי הכי היינו ר׳ יהודה? איכא בינייהו צד אחד דלא קני, אית דאמרי משיכה בחמור, ואית דאמרי הנהגה בגמל**, אויב אַזוי אויב פאַרקערט איז ער ניט קונה, האלט דאָך דער תנא קמא דאָס זעלבע ווי ר׳ יהודה? ענטפערט די גמרא עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישען זיי וועגען דעם איינעם צד וואָס איז ניט קונה, טייל זאָגען משיכה ביים חמור איז דאָס דער צד וואָס איז ניט קונה, אָבער הנהגה איז קונה ביי ביידען און ר׳ יהודה זאָגט אז ניט, אָדער פארקערט אַז משיכה איז גוט ביי ביידען, און ר׳ יהודה זאָגט אז אויך משיכה איז נאָר ביים גמל. **תא שמע אחד רכוב חמור ואחד תפוס במוסירה, זה קנה חמור וזה קנה מוסירה, שמע מינה רכוב קנה? הכא נמי במנהיג ברגליו**, איך וועל דיך ווייטער פרעגען מיר האָבען געלערנט אַז איינער איז רייטענדיג און איינער איז האלטענדיג אין דער מוסירה, איז דער דין, דער האָט קונה געווען דעם חמור און דער בלויז די מוסירה, איז דאָך

געדרונגען אז רוכב קונה? ענטפערט די גמרא דאָ שמועסט אויך וואו רייטענדיג פירט ער איהר מיט די פיס. פרעגט די גמרא אי הכי נקני נמי רכוב במוסירה? אימא זה קנה חמור וחצי מוסירה, וזה קנה חצי מוסירה. אויב אַזוי אויב דער רכוב איז קונה מיט'ן פיהרען, זאָל אויך קונה זיין דער רכוב מיט דער מוסירה, וואָס איז אויך אַזוי גוט ווי מען פירט מיט די פיס? ענטפערט די גמרא זאָג דעם טעקסט אַז ער איז קונה דעם חמור מיט א האלבער מוסירה און דער איז קונה א האלבע מוסירה. זי רעכענט דאָ מיט'ן איבערגעבען די ברייתא איינער צום אנדערען איז דער טעקסט געענדערט געוואָרען. פרעגט די גמרא בשלמא רכוב קני דקמגבה ליה בן דעת, אלא תפוס במוסירה במאי קני? אימא זה קנה חמור וכוליה מוסירה וזה קני מה שתפוס בידו. אנדערש דער רוכב וואָס איז קונה די האלבע מוסירה, דאָס איז ווייל א בר דעת האָט אויפגעהויבען פאר אים דעם צווייטען עק, אָבער דער האלטער פון דער מוסירה מיט וואָס האָט ער קונה געווען, דער צווייטער עק פון דער מוסירה איז דאָך נאָך פארלאָזען, און די הגבהה איז דאָך ניט גילטיג ביז ער הויבט אויף אינגאנצען? ענטפערט די גמרא זאָג דעם טעקסט אַז דער האָט קונה געווען דעם חמור מיט די גאנצע מוסירה און דער צווייטער בלויז וואָס ער האלט אין האנד. פרעגט די גמרא האי מאי? אם תמצי לומר המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, הני מילי היכא דקא מגבה ליה אדעתא דחבריה, האי אדעתא דידיה קא מגבה ליה, איהו לא קני לאחרינא מקני? וואָס פאר אָ פארגלייך איז דאָס צו אויבען וואו ער זאָגט וועגען מגביה מציאה לחבירו, דו זאָגסט דאָך דאָ אַז דאָס אויפהויבען פון מוסירה איז ניט גילטיג פאר איהם אַליין, אָבער פאַר'ן רייטער איז די הגבהה יאָ גילטיג, אַפילו ווען דו זאָלסט זאָגען מגביה מציאה לחבירו, קנה חבירו, די רייד זיינען דאָך נאָר, וואו ער הויבט אויף, אויף דער דעה פונ'ם חבר, אָבער דער דאָ אויפהויבענדיג די מוסירה, הויבט ער דאָך אויף, אויף זיין אייגענער דעה, און ערשט איז ער דאָך אַליין ניט קונה, זאָל ער קענען מאכען קונה זיין צו אַן אנדערען? אמר רב אשי זה קנה חמור ובית פגיה וזה קנה מה שתפוס בידו והשאר לא קנה לא זה ולא זה, האָט רב אשי געזאָגט זאָג אַזוי דעם טעקסט אַז דער האָט קונה געווען דעם חמור מיט'ן צום־באקליידונג וואָס איז אויפ'ן קאָפּ וואָס ווערט בטל צום קאָפּ, און דער צווייטער וואָס האלט דעם עק פונ'ם צוים איז קונה בלויז וואָס ער האלט און די רעשט אין דער מיטן איז ניט קונה ניט דער און ניט דער. ר' אבהו אמר לעולם כדקתני, הואיל ויכול לנתקה ולהביאה אצלו, ר' אבהו זאָגט לעולם איז דער טעקסט ריכטיג, ווי ער איז געלערענט, אַי ווי אַזוי איז ער קונה? נאָר ער איז קונה ווייל ער קען צוציהען די גאנצע צוים און ברענגען איהר צו זיך, נאכהער זאָגט די גמרא והא דר' אבהו ברותא היא, דאי לא תימא הכי, טלית שהיא מונחת חציה על גבי קרקע וחציה על גבי עמוד ובא אחד והגביה חציה מעל גבי קרקע ובא אחר והגביה חציה מעל גבי עמוד, הכי נמי דקמא קני ובתרא לא קני, הואיל ויכול לנתק ולהביאו אצלן? אלא הא דר' אבהו ברותא היא. די זאך פון ר' אבהו איז אויסערליך געזאָגט ניט גרינדליך.

ווארים אַז דו זאָלסט אַזוי ניט זאָגען, וועט דאָך אויסקומען אַז א טלית ליגענדיג האַלב אויף דער ערד און האַלב אויף אַן עמוד, און עס איז געקומען איינער און אויפגעהויבען די העלפט פון אויף דער ערד, און אַן אַנדערער האָט אויפגע־הויבען די אַנדערע העלפט פון אויפ'ן עמוד, וועסטו דען אויך אַזוי זאָגען צו אונטערשיידען פון הויך ביז נידער, אַז דער ערשטער האָט קונה געוועזן און דער צווייטער ניט, ווייל דער ערשטער קען צושלעפען די זאַך און ברייגען איהר צו זיך? אָבער אויף דער ערד זאָלאנג ער האָט עס נאָך ניט צוגעצויגען קען עס אַן אנדערער צונעמען פאַר זיך ווי הפקר, נאָר מוז זיין דאָס די זאַך פון ר' אבהו איז ניט גרונטליך. **תא שמע ר' אליעזר אומר רכוב בשדה ומנהיג בעיר קנה? הכא נמי מנהיג ברגליו.** איך פרעג דיך ווייטער מיר האָבען געלערנט ר' אליעזר זאָגט אַז רייטענדיג אין פעלד האָט ער קונה געוועזן, און פירענדיג אין שטאָט האָט ער אויך קונה געוועזן דערמיט די בהמה און געוויס די פעלד. זעהסט דאָך אַז רכוב אליין אויך איז קונה? ענטפערט די גמרא דאָ שמועסט אויך וואו דער רכוב פירט מיט זיינע פיס. פרעגט די גמרא **אי הכי היינו מנהיג? תרי גווני מנהיג,** אויב אזוי איז דאָך דאָס זעלבע ווי מנהיג? ענטפערט די גמרא צווייערליי מנהיג איז דאָ פאַראַן. פרעגט די גמרא **אי הכי רכוב בעיר מאי טעמא לא קני? אמר רב כהנא לפי שאין דרכן של בני אדם לרכוב בעיר,** אויב אַזוי, אַז דער רכוב איז קונה פירענדיג מיט די פיס, ווארום זאָל ער ניט קונה זיין אויך אין שטאָדט? האָט רב כהנא געזאָגט ווייל עס איז ניט דער שטייגער מענשען זאָלען רייטען אין שטאָדט. **אמר ליה רב אשי לרב כהנא אלא מעתה הגביה ארנקי בשבת שאין דרכן של בני אדם להגביה ארנקי בשבת הכי נמי דלא קני? אלא מאי דעבד עבד וקני, הכא נמי מאי דעבד עבד וקני?** האָט רב אשי געזאָגט צו רב כהנא לויט דעם געדאנק נאָך, אַז איינער האָט אויפגעהויבען א געלד־גארטעל אין שבת, וואָס איז ניט דער שטייגער אַזוי צו טאָן, וועסט אויך אַזוי זאָגען אַז ער איז ניט קונה? נאָר מוזט דאָך זאָגען, אַז וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן אָבער קונה איז ער אַלץ. אַזוי אויך דאָ וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן און ער איז קונה? איז דאָך דער רכוב אויך קונה אין שטאָדט? **אלא במקח וממכר עסקינן דאמר ליה קני כדרך שבני אדם קונין** (דף ט' ע"ב) **ואי רשות הרבים הוא קני ואי אדם חשוב הוא קני ואי אשה היא קניא ואי איניש זילא הוא קני,** נאָר דאָ שמועסט ביי מקח וממכר וואו מען האָט צו אים געזאָגט זיי קונה לויט'ן שטייגער ווי מענשען זייגען קונה און אויב עס איז רשות הרבים האָט ער קונה געוועזן ווייל דאָרט איז שוין יאָ דער שטייגער צו רייטען, און אויב ער איז א אדם חשוב האָט ער קונה געוועזן אפילו אין די קלענערע גאַסען, ווייל עס איז ניט פאַסיג פאַר אים צו פירען, און אויב עס איז אַ פרוי האָט זי קונה געוועזן ווייל עס איז שווער פאַר איהר צו פיהרען, און אויב ער איז אַ גאסען ארבייטער האָט ער אויך קונה געוועזן ווייל ער שעמט זיך ניט, אָבער א מיטעלער מענש צו רייטען אין שטאָדט פאַסט פאַר אים ניט און פירען יאָ איז ער נאָר קונה מיט'ן פירען. **בעי ר' אלעזר האומר לחבירו משוך בהמה זו לקנות כלים**

שעליה מהו? לקנות מי אמר ליה קני? אלא משוך בהמה זו וקני כלים
שעליה מהו? מי מהניא משיכה דבהמה לאקנויי כלים או לא? האָט ר'
אלעזר א פראגע געפרעגט אַז איינער זאָגט צו זיין חבר טו א משיכה מיט דער
בהמה צו קונה זיין די כלים וואָס זיינען אויף איהר, ווי איז דער דין? און באלד
פרעגט די גמרא איבער דו זאָגסט לקנות, האָט ער דען צו אים געזאָגט 'קני'',
זיי קונה? נאָר זאָגט די גמרא עס שמועסט טאקע אַזוי אַז ער האָט צו אים
געזאָגט טו א משיכה מיט דער בהמה און זיי קונה די כלים אויף איהר, צי
העלפט די משיכה פון דער בהמה אויף צו מאכען קונה זיין די כלים, צי ניט?
אמר רבא אי אמר ליה קני בהמה וקני כלים, מי קני כלים, חצר מהלכת
היא, וחצר מהלכת לא קנה? האָט רבא געזאָגט פון דיין פראַגע ווייזט דאָך
אויס אז קונה צו זיין די בהמה און קונה צו זיין די כלים. אויף איהר איז ביי
דיר זיכער אַז ער איז קונה, איז ער דען קונה די כלים, די בהמה איז דאָך דאָ
ווי אַ געהענדיגער חצר פאַר די כלים, און אַ באוועגליכער חצר איז דאָך ניט
קונה? וכי תימא כשעמדה, והא כל שאילו מהלך לא קנה, עומד ויושב
לא קנה? והלכתא בכפותה, אַי וועסטו אפשר זאָגען אז עס שמועסט, די
בהמה האָט זיך נידערגעשטעלט, איז דאָך אָבער יעדע זאך וועז געהענדיג
ניט קונה, איז אויך שטעהענדיג אָדער זיצענדיג ניט קונה? און די הלכה בלייבט
אַז אַלס געבונדען איז ער יאָ קונה. אמרו ליה רב פפא ורב הונא בריה
דרב יהשיע לרבא אלא מעתה היה מהלך בספינה וקפצו דגים ונפלו
לתוך הספינה, הכי נמי דחצר מהלכת היא ולא קני? אמר להו ספינה
מינח נייחא ומיא הוא דקא ממטו לה, האָבען רב פפא און רב הונא דער
זוהן פון ר' יהשיע געזאָגט צו רבא, לויט דעם געדאנק נאָך אַז איינער איז
געפאָהרען מיט א שיף, און עס זיינען געשפרונגען פיש אין דער שיף אַריין,
וועסטו אויך אזוי זאָגען אַז די שיף אלס חצר מהלכת איז ניט קונה? האָט ער
צו זיי געזאָגט די שיף לעולם רוהט נאָר די וואַסער טראָגען איהר אמר ליה
רבינא לרב אשי אלא מעתה היתה מהלכת ברשות הרבים וזרק לה
גט לתוך חיקה או לתוך קלתה הכי נמי דלא מגרש? אמר ליה קלתה
מינח נייחא ואיהי דקא מסגיא מתותה. האָט רבינא געזאָגט צו רב אשי
נאָך דעם געדאנק נאָך, אַז א פרוי איז געגאנגען אין רשות הרבים, און דער
מאַן האָט איהר אריינגעוואָרפען א גט אין איהר שויס ווען זי האָט געהאלטען
איהר פאַרטוך אויפגעשפרייט, אָדער אין איהר קאָרב וועלכען זי האָט געהאלטען
אויפן קאָפּ, וועסטו דען אויך אַזוי זאָגען אַז זי איז ניט גע'גט, צוליב חצר
מהלכת, האָט ער צו איהם געזאָגט, איהר קאָרב הייסט אויך ווי ער רוהט נאָר
זי באוועגט אים פון אונטען: מתני' היה רוכב על גבי בהמה וראה את
המציאה ואמר לחבירו תנה לי, נטלה ואמר אני זכיתי בה, זכה בה,
אם משנתנה לו אמר אני זכיתי בה תחילה, לא אמר כלום. אַז איינער
רייטענדיג אויף א בהמה האָט געזעהן א מציאה און ער האָט צום חבר געזאָגט
גיב עס מיר, און ער האָט גענומען און געזאָגט איך האָב שוין זוכה געווען ד'ריין,
האָט ער טאקע זוכה געווען, אויב אָבער נאָכ'ן איבערגעבען האָט ער געזאָגט
איך האָב עס פריהער זוכה געווען, האָט ער דערמי'ט גאָרני'ט געזאָגט: גמ'

**תנן התם מי שליקט את הפיאה ואמר הרי זו לפלוני עני, ר׳ אליעזר אומר זכה לו וחכמים אומרים יתננה לעני הנמצא ראשון**, מיר האבען געלערנט ביי פיאה, ווער עס האט אנגעקליבען די פיאה און ער האט דערויף געזאגט אז די פיאה זאל זיין פאר דעם און דעם ארימאן, ר׳ אליעזר זאגט אז ער האט פאראים זוכה געווען, און די חכמים זאגען ער זאל די פיאה אוועקגעבען צום ערשטען געפונענעם ארימאן. **אמר עולא אמר ר׳ יהשוע בן לוי מחלוקת מעשיר לעני דר׳ אליעזר סבר מגו דאי בעי מפקר נכסיה והוי עני וחזי ליה, השתא נמי חזי ליה, ומגו דזכי לנפשיה זכי נמי לחבריה ורבנן סברי חד מגו אמרינן, תרי מגו לא אמרינן**, עולא האט געזאגט פון ר׳ יהשוע בן לוי וועגען אז די מחלוקת איז פון אן עושר צום ארימאן, ר׳ אליעזר האלט, אזוי ווי, ווען ער וואלט וועלען, וואלט ער דאך קענען מפקיר זיין זיין פארמעגען און זיין אן ארימאן, און די פיאה וואלט ראוי זיין פאר אים, איז אויך יעצט די פיאה ראוי פאר אים, און אזוי ווי ער קען זוכה זיין פאר זיך, קען ער אויך מאכען זוכה זיין פאר׳ן חבר, און די רבנן האלטען איין מגו זאגען מיר, צוויי מגו׳ס זאגען מיר ניט, **אבל מעני לעני דברי הכל זכה לו, דמגו דזכי לנפשיה זכי נמי לחבריה**, אבער פון ארימאן צו ארימאן האלטען אלע אז ער איז זוכה פאר אים, צוליב ער איז זוכה פאר זיך, איז ער שוין זוכה פאר׳ן חבר. **אמר ליה רב נחמן לעולא ולימא מר מעני לעני מחלוקת, דהא מציאה הכל עניים אצלה ותנן היה רוכב על גבי בהמה וראה את המציאה ואמר לחבירו תנה לי, נטלה ואמר אני זכיתי בה, זכה בה**. האט רב נחמן געזאגט צו עולא זאל דער האר בעסער זאגען אז פון אלס ארימאן פאר׳ן ארימאן איז די מחלוקת? דען קעגען מציאה זיינען דאך רייך ווי ארים גלייך ביי איהר צו זוכה זיין, און מיר האבען געלערנט די היגע משנה אז דער אויפהויבער כאטש אויפהויבענדיג פאר יענעם איז ער אליין קונה, ניט יענער, איז דאך געדרונגען אז המגביה מציאה לחבירו לא קנה חבירו. **אי אמרת בשלמא מעני לעני מחלוקת (דף י׳, ע״א) מתניתין מני? רבנן היא, אלא אי אמרת בעשיר ועני מחלוקת, אבל מעני לעני דברי הכל זכה לו, הא מני? לא רבנן ולא ר׳ אליעזר**? אנדערש אז דו וועסט זאגען, מעני לעני איז מחלוקת, נאר די רבנן זאגען אז מיר זאגען ניט מגו דזכי לנפשיה זכי נמי לחבריה, נאר וואו ער האט אויפגעהויבען צום באוואוסטזיין פון ביידע, ווי א שטייגער ביידע הויבען אויף א מציאה און זיינען מודה, וואו זיי טיילען זיך אהן א שבועה, און דער טעם איז דאך מגו דזכי לנפשיה, ווייל ער האט שוין זוכה געווען פאר זיך, אבער צו זאגען „מגו״ ווייל ווען ער וואלט וועלען זוכה זיין פאר זיך, איז ער אויך שוין זוכה פאר׳ן חבר, דאס זאגען די רבנן ניט, לויט דעם ווי ווער קומט אויס די משנה דא? לויט די רבנן, דאס מיר זאגען ניט מגו, צו זוכה זיין פאר יענעם, אבער אז דו וועסט זאגען אז ביים עשיר און עני איז די מחלוקת אבער ביים עני מיט אן עני האלטען אלע מגו, ווי ווער וועסטו קענען איינזעצען די משנה? ניט ווי די רבנן, ווייל זיי זאגען דאך מגו, און אונזער משנה ניט, און ניט ווי ר׳ אליעזר, ווייל ער זאגט דאך דאס אויך אן עשיר איז זוכה פאר׳ן עני צוליב מגו, און אונזער משנה האלט דאך ניט קיין

מגו אפילו מעני לעני? **אמר ליה מתניתין דאמר תחילה, הכי נמי מסתברא דקתני סיפא אם משנתנה לו אמר אני זכיתי בה תחילה לא אמר כלום, תחילה בסיפא למה לי, פשיטא אף על גב דלא אמר תחילה, תחילה קאמר, אלא לאו הא קא משמע לן רישא דאמר תחילה**, האָט עולא געזאָגט צו רב נחמן לעולם זאָגען מיר מגביה מציאה לחבירו קנה חבירו פונקט ווי ביי פיאה פון אַן עני, אַי אונזער משנה זאָגט דאָך אַז דער אויפהויבער איז זוכה פאַר זיך, צייגט עס דאָך לא זכה חבירו? ניט מעהר אונזער משנה שמועסט וואו דער אויפהויבער זאָגט, דאָס נאָך ביים אויפהויבען האָב איך אין זינען געהאַט פאַר זיך, און די סברא גיט דאָס מיט, דען ער לערנט אין דער סיפא אויב ער האָט די מציאה שוין געהאַט איבערגעגעבען צו יענעם, און דאמאָלט האָט ער געזאָגט איך האָב זוכה געווען פריהער, האָט ער גאָרניט געזאָגט, איז דאָך צו פרעגען צו וואָס איז דער וואָרט „תחילה" ביי דער סיפא געדאַרפט, עס איז דאָך אַ געוויס אַז כאָטש ווען ער זאָגט ניט תחילה, הייסט עס ווי גלייך ער זאָגט יאָ תחילה (נאָך ביים אויפהויבען)? נאָר מוז זיי ניט אנדערש אַז דאָס טאקע לאָזט אונז הערען די סיפא, אַז די רישא שמועסט וואו ער האָט געזאָגט תחילה, דעריבער האָט ער עס קונה געווען פאַר זיך, און די סיפא לאָזט הערען דערמיט דאָס אויב דער האָט די טענה געזאָגט נאָכ'ן איבערגעבען, האָט ער גאָרניט געזאָגט, ווייל מיט'ן איבערגעבען האָט ער אויפגעדעקט, אַז ער האָט עס אויפגעהויבען פאַר יענעם. פרעגט די גמרא **ואידך? תנא סיפא לגלויי רישא, סיפא דאמר תחילה, רישא דלא אמר תחילה**, און דו רב נחמן וואָס ענטפערסט דו אויף דעם תחילה? ער ענטפערט אַז די משנה לערנט די סיפא אַזוי, צו אויפדעקען די רישא, אַז נאָר די סיפא שמועסט וואו ער זאָגט תחילה, אָבער די רישא וואו ער זאָגט ניט תחילה. **רב נחמן ורב חסדא דאמרי תרוייהו המגביה מציאה לחבירו לא קנה חבירו, מאי טעמא? הוי תופס לבעל חוב במקום שחב לאחרים, והתופס לבעל חוב במקום שחב לאחרים לא קנה**, רב נחמן און רב חסדא זאָגען ביידע אַז לא קנה חבירו, וואָס איז די סברה? ווייל עס איז ווי א שטייגער איינער זאָל אַליין געהן און פאַר־נעמען ביי יענעם געלד אָדער א ווערט פון געלד אויף א חוב וואָס קומט איינעם, ווערנד ער מאכט דערמיט שאָדען פאַר אַן אנדערען, וועלכע וועלען שוין ניט קע־בען גובה זיין און פאַרלירען זייער געלד צוליב אים, און דער דין איז דאָס א תופס לבעל חוב במקום שחב לאחרים איז ניט קונה, צוליב ער האָט ניט דאָס רעכט אַזוי צו טאָן, ווייל גוטעס אָהן יענעמס וויסען מעג מען נאָר אויב קיינער ליידעט ניט דערפון. **איתיביה רבא לרב נחמן מציאת פועל לעצמו, במה דברים אמורים בזמן שאמר לו בעל הבית נכש עמי היום, עדור עמי היום, אבל אמר לו עשה עמי מלאכה היום, מציאתו של בעל הבית הוא?** האָט רבא א קשיא געפרעגט צו רב נחמן מיר האָבען געלערענט די מציאה וואָס א געדונגענער ביי יענעם אויף ארבעט — געפינט, געהער צו אים, ווען זיינען די רייד געזאָגט? אַז דער בעל הבית האָט צו אים געזאָגט באשטימטע מלאכות ווי א שטייגער רייניג מיט מיר די פעלד פון די שלעכטע גראָזען און צושטויס מיט מיר די אקער־ערד, אָבער אַז ער האָט צו אים געזאָגט סתם טו מיט מיר

מלאכה היינט, דאמאָלט געהער די מציאה צום בעל הבית, זעהסט דאָך גוט מגביה מציאה לחבירו קנה חבירו? אמר ליה שאני פועל דידו כיד בעל הבית הוא, והאמר רב פועל יכול לחזור בו אפילו בחצי היום? אמר ליה כל כמה דלא הדר ביה, כיד בעל הבית הוא, האָט ער צו אים געזאָגט א פועל איז אנדערש, דען זיין האנד איז ווי די האנד פונ'ם בעל הבית, און באלד פרעגט ער איבער, רב האָט דאָך געזאָגט אַז א פועל קען זיך צוריקציהען פון אַלס פועל אפילו אין מיטען טאָג, איז ער דאָך שוין ניט ווי יד בעל הבית? האָט ער צו אים געזאָגט זאָלאנג ער ציהט זיך ניט צוריק איז ידו כיד בעל הבית, כי הדר ביה טעמא אחרינא הוא, דכתיב כי לי בני ישראל עבדים עבדי הם ולא עבדים לעבדים, און ווען ער ציהט זיך צוריק פון אַלס פועל, איז עס ניט צוליב ידו לאו כיד בעל הבית, נאָר צוליב אַן אנדער טעם, ווייל דער פסוק זאָגט צו מיר זאָלען די בני ישראל זיין אַלס עבדים טייטשען מיר מיינע עבדים זיינען זיי, אָבער ניט עבדים צו עבדים. אמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן המגביה מציאה לחבירו קנה חבירו, ואם תאמר משנתינו? דאמר תנה ולא אמר זכה לי, האָט ר' חייא בר אבא געזאָגט פון ר' יוחנן וועגען אַז מגביה מציאה לחבירו קנה חבירו אַי וועסט דאָך פרעגען פון אונזער משנה? איז דער ענטפער אַז אונזער משנה שמועסט וואו ער האָט צו אים געזאָגט הויב אויף די מציאה און גיב מיר, אָבער ער האָט ניט געזאָגט זיי זוכה פאַר מיר מיט דיין אויפהויבען, איז ער דאָך שוין ניט קיין שליח דערויף, האָט דער דעריבער צייט צו זוכה זיין פאַר זיך ביז'ן געבען: מתני', ראה את המציאה ונפל עליה, ובא אחר והחזיק בה, זה שהחזיק בה זכה בה, אַז איינער האָט דער־זעהן די מציאה און איז אַרויפגעפאלען אויף איהר, און עס איז אָנגעקומען אַן אנדערער און איבערגענומען די זאַך, איז דער דין דער וואָס האָט איבערגענומען האָט זוכה געווען: גמ', אמר ריש לקיש משום אבא כהן ברדלא ארבע אמות של אדם קונות לו בכל מקום מאי טעמא? תקינו רבנן דלא אתי לאנצויי האָט ריש לקיש געזאָגט פון אבא כהן ברדלא'ס וועגען, די פיר איילען פון א מענש מאכען קונה זיין פאַר אים הפקר זאכען איבעראַל, וואָס איז די סברה? די רבנן האָבען איינגעפירט אזוי די תקנה, כדי עס זאָל ניט קומען צו א קריג. אמר אביי מותיב ר' חייא בר יוסף פיאה, אמר רבא מותיב ר' יעקב בר אידי נזיקין, האָט אביי געזאָגט אַז ר' חייא בר יוסף האָט געפרעגט פון דער משנה פון פיאה אויף ריש לקיש, רבא האָט געזאָגט אַז ר' יעקב בר אידי האָט געפרעגט פון נזיקין אויף ריש לקיש. אמר אביי מותיב ר' חייא בר יוסף פיאה, נטל מקצת פיאה וזרק על השאר אין לו בה כלום, נפל לו עליה, פרס טליתו עליה, מעבירין אותו הימנה, וכן בעומר שכחה, ואי אמרת ארבע אמות של אדם קונות לו בכל מקום, נקנו ליה ארבע אמות דידיה? וואָס אביי זאָגט אַז ר' חייא האָט געפרעגט פיאה, איז דאָס די משנה, אַז דער אָרימאַן אָנקלייבענדיג אביסעל פיאה, האָט ער איהר געוואָרפען אויף די רעשט פיאה דאָרט, האָט ער גאָרניט אין דער פיאה, איז ער געפאַלען זיך אויף דער פיאה, אָדער ער האָט אויפגעשפרייט זיין טלית אויף איהר צו קונה זיין, נעמט מען אים אַוועק פון איהר און אַזוי איז דער דין ביי עומר און

שכחה וואָס דער בעל הבית פארגעסט אין פעלד נאָך זיך, און וויבאלד דו וועסט זאָגען אַז די פיר איילען פון מענשען זיינען קונה פאר אים איבעראל, זאָלען קונה זיין פאַר איהם זיינע פיר איילען, די פיאה עומר און שכחה? ענטפערט די גמרא הכא במאי עסקינן דלא אמר אקני, ואי תקון רבנן, כי לא אמר מאי הוי? ווייסטו ווי דאָ שמועסט? וואו ער זאָגט ניט אקני, אז מיינע פיר איילען זאָלען מיר קונה זיין, און באלד פרעגט ער איבער, וויבאלד די רבנן האָבען אַזוי איינגעפירט, און אַז ער האָט ניט געזאָגט „אקני״ איז וואָס? עס איז דאָך א תקנה אַזוי, עס זאָל ניט קומען צו קיין קריג? ענטפערט די גמרא כיון דנפל גלי דעתיה דבנפילה ניחא ליה דנקני, בארבע אמות לא ניחא ליה דנקני, וויבאלד ער איז אַרויפגעפאַלען ,האָט ער דערמיט פאַרעפענט־ליכט זיין דעה אז נאָר מיט׳ן ארויפפאַלען איז אים ניחא צו קונה זיין, אָבער מיט די פיר איילען איז אים ניט ניחא צו קונה זיין. (דף י׳ ע״ב) רב פפא אמר כי תקינו ליה רבנן ארבע אמות? בעלמא, בשדה דבעל הבית לא תקינו ליה רבנן, ואף על גב דזכה ליה רחמנא להלוכי בה לנקוטי פיאה, למיהוי חצירו לא זכה ליה רחמנא. רב פפא זאָגט ווען האָבען די רבנן מתקן געווען די פיר איילען זאָלען געהערען צום מענש? דאָס איז נאָר ערגעץ אנדערש, אין רשות הרבים, אָדער די זייטען פון איהר, אָבער אין א פעלד וואָס געהער צו א בעל הבית, האָבען די רבנן ניט מתקן געווען, און כאָטש די תורה האָט אים רשות געגעבען צו געהן דאָרט און צו קלייבען פיאה, אָבער צו מאכען די פלעצער אַלס זיין רשות פון זיינע פיר איילען האָט די תורה אים ניט מזכה געווען. אמר רבא מותיב ר׳ יעקב בר אידי נזיקין, ראה את המציאה ונפל לו עליה ובא אחר והחזיק בה, זה שהחזיק בה זכה בה, ואי אמרת ארבע אמות של אדם קונות לו בכל מקום, נקנו ליה ארבע אמות דידיה? און רבא וואָס זאָגט אַז ר׳ יעקב בר אידי האָט געפרעגט נזיקין, איז עס פון דער משנה דאָ וועגען ראה את המציאה ונפל עליה, וואו דער דין איז דער אַנדערער האָט זוכה געווען, און אויב דו זאָלסט זאָגען אַז די פיר איילען פונ׳ם מענשען זיינען זוכה פאר אים איבעראל, זאָלען אויך דאָ ביי מציאה זוכה זיין פאַר אים זיינע פיר איילען? ענטפערט די גמרא הכא במאי עסקינן? דלא אמר אקני, ואי תקון רבנן, כי לא אמר מאי הוי? כיון דנפל עליה גלי דעתיה דבנפילה ניחא ליה דנקני, בארבע אמות לא ניחא ליה דנקני. ווייסטו ווי דאָס שמועסט? וואו ער האָט ניט געזאָגט אקני, און באלד פרעגט ער איבער אויב עס איז א תקון רבנן אַזוי פאַר זיינע פיר איילען, אַז ער האָט ניט געזאָגט אקני איז וואָס? ענטפערט די גמרא וויבאלד ער איז אַרויפגעפאַלען אויף דער מציאה, דעקט ער אויף דערמיט אַז מיט׳ן פאלען איז אים ניחא צו קונה זיין, מיט די פיר איילען, איז אים ניט ניחא צו קונה זיין. רב ששת אמר כי תקינו רבנן? בסימטא דלא דחקי רבים, ברשות הרבים דקא דחקו רבים לא תקינו רבנן. והא בכל מקום קאמר? כל מקום לאתויי צידי רשות הרבים, רב ששת זאָגט ווייסטו וואו די רבנן האָבען מתקן געווען, די פיר איילען זאָלען קונה זיין? נאָר אין א שמאָלער גאס, וואו ניט צופיל מענשען שטופען זיך. אָבער אין א רשות הרבים

וואו פיל מענשען שטופען זיך, האבען די רבנן ניט מתקן געווען די פיר איילען זאלען מאכען קונה זיין צום מענש, און באלד פרעגט ער איבער, ער זאגט דאך בכל מקום מיינט עס דאך אויך אין רשות הרבים? ענטפערט די גמרא כל מקום איז מרבה די זייטען פון רשות הרבים. **ואמר ריש לקיש משום אבא כהן ברדלא, קטנה אין לה חצר ואין לה ארבע אמות, ור' יוחנן משום ר' ינאי אמר יש לה חצר ויש לה ארבע אמות.** נאך האט ריש לקיש געזאגט פון אבא כהן ברדלא וועגען, אז א קטנה האט ניט קיין חצר, מיינענדיג אז איהר חצר מאכט איהר ניט קונה זיין, אויב איהר מאן ווארפט איהר דארט אריין א גט. אויך האט זי ניט קיין פיר איילען אין רשות הרבים צו קענען קונה זיין, פרעגט די גמרא **במאי קמיפלגי מר סבר חצר משום ידה איתרבאי, כי היכי דאית לה יד, חצר נמי אית לה, ומר סבר חצר משום שליחות איתרבאי, וכי היכי דשליחות לית לה, חצר נמי לית לה.** אין וואס א סברה קריגען זיי? ר' יוחנן האלט די לאגיק אז חצר איז מורבה געווארען צוליב ידה, פונקט ווי זי האט א יד צו אנעמען דעם גט ווי דער פסוק זאגט ונתן בידה, אזוי אויך האט זי א חצר וואס איז ווי איהר האנד, און ריש לקיש האלט די לאגיק אז חצר איז מורבה געווארען צוליב שליחות, ביי ווענען עס ווירקט א שליח ווירקט א חצר, און פונקט ווי זי האט ניט קיין שליחות, דען ביי שליחות שטעהט דאך איש דאס א קטן קען ניט מאכען קיין שליח, אזוי אויך איז איהר חצר ניט קונה. פרעגט די גמרא **מי איכא מאן דאמר חצר משום שליחות איתרבאי, והתניא בידו אין לי אלא ידו, גגו חצירו וקרפיפו מנין? תלמוד לומר המצא תמצא מכל מקום,** איז דען פאראן א תנא וואס זאלט האלטען אז חצר איז מורבה געווארען צוליב שליחות, מיר האבען דאך געלערענט דער פסוק זאגט אז די גניבה וועט געפונען ווערען בידו, ווייס איך ניט דערפון נאר ידו זיין אייגענע האנד, זיין דאך זיין הויף אדער פארהויז און זיין גאניק פון וואנעט איז געדרונגען? דערויף זאגט דער פסוק המצא תמצא וואס איז א דאפעלטער פעל, ברייטעטט עס אויס דעם בידו דאס איבעראל וואו נאר זיין האנד הערשט אלס דער בעל הבית איז קונה פאר אים די גניבה צו חייב זיין, דער המצא איז אזוי ווי צוויי כללים וואס איין כלל איז מוסיף אויפ'ן פרט בידו. **ואי סלקא דעתך חצר משום שליחות איתרבאי אם כן מצינו שליח לדבר עבירה וקיימא לן אין שליח לדבר עבירה.** פון דעם פסוק זעהסטו דאך אז די לאגיק איז, חצר משום ידו איתרבאי, און אויב עס זאל ארויף אויף דיין געדאנק אויך די לאגיק אז חצר קען מורבה ווערען אויך צוליב שליחות, אויב אזוי וועלען מיר דאך געפינען א שליח צו אן עבירה, דען דער חצר ווערט אלס שליח צו שטעלען דעם בעל הבית אונטער דער עבירה פון גניבה. און מיר האבען דאך א קיימא לן אין שליח לדבר עבירה? **אמר רבינא היכא אמרינן דאין שליח לדבר עבירה? היכא דשליח בר חיובא הוא, אבל בחצר דלאו בר חיובא הוא מיחייב שולחו,** דארט וואו האט רבינא געזאגט וואו זאגען מיר, אין שליח לדבר עבירה? דארט וואו דער שליח איז אונטער חיוב, אבער דער חצר דא איז דאך ניט אונטער חיוב, איז טאקע חייב דער שיקער, קען דאך אויך גילטען די לאגיק אז חצר איז

מורבה צוליב שליחות. פרעגט די גמרא **אלא מעתה האומר לאשה ועבד צאו גנבו לי דלאו בני חיובא נינהו, הכי נמי דמיחייב שולחן? ..אמרת אשה ועבד בני חיובא נינהו והשתא מיהא לית להו לשלומי, דתנן נתגרשה האשה נשתחרר העבד חייבין לשלם,** לויט דעם געדאנק נאָך, קומט דאָך אויס אַז איינער זאָגט צו אַ פרוי אָדער צו אַן עבד געהט ארויס און גנב'עט פאַר מיר, און זיי זיינען דאָך ניט אונטער חיוב צו באצאָהלען, דען זיי האָבען דאָך גאָרניט זייער אייגענס, ווערסטו זאָגען אַז זייער שיקער זאָל חייב זיין? און דער דין איז דאָך ניט אַזוי? נאָר מוזטו דאָך זאָגען אַן אשה און עבד הייסען יאָ אונטער חיוב, ניט מעהר יעצט האָבען זיי ניט צו באצאָהלען, דען מיר האָבען געלערענט אין א משנה אַז אויב די פרוי איז געשיידט געוואָרען פונ'ם מאַן, אָדער דער עבד איז פריי געוואָרען, ווערען זיי חייב צו באצאָהלען ווייל דאמאָלט ווערען זיי אַליין די בעלי בתים איבער זיך.

**רב סמא אמר היכא אמרינן אין שליח לדבר עבירה? ..היכא דאי בעי עביד ואי בעי לא עביד, אבל חצר דבעל כורחיה מותיב בה מיחייב שולחו.** רב סמא זאָגט וואו זאָגען מיר אין שליח לדבר עבירה? וואו עס איז געווענדט אין שליח, אַז ער וויל טוט ער, אַז ער וויל טוט ער ניט, אָבער חצר נעמט דאָך אַריין געצוואונגען, איז טאקע חייב דער שיקער. פרעגט די גמרא **מאי בינייהו? איכא בינייהו כהן דאמר ליה לישראל צא וקדש לי אשה גרושה, אי נמי איש דאמר לה לאשה אקפי לי קטן.** וואָס איז דער אונטערשייד צווישען רבינא און רב סמא? עס איז דער אונטערשייד צווישען זיי וואו א כהן זאָגט צו א ישראל געה אַרויס און זיי מקדש א גרושה פאַר מיר, נאָך רבינא נאָך וואָס זאָגט אַז דער שליח איז חייב נאָר ווערענד ער אַליין איז אויך אונטער חיוב איז דאָ ביי דער גרושה חייב דער שיקער, אָבער נאָך רב סמא וואָס זאָגט אַז עס איז געווענדט צו דער שליח קען אויספירען זיין שליחות איז דאָ חייב דער שליח, אויך איז אַן אונטערשייד צווישען זיי וואו א מאַן זאָגט צו אַ פרוי' האק ארום די פאות פון מיין קליינעם זוהן, נאָך רב סמא נאָך איז דאָ חייב דער שליח ווייל ער איז דאָך אין דער לאגע צו קענען טאָן אָבער נאָך רבינא נאָך איז נאָר חייב דער שיקער ווייל דער שליח איז דאָך ניט אונטער חיוב פון פיאות הראש. **להך לישנא דאמר כל היכא דאי בעי עביד, אי בעי לא עביד, לא מיחייב שולחו הכא נמי אי בעי עביד אי בעי לא עביד לא מחייב שולחן. להך לישנא דאמרת כל היכא דשליח בר חיובא מיחייב שולחו, הני נמי כיון דלאו בני חיובא נינהו מיחייב שולחן.**

דאָס איז וואָס ער זאָגט דאָ, אַז נאָכ'ן לשון פון רב סמא וואָס זאָגט אַז עס איז געווענדט אין שליח'ס מעגליכקייט צו טאָן, דאמאָלט איז ניט חייב דער שיקער, איז דאָ ביי דער גרושה און פאות הראש אויך אַזוי ניט חייב דער שיקער, נאָר דער שליח. און נאָך דעם לשון פון רבינא וואָס זאָגט אַז עס איז געווענדט צו דער שליח איז אונטער חיוב, און אַז דער שליח איז ניט אונטער חיוב איז חייב דער שיקער, זיינען די דאָ אויך אַזוי, וויבאלד זיי זיינען ניט אונטער חיוב, איז חייב זייער שיקער. פרעגט די גמרא **ומי איכא למאן דאמר חצר לאו משום ידה איתרבאי, והתניא ידה אין לי אלא ידה, גגה חצרה וקרפיפה**

מנין? תלמוד לומר ונתן מכל מקום, איז דען פאַראַן א תנא וואָס זאָל ניט האַלטען אַז חצר משום ידה איתרבאי, מיר האָבען דאָך געלערענט דער פסוק זאָגט ביי גט ונתן בידה אַז דער מאַן זאָל געבען דעם גט אין איהר האַנד, פון דעם וואָרט בידה ווייס איך ניט נאָר טאַקע ממש אין איהר האַנד, פון וואַנעט ווייסען מיר אויך גגה חצירה און קרפיפה? דערויף זאָגט דער פסוק ונתן בידה, און אויב בידה זאָל דאָ מיינען בלויז אין האַנד, וואָלט דאָ געדאַרפט שטעהן ומסר בידה, אָבער ונתן בידה מיינט שוין דאָ ברייטער און דאָס איז אין איהר רשות אפילו גגה חצירה און קרפיפה. זעהסטו דאָך גוט אַז ידה נעמט ארום אויך חצירה, דען עס איז דאָך ניט מורבה געוואָרען פון אַן איבעריגען פסוק, ווי ביי גניבה פון המצא תמצא, נאָר איינפאַך עס איז אין כלל פון ונתן בידה, אניט וואָלט דאַרפען שטעהן א מיעוט ומסר בידה. איז דאָך חצירה צוליב ידה? ענטפערט די גמרא לענין גט כולי עלמא לא פליגי דחצר משום ידה איתרבאי, כי פליגי לענין מציאה, מר סבר (דף י״א, ע״א) ילפינן מציאה מגט ומר סבר לא ילפינן מציאה מגט, קעגען גט האַלטען אלע די לאָגיק אַז חצר איז צוליב ידה, און זיי קריגען ניט, ווייסטו וואו זיי קריגען? קעגען מציאה, ר׳ יוחנן וואָס האלט אז א קטנה האָט א חצר, איז ווייל מיר לערנען אַרויס מציאה פון גט, און ריש לקיש וואָס האלט אַז א קטנה האָט ניט קיין חצר, איז ווייל מיר לערנען ניט ארויס מציאה וואָס איז ממון פון גט וואָס איז איסור, ואי בעית אימא בקטנה כולי עלמא לא פליגי, דילפינן מציאה מגט, והכא בקטן קא מיפלגי, מר סבר ילפינן קטן מקטנה, ומר סבר לא ילפינן קטן מקטנה, און אַז דו ווילסט וועל דיר אַזוי ענטפערען, אַז ביי קטנה קריגט קיינער ניט, דאָס זיכער איהר חצר איז איהר קונה, ווייל מיר לערנען אַרויס פון גט וואו די תורה האָט מגלה געווען. נאָר דאָ קריגען זיי ביי א קטן, איינער האלט מען לערענט אַרויס קטן פון קטנה, און איינער האלט מען לערנט ניט אַרויס קטן פון קטנה, לויט דעם דאַרף זיין דער טעקסט ביי ר׳ יוחנן און ריש לקיש אויבען קטן יש לו חצר ויש לו יד, וואָס קען זיין עס איז געענדערט געוואָרען ביים איבערגעבען איינער צום אַנדערען. ואי בעית אימא מר אמר חדא ומר אמר חדא ולא פליגי און אַז דו ווילסט וועל דיר ענטפערען אַז ר׳ יוחנן וואָס זאָגט אז א קטנה יש לה חצר מיינט ער ביי גט, און ריש לקיש מיינט ביי מציאה, און זיי קריגען ניט, לויט דעם מוז מען ניט ענדערען דעם טעקסט ביי קיין איינעם פון זיי: מתני׳, ראה אותן רצין אחר מציאה, אחר צבי שבור אחר גוזלות שלא פרחו ואמר זכתה לי שדי, זכתה לו, אַז ער האָט געזעהן זיי לויפען נאָך א מציאה, נאָך א הירש מיט א צובראָכענעם פוס, אָדער נאָך טויבען וועלכע קענען ניט פליהען, און וואָלטען זיך האַלטען אויף זיין פעלד, און ער האָט דעריבער געזאָגט מיין פעלד זאָל זיי מאכען זוכה זיין פאַר מיר, האָט דאָס פעלד זוכה געווען פאר אים. ראה צבי רץ כדרכו או שהיו גוזלות מפריחין, ואמר זכתה לי שדי, לא אמר כלום. האָט ער אָבער געזעהן ווי דער הירש לויפט לויט׳ן שטייגער אָדער די טויבען מאכען זיך פליהען, און ער זאָגט מיין פעלד זאָל זוכה זיין פאַר מיר, האָט ער גאָרניט געזאָגט: גמ׳, אמר רב יהודה אמר שמואל והוא? שעומד בצד שדהו, ותקני ליה

**שדהו, דאמר ר' יוסי בר' חנינא חצירו של אדם קונה לו שלא מדעתו?** רב יהודה האָט געזאָגט פון שמואל וועגען, ווען איז זיין פעלד זוכה פאַר אים? אויב ער שטעהט דאמאָלט אין דער זייט פון זיין פעלד. פרעגט די גמרא זאָל זיין פעלד מאכען קונה פאַר אים אפילו ווען ער איז ניט דערביי, דען ר' יוסי בר' חנינא האָט דאָך געזאָגט אַז דער חצר פון'ם מענש מאכט קונה זיין פאַר אים אפילו אָהן באוואוסט צו אים? ענטפערט די גמרא **הני מילי בחצר המשתמרת אבל חצר שאינה משתמרת אי עומד בצד שדהו אין, אי לא, לא,** ווען זיינען די רייד געזאָגט צו קונה זיין אומבאוואוסט? ביי א חצר וואָס איז געהיטען, אָבער ביי א חצר ניט געהיטען אַז ער שטעהט ביי דער זייט פון זיין פעלד, יאָ, אויב ניט, ניט. **ומנא תימרא דחצר שאינה משתמרת אי עומד בצד שדהו אין, אי לא, לא? דתניא היה עומד בעיר ואומר יודע אני שעומר שיש לי בשדה פועלים שכחוהו, יכול לא יהא שכחה? תלמוד לומר ושכחת עומר בשדה, בשדה ושכחת ולא בעיר,** און פון וואנעט דרינגסטו עס אַז חצר שאינה משתמרת מוז ער שטעהן ביי דער זייט פון פעלד? דען מיר האָבען געלערנט אַז איינער איז געשטאַנען אין שטאָדט און געזאָגט, איך ווייס אַז די בינטעל וואָס איך האָב אין פעלד, האָבען די ארבעטער פאַרגעסען, וואָלט איך מיינען עס זאָל ניט הייסען קיין שכחה פאַר די אָרימעלייט? דעריבער שטעהט, אימפאָלס דו וועסט פאַרגעסען א בינטעל אין פעלד טאָרסטו ניט צוריק־קערען צו נעמען אים, טייטש איך נאָר אין פעלד איז שכחה, ניט אין שטאָט. פרעגט די גמרא **הא גופא קשיא, אמרת יכול לא יהא שכחה? אלמא הוי שכחה ונסיב לה גמרא בשדה ושכחת ולא בעיר אלמא לא הוי שכחה? אלא לאו הכי קאמר בשדה שכוח מעיקרו הוי שכחה, זכור ולבסוף שכוח אין שכחה,** די ברייתא איז דאָך אין זיך שווער, צוערשט זאָגסטו איך וואָלט מיינען עס זאָל ניט הייסען קיין שכחה, זעהען מיר דאָך עס איז יאָ שכחה, און ער פירט אויס דעם לערנונג בשדה ושכחת ולא בעיר, זעהען מיר דאָך עס הייסט ניט קיין שכחה? נאָר מוז זיין ניט אנדערש אַז אַזוי מיינט די ברייתא צו זאָגען דעם בשדה, אַז אין פעלד וואו דאָס בינטעל איז פאַרגעסען פון אָנפאַנג אָן, הייסט עס שכחה, אָבער אַז דער בינטעל איז געדענקט און ערשט צולעצט איז ער געוואָרען פאַרגעסען הייסט עס ניט קיין שכחה. **מאי טעמא? דכיון דקאי גבה הוי ליה חצרו וזכתה ליה, אבל בעיר אפילו זכור ולבסוף שכוח הוי שכחה, מאי טעמא? דליתיה גביה דלזכי ליה,** וואָס איז די סברה? דען וויבאלד ער שטעהט דערביי הייסט עס חצרו און מאכט פאַר אים זוכה זיין, אָבער אין שטאָדט אפילו ווען דער בינטעל איז געדענקט און צום סוף פאַרגעסען הייסט עס אַלץ שכחה וואָס איז די סברה? ווייל ער איז ניט דערביי צו זוכה זיין. פרעגט די גמרא **ממאי דילמא גזרת הכתוב היא דבשדה נהוי שכחה ובעיר לא נהוי שכחה? אמר קרא לא תשוב לקחתו לרבות שכחת העיר.** פון וואנעט ווייסטו צו זאָגען אַז דער טעם איז צוליב ער שטעהט דערביי, פיליכט איז עס א גזירה פון דער תורה, אַז נאָר אין פעלד איז עס שכחה און אין שטאָדט ניט? ענטפערט די גמרא דער פסוק זאָגט דו זאָלסט דיך ניט צוריקקערען צו נעמען אים, קומט עס מרבה זיין אויך שיכחה ווען ער איז שוין

אין שטאָדט, און ווייל ער איז ניט דערביי, איז פאַר אים ניט קונה די פעלד, אפילו ער האָט דעם בינטעל אָנפאַנגס געדענקט. פרעגט די גמרא **האי מיבעי ליה ללאו? אם כן נימא קרא לא תקחנו? מאי לא תשוב? לרבות שכחת העיר,** איך דאַרף דאָך דעם לא תשוב אויף א לאו ענטפערט די גמרא אויב אַזוי, אויב בלויז פאַר'ן לאו, האָט דער פסוק געדאַרפט זאָגען בלויז לא תקחנו, וואָס עפּעס זאָגט ער לא תשוב לקחתו? קומט עס מרבה זיין שכחת העיר. פרעגט די גמרא **ואכתי מיבעי ליה לכדתנן שלפניו אין שכחה, שלאחריו יש שכחה שהוא בבל תשוב, זה הכלל כל שהוא בבל תשוב שכחה, כל שאינו בבל תשוב אינו שכחה,** אָבער נאָך אַלץ איז דער פסוק דאָך געדאַרפט פאַר דער משנה אַז פון פאָרענט, הייסט ניט קיין שכחה און פון הינטען הייסט יאָ שכחה, אַז מען טאָר זיך ניט צוריקקערען הינטער זיך און נעמען די שכחה, דאָס איז דער כלל דערביי, וועלכעס איז אונטער'ן לאו, ניט צוריקקערען הייסט שכחה, וועלכעס ניט, ניט, איז דאָך דער לא תשוב געדאַרפט פאַר דעם? **אמר רב אשי אמר קרא יהיה לרבות שכחת העיר,** האָט רב אשי געזאָגט דער פסוק זאָגט אַז צום גר יתום און אלמנה זאָל געהערען, קומט ער מרבה זיין דאָס אפילו שכחת העיר געהער צו זיי. **וכן אמר עולא והוא שעומד בצד שדהו. וכן אמר רבה בר בר חנה והוא שעומד בצד שדהו. איתיביה ר' אבא לעולא מעשה ברבן גמליאל וזקנים שהיו באים בספינה, אמר רבן גמליאל עישור שאני עתיד למוד נתון ליהושע** (דף י"א, ע"ב) **ומקומו מושכר לו.** און אַזוי האָט עולא געזאָגט אַז די משנה שמועסט וואו ער שטעהט ביי דער זייט פעלד, און אַזוי האָט רבה בר בר חנה געזאָגט, האָט ר' אבא א קשיא געפרעגט צו עולא עס האָט פאַסירט ווי רבן גמליאל און די זקנים זיינען אָנגעקומען מיט דער שיף, ער האָט זיך דערמאָנט דאָס ער האָט נאָך ניט גע'מעשר'ט האָט עס אים פאַרדראָסען, האָט ער עס גלייך געוואָלט פאַריכטען, האָט ער געזאָגט דעם מעשר וואָס איך ערוואַרט צו אָפּמעסטען זאָל געגעבען ווערען צו יהושע, און זיין פלאַץ איז פאַרדונגען צו אים. ער האָט עס אַזוי געטאָן, אום דער פלאַץ זאָל באַלאַנגען צו ר' יהושע עס זאָל קונה זיין פאַר אים אַלס לוי דעם מעשר, ער איז טאַקע אויך געווען מיט אים אויף דער שיף. **ועישור אחר שאני עתיד למוד נתון לעקיבא בן יוסף כדי שיזכה בו לעניים ומקומו מושכר לו. וכי ר' יהושע ור' עקיבא בצד שדהו של רבן גמליאל היו עומדין?** און אַן אנדער מעשר וואָס איך ערוואַרט צו מעסטען זאָל געגעבען ווערען צו עקיבא בן יוסף אום ער זאָל זוכה זיין דעם מעשר עני פאַר די אָרימעלייט, און זיין פלאַץ איז פאַרדונגען צו אים, עס זאָל קונה זיין פאַר אים. זיינען דען ר' יהושע און ר' עקיבא געשטאַנען ביי דער זייט פון רבן גמליאל'ס פעלד? זעהסט דאָך גוט אַז זיין רשות מאַכט קונה זיין פאַר אים כאָטש ער איז ניט דערביי? **אמר ליה דמי האי מרבנן כדלא גמרי אינשי שמעתא,** האָט איינער געזאָגט צו רב אשי, דער פון די רבנן איז גלייך ווי די מענשען וואָס האָבען קיין הלכה ניט געלערנט, **כי אתא לסוריא אמר להו הכי אמר עולא והכי אותביתיה, אמר ליה ההוא מרבנן רבן גמליאל מטלטלי אגב מקרקעי הקנה להם,** ווי ער איז אָנגעקומען קיין סורא האָט

ער פארצעהלט פאַר די רבנן דאָס אַזוי האָט געזאָגט עולא און אַזוי האָט אים ר' אבא אָפּגעפרעגט, האָט איינער פון די רבנן צו אים געזאָגט דאָס רבן גמליאל האָט זיי געמאכט קונה זיין די באוועגליכע זאַכען צוזאמען און מיט'ן קנין פון פעלד, דאָס איז ארויסגעלערענט אין קידושין דף כ"ו, אז מטלטלין ווערען קונה אגב קרקעי. ר' זירא קבלה, ר' אבא לא קבלה, אמר רבא שפיר עביד דלא קבלה. וכי לא היה להם סודר לקנות ממנו בחליפין? ר' זירא האָט עס אָנגענומען, ר' אבא האָט עס ניט אָנגענומען. האָט רבא געזאָגט גוט האָט ער געטאָן וואָס ער האָט עס ניט אָנעגנומען, צו דען האָבען זיי ניט געהאט עפּעס א נוצליכע זאך צו קונה זיין פון רבן גמליאל די מעשר'ן מיט חליפין? אלא טובת הנאה אינה ממון לקנות ממנו בחליפין, הכא נמי טובת הנאה אינה ממון לקנות על גבי קרקע, נאָר ווערסטו אפשר זאָגען אז מעשר איז דאָך בלויז אלס טובת הנאה צו קענען געבען צו וועלכען כהן ער וויל, אָבער עס איז ניט קיין געלד וואָס באלאנגט צו אים צו קענען קונה זיין מיט חליפין. איז דאָך אויך אַזוי אַז עס איז ניט קיין געלד ,נאָר בלויז טובת הנאה פאר אים צו קענען געבען עס וועלכען כהן נאָר ער וויל? נאָר מוז זיין אַז אלס חצר מאכט דער פלאץ קונה זיין, אָבער זאָגט די גמרא ולא היא, מתנות כהונה נתינה כתיבה בהו, חליפין דרך מקח וממכר הוא, דמטלטלין אגב מקרקע נתינה אלימתא היא, אָבער עס איז ניט אַזוי, עס איז ניט צו פרעגען, האָבען זיי דען ניט געהאט קיין סודר פאַר חליפין, און צו אויספירען די פראַגע אויך אויף אגב קרקע, ווייל ביי מתנות כהונה שטעהט נתינה, און חליפין איז דער שטייגער פון מקח וממכר, און ביי מטלטלין אגב קרקע פאסט גיכער נתינה, וואָס איז גוט געווג פאַר די מטלטלין. רב פפא אמר דעת אחרת מקנה אותן שאני, רב פפא זאָגט לעולם האָבען זיי קונה געווען דעם מעשר מיט תורת חצר, אַי וואָס דו צייגסט איבער פון דעם אַז מען מוז ניט שטעהן ביים פעלד? איז אָבער דאָ אנדערש, ווייל אַן אנדער בעל דעה האָט דאָך דאָ געמאכט קונה זיין, דען רבן גמליאל האָט זיי דאָ געמאכט קונה זיין די מטלטלין וועלכע זיינען דאָרט אין דעם רשות געווען, ניט פון הפקר האָבען זיי עס קונה געווען, און דאָס איז שוין גרינגער קונה צו זיין, כאָטש מען שטעהט ניט דערביי. פרעגט די גמרא ומנא תימרא? דתנן ראה אותן רצין אחר המציאה כו' ואמר ר' ירמיה אמר ר' יוחנן והוא שרץ אחריהן ומגיען, ובעי ר' ירמיה במתנה היאך? קבלה מיניה ר' אבא בר כהנא, אף על פי שרץ אחריהן ואין מגיען. און פון וואנען דריגסטו צו מאכען דעם אונטערשייד פון דעת אחרת? דען מיר האָבען דאָ געלערנט דעם ערשטען פאל אין משנה, האָט אויף דעם ר' ירמיה געזאָגט פון ר' יוחנן וועגען, ווען איז די פעלד זוכה פאַר אים? אַז ער לויפט נאָך זיי און גרייכט זיי, האָט ר' ירמיה אויף דעם געפרעגט ווי איז דער דין אויב דער הירש און די טויבען זיינען געגעבען צו אים פון יעמאנדען אלס מתנה? האָט ר' אבא בר כהנא עס צוגענומען אַלס א גוטער אוינטערשייד פון מציאה צו מתנה, ווען אפילו ער לויפט נאָך זיי און גרייכט זיי ניט, דאָס מיינט דאָך ווען אפילו ער איז ניט דערביי, מאכט דאָס פעלד אלס חצר קונה פאַר אים די מתנה. מאי טעמא? לאו משום דדעת אחרת מקנה אותן

שאני, וואס איז די סברה? איז דען ניט די סברה, צוליב אז אן אנדער דעה איז דערביי איז אנדערש: אמר ליה רב שימי לרב פפא הרי גט דדעת אחרת מקנה אותה, ואמר עולא והוא? שעומדת בצד ביתה, או בצד הצירה? שאני גט דאיתיה בעל כרחה. האט רב שימי געזאגט צו רב פפא מיר זעהען דאך ביי גט וואו אן אנדער דעה מאכט קונה זיין, און פונדעסטוועגען האט עולא געזאגט ווען איז זי קונה דעם גט? ווען זי שטעהט ביי דער זייט הויז אדער חצר, זעהסט דאך גוט אז עס איז ניט קיין אונטערשייד פון הפקר צו דעת אחרת? ענטפערט די גמרא גט איז אנדערש ווייל ער געהט אן אלס געצוואונגען. מתקיף לה רב ששת בריה דרב אידי ולאו קל וחומר הוא, ומה גט דאיתיה בעל כרחה, אי עומדת בצד ביתה ובצד הצירה אין, אי לא, לא, מתנה דמדעתיה לא כל שכן? האט רב ששת דער זוהן פון רב אידי א קשיא געפרעגט איז עס דען ניט קיין קל וחומר, מיידאך גט וואס איז בעל כרחה, פונדעסטוועגען אז זי שטעהט ביי דער הויז אדער חצר איז יא, אויב ניט, ניט, מתנה וואס איז מיט זיין וויסען איז דאך געוויס ניט אנדערש נאר אזוי? אלא אמר רב אשי (דף י"ב, ע"א) חצר איתרבאי משום יד ולא גרעה משליחות, גבי גט דחוב הוא לה אין חבין לאדם אלא בפניו, גבי מתנה דזכות הוא לה, זכין לאדם שלא בפניו. נאר האט רב אשי געזאגט אז חצר איז מורבה געווארען צוליב יד, און עס איז ניט ערגער פון שליחות, פונקט ווי ביי שליחות איז קיין אונטערשייד ניט פון נאהענט ביז וייט, אזוי ביי יד, נאר דער אונטערשייד איז פאראן דערביי, ביי א גט וואס דאס איז ניט גוט פאר איהר, איז דאך דער דין אז מען טאר יענעם ניט טאן אונטער די אויגען א זאך וואס איז פאר אים ניט גוט, דעריבער מוז זי שטעהן ביי דער זייט פון איהר חצר צו קונה זיין, אבער ביי דער מתנה וואס איז א זכות פאר יענעם, מעג מען מאכען זוכה זיין פאר אים אונטער די אויגען. גופא ראה אותן רצין אחר המציאה וכו' אמר ר' ירמיה אמר ר' יוחנן והוא שרץ אחריהן ומגיען. בעי ר' ירמיה במתנה היאך? קבלה מיניה ר' אבא בר כהנא אף על פי שרץ אחריהן ואין מגיען. אויבען איז דערמאנט וועגען ראה אותן רצין אחר המציאה אויף דעם זאגט ר' ירמיה פון ר' יוחנן וועגען אז נאר ווען ער לויפט נאך זיי און גרייכט זיי. אויף דעם האט ר' ירמיה געפרעגט ווי איז די זאך ביי א מתנה? האט עס ר' אבא בר כהנא אנגענומען אז ביי מתנה איז אפילו ווען ער לויפט נאך און גרייכט זיי ניט, — אויך קונה. בעי רבא זרק ארנקי בפתח זה ויצא בפתח אחר מהו? אויר שאין סופו לנוח כמונח דמי, או לא? האט רבא א פראגע געשטעלט, אז איינער האט געווארפען א בייטעל מיט געלט אלס הפקר אין דער טיר אריין, און איז ארויס מיט דער אנדערער טהיר ווי איז דער דין? צי זאגען מיר אז פליהענדיג אין דער לופט פון זיין רשות, וואו ענדליך ער וועט ניט ארונטערנידערען דארט, פונדעסטוועגען זאל עס הייסען ווי גלייך ער וואלט ארונטערנידערען, אדער פיליכט ניט? נאר דער צווייטער איז זוכה? אמר ליה רב פפא לרבא ואמרי לה רב אדא בר מתנה לרבא, ואמרי לה רבינא לרבא, לאו היינו מתניתין ראה אותן רצין אחר המציאה ואמר ר' ירמיה אמר ר' יוחנן והוא.

**שרץ אחריהן ומגיען, ובעי ר' ירמיה במתנה היאך? וקבלה מיניה ר' אבא בר כהנא במתנה אף על פי שרץ אחריהן ואין מגיען.** האט רב פפא געזאגט צו רבא און טייל זאגען אז רב אדא בר מתנה האט עס געזאגט צו רבא און נאך טייל זאגען רבינא האט עס געזאגט צו רבא, איז עס דען ניט דיזעלבע זאך אין אונזער משנה ביי ראה אותן רצין אחר המציאה וואו ר' ירמיה זאגט פון ר' יוחנן וועגען אז נאר דאמאלט איז זיין פעלד זוכה פאר אים, ווען ער לויפט נאך און גרייכט עס, אויף דעם האט ר' ירמיה געפרעגט ווי איז די זאך ביי מתנה? און ר' אבא בר כהנא האט עס אנגענומען ביי מתנה אפילו וואו ער לויפט נאך און גרייכט אים ניט, זעהסט דאך גוט אז ביי מתנה איז דער אויך כמונח דמי? **אמר ליה מתגלגל קאמרת, שאני מתגלגל דכמונח דמי,** האט ער צו אים געזאגט דו זאגסט וועגען מתגלגל וואו די זאך קייקעלט זיך? מתגלגל איז אנדערש פון אין דער לופט, דען מתגלגל איז כמונח דמי: **מתני', מציאת בנו ובתו הקטנים, מציאת עבדו ושפחתו הכנענים, מציאת אשתו הרי אלו שלו.** די מציאה פון זיין זוהן אדער טאכטער אלס קליינע, אדער פון זיינע קנעכט און דינסטען פון די כנענים, אדער די מציאה פון זיין פרוי, באלאנגען צו אים. **מציאת בנו ובתו הגדולים, מציאת עבדו ושפחתו העברים מציאת אשתו שגירשה אף על פי שלא נתן כתובה הרי אלו שלהן.** אבער די מציאה פון זיין זוהן און טאכטער אלס גרויסע, און די מציאה פון זיינע אידישע דינער און דינסטען, אדער די מציאה פון זיין גע'גט'ע פרוי כאטש ער האט איהר נאך ניט געגעבען די כתובה, באלאנגען אלע צו זיי: **גמ': אמר שמואל מפני מה אמרו מציאת קטן לאביו? שבשעה שמוצאה מריצה אצל אביו ואינו מאחר בידו.** האט שמואל געזאגט ווארום האבען די חכמים געזאגט מציאת קטן געהערט צום פאטער? (דער טעם פון בתו און אשתו איז באשיידט) ווייל גלייך ווי ער געפינט לויפט ער צום פאטער און ער פארזוימט ניט די מציאה ביי זיך אין האנד, הויבט ער דאך אויף די מציאה פאר'ן פאטער. פרעגט די גמרא **למימרא דסבר שמואל קטן לית ליה זכייה לנפשיה מדאורייתא, והתניא השוכר את הפועל ילקט בנו אחריו, למחצה לשליש ולרביע לא ילקט בנו אחריו, ר' יוסי אומר בין כך ובין כך ילקט בנו ואשתו אחריו ואמר שמואל הלכה כר' יוסי.** עס קומט דאך אויס צו זאגען אז שמואל האלט אז א קטן האט ניט קיין זכייה פאר זיך מן התורה, און מיר האבען דאך געלערנט אז אייגער דינגט אן ארבייטער מעג דער זוהן פונ'ם ארבעטער אלס ארימאן קלייבען נאך אים, אז אבער דער ארבעטער האט אונטער־גענומען די ארבעט אויף א חלק פון דער ערנטע צי אויף דער העלפט צי א דריטעל, צי א פערטעל, דאמאלט זאל דער זוהן ניט נאכקלייבען. **ר' יוסי** זאגט סיי אזוי סיי אזוי מעגען זיין זוהן און פרוי נאכקלייבען. אויף דעם האט שמואל געזאגט אז די הלכה איז ווי ר' יוסי. **אי אמרית בשלמא קטן אית ליה זכייה לנפשיה, כי קא מלקט, לנפשיה קא מלקט ואבוה מיניה קא זכי, אלא אי אמרת קטן לית ליה זכייה לנפשיה, כי קא מלקט, לאביו קא מלקט אבוה עשיר הוא, אמאי אשתו ובנו מלקט אחריו?** אנדערש אז דו זאלסט זאגען אז א קטן האט יא א זכייה פאר זיך, אז ער קלייבט, קלייבט

ער פאַר זיך, און דער פּאַטער איז עס ערשט זוכה פונ'ם זוהן. אָבער אַז דו וועסט זאָגען אַז א קטן האָט ניט קיין זכיה פאַר זיך, אַז ער קלייבט, קלייבט ער דאָך פאַר'ן פאַטער, און דער פּאַטער איז דאָך אן עושר, היינט ווארום זאָל זיין פרוי און זוהן מעגען קלייבען נאָך אים? ענטפערט די גמרא **שמואל טעמא דתנא דידן קאמר, וליה לא סבירה ליה,** שמואל זאָגט נאָר דעם טעם פון אונזער תנא פון דער משנה, אָבער ער אַליין האלט ניט אַז מציאת קטן געהער צום פאַטער. פרעגט די גמרא **וסבר ר' יוסי קטן אית ליה זכייה מדאורייתא, והתנן מציאת חרש שוטה וקטן יש בהן משום גזל מפני דרכי שלום, ר' יוסי אומר גזל גמור, ואמר רב חסדא גזל גמור מדבריהן, נפקא מינה להוציאה בדיינין?** קומט דאָך אויס אַז ר' יוסי האלט אַז קטן האָט א זכייה מן התורה. מיר האָבען דאָך געלערנט אַז ביי מציאת חרש שוטה וקטן געהט אַן ווענען גזל צוליב דרכי שלום, מען זאָל ביי זיי ניט אַוועקכאפּען און ברייגנען צו קריגערייען. ר' יוסי זאָגט עס איז רעכטער גזל, האָט אויף דעם רב חסדא געזאָגט אַז עס מיינט עס איז גזל גמור מדרבנן צוליב דרכי שלום, עס איז א נפקא מינה צווישען זיי דאָס ר' יוסי קומט לאָזען הערען אַז די חכמים האָבען מחמיר געווען ביי זייער תקנה ווי ביי רעכטען גזל צו קענען ארויסציהען דעם גזל מיט'ן כח בית דין, און וויבאלד מן התורה האָט ער ניט קיין זכייה קומט דאָך אויס אַז דער פאַטער גזל'ט די עניים, היינט ווי אַזוי ערלויבט ר' יוסי זיי צו נאָכקלייבען דעם פאַטער — פועל? **אלא אמר אביי עשאוה כמי שהלכו בה נמושות, דעניים גופייהו מפחי דעתיהו סברי בריה דהיאך מלקטי לה.** נאָר האָט אביי געזאָגט דאָס לעולם האלט ר' יוסי אויך אַז א קטן האָט ניט קיין זכייה, נאָר דאָ ביי לקט איז דער טעם דערביי, ווייל אַזוי ווי דער פועל האָט א פרוי און זוהן, זיינען שוין די עניים אליין מייאש דעם לקט האָבען דעריבער די חכמים געמאכט די פעלד ווי גלייך עס וואָלט שוין געהן דאָרט די נמושות, וואו די משנה זאָגט פון ווען אָן מעג שוין יעדער מענש קלייבען? פון דער צייט ווען עס געהען שוין דאָרט די נמושות די אלטע לייט וואָס קלייבען נאָך די קלייבער, דען פון דער צייט אָן האָבען שוין די עניים אוועקגעמאכט זייער דעה דערפון און מייאש געווען, דאָס זעלבע טראכטען דאָ אַלע אַז דער זוהן פונ'ם פועל האָט שוין אוודאי אַלעס געקליבען. **אמר ליה רב אדא בר מתנה לאביי וכי מותר לאדם להרביץ ארי בתוך שדהו, כדי שיראו עניים ויברחו?** האָט רב אדא בר מתנה געזאָגט צו אביי, מעג דען א מענש לאָזען א לייב רוהען אין זיין פעלד, כדי די עניים זאָלען זעהן און ווייכען פון דאָרט? **אלא אמר רבא (דף י"ב,ע"ב) עשו שאינו זוכה כזוכה מאי טעמא? עניים גופייהו ניחא להו, כי היכי דכי אגרו לדידהו נלקוט בנייהו בתרייהו.** נאָר האָט רבא געזאָגט כאָטש ערגעץ וואו האָט א קטן ניט קיין זכייה, דאָ האָבען די חכמים געמאכט דעם ניט זוכה ווי א זוכה, וואָס איז די סברה? ווייל די עניים גופא זיינען צופרידען דערפון, אום זיי אויב מען וועט זיי דינגען צו דער ארבעט צו אראָפּנעמען די ערנטע וואו אויך אַלס פועל זאָלען זייערע זיהן קענען נאָכקלייבען, **ופליגא דר' חייא בר אבא דאמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן לא גדול ממש ולא קטן קטן:**

**ממש, אלא גדול וסמוך על שלחן אביו זהו קטן, קטן ואינו סמוך על שלחן אביו זהו גדול**, און שמואל וואָס זאָגט דעם טעם פון דער משנה צוליב א קטן האָט ניט קיין זכייה — — קריגט אויף ר' חייא בר אבא וואָס זאָגט פון ר' יוחנן וועגען אַז גדול מיינט מען דאָ ניט גדול ממש, און קטן קטן ממש, נאָר אפילו א גדול וואָס איז אָנגעוויזען אויפ'ן פאָטער'ס טיש, געהער אויך זיין מציאה צום פאָטער צוליב עס זאָל ניט שאפען קיין פיינטשאפט, און אַ קטן וואָס איז ניט אָנגעוויזען צום פאָטער'ס טיש הייסט ווי א גדול וואָס האָט סייווי א זכייה דערין: **מציאת עבדו ושפחתו העברים הרי הוא של עצמן**: פרעגט די גמרא **אמאי, לא יהא אלא פועל ותניא מציאת פועל לעצמו, במה דברים אמורים? בזמן שאמר לו נכש עמי היום, עדור עמי היום, אבל אמר לו עשה עמי מלאכה היום מציאתו לבעל הבית?** אויף וואָס איז געדארפט באזונדער צו לערנען וועגען אַן עבד עברי, ווען אפילו ער זאָל ניט פאַררעכענט זיין, נאָר ווי סתם א פועל, געהער דאָך אויך זיין מציאה צום בעל הבית, איז דאָך שוין אזא פאַל געלערנט אז מציאת פועל געהער צו זיך, ווען זיינען די רייד געזאָגט? אין צייט ווען ער רעדט זיך אויס און זאָגט צו אים א באשטימטע מלאכה צו אויסרייסען די שלעכטע געוואוקסען מיט מיר היינט, אָדער צו צוברעקלען די געאקערטע ערד מיט מיר היינט, דאמאָלט געהער די מציאה צום פועל, אָבער אַז ער זאָגט צו אים סתם טו מיט מיר מלאכה היינט, געהער די מציאה צום בעל הבית, איז דאָך שוין אין דעם זין געלערנט? **אמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן הכא בעבד נוקב מרגליות עסקינן שאין רבו רוצה לשנותו למלאכה אחרת**, האָט ר' חייא בר אבא געזאָגט פון ר' יוחנן וועגען אַז דאָ שמועסט ביי אַן עבד וואָס מאכט לעכעלאך אין פערל, וואו זיין בעל הבית וויל אים ניט ענדערן פאַר אַן אנדער מלאכה, באצאָהלט אים צוריק דער פועל פאר דער פארלוירענער צייט בעת'ן געפינען די מציאה, אָבער די מציאה געהער צום פועל, און דאָס מוז ער אונז לאָזען הערען. **רבא אמר במגביה מציאה עם מלאכתו עסקינן, רב פפא אמר כגון ששכרו ללקט מציאות והיכי דמי? דאקפי אגמא בכוורי**, רבא זאָגט עס שמועסט וואו ער הויבט אויף די מציאה מיט דער מלאכה, ניט פאַרלירענדיג קיין צייט פון דער מלאכה, לאָזט אונז דאָס די משנה הערען אַז די מציאה געהער צום עבד. רב פפא זאָגט אַז עס שמועסט ער האָט אים געדונגען אויף צו קלייבען מציאות, דעריבער געהער די מציאה פאַר'ן בעל הבית, אַי וואָס לאָזט ער דאָ הערען? נאָר וויסטו ווי דאָ שמועסט? עס שמועסט וואו א טייך איז איבער־געשוואומען מיט פיש, און נאכהער צוריך אָפּגעפאלען, לאָזט ער אונז הערען דאָס אפילו אַזא וואונדערליכע מציאה, דאמאָלט, געהער אויך די מציאה צום בעל הבית: **האי שפחה היכי דמי? אי דאייתי שתי שערות מאי בעיא גביה? ואי דלא אייתי שתי שערות אי איתיה לאב, דאבוה הויא, ואי דליתיה לאב תיפוק במיתת האב, דאמר ריש לקיש אמה העבריה קנה עצמה במיתת האב מרשות האדון מקל וחומר?** די שפחה דאָ ווי שמועסט? האָט זי שוין געבראכט די סימני־נערות, וואָס טוט זי נאָך ביים בעל הבית, זי געהט דאָך אַרויס מיט סימני־נערות, האָט זי ווידער ניט געבראכט קיין

סימני נערות, איז נאָך פאַראַן דער פאָטער, געהער דאָך צו אים, איז שוין ווידער ניט פאַראַן דער פאָטער. זאָל זי אַרויס פונ'ם בעל הבית מיט מיתת האב דען ריש לקיש זאָגט דאָך אז אמה העבריה קריגט זיך אַרויס פונ'ם בעל הבית, מיט מיתת האב פון א קל וחומר, מיידאָך סימנים וואָס ציהען איהר ניט אַרויס פון פאָטער, פונדעסטוועגען ציהען זיי איהר אַרויס פון בעל הבית, מיתת האב וואָס ציהט איהר יאָ אַרויס פון פאָטער אַז זיין זוהן זאָל ניט ירש'נען דעם פאָטער'ס זכות ביי זיין טאָכטער, איז דען ניט קיין געוויס, זי זאָל אויך אַרויסציהען איהר פון בעל הבית? ענטפערט די גמרא **ולאו איתותב ריש לקיש, נימא מהאי נמי תיהוי תיובתא**? איז דען ריש לקיש ניט אָפּגעפרעגט געוואָרען דאָרט אין קידושין פון א משנה? און באלד פרעגט די גמרא איבער, אויב אַזוי קענען מיר דאָך זאָגען אַז אויך פון דאנען וואָס באווייזט אויך אז מיתת האב מאכט איהר ניט פריי פון בעל הבית — וועט זיין א קשיא אויף ריש לקיש? ווענדט די גמרא אָפּ לא, **לעולם דאיתיה לאב, ומאי הרי הן שלהן, לאפוקי דרבה,** ניין, לעולם שמועסט אַז דער פאָטער לעבט נאָך, אַי געהערט דאָך די מציאה צום פאָטער, וואָס דען זאָגט די משנה עס געהערט צו זיי? נאָר ווייסטו וואָס עס מיינט „שלהן"? עס מיינט צו אַרויסציהען פון איהר בעל הבית, דאָס נאָר צו זיי מיינענדיג נאָר צו דער אמה מיט'ן פאָטער באלאנגט די מציאה, ניט צום באלעבאָס. ער זאָגט אַזוי „צו זיי", כאָטש בלויז דער פאָטער האָט די מציאה, ווייל ער איז קונה איהר פון זיין טאָכטער: **מציאת אשתו: גירשה פשיטא? הכא במאי עסקינן? במגורשת ואינה מגורשת דאמר ר' זירא אמר שמואל כל מקום שאמרו חכמים מגורשת ואינה מגורשת בעלה חייב במזונותיה.** פון א גע'גט'ע איז דאָך א געוויס אַז די מציאה באלאנגט צו איהר? ענטפערט די גמרא ווייסטו ווי דאָ שמועסט? ביי א גע'גט'ע און ניט א גע'גט'ע דהיינו וואו ער האָט איהר געוואָרפען א גט, וועלכער איז אין ספק געווען, צי נעהנטער צו איהר צי נעהנטער צו אים, אין רשות הרבים, דען ר' זירא האָט געזאָגט פון שמואל ווענען, אז ביי מגורשת ואינה מגורשת איז דער מאן נאָך חייב פאַר איהר באשפייזונג, וואָלט איך דאָך מיינען אַז אויך די מציאה געהער נאָך צום מאן? ענטפערט דאָס די גמרא **טעמא מאי אמור רבנן מציאת אשה לבעלה כי היכי דלא תיהוי לה איבה, הכא אית לה איבה ואיבה.** וואָס איז דען דער טעם וואָס די רבנן האָבען געזאָגט אז מציאת אשה געהער צום מאן? אום עס זאָל ניט זיין קיין פיינדשאפט צו איהר, דאָ איז דאָך סיווי פיינדשאפט און פיינדשאפט: **מתני', מצא שטרי חוב אם יש בהן אחריות נכסים לא יחזיר, שבית דין נפרעין מהן, אין בהן אחריות נכסים יחזיר, שאין בית דין נפרעין מהן דברי ר' מאיר.** אז איינער האָט געפונען געלד־וועקסלען, אויב עס איז אין זיי איינגעשריבען א האַפּטונג אויף פעלד, זאָל ער אַזא שטר ניט צוריקגעבען, ווייל מיט אים איז דער בית דין גובה, און עס קען זיין אַז די געלד איז שפּעטער פונ'ם דאטום געליגען געוואָרען, וועט מען דאָך אָוועקנעמען פון די פריהער פאַרקויפטע פעלדער שלא כדין, איז ניט פאַראַן אין זיי אַ פאַרזיכערונג אויף א פעלד, זאָל ער יאָ צוריקגעבען דעם שטר צום פאַרלירער, ווייל דער בית דין

איז ניט גובה פון די פעלדער, קען עס ניט קומען צו דעם מכשול, אזוי האלט ר' מאיר, וחכמים אומרים בין כך ובין כך לא יחזיר מפני שבית דין נפרעין מהן, און די חכמים זאגען סיי מיט אחריות סיי אהן אחריות זאל ער ניט צוריקגעבען, ווייל די חכמים האלטען דאס דער שטר איז שוין אונטער פראגע דען עס איז באווייזליך אז א גוטער שטר ווערט גוט געהיטען, קען מען אים ניט געבען צום איינמאהנען: גמ', במאי עסקינן? אילימא כשחייב מודה, כי יש בהן אחריות נכסים אמאי לא יחזור הא מודה? ואי כשאין חייב מודה, כי אין בהן אחריות נכסים אמאי יחזיר, נהי דלא גבי ממשעבדי, מבני חרי מגבא גבי? ביי וואס א שטר חוב שמועסט דא, זאל איך זאגען וואו דער שולדער איז מודה, אז עס איז פאראן אין אים א האפטונג אויף זיינע פעלדער, ווארום זאל ער אים ניט צוריקגעבען, דער שולדער איז דאך מודה? איז ווידער דער שולדער ניט מודה, אז עס איז אין אים פאראן קיין אחריות נכסים, ווארום זאל ער אים יא צוריקגעבען, צוואר ער איז ניט גובה פון די פארפליכטעטע פעלדער, אבער פון די פרייע פעלדער איז ער דאך יא גובה? ווענדט די גמרא אפ לעולם כשחייב מודה והכא היינו טעמא דחיישינן שמא כתב ללוות בניסן ולא לוה עד תשרי ואתי למטרף לקוחות שלא כדין. לעולם שמועסט אז דער שולדער איז מודה, אי ווארום מיט אחריות נכסים זאל ער דעם שטר ניט צוריקגעבען דער שולדער איז דאך מודה? נאר דא איז דער טעם, ווייל מיר באזארגען טאמער איז פארשריבען צו לייהען אין ניסן, און געליגען האט ער ניט ביז ערשט תשרי, און ער וועט מיט דער האפטונג קומען אוועקנעמען פון די שוין פארקויפטע פעלדער אין דער צווישען־צייט — שלא כדין. פרעגט די גמרא אי הכי כל שטרי דאתי דלקמן ניחוש להו הכי? כל שטרי לא ריעי, הני ריעי. אויב אזוי איז דאך יעדער שטר וואס קומט פאר פאר אונז צו באזארגען אזוי? ענטפערט די גמרא ביי אלע שטרות איז קיין שלעכטע זאך ניט פארגעקומען. ביי די שטרות איז יא א שלעכטע זאך פארגעקומען, זיי זיינען געפונען געווארען אין גאס וואס ווארפט א חשד אויף זיין ראיעלקייט. פרעגט די גמרא אלא הא דתנן כותבין שטר ללוה אף על פי שאין מלוה עמו, לכתחילה היכי כתבינהו, ניחוש שמא כתב ללות בניסן ולא לוה עד תשרי ואתי למיטרף לקוחות שלא כדין? אבער דאס איז דאך שווער וואס די משנה לערנט אז מען שרייבט א שטר פאר'ן לוה כאטש דער מלוה איז ניט מיט אים, לכתחילה ווי געהט מען שרייבען אזא שטר, מיר האבען דאך צו באזארגען דאס טאמער איז ער געשריבען געווארען צו לייהען אין ניסן, און ניט געליגען ביז ערשט תשרי, און אזוי ארום וועט מען קומען צו אוועקנעמען די לקוחות שלא כדין? אמר רב אסי (דף י"ג, ע"א) בשטרי הקנאה דהא שעביד נפשיה, האט רב אסי געזאגט דאס וואס די משנה לערנט, מען שרייבט א שטר אהן דעם מלוה, מיינט מען א שטר הקנאה וואו ער מאכט אים קונה זיין דעם שעבוד צו איינמאנען פון יעצטיגען דאטום אן, האט דאך דער לוה זיך משעביד געווען אויף באלד. פרעגט די גמרא אי הכי מתניתין דקתני אם יש בהן אחריות לא יחזיר ואוקימנא כשחייב מודה ומשום שמא כתב ללות בניסן ולא לוה עד תשרי ואתי למטרף לקוחות

**שלא כדין**, אויב אַזוי אויב דער שעבוד איז פון באלד אָן, **איז דאָך** שווער די משנה וואָס לערנט אויב מיט אחריות, זאָל ער ניט צוריקגעבען, און מיר האָבען איינגעזעצט אַז דער שולדער איז מודה און צוליב דעם אונטערשייד פון שרייבען צו לייהען, ביז לייהען, ער זאָל ניט גובה זיין פון די לקוחות שלא כדין, **אמאי לא יחזיר, נחזי אי בשטר הקנאה, הא שעביד ליה נפשיה, אי בשטר דלא הקנאה ליכא למיחש דהא אמרת כי ליכא מלוה בהדיה לא כתבינן?** ווארום זאָל ער דעם שטר ניט צוריקגעבען, לאָמיר זעהן, איז עס א שטר הקנאה, האָט דאָך דער לוה זיך פאַרפליכטעט אויף באלד, איז עס ניט קיין שטר הקנאה, איז דאָך ניטאָ וואָס צו באַזאָרגען, דען דו זאָגסט דאָך אַז דער מלוה איז ניט דערביי שרייבען מיר ניט אזא שטר? **אמר ליה רב אסי אף על גב דשטרי דלאו הקנאה כי ליכא מלוה בהדיה לא כתבינן, מתניתין כיון דנפל אתרע ליה, וחיישינן דלמא אקרי וכתוב**, האָט רב אסי צו אים געזאָגט כאָטש דער שטר וואָס איז ניט קיין שטר הקנאה, אויב דער מלוה איז ניט דערביי שרייבט מען ניט קיין שטר, אונזער משנה אָבער, וויבאלד דער שטר איז געפאלען אין גאס, איז זיין זיכערקייט קאַלע, און עס איז צו באַזאָרגען דאָס טאָמער האָט זיך יאָ געמאכט אז מען האָט געשריבען אים, אָהן דעם מלוה. **אביי אמר עדיו בחתומיו זכין לו, ואפילו שטרי דלאו הקנאה, משום דקשיא ליה כיון דאמרת בשטרי דלאו הקנאה כי ליתיה למלוה בהדיה לא כתבינן ליכא למחיש דאקרי וכתוב**, אביי זאָגט אַז די עדות מיט זייער חתמ׳נען מאכען זוכה זיין דעם שעבוד פון באלד אָן, אפילו ביי א שטר וואָס איז ניט קיין שטר הקנאה. ער זאָגט אַזוי צוליב עס איז אים שווער געווען, וויבאלד דו זאָגסט אַז ביי א שטר פון ניט הקנאה אויב דער מלוה איז ניט דערביי שרייבט מען ניט, איז דאָך ניטאָ וואָס צו באַזאָרגען, דאָס טאָמער וועט זיך טרעפען מען וועט יאָ שרייבען. אָבער יעצט אַז די משנה זאָגט מען שרייבט יאָ, איז דאָך צו באַזאָרגען אויף שריי־בען און ניט געליגען. די גמרא וועט ווייטער פרעגען אויב אַזוי ווארום זאָל ער דעם שטר ניט צוריקגעבען. פרעגט די גמ׳ **אלא הא דתנן מצא גיטי נשים, ושחרורי עבדים, דייתיקי, מתנה, ושוברים, הרי זה לא יחזיר, שמא כתובים היו ונמלך עליהם שלא ליתנם, וכי נמלך עליהם מאי הוי והא אמרת עידיו בחתומיו זכין לו?** אָבער דאָס וואָס מיר האָבען געלערנט אין א משנה אַז ער האָט געפונען גיטי נשים אָדער באפרייאונגס־שטרות פון עבדים, אָדער צוואות פון א קראנקען פאַר זיין אָפּשטארבען אָדער שטר מתנה פון אַ געזונטען, אָדער רעצעפּיסין, זאָל ער זיי ניט צוריקגעבען, וויל עס איז צו באַזאָרגען אַז די שטרות זיינען געווען געשריבען נאָר מען האָט זיך באראָטען אויף זיי ניט צו געבען, איז דאָך די קשיא און אַז מען האָט זיך באראָטען אויף זיי איז וואָס, דו זאָגסט דאָך אַז די עדות מיט זייער חתימה מאכען זוכה זיין פאַר אים? ענטפערט די גמרא **הני מילי? היכא דקא מטו לידיה, אבל היכא דלא מטו לידיה לא אמרינן**, ווען זיינען די רייד געזאָגט אַז די עדות מיט זיין חתימה מאכען זוכה זיין? וואו די שטרות זיינען געקומען אין זיין האנד, אָבער וואו די שטרות זיינען ניט אָנגעקומען אין זיין האנד זאָגען מיר ניט עדות בחתומיו זכין לו. פרעגט די גמרא **אלא מתניתין דקתני מצא שטרי חוב**

**אם יש בהן אחריות נכסים לא יחזיר, ואוקימנא כשחייב מודה ומשום שמא כתב ללות בניסן ולא לוה עד תשרי, בשלמא לרב אסי דאמר בשטרי אקנייתא, מוקי לה בשטרי דלאו אקנייתא וכדאמרינן, אלא דאביי דאמר עדיו בחתומיו זכין לו מאי איכא למימר ?** אָבער אונזער משנה וואָס לערנט אז געפינענדיג שטרי חוב מיט אחריות נכסים זאָל ער ניט צוריקגעבען, און מיר האָבען איינגעזעצט אַז דער שולדער אנערקענט דעם שטר, נאָר ער גיט אים ניט צוריק צוליב טאָמער איז ער פריהער געשריבען און ערשט שפּעטער מיט א צייט געליגען, איז דאָך שוועער אנדערש נאָך רב אסי נאָך וואָס זאָגט וועגען אויסנאַם שטר אקנייתא, זעצט מען איין די משנה ביי שטרות פון ניט אקיינתא, און מען גיט די שטרות ניט צוריק, לויט ווי מיר האָבען אויבען געזאָגט, ווייל פאלענדיג אין גאס, ווערט קאלע זיין זיכערקייט, און עס איז צו באזאָרגען דאָס ער איז ביי אויסנאַם געשריבען געוואָרען אָהן דעם מלוה, און דעריבער אַזוי פּארלאָזען אין גאס אָלס ווערטלאָז, אָבער נאָך אביי נאָך וואָס זאָגט עדיו בתחומיו זכין לו, ווארום זאָל מען די שטרות ניט צוריקגעבען, ער האָט דאָך זוכה געווען דורך די חתימה פון די עדות צו גובה זיין פון יענער צייט אָן, היינט וואָס איז פאראן יעצט צו ענטפערען ? **אמר לך אביי מתניתין היינו טעמא דחייש לפרעון ולקנוניא**, אביי קען דיר אַזוי ענטפערען אַז אונזער משנה וואָס זאָגט, ניט צוריקגעבען — איז דער טעם, ווייל עס איז צו באזאָרגען אַז דער שטר איז א באַצאָהלטער און ער איז גע־פאלען אין גאַס פון לוה'ס האנד, אַי וואָס דער לוה איז מודה ? דאָס איז צוליב א שווינדעל, וואו דער לוה נעמט אויך א האנד דערין, אום דער מלוה זאָל אַוועקנעמען די לקוחות שלא כדין, פרעגט די גמרא **ולשמואל דאמר לא חיישינן לפרעון ולקנוניא מאי איכא למימר, הניחא אי סבר לה כרב אסי דאמר בשטרי הקנאה, מוקי מתניתין בשטרי דלאו הקנאה, אלא אי סבר כאביי דאמר עדיו בתחומיו זכין לו מאי איכא למימר ?** און נאָך שמואל נאָך וואָס זאָגט אַז עס איז ניט צו באזאָרגען וועגען פרעון און קנוניא, ווייל אזא שטר ווערט גלייך צוריסען, וואָס איז לויט דעם צו ענטפערען, עס קומט דאָך צוריק די קשיא אנדערש לויט רב אסי קען מען איינזעצען ביי שטרי דלאו הקנאה, אָבער לויט אביי'ס סברה עדיו בתחומיו זכין לו, וואָס איז צו ענטפערען ? ענטפערט די גמרא **שמואל מוקי למתניתין כשאין חייב מודה**, שמואל זעצט איין די משנה וואו דער שולדער איז ניט מודה אויפ'ן שטר. פרעגט די גמרא **אי הכי כי אין בהם אחריות נכסים אמאי יחזיר נהי דלא גבי ממשעבדי מבני חרי מגבי גבי ? שמואל לטעמיה דאמר שמואל אומר היה ר' מאיר שטר חוב שאין בו אחריות נכסים אינו גובה לא ממשעבדי ולא מבני חרי**, אויב אַזוי אויב דער שולדער איז ניט מודה, ווארום אָהן אחריות נכסים — זאָל ער יאָ צוריקגעבען, כאָטש ער איז ניט גובה פון נכסים משובדים, אָבער פון פרייע פעלדער איז ער דאָך וויניגסטענס גובה ? ענטפערט די גמרא שמואל געהט לויט זיין סברה ווייל ער זאָגט אַז ר' מאיר זאָגט אלע מאָהל אז שטרי חוב אָהן אחריות איז ניט גובה, ניט פון משעבדי און ניט פון בני חורין. פרעגט די גמרא **וכי מאחר שאינו גובה אמאי יחזיר ? אמר ר' נתן בר אושעיא**

לצור על פי צלוחיתו של מלוה, ונהדריה להו ללוה לצור על פי צלוחיתו של לוה? וויבאלד ער איז ניט גובה, ווארום זשע זאל ער דעם שטר צוריקגעבען? האט רב' נתן בר אושעיא געזאגט עס איז געמיינט פאר'ן נוצען פונ'ם פאפיר דער מלוה זאל האבען מיט וואס צו פארשטאפען זיין פלאש. פרעגט די גמרא זאל ער אים צוריקגעבען צום לוה פאר זיין נוץ? ענטפערט די גמרא לוה הוא (דף י"ג, ע"ב) דאמר לא היו דברים מעולם, דער לוה זאגט עס אז ער האט קיינמאהל דעם שטר ניט געשריבען, אמר ר' אלעזר מחלוקת בשאין חייב מודה, דר' מאיר סבר שטר שאין בו אחריות אינו גובה לא ממשעבדי ולא מבני חרי, ורבנן סברי ממשעבדי הוא דלא גבי, מבני חרי מגבי גבי, אבל כשחייב מודה דברי הכל יחזיר, ולא חיישינן לפרעון ולקנוניא. האט ר' אלעזר געזאגט אז די מחלוקת אין אונזער משנה איז וואו דער שולדער איז ניט מודה, ר' מאיר האלט אז א שטר אהן אחריות איז ניט גובה, ניט פון משעבדי און ניט פון בני חרי, און די רבנן האלטען אז נאר פון משעבדי איז ער ניט גובה, אבער פון די פרייע נכסים איז ער גובה. אבער וואו דער שולדער איז מודה האלטען אלע ער זאל דעם שטר צוריקגעבען, און מיר באזארגען ניט וועגען פרעון און קנוניא. ור' יוחנן אמר מחלוקת כשחייב מודה, דר' מאיר סבר שטר שאין בו אחריות נכסים ממשעבדי הוא דלא גבי, אבל מבני חרי מגבא גבי, ורבנן סברי ממשעבדי נמי גבי, אבל כשאין חייב מודה דברי הכל לא יחזיר דחיישינן לפרעון און ר' יוחנן זאגט אז די מחלוקת אין אונזער משנה איז וואו דער שולדער איז מודה, ר' מאיר האלט אז א שטר אהן אחריות איז נאר ניט גובה פון משעבדי אבער פון בני חרי איז ער יא גובה, און די רבנן האלטען אז אויך פון משעבדי איז ער גובה ווייל וואס עס איז ניט קיין אחריות נכסים איז צוליב א טעות. אבער וואו דער חייב איז ניט מודה האלטען אלע, ער גיט ניט צוריק דעם שטר ווייל עס איז צו באזארגען דעם שטר איז שוין א באצאהלטער. תניא כוותיה דר' יוחנן ותיובתא דר' אלעזר בחדא, ותיובתא דשמואל בתרתי, מצא שטרי חוב ויש בהן אחריות נכסים אף על פי ששניהם מודים לא יחזיר לא לזה ולא לזה, אין בהן אחריות נכסים בזמן שהלוה מודה יחזיר למלוה אין הלוה מודה לא יחזיר לא לזה ולא לזה דברי ר' מאיר. מיר האבען געלערענט א ברייתא א גלייכונג פון ר' יוחנן וואס איז א קשיא פון איהר מיט איין זאך אויף ר' אלעזר און מיט צוויי זאכען אויף שמואל. די ברייתא איז אז ער האט געפונען שטרי חוב מיט אחריות נכסים כאטשביידע זיינען מודה, זאל ער ניט צוריקקערען, ניט צו דעם און ניט צו דעם, אויב אהן אחריות נכסים, איז דער לוה מודה, גיט ער צוריק דעם שטר צום מלוה, איז דער לוה ניט מודה, גיט ער ניט צוריק, ניט צו דעם און ניט צו דעם, אזוי זיינען די רייד פון ר' מאיר, שהיה ר' מאיר אומר שטרי שיש בהן אחריות נכסים, גובה מנכסים משועבדים, ושאין בהן אחריות נכסים, גובה מנכסים בני חורין, וחכמים אומרים אחד זה ואחד זה גובה מנכסים משועבדים. דען ר' מאיר פלעגט זאגען שטרות מיט אחריות זייבען גובה פון נכסים משועבדים, אהן אחריות איז בלויז גובה פון חרי, און די חכמים

זאָגען סיי דער סיי דער איז גובה פון משועבדים. **תיובתא דר' אלעזר בחדא, דאמר לר' מאיר שטר שאין בו אחריות נכסים אינו גובה מנכסים משועבדים ולא מנכסים בני חורין, וקאמר בין לר' מאיר בין לרבנן לא חיישינן לקנוניא, וברייתא קתני שטר שאין בו אחריות נכסים ממשעבדי הוא דלא גבי, הא מבני חורין מגבא גבי, וקתני בין לר' מאיר בין לרבנן חיישינן לקנוניא.** עס איז א קשיא אויף ר' אלעזר מיט איין זאך דען ר' אלעזר זאָגט דאָך, דאָס נאָך ר' מאיר נאָך, איז א שטר אָהן אחריות ניט גובה, ניט פון משעבדי און ניט פון חורין, און ער זאָגט אויך דאָס סיי נאָך ר' מאיר סיי נאָך די רבנן באַזאָרגען מיר ניט וועגען קנוניא, און די ברייתא לערנט דאָך אַז א שטר אָהן אחריות איז בלויז ניט גובה פון משעבדי, אָבער פון חורין איז ער יאָ גובה, און זי לערנט דאָך אויך דאָס סיי נאָך ר' מאיר סיי נאָך די רבנן האָבען מיר יאָ צו באַזאָרגען וועגען א קנוניא. **דקתני אף על פי ששניהם מודים לא יחזיר לא לזה ולא לזה אלמא חיישינן לקנוניא.** דען די ברייתא לערנט דאָך דאָס כאָטשביידע זיינען מודה, זאָל ער ניט צוריק־געבען, ניט צו דעם און ניט צו דעם, זעהען מיר דאָך פון דעם אַז מיר באַזאָרגען וועגען קנוניא? און באלד פרעגט ער איבער **והא הני תרתי הוא?** (דף י"ד, ע"א) **חדא הוא, דחד טעם הוא, דמשום דקאמר ר' אלעזר מחלוקת בשאין חייב מודה, הוא מתריץ הכי,** דו זאָגסט וועגען א קשיא אויף ר' אלעזר מיט איין זאך, דו ברענגסט דאָך אַרויס, וואו עס זיינען פאַראַן צוויי קשיות? דען ר' אלעזר זאָגט אַז ר' מאיר האלט ביי א שטר אָהן אחריות, דאָס ער איז ניט גובה פון קיין נכסים, און אַז סיי ר'מאיר סיי די רבנן באַזאָרגען ניט וועגען קנוניא, און די ברייתא לערנט דאָך אַז א שטר אָהן אחריות איז גובה ווייניגסטענס פון בני חורין, און אַז סיי ר' מאיר סיי די רבנן באַזאָרגען יאָ וועגען א קנוניא. איין זאך איין אַן אונטערשייד וועגען גבייה און די צווייטע זאַך וועגען קנוניא? ענטפערט די גמרא עס מיינט אַז עס איז נאָר איין זאך, צוליב עס איז איין טעם וואָס האָט געצוואונגען ר' אלעזר'ן צו זאָגען ביידע זאכען. דען זאָגענדיג אַז די מחלוקת איז וואו דער חייב איז ניט מודה, איז ער שוין געצוואונגען צו זאָגען אַז ער איז ניט גובה אפילו פון די חורין, און ווייל ער דאַרף ענדיגען אַז אָבער דער חייב איז יאָ מודה האלטען ביידע ער זאָל יאָ צוריקגעבען דעם שטר, איז ער שוין אויך געצוואונגען דעם תירוץ צו זאָגען אַז זיי באַזאָרגען ניט וועגען קנוניא. **תיובתא דשמואל בתרתי, חדא כר' אלעזר דהא מוקי מתניתין בשאין חייב מודה, וחדא דאמר שמואל מצא שטר הקנאה בשוק יחזיר לבעלים ולא חיישינן לפרעון.** און עס איז א קשיא אויף שמואל מיט צוויי זאכען, איינס, איז די זעלבע קשיא ווי אויף ר' אלעזר, דען ער זעצט דאָך אויך איין די משנה, וואו דער חייב איז ניט מודה ווי ר' אלעזר, מוז ער דאָך אויך קומען צום זעלבען אויספיר, און די צווייטע קשיא איז, דען שמואל זאָגט דאָך אַז ער האָט געפונען א שטר הקנאה, גיט ער צוריק אים צו די בעלים און מען באַזאָרגט ניט פאַר פרעון אפילו ווען דער חייב איז ניט מודה, ווייל מען וואָלט צורייסען דעם שטר. **תיובתא דקתני הכא אף על פי ששניהם מודים לא יחזיר לא לזה ולא לזה אלמא חיישינן לפרעון, וכל שכן הכא דלא מודה**

לוה דחיישינן לפרעון? איז דאך די קשיא וואס ער לערנט דא אין דער ברייתא כאטשביידע זיינען מודה, זאל ער ניט צוריקגעבען, ניט צו דעם און ניט צו דעם. זעהען מיר דאך אז מען באזארגט יא וועגען פרעון און געוויס דא אין אונזער משנה וואו שמואל זעצט איין ביי ניט מודה דאס זיכער מיר באזארגען פאר פרעון? **אמר שמואל מאי טעמא דרבנן? סברי אחריות טעות סופר** האט שמואל געזאגט וואס איז דער טעם פון די רבנן וואס זאגען אז אהן אחריות איז מען גובה אפילו פון משעבדי? די רבנן האלטען אז וואס אחריות איז ניט איינגעשריבען איז צוליב א טעות פונ'ם סופר, ווייל מען לייהט ניט קיין געלד אויף א שטר אהן אחריות. **אמר ליה רבא בר איתי לרב אידי בר אבין ומי אמר שמואל הכי, והאמר שמואל שבח שפר ושעבוד צריך לימלך, לימא מאן דאמר הא, לא אמר הא?** האט רבא בר איתי געזאגט צו רב אידי בר אבין האט דען שמואל אזוי געקענט זאגען אז אחריות איז טעות סופר, שמואל האט דאך געזאגט אז ביי א פעלד־קויף מוז דער סופר זיך באראטען מיט'ן פארקויפער צי ער גיט אים אן אחריות אויפ'ן פעלד ביי א פאל וואו זיינער א בעל חוב נעמט עס פונ'ם לוקח אוועק, און צי ער גאראנטירט אויך די בעסערקייט אין זיין צייט וואס די פעלד האט צוגענומען, און אויך צי די אחריות זאל זיין אויף זיינע „עדית" די בעסטע פעלדער וואס ער האט. קען דאך שוין ניט זיין קיין טעות סופר. קומט דאך שוין אויס צו זאגען, אז דער וואס זאגט עס איין נאמען פון שמואל, האט ניט געקענט זאגען אין זיין נאמען וועגען אחריות טעות סופר? ווענדט די גמרא אפ **הא לא קשיא כאן בשטר הלואה, דלא יהיב איניש זוזי בכדי, כאן במקח וממכר דעביד איניש דזבין ארעא ליומיה,** דאס איז ניט קיין קשיא, דא וואו ער זאגט אז אחריות אויב ניט איינגעשריבען איז טעות סופר שמועסט ביי א שטר הלואה, ווייל געלד גיט א מענש ניט אוועק אהן א פארזיכערונג. אבער דא וואו ער זאגט אז דער סופר מוז פריהער זיך באראטען צי מען גיט די פארזיכערונג צום איינשרייבען שמועסט ביי א פעלד־קויף, וואו עס איז אויך א שטייגער א מענש זאל קויפען א פעלד לויט זיין טאג, עס לוינט זיך אים אמאהל צו קויפען אפילו אהן א פארזיכערונג, אדער צוליב ער קויפט עס פאר ביליגער אדער צוליב עס איז אין שכנות פון זיין פעלד, אדער ער איז אינפארמירט אז דער פארקויפער איז ניט פארשולדיגט, נעמט ער דעם טשענס, אז עס וועט אים געלונגען, **כי ההיא דאבוה בר איהי זבין עליתא מאחתיה אתא בעל חוב טרפא מיניה, אתא לקמיה דמר שמואל אמר ליה כתבה לך אחריות? אמר ליה לא, אמר ליה אם כן זיל לשלמא,** ווי די פאסירונג וואו אבוה בר איהי האט געקויפט א בעסט שטיקעל פעלד פון זיין שוועסטער, איז נאכהער געקומען א בעל חוב און עס אוועקגענומען פון אים, איז ער געקומען פאר מר שמואל, האט ער אים געפרעגט, האט זי דיר איינגעשריבען אן אחריות? האט ער צו אים געזאגט ניין, האט שמואל צו אים געזאגט אויב אזוי געה לשלום. **אמר ליה והא מר הוא דאמר אחריות טעות סופר הוא? אמר ליה הני מילי בשטרי הלואה, אבל בשטרי מקח וממכר לא, דעביד איניש דזבין ארעא ליומיה.** האט ער געזאגט צו מר שמואל דו האר זאגסט דאך אז אחריות

איז טעות סופר? האָט מר שמואל געזאָגט צו אים ווען זיינען די רייד געזאָגט ביי שטרות פון הלואה, אָבער ביי שטרות פון מקח וממכר ניט, ווייל עס טרעפט אויך אז א מענש זאָל קויפען א פעלד צום טאָג, לויט ווי עס שטעהט אָהן שום אחריות. אמר אביי ראובן שמכר שדה לשמעון באחריות ובא בעל חוב דראובן וקטריף ליה מיניה, דינא הוא דאזיל ראובן ומשתעי דינא בהדיה, ולא מצי אמר ליה לאו בעל דברים דידי את, דאמר ליה דמפקת מיניה עלי דידי הדר, האָט אביי געזאָגט אז ראובן האָט פאַרקויפט א פעלד צו שמעון מיט אחריות, און דער בעל חוב פון ראובן איז געקומען און אַוועקגענומען די פעלד פון אים, איז די רעכט אַז ראובן זאָל געהן און פירען א משפט מיט'ן בעל חוב, און דער בעל חוב קען ניט זאָגען צו ראובן, דו ביזט ניט מיין בעל דברים, ווייל ראובן קען זאָגען צום בעל חוב, אַז אויב דו ציהסט אַרויס פון אים, קומט ער צוריק אויף מיר. איכא דאמרי אפילו שלא באחריות נמי, דאמר ליה לא ניחא לי דליהוי לשמעון תרעומת עלי,, טייל זאָגען אפילו אָהן אחריות האָט אויך ראובן דאָס זעלבע רעכט, ווייל ער קען זאָגען, עס איז מיר ניט אָנגענעם אַז שמעון זאָל האָבען אויף מיר אַ פאַרדרוס, ואמר אביי ראובן שמכר שדה לשמעון שלא באחריות ויצאו עליה עסיקין, עד שלא החזיק בה (דף י"ד, ע"ב) יכול לחזור בו, משהחזיק בה אינו יכול לחזור בו, דאמר ליה חייתא דקטרי, סברת וקבלת. נאָך האָט אביי געזאָגט אַז ראובן האָט פאַרקויפט א פעלד צו שמעון אָהן אחריות, און עס זיינען אַרויס אויף דער פעלד קריגער מיט טענות, איז דער דין, איידער ער האָט איבערגענומען די פעלד מיט חזקה, קען ער חרטה באקומען, נאָכ'ן איבערנעמען, קען ער מעהר קיין חרטה ניט באקומען, דען ער קען זאָגען צו אים, דאָס האָסטו א בייטעל מיט קניפען, דו האָסט פאַרשטאַנען און צוגענומען, מאימתי הויא חזקה? מכי דייש אמצרי, ואיכא דאמרי אפילו באחריות נמי, דאמר ליה אחוי טרפך ואשלם לך. פון ווען אָן הייסט עס א חזקה אַלס א קנין? פון דער צייט אָן ווען ער האָט ארומגעטרעטען אויף דער גרענעץ פונ'ם שטיקעל פעלד צו פאַריכטען דעם צוים אַרום. און טייל זאָגען אַז אפילו באחריות וואָס סוף כל סוף וועט ער דאָך צוריקקומען צום פאַרקויפער פאַר'ן געלד, קען ער פונדעסטוועגען ניט חרטה קריגען, ווייל ער קען צו אים זאָגען צייג מיר אַז מען האָט עס שוין פון דיר אַוועקגענומען וועל איך דיר באַצאָהלען, אָבער דערווייל מוזטו עס האלטען. איתמר המוכר שדה לחבירו ונמצאת שאינה שלו, רב אמר יש לו מעות ויש לו שבח ושמואל אמר מעות יש לו שבח אין לו. מיר האָבען געלערנט אז איינער פאַרקויפט א פעלד צום חבר און עס צייגט זיך אַרויס אַז זי איז גאָרניט געווען זיין, רב זאָגט אַז ער קריגט צוריק פונ'ם פאַרקויפער די געלד, און אויך פאַר די פאַרבעסערונג וואָס די פעלד האָט ביי אים געקראָגען, און שמואל זאָגט אַז די געלד קריגט ער אָבער פאר די פארבעסערונג ניט. בעי מיניה מרב הונא פירש לו את השבח מהו, טעמא דשמואל משום דלא פירש שבחא, והכא הא פירש לה, או דילמא טעמיה דשמואל כיון דלית ליה קרקע מחזי כרבית? אמר ליה אין ולאו ורפא בידיה, זיי האָבען געפרעגט פון רב הונא אויב דער פאַרקויפער האָט ארויסגע־

זאָגט אים פאַל מען וועט פון דיר אַוועקנעמען די פעלד, זאָל איך דיר אויך געבען דעם שבח וואָס די פעלד האָט צוגענומען, ווי איז דער דין, צי איז דער טעם פון שמואל וואָס זאָגט עס קומט אים ניט קיין שבח, צוליב ער האָט ניט אַרויסגעזאָגט, און דאָ האָט ער דאָך יאָ אַרויסגעזאָגט, אָדער פיליכט איז דער טעם פון שמואל, וויבאלד ער האָט ניט די פעלד, קוקט עס דאָך אויס ווי פאַר־צענט? האָט ער צו אים געזאָגט יאָ און ניט, עס איז ביי אים ניט געווען זיכער.
**איתמר אמר רב נחמן אמר שמואל, מעות יש לו שבח אין לו, אף על פי שפירש לו את השבח, מאי טעמא? כיון דקרקע אין לו, שכר מעותא עומד ונוטל,** מיר האָבען דערויף געלערנט אַז רב נחמן האָט געזאָגט פון שמואל וועגען, דאָס די מעות קריגט ער אָבער פאַר די שבח ניט, כאָטש ער האָט פאַר אים אַרויסגעזאָגט, וואָס איז די סברה? די סברה איז, וויבאַלד דער פאַרקויפער האָט ניט די פעלד, קומט אויס אַז דער קויפער קריגט גאָר א שכר פאַר׳ן געלד וואָס ער האָט פריהער געגעבען, דען אַז דער קויף פאלט אוועק, ווערט דאָך די געלד אלס אַן הלואה, און עס קוקט אויס ווי פראָצענט.
**איתיביה רבא לרב נחמן אין מוציאין לאכילת פירות ולשבח קרקעות ולמזון האשה והבנות מנכסים משועבדים מפני תיקון העולם,** האָט רבא א קשיא געפרעגט צו רב נחמן מיר האָבען געלערנט, (די באדינגונגען פון א כתובה זיינען דאָך אַז די פרוי און די טעכטער וואָס זי האָט פון אים ביז זיי קריגען מענער זאָלען געשפייזט ווערען פון זיינע פעלדער), מען ציהט ניט אַרויס צו קאָלעקטען פון נכסים משועבדים ניט פאַר אכילת פירות וואָס די גמרא וועט ווייטער באשיידען, און ניט פאַר שבח קרקעות און ניט פאַר שפייזען די פרוי מיט די טעכטער, דאָס איז צוליב תיקון העולם, ווייל אויב יאָ, קען זיך דער קויפער פון אַ פעלד קיינמאָהל ניט אויסהיטען מען זאָל נאכהער ניט אוועק־נעמען פון אים די פעלד, דען ווער האָט דאָס ניט אזא בעל חוב אויף זיך.
**ממשעבדי הוא דלא מפקינן, הא מבני חורין מפקינן, וקתני מיהא לשבח קרקעות, מאי לאו בלוקח מגזלן? לא בבעל חוב,** זאָגט דאָך די ברייתא דאָס נאָר פון משועבדים ציהט מען ניט אַרויס, אָבער פון פרייע פעלדער יאָ, זי לערנט דאָך, דאָס אויך פאַר שבח קרקעות קאָלעקטירט מען, וואָס, מיינט מען דען ניט דאָ וואו ער האָט געקויפט פון א גזלן און די פעלד איז ביי אים געבעסערט געוואָרען, דאָס די שבח איז ער פונדעסטוועגען גובה פון די פרייע פעלדער, זעהסט דאָך גוט אַז מען איז יאָ גובה פאַר אזא שבח חאָטש עס זעהט אויס ווי פראָצענט? ווענדט די גמרא אָפּ ניין, עס שמועסט ביי א בעל חוב. פרעגט די גמרא **אי בבעל חוב אימא רישא אין מוציאין לאכילת פירות, ואי בבעל חוב, בעל חוב מי אית ליה פירי, והאמר שמואל בעל חוב גובה את השבח, שבח אין, אבל פירות לא, אלא פשיטא בגזול ונגזל, ומדרישא בגזול ונגזל, סיפא נמי בגזול ונגזל?** אויב דו זאָגסט אַז די ברייתא שמועסט ביי א בעל חוב, ציטיר זשע די רישא אַז מען ציהט ניט אַרויס פאַר אכילת פירות, און אויב עס זאָל שמועסען ביי א בעל חוב, קריגט דען א בעל חוב די פירות, זיי געהערען דאָך צום לוקח. שמואל האָט דאָך געזאָגט אַז א בעל חוב איז בלויז גובה מיט׳ן שבח אויב די פעלד איז ביים לוקח פאַרבעסערט געוואָרען,

דעם שבח יאָ אָבער די פירות ניט, נאָר מוזטו דאָך זאָגען אַז די רישא שמועסט געוויס ביי א גוזל און א נגזל אַז דער לוקח איז גובה אויך די פירות, און ווען די רישא שמועסט אַזוי, שמועסט די סיפא אויך אַזוי, זעהסט דאָך גוט אַז דער לוקח איז גובה דעם שבח. ווענדט די גמרא אָפּ, **מידי אריא? הא כדאיתא והא כדאיתא**, איז עס דען אַ זאַך וואו ביידע פאַלען מוזען גלייך שמועסען? דער פאל איז לויט ווי ער איז געבראכט און דער פאַל איז לויט ווי ער איז געבראכט. פרעגט די גמרא **והא לא תני הכי, לשבח קרקעות כיצד? הרי שגזל שדה מחבירו והרי היא יוצאה מתחת ידו, כשהוא גובה, גובה את הקרן מנכסים משובעדים, ושבח גובה מנכסים בני חורין, היכי דמי? אילימא כדקתני, גזלן ממאן גבי? אלא לאו כגון שגזל שדה מחבירו ומכרה לאחר והשביחה**, די ברייתא באשייעדענדיג די ווערטער — לערענט דאָך ניט אַזוי? דען זי זאָגט ווי אַזוי מיינט דאָ וועגען שבח קרקעות? אַז איינער האָט גע׳גזל׳ט א פעלד פון זיין חבר, און די פעלד געהט אַרויס פון זיין רשות, איז ער גובה דעם קרן פון משועבדים און דעם שבח פון בני חורין, ווי קען דאָ שמועסען זאָל איך זאָגען, אַז עס שמועסט ווי ער לערנט, פון וועמען קען דער גזלן גובה זיין ער האָט עפּעס אריינגעלייגט אין דעם געשעפט וואו ער דארף ניט פאַרלירען? נאָר מוז זיין ניט אנדערש אַז איינער האָט גע׳גזל׳ט פון יענעם אַ פעלד און עס פאַרקויפט צו איינעם ביי וועלכען דאָס פעלד האָט זיך פאַרבעסערט דאָס מיינט, עס איז אַרויס פון זיין רשות, און דער לוקח נאכהער געהט צוריק צום גזלן און איז גובה דעם קרן פון משועבדים און דעם שבח פון די בני חורין, זעהסט דאָך גוט אַז דער לוקח איז יאָ גובה אויך דעם שבח? **אמר לו לאו תרוצי קא מתרצת? תריץ נמי בבעל חוב**, האָט ער צו אים געזאָגט האָסטו דען ניט געענטפערט אַזוי: ענטפער דאָ אויך אַזוי ביי אַ בעל חוב, אַז דער בעל חוב פון נגזל האָט די פעלד אַוועקגענומען פונ׳ם לוקח. **תא שמע לאכילת פירות כיצד? הרי שגזל שדה מחברו והרי היא יוצאה מתחת ידו, כשהוא גובה, גובה את הקרן מנכסים משועבדים, ופירות גובה מנכסים בני חורין, היכי דמי? אילימא כדקתני, גזלן ממאן גבי? אלא לאו כגון שגזל שדה מחבירו ומכרה לאחר והשביחה.** איך וועל דיך ווייטער פרעגען, פאַר אכילת פירות ווי מיינט דאָ? אַז איינער האָט גע׳־גזל׳ט אַ פעלד פון זיין חבר, און עס געהט יעצט אַרויס פון זיין רשות, אַז ער איז גובה, איז ער גובה דעם קרן פון משועבדים, און פירות איז ער גובה פון די פרייע פעלדער, ווי שמועסט דאָס דער פאַל הרי יוצאה מתחת ידו? זאָל איך זאָגען איינפאַך ווי די ברייתא לערנט עס, איז דאָך שווער פון וועמען האָט דאָ דער גזלן גובה צו זיין? נאָר מוז זיין ניט אנדערש נאָר אין אַזא פאַל וואו א גזלן האָט צוגערויבט דאָס פעלד פונ׳ם חבר, און עס פאַרקויפט צו אַן אנדערען ביי וועמען די פעלד האָט זיך פאַרבעסערט מיט צייטיגע פירות, דאָס ער איז גובה אויך די שבח נאָר פון די פרייע פעלדער, זעהסט דאָך גוט אז דער לוקח איז יאָ גובה דעם שבח? **אמר רבא הכא במאי עסקינן? כגון שגזל שדה מחבירו מלאה פירות ואכל את הפירות וחפר כה בורות שיחין ומערות, בא נגזל לגבות קרן גובה מנכסים משועבדים בא נגזל לגבות פירות גובה**

מנכסים בני חורין, האָט רבא געזאָגט ווייסט ווי דאָ שמועסט ? וואו איינער האָט ג'גזל'ט א פעלד פונ'ם חבר אַלס פול מיט פירות, און ער האָט אָפּגעגעסען די פירות און אויך געקלאָגט די פעלד אויסגראָבענדיג אין איהר גריבער, שפּאַלטען און מערות, קומט דער נגזל צו גובה זיין דעם קרן איז ער גובה פון די משועבדים, קומט ער צו גובה זיין די פירות איז ער גובה פון די פרייע פעלדער. **רבה בר רב הונא אמר כגון (דף ט"ו, ע"א) שנטלוה מסיקין בא נגזל לגבות קרן גובה מנכסים משועבדים, בא נגזל לגבות פירות גובה מנכסים בני חורין.** רבה בר רב הונא פאַרענטפערט אַז עס שמועסט וואו גויאישע באַצווינגער האָבען די פעלד אַוועקגענומען פונ'ם גזלן צוליב אים האָבען זיי עס געטאָן, דאָס מיינט די ברייתא מיט די ווערטער הרי היא יוצאה מתחת ידו, אַז עס איז אַרויס פון זיין האַנד דורך די באַצווינגער, דאַמאָלט אַז דער נגזל קומט גובה זיין דעם קרן, איז ער גובה פון משועבדים און די פירות פון די פרייע פעלדער. **רבא לא אמר כרבה בר רב הונא הרי היא יוצאה מתחת ידו בדינא משמע, ורבה בר רב הונא לא אמר כרבא, הרי היא יוצאה מתחת ידו בעינא משמע,** רבא זאָגט ניט זיין ענטפער ווי רבה בר רב הונא, ווייל הרי היא יוצאה מתחת ידו מיינט מיט'ן געזעץ וואו דער נגזל פירט עס אויס מיט'ן כח פון בית דין. און רבה בר רב הונא זאָגט ניט ווי רבא ווייל הרי היא יוצאה מתחת ידו מיינט בעין, וואו די זעלבע פעלד אין איהר אַלטען צושטאַנד געהט אַרויס צום נגזל, און רבא טייטשט דאָך אויפ'ן געלד — פאַר'ן פעלד. **..רב אשי אמר לצדדין קתני כגון שגזל שדה מחבירו מלאה פירות ואכל את הפירות ומכר את השדה, בא לוקח לגבות קרן, גובה מנכסים משועבדים, בא נגזל לגבות פירות גובה מנכסים בני חורין,** רב אשי לערנט איין צו דער זייט און צו דער זייט, דהיינו וואו דער גזלן האָט אויפגעגעסען די פירות און פאַרקויפט די פעלד, קומט דער לוקח גובה צו זיין דעם קרן, איז ער גובה פון משועבדים, קומט דער נגזל גובה זיין די פירות, איז ער גובה פון די בני חורין. פרעגט די גמרא **בין לרבא בין לרבה בר רב הונא מלוה על פה הוא, ומלוה על פה אינו גובה מנכסים משועבדים ? הכא במאי עסקינן ? כשעמד בדין והדר זבין,** סיי נאָך רבא נאָך סיי נאָך רבה בר רב הונא נאָך, וואו ביידע טייטשען אַז דער נגזל איז גובה דעם קרן פון משועבדים, עס איז דאָך א מלוה על פה, ניט אויף קיין שטר, און א הלואה מיט'ן מויל איז מען דאָך ניט גובה פון משועבדים ? ענטפערט די גמרא ווייסטו ווי דאָ שמועסט ? וואו דער גזלן איז שוין געשטאַנען ביים משפט פאַר דער גזילה און דאַן ערשט האָט ער די פעלד פאַרקויפט, אזא חוב האָט שוין אַ קול, האָט דער לוקח געדאַרפט וויסען ניט צו קויפען, האָט דער נגזל דעריבער דאָס רעכט צו נעמען פון משועבדים, דאָס מיינט, צו נעמען אויך פונ'ם לוקח, פרעגט די גמרא **אי הכי פירות נמי ? כשעמד בדין על הקרן, ולא עמד בדין על הפירות, ומאי פסקא ? סתמא דמילתא כי תבע איניש, קרנא תבע ברישא,** אויב אַזוי אויב ער איז שוין געשטאַנען ביים דין, דאַרף ער דאָך אויך די פירות קענען גובה זיין פון משועבדים ? ענטפערט די גמרא עס שמועסט וואו ער איז געשטאַנען ביים דין פאַר'ן קרן, אָבער ניט וועגען די פירות, און

באלד פרעגט ער, וואָס פאַסט ער עפּעס אָן אַזוי, אַז פאַר איין האלבע זאך איז ער געשטאַנען ביים דין, און פאַר דער אנדערע האלבע זאך ניט ? ענטפערט די גמרא די זאך סתם איז אַזוי, אז א מענש פאָדערט ביים דין, איז דאָס ערשטע מאָנט ער דעם קרן, צו מאָנען דעם רווח קומט אויפ'ן געדאנק ערשט שפּעטער. פרעגט די גמרא **וסבר שמואל לוקח מגזלן לית ליה שבחא, והא אמר ליה שמואל לרב חיננא בר שילת אמליך וכתוב שופרא שבחא ופירי, במאי אי בבעל חוב מי אית ליה פירי, והאמר שמואל בעל חוב גובה את השבח, שבח אין אבל פירות לא ? אלא לאו לוקח מגזלן ?** האלט דען שמואל אַז א לוקח געהענדיג גובה זיין פון גזלן, קען ער ניט גובה זיין קיין שבח, שמואל האָט דאָך געזאָגט צו רב חיננא בר שילת אַז דו געהסט שרייבען א שטר, זאָלסטו דיך באראָטען מיט'ן מוכר צי ער איז איינפערשטאַנען און דאמאָלט שרייב איין אַז דער לוקח אויב מען נעמט עס פון אים אוועק, האָט דאָס רעכט צו גובה זיין פון שעהנסטען פעלד און דעם שבח און די פירות, ביי וואָס קען דאָ שמואל מיינען, זאָל איך זאָגען ביי א בעל חוב, האָט ער דען דאָס רעכט אויף די פירות, שמואל האָט דאָך געזאָגט אַז א בעל חוב איז גובה דעם שבח, דעם שבח יאָ אָבער פירות ניט ? נאָר מוזטו דאָך זאָגען אַז ניט אנדערש, נאָר וואו ער קויפט פון א גזלן, זעהסט דאָך גוט אַז א לוקח פון גזלן איז גובה דעם. שבח ? **אמר רב יוסף הכא במאי עסקינן ? כגון שיש לו קרקע**, האָט רב יוסף געזאָגט ווייסטו ווי דאָ שמועסט ? וואו דער גזלן האָט פעלד און מען מאכט אים גובה זיין די פעלד, קוקט עס שוין ניט אויס ווי פּראָצענט, דען דער לוקח נעמט פון גזלן אַ פעלד פאַר א פעלד, כאָטש די פעלד ענטהאלט שוין אויך פאַר'ן שבח. **אמר ליה אביי וכי מותר ללות סאה בסאה במקום שיש לו קרקע אמר ליה התם הלואה הכא זביני**. האָט אביי געזאָגט צו רב יוסף ווי' מעג מען לייהען א מאָס תבואה צוריק צו געבען די זעלבע מאָס טאָמער ווערט טייערער די תבואה, הייסט עס דאָך פּראָצענט, ווען אפילו דאָס איז ביי אַ פעלד ? האָט רב יוסף צו אים געזאָגט דאָרט שמועסט ביי א הלואה, אָבער דאָ שמועסט ביי א קויף. **איכא דאמרי אמר רב יוסף הכא במאי עסקינן ? כגון שקנו מידו, אמר ליה אביי וכי מותר ללות סאה בסאה במקום שקנו מידו ? אמר ליה התם הלואה והכא זביני**, טייל זאָגען דאָס אַזוי האָט רב יוסף געזאָגט ווייסטו ווי דאָ שמועסט ? וואו מען האָט באלד ביים קויף געמאכט קונה זיין פון זיין האנד פאַר'ן שבח הייסט עס שוין ניט קיין רבית. האָט אביי צו אים געזאָגט ווי מעג מען לייהען א סאה פאַר א סאה ווען אַפילו מען מאכט עס באלד קונה זיין ביים קויף ? האָט ער צו אים געזאָגט דאָרט וואו מען טאָר ניט שמועסט ביי אן הלואה, דאָ שמועסט ביי א קויף : **גופא אמר שמואל בעל חוב גובה את השבח, אמר רבא תדע שכך כותב לו מוכר ללוקח, אנא איקום ואשפי ואדכי ואמריק זביני אילין אינון ועמליהון ושבחיהון ואיקום קדמך וצבי זבינא דנן וקבל עלוהי**, אויבען זאָגט שמואל אַז דער בעל חוב פונ'ם פאַרקויפער איז גובה פונ'ם לוקח די געקויפטע פעלד מיט'ן שבח, האָט רבא אויף דעם געזאָגט, דו קענסט עס וויסען אַז עס איז אַזוי, דען דער פאַרקויפער שרייבט באלד אַזוי

אַן דעם לוקח די גאראנטי, איך באשטעטיג פאַר יעדען דעם קויף, און איך וועל בארוהיגען און אָפּרייניגען און אָפּשווענקען יעדען קריג אויף דעם פעלד, פון די דאָזיגע טראנסאקציעס אַליין און זייערע באמיהונגען און זייער שבח. און איך באשטעטיג פאַר דיר, אַזוי ארום, איז דער קויף אונזערער באוויליגט און גענומען אויף זיך. אמר ליה ר' חייא בר אבין לרבא אלא מעתה מתנה דלא כתיב ליה הכי, הכי נמי דלא טריף שבחא? אמר ליה אין, וכי יפה כח מתנה ממכר? אמר ליה אין, יפה ויפה, האָט ר' חייא בר אבין געזאָגט צו רבא, לויט דעם געדאנק נאָך, ביי מתנה וואו ער שרייבט ניט אַזוי, וועסטו דען אויך זאָגען אַז דער בעל חוב איז ניט גובה דעם שבח? האָט ער צו אים געזאָגט יאָ, ער איז טאקע ניט גובה דעם שבח. איז דען שטארקער דער כח פון מתנה פונ'ם מכר, אַז דער בעל חוב זאָל ניט קענען גובה זיין דעם שבח? האָט ער צו אים געזאָגט יאָ, געוויס ער איז שטארקער און שטארקער ווייל ער מאכט אים גאָרניט שאָדען דערמיט, זאָלאנג ער איז גובה דעם קרן. אָבער דעם שבח ווען דער בעל חוב וואָלט גובה זיין אויך ביי מתנה, וואָלט דאָך דער פארלוסט בלייבען ביים נעמער די מתנה. אמר רב נחמן הא מתניתא מסייע ליה למר שמואל והונא חברין מוקים לה במילי אחריני, דתניא המוכר שדה לחבירו והרי יוצאה מתחת ידו כשהוא גובה, גובה את הקרן מנכסים משועבדים( ושבח גובה מנכסים בני חורין, האָב רב נחמן געזאָגט די ברייתא וועט זיין א הילף צו מר שמואל אַז דער בעל חוב איז גובה דעם שבח, אָבער אונזער חבר הונא זעצט איין די ברייתא ביי אַן אנדער זאַך, דען מיר האָבען געלערענט אַז איינער פאַרקויפט א פעלד צו זיין חבר און זי געהט אַרויס פון די הענד פונ'ם לוקח, אַז דער לוקח איז צוריק גובה פונ'ם מוכר, איז ער גובה דעם קרן פון משועבדים און דעם שבח פון די בני חורין, והונא חברין מוקים לה במילי אחריני בלוקח מגזלן, אָבער הונא חברין זעצט איין די ברייתא וואו דער לוקח קויפט די פעלד ביים גזלן, דאמאָלט איז דער נגזל גובה דעם שבח, מיט דער טענה דאָס זיין פעלד איז דאָס בעסער געוואָרען, אָבער דער בעל חוב האָט ניט אזא רעכט אויפן שבח זאָלאנג עס איז נאָך ביים לוקח אין די הענד. תניא אידך המוכר שדה לחבירו והשביחה ובא בעל חוב וטרפה, כשהוא גובה אם השבח יותר על היציאה נוטל את השבח מבעל הקרקע והיציאה מבעל חוב, ואם היציאה יתירה על השבח, אין לו אלא הוצאה שיעור שבח מבעל חוב, א צווייטע ברייתא האָבען מיר געלערענט אַז איינער פאַרקויפט א פעלד צו זיין חבר און זי איז ביי אים פאַרבעסערט געוואָרען און דער בעל חוב פון פאַרקויפער איז געקומען און איר אַוועקגענומען פונ'ם לוקח, איז דער דין, אַז דער לוקח געהענדיג צוריק גובה זיין פונ'ם פאַרקויפער, אויב דער שבח באטרעפט מעהר פון די אויסגאבען אויף אים, נעמט ער דעם שבח וואָס איז אַריבער פונ'ם פאַרקויפער, און די אויסגאבען פונ'ם בעל חוב, און אויב די אויסגאַבען שטייגען אַריבער דעם שבח, האָט ער ניט נאָר די אויסגאַבען לויט'ן שיעור שבח פונ'ם בעל חוב. והא שמואל במאי מוקים לה? אי בלוקח מגזלן קשיא רישא דאמר שמואל לוקח מגזלן לית ליה שבחא אי בבעל חוב קשיא רישא וסיפא

דאמר שמואל בעל חוב גובה את השבח? און די ברייתא ווי זעצט איין שמואל? זאָל איך זאָגען אַז ער זעצט איין וואו דער לוקח קויפט די פעלד ביים גזלן, איז דאָך שווער די רישא וואו ער לערנט אַז ער נעמט דעם שבח פון בעל הקרקע, ער איז דאָך דער נגזל פון ווענען ער קען קיין שבח ניט קריגען, און אויב ער זאָל איינזעצען ביי א בעל חוב, וועט דאָך שווער זיין די רישא מיט דער סיפא וואו ער לערנט אַז דער בעל חוב גיט די אויסגאַבען, און שמואל האָט דאָך געזאָגט אַז דער בעל חוב איז גובה דעם שבח ניט געבענדיג קיין קאָסטען. ענטפערט די גמרא איבעית אימא בלוקח מגזלן כגון שיש לו קרקע אי נמי בשקנו מידו. איך קען דיר זאָגען אפילו וואו ער קויפט פון גזלן, אַי די רישא זאָגט דאָך ער נעמט דעם שבח פון בעל הקרקע און דער גזלן איז דאָך ניט דער בעל הקרקע? שמועסט דאָ אַז דער גזלן האָט א פעלד, איז מען גובה די פעלד זעהט עס ניט אויס ווי רבית אויך קען זיין וואו מען האָט באַלד ביים קויף קונה געווען פון אים אויפ'ן שבח, נאָך איידער עס האָט געקענט קומען רבית (פּראָצענט). איבעית אימא בבעל חוב ולא קשיא כאן בשבח (דף ט"ו, ע"ב) המגיע לכתפים, כאן בשבח שאינו מגיע לכתפים, אַז ווילסט וועל דיר זאָגען אַז עס שמועסט וואו דער בעל חוב פון מוכר נעמט־צו די פעלד פונ'ם לוקח, אַי שמואל זאָגט דאָך אַז דער בעל חוב איז גובה דעם שבח אָהן צו צאָהלען פאַר די אויסגאַבען און די ברייתא זאָגט דאָ אַז דער בעל חוב גיט די אויסאגבען? נאָר עס איז ניט קיין קשיא, דאָ וואו די ברייתא זאָגט ער גיט די הוצאה שמועסט ביי אזא שבח וואָס האָט שוין דערגרייכט צום ארונטערנעמען מיט די אקסלען, דהיינו די תבואה איז שוין געווען צייטיג, נאָר זי האָט בלויז געדאַרפט נאָך אביסעל צושטעהן אין פעלד, אזא שבח איז דער בעל חוב ניט גובה אָהן הוצאה, און שמואל וואָס זאָגט, ער איז יאָ גובה אָהן הוצאה, מיינט ער דעם שבח וואָס האָט נאָך ניט געגרייכט צו די כתפים. פרעגט די גמרא והא מעשים בכל יום וקא מגבי שמואל אפילו בשבח המגיע לכתפים? לא קשיא הא דמסיק ביה כשיעור ארעא ושבחא, הא דלא מסיק ביה אלא כשיעור ארעא, דיהיב ליה שבחיה ומסליק ליה. עס קומען דאָך פאַר פאַסירונגען יעדען טאָג וואו שמואל מאכט גובה זיין צו בעל חובות אפילו מיט'ן שבח וואָס איז רייף צום אַוועקנעמען? ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא, דאָ וואו שמואל זאָגט אַז דער בעל חוב נעמט צו אַפילו אזא שבח מיטן פעלד, שמועסט וואו דער בעל חוב איז אויסגעקומען מיט'ן מוכר וועגען שיעור קרקע מיט'ן שבח, וויפיל דער בעל חוב זאָל מעגען אַוועק־נעמען אויף זיין חוב, דאמאָלט קען דער בעל חוב אוועקנעמען די פעלד אויך מיט דעם שבח וואָס איז רייף, און דאָ וואו די ברייתא זאָגט אַז דער לוקח קריגט פון בעל חוב די הוצאה, שמועסט וואו דער בעל חוב איז ניט אויסגעקומען מיט'ן מוכר נאָר וועגען שיעור פעלד דאמאָלט איז דער בעל חוב מסלק דעם לוקח דעם שבח און נעמט די פעלד, אָבער ער גיט אים ניט מעהר נאָר לויט דער הוצאה. פרעגט די גמרא הניחא למאן דאמר אי אית ליה זוזי ללוקח לא מצי מסלק לבעל חוב שפיר, אלא למאן דאמר כי אית ליה זוזי ללוקח מסלק ליה לבעל חוב, דער ענטפער וואָלט רעכט זיין לויט דעם מאן

דאמר וואס זאגט אז אויב דער לוקח האט געלד קען ער פונדעסטוועגען ניט מסלק זיין דעם בעל חוב זיין חוב, ווייל דער בעל חוב איז פריהער צו דעם פעלד ווי דער לוקח, אבער נאך דעם וואס זאגט אז אויב דער לוקח האט געלד קען ער יא מסלק זיין דעם בעל חוב, **נימא ליה אילו הוה לי זוזי הוה מסלקינן מכולה ארעא, השתא דלית לי זוזי הב לי גרבא דארעא בארעא שיעור שבחאי**? לויט דעם מאן דאמר קען דאך דער לוקח טענה'ן צום בעל חוב, ווען איך וואלט האבען די געלד, וואלט איך דאך דיך מסלק געווען פונ'ם גאנצען פעלד, יעצט אז איך האב ניט קיין געלד, גיב־זשע מיר כאטש איין בייט פון דער פעלד עס זאל דעקען פאר מיין שבח? ענטפערט די גמרא **הכא במאי עסקינן? כגון שעושאו אפותיקי, דאמר ליה לא יהא לך פרעון אלא מזו**, ווייסטו ווי דא שמועסט? וואו דער מוכר האט געהאט געמאכט דעם בעל חוב איבער דעם פעלד אלס אפותיקי דאס נאר פון דעם פעלד קען ער גובה זיין, (די אותיות פון דעם ווארט זיינען פה תהא קאי) דא זאלסטו שטעהן מיט דיין חוב. ער האט צו אים געזאגט עס זאל צו דיר ניט קענען באצאהלט ווערען נאר פון די פעלד און אזא וועג קען שוין דער לוקח ניט מסלק זיין דעם בעל חוב מיט געלד: **הכיר בה שאינה שלו ולקחה, אמר רב מעות יש לו שבח אין לו ושמואל אמר אפילו מעות אין לו**, אז דער לוקח האט גוט געקענט די פעלד אלס ניט זיינע, און פארט איר געקויפט, זאגט רב אז די געלד געהער אים צו באקומען, אבער דעם שבח ניט, און שמואל זאגט אפילו דעם געלד קרן אויך ניט. **במאי קמיפלגי? רב סבר אדם יודע שקרקע אין לו, וגמר ונתן לשם פקדון, ונימא ליה לשם פקדון? סבר לא מקבל, ושמואל סבר אדם יודע שקרקע אין לו וגמר ונתן לשם מתנה, ונימא ליה לשם מתנה כסיפא ליה מלתא**. אין וואס א סברה קריגען זיי? רב האלט ווען למשל א מענש ווייסט אז דאס פעלד באלאנגט ניט צו יענעם און פארט געהט ער עס קויפען ביי יענעם, איז די סברה דאס ווארשיינליך איז ער יענעמס א גוטער פריינד און ער רעכענט דאס מיט דעם געלד וואס ער גיט אים, וועט ער מיט'ן נגזל אויסקומען און די פעלד וועט אפשר בלייבען ביי אים, און אויב ניט, קען ער בלויז האלטען די געלד פאר מיר ווי אלס פקדון, אי זאל ער אים ארויסזאגען אלס א פקדון? טראכט ער זיך, יענער וועט פיליכט ניט וועלען אויף דעם אופן נעמען די געלד, און שמואל זאגט אז א מענש ווייסט די פעלד איז ניט יענעמס און פארט קויפט ער, איז די כוונה אלס פריינד יענעמס צו געבען די געלד אלס מתנה, אי זאל ער אים זאגען אלס מתנה? טראכט ער זיך, אז די זאך וועט אים זיין א שאנדע, פרעגט די גמרא **והא פליגי ביה חדא זימנא דאיתמר המקדש את אחותו, רב אמר מעות חוזרין, ושמואל אמר מעות מתנה, רב אמר מעות הוזרין אדם יודע שאין קידושין תופסין באחותו וגמר ונתן לשם פקדון**, זיי קריגען דאך שוין ביי דער סברה? דען מיר האבען דאך געלערנט אז איינער איז מקדש זיין שוועסטער רב זאגט אז די געלד געהט צוריק, און שמואל זאגט אז די געלד איז אלס מתנה, רב וואס זאגט אז די געלד געהט צוריק, איז ווייל ער האלט די סברה אז א מענש וויסענדיג די קידושין זיינען ניט תופס ביי א שוועסטער, האט ער

ווארשיינליך אין זינען געהאט צו האלטען די געלד ביי איהר אלס אַ פקדון. **ונימא לה לשם פקדון?** **סבר לא מקבלה**, אַי זאָל ער זאָגען אַלס פקדון? ער טראכט זיך אַזוי' וועט זי ניט וועלען צונעמען צו היטען פאַר אים די געלד, **ושמואל אמר מעות מתנה אדם יודע שאין קידושין תופסין באחותו, וגמר ונתן לשם מתנה, ונימא לה לשם מתנה? כסיפא לה מילתא**, און שמואל וואָס זאָגט אַז די געלד איז א מתנה, ווייל ער האלט אַז א מענש וויסענדיג די קידושין ביי א שוועסטער נעמען ניט אָן, איז עס זיכער געמיינט אלס א מתנה, אַי וואָס ער זאָגט ניט אַרויס? ער רעכענט די' זאך וועט זיין א שאנדע פאר איר. קריגען זיי דאָך שוין וועגען דער סברה? ענטפערט די גמרא **צריכא דאי איתמר בהא, בהא קאמר רב, דלא עבדי אינשי דיהבי מתנות לנוכראה, אבל גבי אחותו אימא מודה ליה לשמואל.** עס איז געמוזט צו לאָזען ביי ביידען, דען ווען מען וואָלט לאָזען הערען די מחלוקת בלויז ביי דעם פעלד, וואָלטען מיר זאָגען נאָר דאָ זאָגט רב אַזוי אַז די געלד געהט צוריק, ווייל מענשען טוען דאָס ניט צו געבען פאַר פרעמדע מענשען מתנות, אָבער ביי זיין שוועסטער וואָלט איך מיינען צו זאָגען אַז רב איז מודה צו שמואל, **ואי איתמר בהך, בהך קאמר שמואל אבל בהא אימא מודה ליה לרב? צריכא**, און ווען ער וואָלט לערנען די מחלוקת בלויז ביי דער שוועסטער, וואָלט איך זאָגען, אַז ביי איהר זאָגט שמואל, ער מיינט עס אַלס מתנה, אָבער ביים פעלד פון גזלן וואָלט איך מיינען, איז שמואל מודה צו רב אַז עס איז א פקדון? איז דעריבער געמוזט צו לאָזען הערען ביידע מחלוקות. פרעגט די גמרא **בין לרב דאמר פקדון, בין לשמואל דאמר מתנה, האי לארעא במאי קא נחית ופירות היכי אכיל?** סיי נאָך רב נאָך וואָס זאָגט פקדון, סיי נאָך שמואל נאָך וואָס זאָגט מתנה, דער מאן צום פעלד מיט וואָס א כח געהט ער אַריין און מיט וואָס א רשות עסט ער די פירות, ער ווייסט דאָך עס איז גע׳גזל׳ט? ענט־פערט די גמרא **סבר אנא איחות לארעא ואיעבד ואיכול בגויה, כי היכי דהוה קא עביד איהו, לכי אתי מריה דארעא וזוזאי נהוו לרב דאמר פקדון, פקדון, לשמואל דאמר מתנה, מתנה**, דער לוקח טראכט זיך איך געה דערווייל אַריין צום פעלד און וועל איהר באַאַרבייטען און עסען דערביי, פונקט ווי דער גזלן האָט עס גטאָן, און אַז דער בעל הבית פון פעלד וועט קומען, וועט מיין געלט זיין לויט רב וואָס זאָגט פקדון, פקדון, און לויט שמואל וואָס זאָגט מתנה וועט עס זיין מתנה. **אמר רבא הלכתא יש לו מעות ויש לו שבח ואף על פי שלא פירש לו את השבח.** האָט רבא געזאָגט אַז ביי דער ערשטער מחלוקת איז די הלכה אַז עס קומט דעם לוקח צוריק דעם קרן און די שבח, כאָטש דער פאַרקויפער האָט אים ניט אַרויסגעזאָגט גוט צו מאכען דעם שבח, ווייל מיר האלטען ניט די סברה פון שמואל׳ן אַז מען דארף זיך באראָטען מיט׳ן פאַרקויפער, צי ער פראשרייבט אים אויך אויפ׳ן שבח. **הכיר בה שאינה שלו ולקחה, מעות יש לו, שבח אין לו, אחריות טעות סופר הוא בין בשטרי הלואה בין בשטרי מקח וממכר**, אַז דער לוקח האָט געוואוסט די פעלד איז ניט זיינע, קומט אים דער קרן, אָבער עס קומט אים ניט דער שבח, און אחריות אויב עס איז ניט איינגעשריבען, איז עס א טעות פונם שרייבער, און מיר האל-

טען ניט די סברה פון שמואל אַז מען באַראַט זיך מיט'ן מלוה וועגן אחריות,
דער דין איז סיי ביי שטרות הלואה סיי ביי שטרות מקח וממכר, בעא מיניה
שמואל מרב חזר ולקחה מבעלים הראשונים מהו? אמר ליה מה מכר
לו ראשון לשני? כל זכות שתבא לידו... האָט שמואל געפרעגט פון רב'ן
אַז דער גזלן איז געגאַנגען און צוריק אָפּגעקויפט פון ערשטען בעל הבית, ווי
איז דער דין, צי ער איז אין פּלאַץ פון די בעלים, ווי גלייך אַן אנדערער וואָלט
אָפּקויפען, און ער האָט דאָס רעכט די פעלד צוריק אַוועקצונעמען פונ'ם לוקח,
צי ניט? האָט ער צו אים געזאָגט אַז ניין, דען וואָס האָט דער ערשטער פאַר־
קויפט צום צווייטען? דעם גאַנצען זכות וואָס קומט צו זיין האַנד, און דער
זכות איז דאָ וואָס די פעלד קען שוין פאַרבלייבען ביים לוקח, מאי טעמא?
מר זוטרא אמר ניחא ליה דלא נקרייה גזלנא, רב אשי אמר ניחא ליה
דליקו בהמנותה. מאי בינייהו? איכא בינייהו דמית לוקח, וואָס איז די
סברה? מר זוטרא זאָגט ער טוט עס, כדי דער לוקח זאָל אים ניט רופען גזלן,
וויל ער דאָך גוט שטעלען דעם קויף, און רב אשי זאָגט עס איז אים ניחא צו
שטעהן אַלס א באַגלויבטער ביים לוקח דעריבער קויפט ער עס אָפּ. וואָס איז
דער אונטערשייד צווישען זיי? עס איז אַן אונטערשייד צווישען זיי וואו דער
לוקח איז געשטאָרבען, מאן דאמר ניחא ליה דלא לקרייה גזלנא (דף ט"ז,
ע"א)הא מית ליה, ומאן דאמר ניחא ליה דליקום בהמנותיה, בהדי בני
נמי ניחא דליקום בהמנותא, דער וואָס האלט צוליב עס איז אים ניחא דער
לוקח זאָל אים ניט רופען גזלן, אַז דער לוקח איז געשטאָרבען פרעגט ער שוין
ניט. און דער וואָס האלט וועגען באגלויבט, וויל ער ביי די קינדער אויך בלייבען
אַלס באגלויבט, פרעגט די גמרא סוף סוף קרו ליה בני לוקח גזלנא? אלא
איכא בינייהו דמית גזלן, מאן דאמר ניחא ליה לאיניש דלא לקריוהו גזלן
הא מית ליה, למאן דאמר ניחא דליקום בהימנותיה, הכא נמי אף על
גב דמית ניחא ליה דליקום בהמנותיה. ענדליך וועלען דאָך אים
די קינדער פונ'ם. לוקח רופען גזלן? נאָר דער אונטערשייד איז פאַראַן צווישען
זיי, וואו דער גזלן איז געשטאָרבען, דער וואָס האלט מען זאָל אים ניט רופען
גזלן, איז ער דאָך געשטאָרבען. און דער וואָס האלט ער וויל בלייבען אַן באַ־
גלויבטער, איז אַפילו ווען דער גזלן איז געשטאָרבען וויל ער אַלץ בלייבען אַלס
באגלויבט. פרעגט די גמרא סוף סוף קרו לבניה בני גזלנא? אלא איכא
בינייהו דיהבה במתנה מאן דאמר ניחא ליה דליקום בהמנותיה, מתנה
נמי ניחא ליה דליקום בהמנותיה, מאן דאמר ניחא ליה דלא נקריוהו
גזלנא, אמר ליה מאי גזלינא ממך, סוף סוף וועלען זיי דאָך רופען די זיהן,
זיהן פון גזלן? נאָר דער אונטערשייד איז דער, וואו ער האָט געגעבען די
פעלד צום לוקח במתנה, דער וואָס האלט וועגען באגלויבט, איז דאָך ביי מתנה
דאָס זעלבע צו וועלען בלייבען אַלס באגלויבט, און דער וואָס האלט וועגען ניחא
זיין מען זאָל אים ניט רופען אַלס גזלן, פאַלט די סברה אַוועק, ווייל ער קען
צו אים זאָגען וואָס האָב איך דען גע'גנבעט ביי דיר: פשיטא זבנה אורתה
ויהבה במתנה לאו לאוקמה קמי לוקח קא בעי. זאָגט די גמרא דאָס איז א
געוויס, ווי באלד דער גזלן פאַר'ן אָפּקויפען פונ'ם נגזל, האָט ער אויסער צום

ערשטען לוקח אויך פארקויפט צו אן אנדערען אדער געמאכט די פעלד ירש׳־ ענען אדער אוועקגעגעבען איהר אלס מתנה, דאס זיכער ער איז ניט אויסען געווען מיט אפקויפען צו שטעלען דעם קויף פאר׳ן ערשטען לוקח. **נפלה ליה בירושה, ירושה ממילא היא ולאו איהו קא טרח אבתרה,** אז נאכ׳ן גזל׳ן די פעלד איז די זעלבע געפאלען צו אים אלס ירושה, און ירושה קומט דאך ממילא, און ניט ער האט זיך באמיהט צו קריגען איהר, הייסט עס אויך ניט אז ער וויל שטעלען דעם קויף פאר׳ן לוקח, קען ער טאקע אויך פונקט ווי דער נגזל אליין אוועקנעמען פונ׳ם לוקח די פעלד נאר ער מוז אים אומקערען די געלד. **גבי איהו בחובו, חזינא אי אית ליה ארעא אחריתי ואמר האי בעינא, לאוקמה קמיה לוקח קא בעי, ואי לא זוזי הוא דבעי אפרועי,** האט דער גזלן גובה געווען די פעלד נאך דער גזילה, מיט זיינס א חוב אויפ׳ן נגזל, זעהען מיר איין, האט דער נגזל נאך א פעלד, נאר דער גזלן זאגט די פעלד (וואס ער האט פארקויפט פריהער צום לוקח) וויל איך צונעמען פאר׳ן חוב, איז ריכטיג דאס ער האט געמיינט און געוואלט דערמיט צושטעלען די פעלד פאר׳ן לוקח, ווייל מיר זעהען דאך זיין באמיהונג דערויף. און אויב ניט, מיינענדיג אויב ער האט ניט געזאגט דאס די פעלד וויל ער, דארף ער אים בלויז געלד באצאהלען, און די פעלד קען ער צוריק אוועקנעמען. **יהבה ניהליה במתנה פליגי בה רב אחא ורבינא, חד אמר מתנה כירושה דהא ממילא, וחד אמר מתנה כמכר, דאי לאו דטרח וארצי קמיה, לא הוה יהיב ליה מתנה, להכי טרח וארצי קמיה, כי היכי דליקום בהמנותיה,** האט דער נגזל געגעבען די גע־ גזל׳טע פעלד צום גזלן אלס מתנה, קריגען אין דעם רב אחא מיט רבינא, איינער האלט אז מתנה איז ווי ירושה דען זי איז דאך געקומען ממילא, הייסט עס ניט אז ער איז אויסען געווען צו שטעלען גוט דעם קויף פאר׳ן לוקח. און איינער האלט אז מתנה איז ווי א קויף, ווייל אויב ער וואלט זיך ניט באמיהט צו פארשלאגען פאר אים ער זאל איר געבען אלס מתנה וואלט ער אים ניט געגעבען, זאגען מיר די סברה אז טאקע דערפאר האט ער זיך באמיהט צו פארטראגען פאר אים, ער זאל אים געבען איהר אלס מתנה, כדי צו שטעלען זיך אלס גוט פאר׳ן קויף. **ועד אימת ניחא ליה דליקום בהמנותיה? אמר רב הונא עד שעת העמדה בדין, חייא בר רב אמר עד דמטא אדרכתא לידיה, רב פפא אמר עד דמתחלן יומי אכרזתא,** ביז ווען הייסט אז ער שטעלט זיך אלס באגלויבטער? האט רב הונא געזאגט ביז די צייט קומט אן ווען מען געהט אים שטעלען צום דין אז די פעלד באאלנגט ניט צו אים אויב ביז דאמאלט ערווארט, איז ער ניט אויסען צו וועלען בלייבען אלס באגלויבטער. חייא בר רב זאגט ביז דער פסק פון בית דין קומט צו זיין האנד אז מען געהט שוין צונעמען פון אים די פעלד, רב פפא זאגט ביז די אויסרוף טעג פאנגען זיך אן אז די און די פעלד געהט געהערען צו דעם און דעם מענש, ביז דעם אנפאנג פון די טעג, האט ער אלץ צייט, אויב דער נגזל איז ווילינג צו צולאזען אים די פעלד פאר גוט — צו שטעלען זיך אלס באגלויבטער. **מתקיף לה רמי בר חמא, מכדי האי לוקח במאי קני להאי ארעא? בהאי שטרא, האי שטרא חספא בעלמא הוא? אמר ליה רבא תהא במאמינו בההוא הנאה,**

**דלא קאמר ליה מידי, וקא סמיך עליה, טרח ומייתי ליה גמר ומקני ליה.** האט רבי בר חמה א קשיא געפרעגט אויף רב אויבען וואס זאגט אז אפילו אפקוי־פענדיג די גזילה קען ער אויך ניט באהערשען זיין לוקח, ווייל סיוּוי מיט וואס איז דען דער לוקח קונה די פעלד וואס איז גזילה, מיט דעם שטר, דער שטר איז דאך בלויז א שארבען? האט רבא צו אים געזאגט זאל זיין אַז דער לוקח גלויבט אים, און מיט דער הנאה וואס דער לוקח זאגט אים גארניט נאר ער איז זיך סומך אויף אים, וועט ער זיך שוין דערפאַר באמיהען און ברייגגען אים, מיינענדיג ער וועט שוין אפקויפען עס פון נגזל, און מאכען קונה זיין פאַר אים, אניט האט ער מורא צו ווערען גערופען פון אים גזלן אדער ער וויל בלייבען אלס באגלויבטער ווי אויבען געזאגט. **מתיב רב ששת מה שאירש מאבא מכור לך מה שתעלה מצודתי מכור לך, לא אמר כלם, מה שאירש מן אבא היום מכור לך, מה שתעלה מצודתי היום מכור לך דבריו קיימין.** האט רב ששת געפרעגט מיר האבען געלערנט אַז איינער זאגט, וואס איך וועל ירש'ענען פון פאטער זאל זיין פאַרקויפט צו דיר, אדער וואס מיין פאנג־נעץ וועט אַרויפ־ברייגגען, זאל זיין פאַרקויפט צו דיר האט ער גארניט געזאגט, אַז ער זאגט אבער וואס איך וועל ירש'ענען פון פאטער היינט זאל זיין פאַרקויפט צו דיר, וואס מיין פאנג־נעץ וועט ארויפברייגגען היינט זאל זיין פאַרקויפט צו דיר האבען זיינע רייד א קיום, זעהסטו דאך וואו ער זאגט ניט היום, איז דער קויף ניט גילטיג, ווייל דאמאלט האט ער נאך די זאכען ניט געהאט, זעהסטו דאך אַז מען קען א זכות וואס דאַרף ערשט קומען ניט מאכען קונה זיין. **אמר רמי בר חמא הא גברא והא תיובתא,** האט רמי בר חמא געזאגט האסטו דעם ריכטיגען מאן און די ריכטיגע קשייא, היינט ווי אַזוי איז דער לוקח פון נגזל קונה די פעלד? **אמר רבא גברא קא חזינא, ותיובתא לא קא חזינא, הכא סמכא דעתיה, והכא לא סמכה דעתיה, הכא סמכא דעתיה דאזיל טרח ומייתי ליה כי היכי דלא נקרייה גזלנא, הכא לא סמכא דעתיה,** האט רבא געזאגט איך זעה טאקע דעם מאן וואס פרעגט, אבער די קשיא זעה איך ניט, ווייל דאָ ביים פעלד פון גזלן איז זיך דער לוקח סומך און דאָ ביי דער ירושה אדער פאנג איז ער זיך ניט סומך, דאָ איז ער זיך סומך צוליב דער גזלן וועט זיך באמיהען און ברייגגען, מען זאל אים ניט רופען גזלן, אבער דאָ ביי דער ירושה אדער פאַנג איז ער זיך ניט סומך. **שלחוה לקמיה דר' אבא בר זבדא, אמר להו זו אינה צריכה לפנים, אמר רבא זו צריכה לפנים ולפני לפנים הכא סמכא דעתיה והכא לא סמכה דעתיה,** האט מען געשיקט די פראַגע פאַר ר' אבא בר זבדא, האט ער צו זיי געזאגט די אָ פראַגע דארף איגגאנצען ניט מען זאל זיך אַזוי פארטיפען אין איהר אינווייניג, עס איז איגגאנצען ניט קיין פראַגע, ווייל דאָ ביי דער ירושה און דעם פאַנג זייגען די זאכען נאך איגגאנצען ניטאָ, דען עס קען זיין דער פאטער וועט נאך ביים לעבען פאַרקויפען די פעלדער און ער וועט איגגאַנצען ניט מאכען ירש'ענען און די נעץ וועט איגגאנצען ניט אַרויפברייגגען, אבער דאָ ביים גזלן איז דאך די פעלד פאַראן, נאר עס פעהלט נאר צו אויסקומען מיט'ן נגזל, און נאך קען מען זאגען דאָס רב האלט ווי ר' מאיר אדם מקנה דבר שלא בא לעולם. האט רבא געזאגט די פראגע דאַרף שוין גאר פארטיפונג און ניט אַזוי לפנים נאר

אפילו לפני לפנים, ווייל אויך דאָ ביי דער ירושה און דעם פאַנג, זיינען פאַראַן די פעלדער און די פיש אין וואסער אָדער די פייגעל אין דער לופט, און זייער שטייגער איז צו פאנגען, קען זיין אַז די רבנן זיינען דאָ מודי, אַז מען קען יאָ מאכען קונה זיין כאָטש די זאכען זיינען נאָך ניטאָ, און מען מוז זיך פאַרטיפען צו פאַרענטפערען און צו אויפקלערען דעם אונטערשייד, און דאָס איז וואָס איך טהו, אַז דאָ איז ער זיך סומך און דאָ איז ער זיך ניט סומך. **הוה עובדא בפומבדיתא ואותביה, אמר להו רב יוסף זו אינה צריכה לפנים, ואמר ליה אביי צריכה לפנים ולפני לפנים הכא סמכא דעתיה הכא לא סמכא דעתיה**, עס איז טאקע פאַרגעקומען דער דין אין פומבדיתא וואו מען האָט געפסק'עט ווי רב, און מען האָט אָפּגעפרעגט די אָ קשיא פון אויבען, האָט רב יוסף געזאָגט די אָ שאלה דאַרף ניט קיין לפנים, האָט צו אים געזגט אביי אַז די שאלה דאַרף שוין גאָר לפנים און אפילו לפני לפנים ,און מען מוז אָנקומען צו די סברה צו אונטערשיידען אז דאָ איז ער זיך סומך און דאָ ניט. פרעגט די גמרא **ומאי שנא רישא ומאי שנא סיפא?** **אמר ר' יוחנן סיפא מה שאירש אבא היום, משום כבוד אביו, מה שתעלה מצודתי היום** (דף ט"ז, ע"ב) **משום כדי חייו**, וואָס איז דער אונטערשייד צווישען דער רישא און דער סיפא? האָט ר' יוחנן געזאָגט די סיפא וואָס זאָגט היום איז צוליב כבוד פון זיין פאָטער, וואָס ליגט אַלס גוסס און מען דאַרף די געלד אויף זיין רעכט, האָבען די חכמים מתקן געווען מען זאָל קענען מאכען זוכה זיין, און ביים פאנגען איז מען זוכה צוליב טאָמער דאַרף ער אויף חיי שעה, איז דעריבער אַז ער זאָגט היום א גוטע מכירה, **אמר רב הונא אמר רב האומר לחבירו שדה שאני לוקח, לכשאקחנה קנויה לך מעכשיו קנה**. האָט רב הונא געזאָגט פון רב וועגען, אַז איינער זאָגט צו זיין חבר, די פעלד וואָס איך האלט ביי קויפען, אַז איך וועל איהר האָבען געקויפט, זאָל זי זיין פאַרקויפט צו דיר פון יעצט אָן, האָט ער קונה געווען, און דער פאַרקויפער קען ניט צוריק־ציהען. ..**אמר רבא מסתברא מלתא דרב בשדה סתם, אבל בשדה זו לא, מי יימר דמזבן ליה ניהליה**. האָט רבא געזאָגט די סברה גיט דאָ מיט, אַז די זאך פון רב שמועסט דאָ וואו ער זאָגט שדה סתם, ניט זאָגענדיג שדה זו, ווייל סתם א פעלד ניט אָנגעוויזען וועלכע, איז וואַרשיינליך צו געלונגען, און ער איז זיך סומך דאָס ער וועט האלטען וואָרט, אָבער ביי שדה זו ניט, ווייל ווער קען זאָגען אויף זיכער אַז יענער וועט אים פאַרקויפען. זאָגט די גמרא **והאלקים אמר רב אפילו בשדה זו, מכדי רב כמאן אמרה לשמעתיה? כר' מאיר דאמר אדם מקנה דבר שלא בא לעולם, דתניא האומר לאשה התקדשי לי לאחר שאתגייר לאחר שתתגיירי לאחר שאשתחרר לאחר שתשתחררי, לאחר שימות בעלך לאחר שיחלוץ לך יבמיך לאחר שתמות אחותיך אינה מקודשת, ר' מאיר אומר מקודשת, והא אשה כשדה זו דמיא ואמר ר' מאיר מקודשת**. איך שווער דיר אַז רב זאָגט דאָס אפילו ביי שדה זו, דען סיווי לויט וועלכען תנא זאָגט דאָס רב די הלכה? ווי ר' מאיר, דען ער זאָגט דאָך אז א מענש קען מאכען קונה זיין א זאך וואָס איז נאָך ניט געקומען אויף דער וועלט, דען מיר האָבען געלערנט אַז איינער זאָגט צו אָ פרוי ווער צו מיר

מקודשת נאָך דעם ווי איך וועל זיך האָבען מגייר געווען אָדער נאָך דעם ווי דו וועסט דיך האָבען מגייר געווען, נאָך דעם ווי איך וועל זיין באפרייט פון אַלס עבד אָדער דו וועסט זיין באפרייט, נאָך דעם ווי דיין מאַן וועט זיין גע־שטאָרבען, אָדער נאָך דעם ווי דיין שוואָגער וועט דיר האָבען חליצה געגעבען, נאָך דעם ווי דיין שוועסטער וועט זיין געשטאָרבען, איז זי ניט מקודשת. ר׳ מאיר זאָגט זי איז מקודשת און די אשה איז דאָך גלייך ווי דער פאַל וואו ער זאָגט שדה זו און ר׳ מאיר זאָגט דערויף מקודשת, זעהסט דאָך גוט אַז רב מיינט אפילו וואו ער זאָגט שדה זו, אביט ווי וועלכער תנא וואָלט זיין הלכה אויסקומען: (אויף דער קשיא וואָס רב ששת פרעגט אויבען פון דער ברייתא מה שאירש מאבא אויף רב׳ן איז אויבען באשייד לויט רב׳ן און לויט רבא). **אמר שמואל המוצא שטר הקנאה בשוק יחזירו לבעלים, דאי משום דכתב ללות ולא לוה הא שעבד נפשיה, ואי משום פרעון, לא חיישינן לפרעון דאם איתא דפרעיה מקרע הוה קרע ליה.** האָט שמואל געזאָגט אַז איינער געפינט א שטר הקנאה אין גאַס, זאָל ער אים צוריקגעבען צו די בעלים, ווייל עס איז ניט פאַראן וואָס איבערצוקלערען, דען צוליב׳ן חשש טאָמער איז ער געשריבען געוואָרען צום לייהען נאָר מען האָט ניט געליהען איז ניט קיין קלער ווייל אַלענפאלס האָט ער דאָך אים געמאכט קונה זיין לויט׳ן באלדיגען דאטום פונ׳ שטר, צי ער וועט איהם לייהען צי ניט, אַזוי לויטעט דער נאָמען שטר הקנאה, און ווידער צוליב טאָמער איז שוין דער שטר באצאָהלט, האָבען מיר דאָך וועגען דעם ניט צו באזאָרגען, ווייל אזא שטר איבערהויפט אימפאל ער וואָלט זיין באצאָהלט, וואָלט ער אים זיכערליך צורייסען. **אמר רב נחמן אבא מן ספרי דייני דמר שמואל הוה, והווינא כבר שיתא כבר שבע וזכרנא דהוו מכרזי ואמרי הני שטרי אקנייתא דמשתכחי בשוקא נהדרינהו למרייהו,** האָט רב נחמן געזאָגט מיין פאָטער איז געווען פון די סופרים ביים בית דין פון מר שמואל, איך בין דאמאָלט אלט געווען ביי א זעקס אָדער זיבען יאָהר און איך געדענק נאָך אַז מען האָט אויסגערופען אַז די שטרות הקנאה וועלכע ווערען געפונען אין גאַס ווערען צוריקגעגעבען צו זייערע באלעבאטים. **אמר רב עמרם אף אנן נמי תנינא כל מעשה בית דין הרי זה יחזיר אלמא לא חיישינן לפרעון,** האָט רב עמרם געזאָגט מיר האָבען אויך אַזוי געלערנט אין א משנה ווייטער אַז יעדער מעשה בית דין וואו דער שטר איז אַדורך דורכ׳ן בית דין אַלס באשטעטיגט, אויב מען געפינט אזא שטר אין גאַס, דאַרף ער ווערען צוריקגעקערט צו די בעלים, זעהען מיר דאָך אַז מיר באזאָרגען ניט וועגען טאָמער איז ער שוין באצאָהלט. **אמר ליה ר׳ זירא מתניתין בשטרי חלטאתא ואדרכתא דלאו בני פרעון נינהו.** האָט ר׳ זירא געזאָגט צו רב עמרם אָפּוועדענדיג אים, דאָס די משנה ווייטער וועגען כל מעשה בית דין שמועסט גאָר וועגען שטרות חלטאתא און אדרכתא, חלטאתא מיינט א שטר אויף א שטר וואָס דער בית דין גיט אַרויס צום בעל חוב אַז זיי האָבען פאַרפענדעט ביים לוה א פעלד און אָפּגעשאצט פאַר זיין חוב, און אדרכתא מיינט וואו דער בית דין ניט געפינענדיג קיין פעלד ביים לוה גיט אים אַרויס א שטר מיט וועלכען ער באקומט דאָס רעכט צו געהן

זוכען דעם לוה'ס א פעלד, און אויב געפינען צו מעגען עס פאַרנעמען, זיינען דאָך די שטרות ניט אונטער קיין קלער אַז זיי זיינען שוין באצאָהלטע ,איז דאָך פון דער משנה ניט קיין ראייה אַז מען באַזאָרגט ניט אויף פרעון ? **אמר רבא והני לאו בני פרעון נינהו ? והא אמרי נהרדעי שומא הדר עד תריסר ירחי שתא, ואמר אמימר אנא מנהרדעא אנא וסבירא לי דשומא הדר לעולם ?** האָט רבא געזאָגט צו פרעגען און די שטרות זאָגסטו זיינען ניט קיין קלער טאָמער זיינען זיי שוין באצאָהלט ? די לערנער פון נהרדעא האָבען דאָך געזאָגט אַז די שאצונג פון אַ פעלד דורכ'ן בית דין געהט צוריק ביז צוועלף חדשים אויב דער לוה באצאָהלט דעם חוב, האָט אויף דעם אמימר געזאָגט איך בין פון נהרדעא און איך האלט אַז די שאצונג פונ'ם בית דין געהט אימער צוריק וויבאלד דער לוה באצאָהלט און די פעלד בלייבט ביים לוה, איז דאָך יאָ צו באַזאָרגען טאָמער איז דער שטר בית דין שוין א באצאָהלטער ? **אלא אמר רבא התם היינו טעמא דאמרי איהו הוא דאפסיד אנפשיה דבעידנא דפרעיה איבעי ליה למקרעיה לשטריה, אי נמי למכתב שטרא אחרינא עילויה,** נאָר זאָגט רבא אַז דאָרט ביי די שטרות חלטאתא און אדרכתא וואו די חכמים זאָגען מען גיט צוריק צו די בעלים כאָטש עס איז א קלער אויף פרעון, איז צוליב ער אַליין האָט זיך שאָדען געטאָן, דען ביי פענדונג וועהרענד ער האָט אים באצאָהלט און ניט געקראָגען די פעלד, האָט ער געדארפט צורייסען דעם שטר פון בית דין וואָס דער מלוה האָט ערהאלטען פונ'ם בית דין פאַר ניט אויסלייזען די פעלד, אָדער ביי אַ פאל וואו דער מלוה איז אים מדחה דאָס דער שטר איז פאַרלוירען געגאַנגען, האָט דער לוה געדארפט מאָהנען, צו שרייבען אַן אנדער שטר אויף דעם פעלד, **דמדינא ארעא לא בעיא למיהדר ומשום ועשית הישר והטוב בעיני ה' הוא דאמור רבנן תהדר, הלכך מרישא הוא דקא זבין איבעיא ליה למכתב שטר זביני,** ווייל מיט'ן דין דאַרף די פעלד ניט צוריקגעהן צום לוה, נאָר צוליב'ן פסוק וואָס זאָגט זאָלסט טאָן וואָס איז ישר און טוב אין די אויגען פון ג־ט — האָבען די חכמים דאָס געזאָגט אַז די פעלד געהט צוריק צום לוה ,איז דעריבער דאָס ער קויפט יעצט איבעראניי, און ער האָט טאקע געדארפט מאָהנען, צו שרייבען פאַר אים א נייעם קויף־שטר. פרעגט די גמרא **גבי שטר חוב מאי איכא למימר ? אם איתא דפרעיה איבעי ליה למקרעיה לשטריה,** ביי א שטר חוב וואָס קענסטו ענטפערען, אויב טאקע ער האָט אים באצאָהלט, האָט ער גע־דארפט צורייסען זיין שטר ? איז דאָך אָבער צו אָפּוועגדען, **אימור אישתמוטי קא משתמיט ליה דאמר ליה למחר יהבנא לך דהשתא ליתיה גבאי, אי נמי אפשיטי דספרא זייר ליה ?** מען קען דאָך נאָך אַלץ זאָגען אַז דער מלוה האָט אים אַזוי אָפּגעשלעפּט זאָגענדיג צו אים, צומאָרגענס וועל איך אים דיר געבען יעצט האָב איך אים ניט ביי מיר, עס קען זיין אַז דער שטר איז פאַרהאלטען געוואָרן פאַר די קליין געלד וואָס ער האָט געדארפט געבען דעם סופר פאַר זיין שרייבען, אָבער לעולם איז ער שוין א באצאָהלטער, און דאָ איז שוין ניט שייך וועגען פאָדערען א נייעם שטר פון בית דין, איז דאָך שוין רבא'ס טעם ניט אויסגעהאלטען? (זייר מיינט פאַרהאלטען) : **אמר ר' אבהו אמר ר' יוחנן המוציא שטר**

חוב בשוק א הָעל פי שכתוב בו הנפק לא יחזירו לבעלים. האָט ר׳ אבהו געזאָגט פון ר׳ יוחנן וועגען אַז איינער געפינט א שטר חוב אין גאס, כאָטש עס איז איינגעשריבען אין אים הנפק, זאָל ער דעם שטר ניט צוריקגעבען צום מלוה. לא מיבעיא היכא דלא כתוב בו הנפק, דאיכא למימר כתב ללות ולא לוה, אלא אפילו כתוב בו הנפק, ומאי ניהו? דמקויים לא יחזיר, דחיישינן לפרעון. עס איז קיין פראַגע ניט וואו עס איז ניט איינגעשריבען קיין הנפק, דאָס זיכער מען גיט דעם שטר ניט צוריק, נאָר אפילו ווען עס איז שוין יאָ אַנגעשריבען א הנפק — און וואָס מיינט הנפק? אַז ער איז באשטעטיגט פונ׳ם בית דין׳ס צושריפט — זאָל ער אויך ניט צוריקגעבען, ווייל עס איז צו באזאָרגען דאָס טאָמער איז ער שוין א באצאָהלטער. איתיביה ר׳ ירמיה לר׳ אבהו כל מעשה בית דין הרי זה יחזיר? אמר ליה, ירמיה ברי לא כל מעשה בית דין שוים, אלא כגון שהוחזק כפרן. האָט ר׳ ירמיה א קשיא געפרעגט צו ר׳ אבהו, די משנה זאָגט דאָך ווייטער אַז יעדע מעשה בית דין גיט מען יאָ צוריק? האָט ר׳ אבהו צו אים געזאָגט, ירמיה זוהן מיינער, ניט אלע מעשה בית דין זיינען גלייך, נאָר דאָ שמועסט וואו דער לוה איז מוחזק אלס ליגנער, דאמאָלט גיט מען דעם שטר צוריק צום מלוה. אמר רבא ומשום דהחוזק כפרן חדא זימנא תו לא פרע כלל? אלא אמר רבא מתניתין בשטר חלטאתא ואדרכתא וכדר׳ זירא, האָט רבא געזאָגט און צוליב ער איז שוין איינמאָהל אַנגענומען געוואָרען אַלס ליגנער, באצאָהלט ער שוין קיינמאָל ניט, עס איז דאָך אַלץ א קלער פאַר פרעון? נאָר האָט רבא געזוגט אַז די משנה ווייטער שמועסט ביי א שטר חלטאתא און אדרכתא וואו עס איז ניט קיין קלער פאַר פרעון און ווי ר׳ זירא זאָגט עס אויבען. זאָגט די גמרא וכפרן הואיל ואתא לידן נימא ביה מלתא, דאמר רב יוסף בר מניומי אמר רב נחמן אמרו לו צא תן לו (דף י״ז, ע״א) ואמר פרעתי נאמן, בא מלוה לכתוב אין כותבין ונותנין לו, וועגען דעם כפרן אַזוי ווי ער איז אונז געקומען צום האַנד וועלען מיר נאָך עפּעס זאָגען, דען רב יוסף בר מניומי האָט געזאָגט פון רב נחמן וועגען, אַז דער בית דין האָט געזאָגט צום לוה געה אַרויס און גיב אים, און לאחר זמן האָט ער געזאָגט, דאָס אויספּעאָלגענדיג דעם בית דין האָב איך אים באצאָהלט, איז ער באגלויבט מיט א שבועה דרבנן, אַז נאכהער איז געקומען דער מלוה צום בית דין, מען זאָל אים שרייבען אַן אדרכתא, גיט מען אים ניט. חייב אתה ליתן לו, ואמר פרעתי אינו נאמן, בא מלוה לכתוב, כותבין ונותנין לו, רב זביד משמיה דרב נחמן אמר בין צא תן לו, בין חייב אתה ליתן לו, ואמר פרעתי, נאמן, בא מלוה לכתוב, אין כותבין ונותנין לו, רב זביד אין נאָמען פון רב נחמן זאָגט דאָס סיי דער בית דין זאָגט צו אים דעם לשון צא תן לו, סיי אתה חייב ליתן לו, און ער זאָגט לאחר זמן איך האָב באצאָהלט איז ער באגלויבט, אַז דער מלוה איז נאכהער געקומען מען זאָל שרייבען פאַר אים אַן אדרכתא, שרייבט מען ניט. אלא אי איכא לפלוגי, הכי הוא דאיכא לפלוגי, אמרו לו צא תן לו, ואמר פרעתי והעדים מעידין אותו שלא פרעו וחזר ואמר פרעתי הוחזק כפרן לאותו ממון, חייב אתה ליתן לו ואמר פרעתי והעדים מעידין אותו שלא פרע, וחזר ואמר פרעתי,

לא הוחזק כפרן לאותו ממון, נאר ווייסטו ווי מען קען אונטערשיידען צווישען די צוויי לשונות, אזוי קען מען אונטערשיידען, אז דער בית דין האט געזאגט צו אים צא תן לו, און ער האט נאכהער געזאגט איך האב שוין באצאהלט, און עדים זאגען עדות מיט'ן מלוה אז ער האט אים ניט באצאהלט, און שפעטער צו, זאגט ער ווידער פרעתי, איז ער אנגענומען אלס ליגנער צו דעם געלד, אז דער בית דין זאגען צו אים חייב אתה ליתן לו, און ער זאגט פרעתי און עדים זאגען עדות פאר'ן מלוה אז ער האט נאך ניט באצאהלט און ווידער זאגט ער פרעתי איז ער ניט אנגענומען אלס כפרן לגבי דעם געלד. די סברה איז דא אז צא תן לו מיינט געה ארויס און ברענג געלד און גיב אים פאר עדות און אויב די עדות באשטעטיגען, דאס פאר זיי האט ער ניט געגעבען, אויב ער זאגט יא געגעבען איז ער כפרן, אבער חייב אתה ליתן לו, מיינט שוין בלויז חייב, אהן דעם באדינגג צו געבען פאר עדות הייסט ער ניט א כפרן לגבי דעם געלד. מאי טעמא? אשתמוטי הוא קא משתמט מיניה, סבר עד דמעיינא בי רבנן בדינאי, וואס איז די סברה וואס דא איז ער ניט קיין כפרן? ווייל דא קען מען אויסטייטשען אז ער וויל בלויז אפשלעפען, ער טראכט זיך לאז עס זיך אזוי צעגערען ביז די רבנן וועלען מעהר מעיין זיין אין מיין דין, ווייל זאגענדיג בלויז חייב אתה, גיט עס אים די געלעגענהייט צו צובריינגען צו א מעהר אויספארשונג פון זיין דין, אמר רבה בר חנה אמר ר' יוחנן מנה לי בידך והלה אומר אין לך בידי כלום והעדים מעידין אותו שיש לו וחזר ואמר פרעתי הוחזק כפרן לאותו ממון, כי הא דשבתאי בריה דר' מרינוס כתב לה לכלתיה איצטלא דמילתא בכתובתה וקבלה עליה אירכס כתובתה, האט רבה בר בר חנה געזאגט פון ר' יוחנן וועגען, אז איינער מאהנט ביים צווייטען איך האב ביי דיר הונדערט גולדען און דער זאגט דו האסט ביי מיר גארניט, און עדות זאגען ער האט יא ביי אים, און לאחר זמן זאגט ער פרעתי, איז ער אנגענומען לגבי דעם געלד אלס כפרן, ווי א שטייגער די געשיכטע, שבתאי דער זוהן פון ר' מרינוס האט איינגעשריבען אין דער כתובה פאר זיין שנור צו געבען איהר א זיידען קלייד, האט זי נאכהער געקלאגט אויף אים ער זאל איהר געבען די קלייד, ווי עס איז איינגעטראגען אין דער כתובה, נאר די כתובה האט זי געהאט פארלוירען, אמר לה לא היו דברים מעולם, אתו סהדי ואמרי אין, כתב לה, לסוף אמר להו פרעתיה אתא לקמיה דר' חייא, אמר ליה הוחזקת כפרן לאותה איצטלא. זעהענדיג זי האט ניט די כתובה, האט ער צו איהר געזאגט עס הויבט זיך ניט אן, איך האב דיר ני איינגעשריבען, זיינען געקומען עדות און געזאגט יא, ער האט פאר איהר אזוי איינגעשריבען אין איהר כתובה, ענדליך לאחר זמן האט ער געזאגט צום בית דין איך האב איהר באצאהלט, איז ער געקומען פאר ר' חייא צו א דין תורה, האט צו אים ר' חייא געזאגט, דו ביזט אנגענומען אלס כפרן לגבי דעם קלייד: אמר ר' אבין אמר ר' אלעא אמר ר' יוחנן היה חייב לחבירו שבועה ואמר נשבעתי והעדים מעידין אותו שלא נשבע, וחזר ואמר נשבעתי הוחזק כפרן לאותה שבועה, האט ר' אבין געזאגט פון ר' יוחנן וועגען אז איינער איז מחוייב געווארען א שבועה צום

חבר און לאחר זמן זאָגט ער איך האָב שוין געשוואָרען און די עדות זאָגען פאַר אים דאָס ער האָט ניט געשוואָרען און לאחר זמן ווידערהאָלט ער דאָס ער האָט געשוואָרען איז ער אָנגענומען אַלס כפרן לגבי דער שבועה. אמרוה קמיה דר' אבהו אמר להו מסתברא מלתא דר' אבין שנתחייב שבועה בבית דין, אבל חייב עצמו שבועה נאמן, עביד איניש דמקרי ואמר. אהדרוה קמיה דר' אבין אמר להו אנא נמי בבית דין אמרי, האָט מען די זאך איבערגעזאָגט פאַר ר' אבהו, האָט ער צו זיי געזאָגט די סברה גיט מיט אַז די זאך פון ר' אבין איז געמיינט וואו ער איז מחוייב געוואָרען די שבועה ביים בית דין, אָבער אַז ער אַליין איז זיך מחייב א שבועה דהיינו ער שרייט איך וועל שווערען און לאחר זמן זאָגט ער נשבעתי, הייסט ער ניט קיין כפרן און ער איז נאָך אַלץ באגלויבט ווייל עס איז געוויינטליך אַ מענש זאָל אויס־רופען איך וועל שווערען כאָטש ער מיינט עס ניט און ער מעג נאכהער זאָגען איך וויל ניט שווערען אָהן דעם אויסזאָגען פון בית דין, האָט מען די זאך צוריק פאַרגענומען פאַר ר' אבין, האָט ער צו זיי געזאָגט איך האָב אויך אַזוי געמיינט צו זאָגען אלס א שבועה ביים בית דין, איתמר נמי אמר ר' אבין אמר ר' אלעא אמר ר' יוחנן היה חייב לחבירו שבועה בבית דין ואמר נשבעתי והעדים מעידים אותו שלא נשבע וחזר ואמר נשבעתי הוחזק כפרן לאותה שבועה. מיר האָבען אויך אַזוי געלערנט וואו ר' אבין זאָגט עס ריין אַרויס פון ר' יוחנן וועגען ביים בית דין, אמר רבי אסי אמר ר' יוחנן המוצא שטר בשוק וכתוב בו הנפק וכתוב בו זמנו בו ביום יחזירו לבעלים, אי משום כתב ללות ולא לוה הא כתב בו הנפק, אי משום פרעון? לפריעה בת יומא לא חיישינן, האָט ר' אסי געזאָגט פון ר'יוחנן וועגען אַז איינער געפינט א שטר חוב אין מארק און עס איז איינגעשריבען אין אים הנפק, און עס איז איינגעשריבען אין אים זיין צייט פון זעלבען טאָג, דארף ער אים אומקערען צו די בעלים, ווייל צו איבערקלערען, דאָס ער איז בלויז געשריבען צום לייהען אָבער געליהען האָט ער ניט, איז ניט, דען עס שטעהט דאָך אין אים הנפק, און ווידער צוליב טאָמער איז ער שוין באצאָהלט איז אויך ניט קיין קלער, ווייל אין זעלבען טאָג איז זיכער ניט קיין קלער אויף באצאָהלט, אמר ליה ר' זירא לר' אסי מי אמר ר' יוחנן הכי, האָט ר' זירא געזאָגט צו ר' אסי, האָט דען אַזוי ר' יוחנן געקענט זאָגען אַז אין זעלבען טאָג איז ניט צו באזאָרגען אויף פרעון. הא את הוא דאמרת משמיה דר' יוחנן שטר שלוה בו ופרעו אינו חוזר ולוה בו שכבר נמחל שיעבודו, אימת? אילימא למחר וליומא אחרא, מאי אריא שכבר נמחל שיעבודו, תיפוק ליה דהוה ליה מוקדם ותנן שטרי חוב המוקדמין פסולין? אלא לאו ביומיה, אלמא פרעי אינשי ביומיה? דו אַליין האָסט דאָך געזאָגט אין נאָמען פון ר' יוחנן אַז א שטר וואָס מען האָט שוין מיט אים געליגען און באצאָהלט, טאָר מען ניט מיט אים ווידער לייהען, ווייל דער שיעבוד פון אים איז שוין לאנג אָפּגעלאָזען. ווען קען מען דאָ מיינען ער איז באצאָהלט? זאָל איך זאָגען אַז צומאָרגענס אָדער נאָך שפּעטער, איז דאָך אָבער שווערליך וואָס ער כאַפּט אָן צוליב נמחל שיעבודו, דו קענסט דאָך דיר דרינגען אַז מען טאָר מיט אים ניט

לייהען צוליב ער איז א שטר מוקדם אויסגעשטעלט מיט א פריהערען דאטום, און מיר האבען דאך געלערענט אין א משנה אז מוקדמין זיינען פסול, צוליב עס קען קומען דערצו מען זאל אוועקנעמען פון לוה׳ס פארקויפטע פעלדער געגען דין? נאר מוז דאך זיין ניט אנדערש אז ער מיינט אין זעלבען טאג דאס פונדעסטוועגען טאר מען אויף אים ניט לייהען צוליב דער שיעבוד איז נמחל, זעהסט דאך גוט אז עס איז אויך דער שטייגער צו באצאהלען אין זעלבען טאג? אמר ליה מי קא אמינא דלא פרעי כלל, דלא שכיחי אינשי דפרעי ביומיה קא אמינא, האט ער צו אים געזאגט זאג איך דען אז מענשען באצאהלען קיינמאהל ניט אין זעלבען טאג, איך זאג נאר אז עס איז ניט געוויינטליך מענשען זאלען באצאהלען אין זעלבען טאג. רב כהנא אמר כשחייב מודה, אי הכי מאי למימרא? מהו דתימא האי מפרע פרעיה והאי דקא אמר לא פרעתיה, משום דקבעי מהדר למזפא ביה זמנא אחריתא ולפשיטי דספרא חייש, קא משמע לן, דאם כן מלוה גופיה לא שבק, סבר שמעי בי רבנן ומפסדי לי, רב כהנא זאגט אז עס שמועסט וואו דער לוה איז מודה, דעריבער האלט ער מען גיט אים צוריק צו די בעלים, פרעגט די גמרא אויב אזוי וואס קומט ער דערמיט מיר צו לאזען הערען? נאר איך וואלט מיינען צו זאגען, אז באמת האט ער באצאהלט, אי ווארום זאגט ער לא פרעתיה? דאס איז צוליב ער וויל זיך ווידער לייהען מיט דעם שטר א צווייטען מאהל, ער טוט עס צוליב איינצובריינגען די שרייב־געלד פון סופר, לאזט ער אונז הערען אז מיר זאגען ניט אזוי, ווייל אויב אזוי וואלט דער מלוה אליין ניט וועלען דערלאזען, דען ער וועט זיך טראכטען, אז מען וועט נאך הערען דאס ביי די רבנן וועלען זיי מיר שאדען צו בריינגען, ניט לאזענדיג גובה זיין פון לקוחות צוליב׳ן חשר פון שטר המוקדם. פרעגט די גמרא מאי שנא מהא דתנן מצא שטרי חוב אם יש בהן אחריות נכסים לא יחזיר ואוקימנא כשחייב מודה ומשום שמא כתב ללות בניסן ולא לוה עד תשרי ואתי למטרף לקוחות מניסן ועד תשרי שלא כדין, ולא אמרינן דאם כן מלוה גופיה לא שביק דאמר ליה כתוב שטרא אחרינא בתשרי דדלמא שמעי רבנן ומפסדי לי? ווארום איז דא אנדערש פון דער זאך וואס מיר האבען געלערענט אין דער משנה אז איינער געפינט שטרי חוב, אויב אין זיי איז פאראן אחריות, זאל ער אים ניט צוריקגעבען, און מיר האבען איינגעזעצט וואו דער שולדער איז מודה, נאר מען גיט דעם שטר ניט צוריק צוליב טאמער איז ער געשריבען צו לייהען אין ניסן און געליהען איז געווארען ערשט אין תשרי, וועט נאך קומען דערצו ער זאל אוועקנעמען די פארקויפטע פעלדער פון ניסן ביז תשרי, געגען דין, און מיר זאגען פונדעסטוועגען ניט, אז וויבאלד אזוי, וועט עס דער מלוה אליין ניט דערלאזען, און וועט זאגען צום לוה שרייב אן אנדער שטר אויסגעשטעלט אויף תשרי, ווייל אניט, טאמער וועלען עס די רבנן דערהערען און מיר שאדען שאפען דערמיט וואס זיי וועלען ניט הייסען גובה זיין מיט אים פון די משועבדים? ענטפערט די גמרא אמרי התם משום דאית ליה רווחא דקא טריף לקוחות מניסן ועד תשרי מינח ניחא ליה, ולא אמר ולא מידי, הכא כיון דלית ליה רווחא דסוף סוף שטרא האידנא כתיב,

**מאי איכא דקא טריף לקוחות בשטר שנמחל שיעבודו לא שביק.** איך קען דיר אזוי זאגען אלס ענטפער, דארט איז דאך פאראן א רווח אויף וואס דער מלוה זאל זיין לאקאמנע, דען ער וועט דאך קענען אוועקנעמען די לקוחות פון ניסן ביז תשרי, וועט אים זיין ניחא צו שווייגען און ניט זאגען גארניט, אבער דא ביים דאטום, פון זעלבען טאג, וויבאלד עס איז ניט פאראן צו געווינען דערביי, דען סוף כל סוף איז דאך דער שטר אויפ'ן איצטיגען דאטום, הייסט וואס קען דא זיין אן אומשטאנד? ער וועט אוועקנעמען די לקוחות מיט א שטר וואס זיין שיעבוד איז צוריקגעצויגען, אזא זאך וועט דער מלוה אליין ניט דערלאזען: **אמר ר' חייא בר אבא אמר ר' יוחנן הטוען אחר מעשה בית דין (דף י"ז, ע"ב) לא אמר כלום, מאי טעמא? כל מעשה בית דין כמאן דנקיט שטרא בידיה דמי,** האט ר' חייא בר אבא געזאגט פון ר' יוחנן וועגען, (מעשה בית דין מיינט דא, די כתובה און די אויסהאלטונג מיט פרנסה פאר דער פרוי מיט די טעכטער וואס די חכמים האבען געמאכט אלס תנאי ביי א הייראט). אז איינער טענה'ט נאך מעשה בית דין, דאס ער האט שוין באצאהלט איהר די געלד וואס זאל קלעקען פאר די זאכען, נאר ער האט עס געטאן ניט פאר עדות, האט ער גארניט געזאגט, עס מיינט ער איז ניט באגלויבט, וואס איז די סברה? ווייל יעדע מעשה בית דין, איז ווי גלייך ער וואלט האלטען א שטר דערויף אין זיינע הענד, וואו ער מוז באצאהלען פאר עדות. **אמר ליה ר' חייא בר אבא לר' יוחנן ולא משנתינו היא זו, הוציאה גט ואין עמו כתובה, גובה כתובתה?** האט ר' חייא בר אבא געזאגט צו ר' יוחנן איז עס דען ניט די א משנה, וואו מיר האבען געלערנט אז זי האט געוויזען א גט, נאר ניט געוויזען מיט אים די כתובה, איז זי גובה איהר כתובה, זאגט דאס ר' יוחנן דעם טעם אז מעשה בית דין איז גלייך ווי זי וואלט האבען א שטר? **אמר ליה אי לאו דדלאי לך חספא לא משכחת מרגניתא תותה,** האט ר' יוחנן צו אים געזאגט ווען איך זאל פאר דיר ניט אוועקנעמען דעם שארבען, וואלסטו דעם פערל אונטער איהר ניט געפונען, ער מיינט דערמיט צו זאגען ווען איך וואלט דיר וואלט עס ניט זאגען, וואלסטו דעם טעם פון דער משנה ניט וויסען. **אמר אביי מאי מרגניתא? דלמא במקום שאין כותבין כתובה עסקינן,** דגט היינו כתובתה, **אבל במקום שכותבין כתובה אי נקיטא כתובה גביא, אי לא, לא גביא,** האט אביי געזאגט וואו איז דא די פערל? פיליכט מיינט דא די משנה וואו מען שרייבט ניט קיין כתובה, און דער גט דינט דא אלס באוויז פאר דער כתובה צו גובה זיין מיט אים, אבער דא וואו מען שרייבט יא א כתובה, האלט זי די כתובה איז זי גובה, אויב ניט ניט, און ווארשיינליך צוליב ער קען טענה'ן ער האט באצאהלט, איז ער דאך, יא באגלויבט אחר מעשה בית דין? **הדר אמר אביי לאו מלתא היא דאמרי, דאי סלקא דעתך במקום שאין כותבין כתובה עסקינן, אבל במקום שכותבין כתובה, אי נקיטא כתובה גביא, אי לא לא גביא, אלמנה מן האירוסין במאי גביא? בעדי מיתת בעל, לטעון וליכא פרעתיה?** נאך דעם האט אביי געזאגט, עס איז ניט קיין זאך, וואס איך זאג דא, דען אויב עס זאל ארויף אויפ'ן געדאנק אז די משנה שמועסט וואו מען

שרייבט ניט קיין כתובה, אָבער וואו מען שרייבט יאָ א כתובה אויב זי האלט די כתובה אין האנד, איז זי גובה, אביט ניט, וואָלט זיך דאָך שטעלען די פראגע אז איינע ווערט אַן אלמנה פאַר די הייראט, מיט וואָס וואָלט זי גובה זיין איהר כתובה? ווערסטו דאָך ווערלען זאָגען מיט עדות אַז דער מאן איז געשטאָרבען, און אויב עס וואָלט זיין ריכטיג אַז דער מאן קען טענה'ן, ער האָט באצאָהלט, קענען דאָך די יורשים אַזוי טענה'ן, נאָר מוז דאָך זיין, אַז ער איז ניט באגלויבט, **וכי תימא הכי נמי? אם כן מה הועילו חכמים בתקנתן**, אַי ווערסטו אפשר זאָגען אַז זיי קענען טאקע אַזוי טענה'ן? אויב אַזוי, וואָס וואָלטען די חכמים אויפטאָן מיט זייער תקנה וועגען א כתובה פאַר דער ארוסה, אלע וואָלטען דאָך טענה'ן פרעתי? נאָר מוז זיין זיי זיינען ניט באגלויבט, און דאָס איז וואָס ר' יוחנן לאָזט אונז הערען אַז נאָך מעשה בית דין גילט ניט די טענה. **אמר ליה מר קשישא בריה דרב חסדא לרב אשי ואלמנה מן האירוסין דאית לה כתובה מנא לן? אילימא מהא דתנן נתארמלה און נתגרשה בין מן האירוסין ובין מן הנישואין גובה את הכל, דילמא היכא דכתב לה?** האָט מר קשישא דער זוהן פון רב חסדא געזאָגט צו רב אשי, אַן אלמנה אלס כלה אַז עס קומט איהר די כתובה פונוואנען איז געדרונגען? זאָלען מיר זאָגען פון דער משנה, וואו מיר האָבען געלערנט אַז איינע איז אלמנה אָדער גע'גט געוואָרען, סיי אַלס כלה סיי נאָך דער הייראט, איז זי גובה אלעס, קענען מיר דאָך אָפפרעגען פיללייכט מיינט דאָרט די משנה וואו דער מאן האָט איהר געשריבען א כתובה? **וכי תימא מאי למימרא? לאפוקי מדר' אלעזר בן עזריה דאמר שלא כתב לה אלא על מנת לכונסה, איצטריכא ליה**, אַי ווערסטו אפשר אָפּוועגדען אויב אַזוי וואָס א רבותא לאָזט אונז די משנה הערען? קענען מיר אָבער זאָגען אַז די משנה מיינט צו אַרויסציהען פון ר' אלעזר בן עזריה וואָס זאָגט אַז ער האָט איהר ניט געשריבען די כתובה מיט די תוספת אריבער דער סומע, נאָר מיט'ן באדינג אויף צו הייראַטען מיט איהר, זאָגט דעריבער די משנה אַז זי איז גובה אַלעס, געגען ר' אלעזר בן עזריה? **דיקא נמי דקתני גובה את הכל, אי אמרת בשלמא דכתב לה, היינו דקא תני גובה את הכל, אלא אי אמרת דלא כתב לה** (דף י"ח, ע"א) **מאי גובה את הכל, מנה ומאתים הוא דאית לה?** דו קענסט דיר אויך דרינגען פון די ווערטער וואָס די משנה לערנט גובה את הכל, אנדערש ווען דו זאָלסט זאָגען אַז ער האָט איהר געשריבען איז רעכט וואָס די משנה לערנט הכל, אָבער אַז דו ווערסט זאָגען ער האָט איהר ניט געשריבען, ווי קומט דאָ אהער דער וואָרט הכל, עס איז דאָך ניט פאראן נאָר צוויי זאכען, אַז זי איז גובה צי א הונדערט אַלס אלמנה צי צוויי הונדערט אלס בתולה, און ביי צוויי זאכען געשיקט זיך ניט דער וואָרט הכל נאָר ערשט ביי דריי זאכען, און דאָ איז נאָר ווען ער שרייבט איהר צו אויך א תוספת כתובה, וואָס מוז געשריבען ווערען. היינט ווי קען אביי דרינגען פון אלמנה מן האירוסין אַז דער מאן איז ניט באגלויבט אחר מעשה בית דין? **ואלא מדתני רב חייא בר אמי אשתו ארוסה לא אונן ולא מטמא לה, וכן היא לא אוננת ולא מטמאה לו, מתה אינו יורשה, מת הוא גובה כתובתה**, נאָר די ראייה נעמט אביי פון דער ברייתא וואָס רב

חייא בר אמי האָט געלערנט אַז זיין פרוי אַלס ארוסה ווערט ער צוליב איהר ניט קיין אונן און ניט ער מעג זיך צו איהר מטמא זיין, און אזוי זי איז ניט קיין אוננת און ניט מטמאה זיך צו אים, (דאָס זי איז זיך ניט מטמאה צו אים איז ניט געדארפט צו זאָגען, נאָר ער זאָגט עס צו גלייכשטעלען די פאַלען וואָס איז פאסיג פאַר'ן לשון) אַז זי איז געשטאָרבען ירש'ענט ער איהר ניט, אַז ער איז געשטאָרבען איז זי גובה איהר כתובה, זעהען מיר דאָך עס אַלס תנאי בית דין, וואו דער מאן קען ניט טענה'ן פרעתי, פרעגט די גמרא דילמא דכתב לה? וכי תימא דכתב לה מאי למימרא? מתה אינה יורשה איצטריכא לה? פיליכט מיינט דאָ אויך אַז ער האָט איהר געשריבען א כתובה אָבער ניט צוליב מעשה בית דין? אַי ווען זאָגען אויב געשריבען וואָס איז די רבותא? איז דאָך אָבער געדארפט דער ערשטער פאל מתה אינה יורשה, און אין איינוועגס זאָגט ער אויך שוין מת גובה כתובתה, כאָטש עס איז ניט קיין רבותא. אלא אביי מגופה דמתניתין קא הדר ביה, דאי סלקא דעתך שאין כותבין כתובה עסקינן דגט היינו כתובתה, אטו גט מנה מאתים כתיב ביה? נאָר אביי ציהט צוריק פון זיין פראַגע אויבען, צוליב דער משנה אַליין, דען אויב עס זאָל אַרויף אויפ'ן געדאנק, אַז די משנה שמועסט וואו מען שרייבט ניט קיין כתובה און דער גט פארנעמט דעם פלאַץ אַלס שטר אויף דער כתובה, וואָלט דאָך שווער זיין שטעהט דען אינ'ם גט וועגען מנה אָדער מאתים? וכי תימא כיוון דתקינו רבנן למגבא לה כמאן דכתיב ביה דמי, לטעון ולימא פרעתי? אַי ווען אפשר זאָגען וויבאלד די רבנן האָבען מתקן געווען צו גובה זיין מיט'ן גט, איז ער גלייך ווי עס וואָלט זיין אין אים. געשריבען וועגען דער כתובה? קען מען דאָך אָפּווענדען, דאָס נאָך אַלץ קען ער דאָך טענה'ן און זאָגען פרעתי, געגען גט, נאָר מוז זיין אַז דער טעם איז צוליב מעשה בית דין איז ווי א שטר, וואו ער מוז דעקען פאָר עדות, ניט ווייל דער גט איז ווי א שטר ווייל פאָרט ציינט ער גאָרניט וועגען דער געלד־פראגע, וכי תימא דאמרינן ליה פרעתה איבעי לך למיקרעיה, אמר לך לא שבקתן, אמרה בעינא דאנסובי ביה, אַי ווען אפשר זאָגען דאָס מיר קענען צו אים זאָגען אויב דו האָסט איהר באצאָהלט, האָסטו געזאָלט צורייסען דעם גט? קען ער דאָך אונז ענטפערען דאָס זי האָט ניט דערלאָזט, זי האָט געזגט איך דאַרף נאָך מיט אים קענען הייראטען, דאָס איך בין געג'גט. וכי תימא אמרינן ליה איבעי לך למקרעיה ומכתב אגביה גיטא דנן דקרעונהו לא משום דגיטא פסולה הוא אלא כי היכי דלא תגבי ביה זמנא אחריתי? אַי ווען אפשר זאָגען דאָס מיר קענען אים ענטפערען האָסטו אים געדארפט צורייסען און אויפשרייבען אויף אים, אַז דעם גט וואָס מיר האָבען צוריסען, איז ניט צוליב ער איז פסול, נאָר צוליב זי זאָל ניט קענען מיט אים גובה זיין א צווייטען מאָהל? איז דאָך אָבער אָפּצואווענדען, אטו כל דמגבי, בבי דינא מגבי? איז דען יעדער וואָס איז גובה, גובה ביים בית דין, מען זאָל אים דאָרט אָנשרייבען, עס קען דאָך זיין אַז קיין בית דין איז דאָרט ניט געווען פאָר דער באוואָרענונג:

מתני', מצא גיטי נשים ושחרורי עבדים דייתיקי מתנה ושוברין הרי זה לא יחזיר, שאני אומר כתובין היו ונמלך עליהן שלא לתנן, אז איינער־

האָט געפונען גיטי נשים אָדער שחרורי עבדים אָדער א שטר־דייתיקי, (די גמרא ווערט באשיידען), אָדער א שטר־מתנה, אָדער שטרי־קבלות (וואָס צוברעכען דעם חוב) זאָל ער ניט צוריקגעבען זיי צו די בעלי בתים, ווייל איך זאָג אַז זיי זיינען טאקע געשריבען געוואָרען ביים בית־דין, נאָר מען האָט זיך איבערלייגט זיי ניט צו געבען: גמ׳, פרעגט די גמרא טעמא דנמלך שלא לתנן, הא אמר תנו נותנין ואפילו לזמן מרובה, ורמינהו, המביא גט ואבד הימנו מצאו לאלתר כשר, אם לאו פסול? די משנה זאָגט דעם טעם פון נמלך אויף ניט צו געבען, צייגט עס, דאָס אָבער אַז מען האָט יענעם געזאָגט וועגען דעם גט, און יענער האָט געזאָגט גיבט דעם גט צודער פרוי, גיט מען אים יאָ, ווען אַפילו מען האָט אים א לאנגע צייט שפעטער געפונען, וועל איך דיך אויף דעם א קשיא פרעגען, מיר האָבען געלערענט אַז איינער ברענגט א גט און ער איז פון אים פארלאָרען געוואָרען, האָט ער אים באלד צוריקגעפונען איז ער נאָך כשר צו גט׳ן מיט אים, אויב ניט, איז ער פסול, זעהסט דאָך גוט אַז א לאנגע צייט פסל׳ט אים? אמר רבה לא קשיא כאן במקום שהשירות מצויות, כאן במקום שאין השיירות מצויות, האָט רבה געזאָגט עס איז ניט קיין קשיא די משנה אין גיטין וואָס צייגט אַז אויב ביי „תנו״ גיט מען ניט צוריק דעם גט, שמועסט אין אַ פלאַץ וואו קאָמפאניס מענשען וואָס ציהען פון וויטענס זיינען געוועהנליך צו קומען דאָ, און מיט זיי געהען שלוחים מיט גיטין, קען דאָך זיין דאָס צוויי פארטיען גלייכע נעמען זיינען פאראן, און דער געפונענער גט באלאנגט גאָר צו אַן אנדערען, אָבער די משנה דאָ שמועסט וואו קיין שיירות זיינען ניט געוועהנליך, באלאנגט דאָך דער גט זיכער צום געוויסען מאן וואָס זאָגט תנו. ואפילו במקום שהשיירות מצויות, והוא? שהוחזקו שני יוסף בן שמעון בעיר אחת, דאי לא תימא הכי קשיא דרבה אדרבה? און די גמרא זעצט פאָרט אַז אפילו אין אַ פלאַץ פון שיירות מצויות איז אויך, ווען זאָגען מיר אַז נאָך אַ לענגערע צייט איז דער גט פסול? אַז עס איז באַ־וואוסט וועגען צוויי יוסף בן שמעון׳ס אין איין שטאָט, ווארים אַז דו וועסט אַזוי ניט זאָגען אַז רבה דארף ביידע אי שיירות מצויות אי די חזקה פון צוויי יוסף בן שמעון׳ס, וואָלט דאָך זיין א קשיא פון רבה אויף רבה? דההוא גיטא דאישתכח בי דינא דרב הונא דהוה כתוב ביה בשווירי מתא דעל רכיס נהרא, אמר רב הונא (דף י״ח, ע״ב) חיישינן לשני שוירי, דען ביי דער פאסירונג וואו דער גט איז געפונען געוואָרען ביים בית דין פון רב הונא, וואו עס איז געווען געשריבען אין אים, „אין דער שטאָדט שוירי וואָס ליגט נעבען טייך רכיס״ האָט רב הונא אויף דעם געזאָגט דאָס מיר באזאָרגען פאַר צוויי שטעט מיט׳ן זעלבען נאָמען שוירי, ואמר ליה רב חסדא לרבה פוק עיין בה דלאורתא בעי מינך רב הונא, נפק דק ואשכח דתנן כל מעשה בית דין הרי זה יחזיר, און רב חסדא האָט געזאָגט צו רבה געה ארויס און זיי מעיין אין דער זאך, ווייל אין אָבענד וועט ביי דיר פרעגען רב הונא וועגען דער זאך, איז ער אַרויס און האָט געזוכט און געפונען דען עס איז געלערנט אין א משנה אַז יעדע מעשה בית דין ווערט צוריקגעגעבען, ווייל מיר באזאָרגען ניט וועגען נמלך. והא בי דינא דרב הונא דכי מקום שהשיירות מצויות דמי וקא

פשיט רבה דיחזיר, אלמא אי הוחזקו שני יוסף בן שמעון אין, אי לא לא, און ביים בית דין פון רב הונא איז דאך גלייך ווי שיירות מצויות, און רבה האט אויפגעקלערט אז יחזיר, זעהען מיר דאך דאס אויסער שיירות מצויות אז אויב עס איז אויך באוואוסט וועגען צוויי יוסף בן שמעון'ס — יא, גיט מען ניט צוריק, אויב ניט ניט. עביד רבה עובדא בההוא גיטא דאישתכח בי כיתנא דפומבדיתא כשמעתיה, איכא דאמרי היכא דמזבני כיתנא, והוא ? שלא הוחזקו אף על גב דשכיחין שיירתא, האט רבה געטאן הלכה למעשה לויט זיין הלכה ביי דעם גט וואס איז געפונען געווארען אין פלאץ וואו דער פלאקס איז אין פומבדיתא, צוריקגעבענדיג דעם גט צום גט'ער, ווייל עס איז ניט געווען ביידע זאכען אינאיינעם, שיירות מצויות און די חזקה פון צוויי יוסף בן שמעון'ס, טייל זאגען בי כיתנא מיינט אז דער גט איז געפונען געווארען וואו מען פארקויפט דעם פלאקס, וואו עס איז ניט באוואוסט וועגען צוויי יוסף בן שמעון'ס כאטש שיירות זיינען יא מצויות. ואיכא דאמרי היכא דתרו כיתנא ואף על גב דהוחזקו, דלא שכיחא שיירות, און טייל זאגען אז בי כיתנא מיינט דא וואו מען ווייקט דעם פלאקס כאטש דארט איז באוואוסט געווען וועגען צוויי יוסף בן שמעון'ס, האט ער מכשיר געווען דעם גט אפצוגעבען צום גט'ן, ווייל קיין שיירות זיינען דארט ניט שכיח געווען. ר' זירא רמי מתניתין אברייתא ומשני תנן המביא גט ואבד הימנו, מצאו לאלתר כשר, ואם לאו פסול, ורמינהו מצא גט אשה כשוק, בזמן שהבעל מודה יחזיר לאשה אין הבעל מודה לא יחזיר לא לזה ולא לזה... ר' זירא האט פאראיינאדער געפרעגט א משנה אויף א ברייתא און פארענטפערט, מיר האבען געלערנט אז איינער ברענגט א גט און ער איז פארלוירען געגאנגען פון אים, האט ער אים באלד געפונען איז ער כשר צום גט'ן, און אויב ניט איז ער פסול, און ער האט געפרעגט אויף דער ברייתא אז איינער האט געפונען א גט אין גאס, אין צייט ווען דער מאן איז מודה געבענדיג איהר דעם גט, זאל ער אים צוריקגעבען דער פרוי, איז דער מאן ניט מודה, זאל ער אים ניט צוריקגעבען ניט צו דעם און ניט צו דעם, קתני מיהת בזמן שהבעל מודה יחזיר לאשה ואפילו לזמן מרובה ? ומשני כאן במקום שהשיירות מצויות, וכאן במקום שאין השיירות מצויות. לערנט דאך די ברייתא ווייניגסטענס אז וועהרענד דער מאן איז מודה זאל ער צוריקגעבען דעם גט צו דער פרוי, ווען אפילו ער האט דעם גט געפונען א לאנגע צייט שפעטער, איז דאך א קשיא פון משנה אויף דער ברייתא ? און ער האט פארענטפערט אז דא וואו ער פסל'ט דעם גט לזמן מרובה שמועסט וואו שיירות זיינען מצויות ווייל עס קען דאך זיין צוויי יוסף בן שמעון'ס אין איין שטאט, און דא וואו ער איז מכשיר דעם גט אפילו לזמן מרובה שמועסט וואו עס איז ניט פאראן שיירות מצויות, איכא דאמרי והוא שהוחזקו דלא נהדר, והיינו דרבה, איכא דאמרי אף על גב דלא הוחזקו לא נהדר ופליגא דרבה, טייל זאגען אז נאר דאמאלט העלפט שיירות מצויות צו פסל'ען דעם גט, ווען עס איז באוואוסט אז עס זיינען פאראן צוויי יוסף בן שמעון'ס, דאמאלט ווערט דער גט ניט צוריקגעגעבען. און דאס איז טאקע וואס רבה זאגט אויבען, און טייל זאגען כאטש עס איז ניט באוואוסט וועגען צוויי יוסף

בן שמעון'ס, ווערט דער גט אויך ניט צוריקגעגעבען, און ר' זירא קריגט אויף רבה. בשלמא רבה לא אמר כר' זירא מתניתין אלימא ליה לאקשויי, אלא ר' זירא מאי טעמא לא אמר כרבה? אנדערש אז רבה פרעגט ניט ווי ר' זירא פון א משנה אויף א ברייתא, נאָר ער פרעגט פון דער משנה אויף אַן אנדער משנה, איז ווייל עס איז אים וויכטיגער צו אויסגלייכען די משניות, וויילביידע זיינען וויכטיג, אָבער אויף דער ברייתא קען ער זאָגען זי איז וואר־שיינליך ניט קיין עיקר און רבי האָט איהר ניט געלערנט, אָבער ר' זירא ווארום פרעגט ער אָפּ די משנה אויף ברייתא? אמר לך מי קא תני הא אמר תנו, נותנין ואפילו לזמן מרובה, דילמא הא אמר תנו נותנין ולעולם כדקיימא לן לאלתר, ער קען דיר אַזוי ענטפערען, דאָס וואָס רבה דרינגט אויבען פון אונזער משנה הא אמר תנו, אַז אָבער ער זאָגט תנו ווען אפילו לזמן מרובה, לערנט דען די משנה, מיינענדיג, קען מען דען מעהר דרינגען ווי הא אמר תנו נותנין, אָבער די ווערטער "אפילו לזמן מרובה" קען מען דאָך שוין ניט דרינגען, דען פילייכט מיינט די משנה בלויז הא אמר תנו נותנין און אימער לויט ווי מיר פיהרען אויס אויף לאלתר, ניט לזמן מרובה? פרעגט די גמרא למאן דאמר לר' זירא במקום שהשיירות מצויות ואף על גב שלא הוחזקו שני יוסף בן שמעון ופליגא דרבה, במאי קא מיפלגי? לויט'ן מאן דאמר וואָס זעצט איין אז נאָך ר' זירא איז גענוג ביי שיירות מצויות כאָטש עס איז ניט באוואוסט וועגען צוויי יוסף בן שמעון'ס איז שוין דער גט פסול און ער קריגט דערמיט אויף רבה, אין וואָס א סברה קריגען זיי? רבה סבר דקתני כל מעשה בית דין הרי זה יחזיר דאשתכח בבית דין עסקינן, ובית דין במקום שהשיירות מצויות והוא שהוחזקו לא יחזיר, לא הוחזקו יחזיר, רבה האלט דאָס וואָס די משנה לערנט אז כל מעשה בית דין יחזיר, שמועסט וואו דער גט איז געפונען געוואָרען אין בית דין פלאַץ, און דער פלאַץ איז דאָך ווי שיירות מצויות, פונדעסטוועגען זאָגט זי דאָך אַז ער גיט דעם גט צוריק, איז דאָך ניט גענוג שיירות מצויות נאָר סיידען ווען אויך עס איז באוואוסט וועגען צוויי יוסף בן שמעון'ס, דאמאָלט גיט ער דעם גט ניט צוריק, אָבער לא הותזקו גיט ער צוריק. ור' זירא אמר לך מי קתני כל מעשה בית דין שנמצאו בבית דין, כל מעשה בית דין יחזיר קתני ולעולם דאשתכח אבראי, און ר' זירא ענטפערט דיר אַזוי, לערנט דען די משנה אַז די כל מעשה בית דין זיינען געפונען געוואָרען אין בית דין פלאץ וואָס איז ווי שיירות מצויות, זי לערנט דאָך סתם כל מעשה בית דין יחזיר, און אימער קען עס מיינען וואו דער גט איז געפונען געוואָרען אין גאַס. ר' ירמיה אמר כגון דקא אמרי עדים, מעולם לא חתמנו אלא על גט אחד של יוסף בן שמעון, אי הכי מאי למימרא? מהו דתימא ליחוש דלמא אתרמי שמא כשמא ועדים כעדים? קא משמע לן. ר' ירמיה זאָגט דאָס וואָס די משנה זאָגט כל מעשה בית דין יחזיר, כאָטש בית דין איז ווי שיירות מצויות? שמועסט עס וואו די עדות זאָגען, מיר האָבען נאָך ניט גע'חתם'עט נאָר אויף איין גט פון א יוסף בן שמעון ,און געוועגליך האָבען דער בית דין שטאבילע עדות דערפאַר, איז דאָך שוין ניט וואָס איבערצוקלערען וועגען צוויי יוסף בן שמעון'ס,

איז דעריבער יחזיר. פרעגט די גמרא אויב אַזוי וואָס קומט עס צו לאָזען הערען? ענטפערט די גמרא איך וואָלט מיינען צו זאָגען מען זאָל באַזאָרגען פיליכט האָט זיך צוזאמענגעטראָפען גלייכע נעמען סיי ביים פאָר פאָלק וועלכע גט'ן זיך, סיי ביי די עדות, אנדערע עדות מיט די זעלבע נעמען, לאָזט אונז די משנה הערען אַז אויף דעם באַזאָרגען מיר ניט. רב אשי אמר כגון דקא אמר נקב יש בו בצד אות פלונית, ודוקא בצד אות פלונית, אבל נקב בעלמא לא, רב אשי זאָגט וואָס מען גיט צוריק איז צוליב (אויך) א סימן דערביי, ווי א שטייגער אַז ער זאָגט אַז עס איז פאַראַן א נקב נעבען א געוויסען אות, און דוקא אַז ער זאָגט נעבען דעם געוויסען אות, אָבער אַז ער זאָגט סתם א נקב אינ'ם גט, איז ער ניט קיין סימן. רב אשי מספקא ליה סימנים אי דאורייתא אי דרבנן, רבה בר בר חנה (דף י"ט, ע"א) אירכס ליה גיטא בי מדרשא, אמר אי סימנא, אית לי בגויה אי טביעות עינא, אית לי בגויה, אהדרוה ניהליה, אמר לא ידענא אי משום סימנא אהדרוה ניהלי וקא סברי סימנין דאורייתא, אי משום טביעות עינא אהדרוה ניהלי ודוקא צורבא מדרבנן אבל איניש דעלמא לא. רב אשי'ן איז א ספק געווען אויף סימנים צי עס איז דאורייתא אָפּצוגעבען מיט זיי א מציאה, צי דרבנן, דען צו רבה בר בר חנה איז פאַרלוירען געוואָרען א גט אין בית המדרש, האָט ער געזאָגט, ווילט איר א סימן, האָב איך, ווילט איר זעהן צו איך דערקען דעם אויסזעהן, האָב איך דערביי, האָט מען אים דעם גט צוריקגעגעבען, האָט ער געזאָגט איך ווייס ניט, צי צוליב די סימנים האָט מען מיר אים צוריקגע־געבען, און זיי האַלטען אַז סימנים. איז דאורייתא, צי צוליב טביעות עין האָט מען מיר אים צוריקגעגעבען, און מיט טביעות עין גיט מען נאָר צוריק צו א תלמיד חכם אָבער אַן איינפאַכען מענשען גלויבט מען ניט אויף טביעות עין. גופא מצא גט אשה בשוק בזמן שהבעל מודה יחזיר לאשה, אין הבעל מודה לא יחזיר לא לזה ולא לזה, בזמן שהבעל מודה מיהא יחזיר לאשה, וליחוש שמא כתב ליתן בניסן ולא נתן עד תשרי ואזל בעל זבין פירי מניסן ועד תשרי, ומפקא לגיטא דכתב בניסן ואתיא למטרף לקוחות שלא כדין. אויבען אין דער געבראַכטער משנה זאָגט ער דאָך אַז ווערענד דער מאַן איז מודה, גיט ער צוריק דעם גט צו דער פרוי, לאָמיר באַזאָרגען אַז טאָמער האָט ער דעם גט געשריבען אין ניסן, און ניט געגעבען אים ביז ערשט תשרי, און אויף דעם קאָנטאָ וועט דער מאַן געהן און פאַרקויפען די פירות פון איהר פעלד איבער דער צייט פון ניסן ביז תשרי, און דאַגעגען וועט זי אַרויסציהען דעם גט וואָס ער האָט געשריבען אין ניסן און קומען מיט אים אָוועקנעמען פאַר די פירות, פון איהר מאַנ'ס פאַרקויפטע פעלדער, וואָס איז געגען דין. דען דער מאַן האָט דאָך מיט רעכט דאמאָלסט פאַרקויפט זיינע פעלדער. הניחא למאן דאמר כיון שנתן עיניו לגרשה, שוב אין לבעל פירות, שפיר, אלא למאן דאמר יש לבעל פירות עד שעת נתינה מאי איכא למימר? נאָך דעם מאַן דאמר וואָס זאָגט וויבאַלד נאָר דער מאַן האָט געלעגט זיין אויג צו גט'ן איהר, געהער שוין מעהר ניט צו אים קיין פירות פון איהרע ירושה פעלדער, איז רעכט מיט דעם גט צו אַוועקנעמען זיינע

נכסים פאַר די פירות, אָבער נאָכ'ן מאן דאמר וואָס זאָגט, אַז די פירות געהערען נאָך צום מאן ביז'ן געבען דעם גט, האָט ער דאָך מיט רעכט געקענט פאַרקויפען די פירות, וואָס קענסטו אויף דעם ענטפערען? ענטפערט די גמרא **כי אתיא למטרף אמרינן לה אייתי ראייה אימת מטא גיטא לידך**, אַז זי קומט אָוועקנעמען פאַר די פירות, זאָגט מען צו איר ברענג א באוויז ווען דער גט איז געקומען אין דיין האנד. פרעגט די גמרא **ומאי שנא משטרי חוב דתנן מצא שטרי חוב אם יש בהן אחריות נכסים לא יחזיר, ואוקימנא כשחייב מודה, ומשום שמא כתב ללוות בניסן ולא לוה עד תשרי וקא טריף לקוחות שלא כדין, התם נמי ליהדר, וכי אתי למטרף נימא ליה אייתי ראייה אימת מטא שטר חוב לידך?** און ווארום זאָל דאָ אנדערש זיין פון די שטרי חוב וואו מיר האָבען געלערנט אַז איינער האָט געפונען שטרי חוב מיט אחריות זאָל ער ניט צוריקגעבען, און מיר האָבען איינגעזעצט אַז עס שמועסט וואו דער שולדער איז מודה אויפ'ן שטר, נאָר דער מלוה קריגט אים ניט צוריק צוליב טאָמער איז דער שטר געשריבען געוואָרען אויף צו לייהען אין ניסן, און ניט געליגען ביז ערשט תשרי, און ער קען נאָך מיט אים אָוועקנעמען די לקוחות געגען דין, איז דאָך צו פרעגען זאָל דער שטר אויך צוריקגעגעבען ווערען, און ווען ער וועט קומען מיט אים אָוועקנעמען זאָלען מיר צו אים זאָגען ברייגגט באווייזע ווען דער שטר איז געקומען צו דיין האנד? זאָגט די גמרא **אמרי הכא גבי גט אשה אתי לוקח ותבעה, אמר האי דהדרוה ניהלה רבנן לגיטא, משום דלא תעגין ותיתיב, השתא דקא אתיא למטרף תיזל ותיתי ראייה אימת מטא גיטא לידה.** איך קען דיר זאָגען אַן ענטפער, דאָ ביים גט וועט קומען דער לוקח וואָס האָט געקויפט ביי איהר מאַן די פעלד, און מאָהנען, ער וועט זאָגען דאָס וואָס די רבנן האָבען איהר צוריקגעגעבען דעם גט, איז צוליב זי זאָל ניט פאַרזיצען, צייגענדיג דעם גט קען זי הייראַטען, יעצט אַז זי איז געקומען מיט'ן גט צו אָוועקנעמען פון מיר די פעלד פאַר די פירות וואָס איהר מאן האָט פאַרקויפט, זאָל זי געהן און ברייגגען באווייזע ווען דער גט האָט געגרייכט צו איהר האנד, **הכא גבי שטר חוב לא אתי לוקח ותבע, אמר מדאהדרוה ניהליה רבנן לשטר חוב פשיטא, למאי הלכתא אהדרוה ניהליה, למטרף הוא,** אָבער דאָ ביים שטר חוב וועט דער לוקח ניט קומען מאָהנען, ער וועט זיך טראַכטען, ווען איך זעה אַז די רבנן האָבען צוריק־געגעבען דעם שטר חוב איז געוויס פאַר דעם, דען צו וואָס אַ צוועק האָט מען אים צוריקגעגעבען, צו אָוועקנעמען פאַר'ן חוב. **שמע מינה קמו רבנן במילתא ומקמי דידי מטא שטרא לידיה.** איז דאָך געדרונגען אַז די רבנן זיינען גע־שטאַנען אין דער זאַך דאָס זיכער נאָך פאַר מיר איז דער שטר געקומען אין מלוה'ס הענד און איך האָב ניט געהאט קיין רעכט צו קויפען די פעלד: **שחרורי עבדים וכו': ..תנו רבנן מצא שטר שחרור בשוק בזמן שהרב מודה יחזיר לעבד אין הרב מודה לא יחזיר לא לזה ולא לזה, בזמן שהרב מודה מיהא יחזיר לעבד, ואמאי, ניחוש שמא כתב ליתן לו בניסן ולא נתן לו עד תשרי, ואזיל עבדא וקנה נכסין מניסן ועד תשרי, ואזיל הרב וזבנינהו ומפיק ליה לשחרור דכתב בניסן וקא טריף לקוחות שלא כדין?** די רבנן

האָבען געלערענט אַז איינער האָט געפונען א שטר שחרור אין מארק, ווען דער באלעבאָס איז מודה, זאָל ער צוריקגעבען דעם שטר צום עבד, איז דער באלעבאָס ניט מודה, זאָל ער אים ניט צוריקגעבען, ניט צו דעם און ניט צו דעם, ווייניג־סטענס זאָגט ער דאָך, אַז ווערענד דער באלעבאָס איז מודה, גיט ער אים צוריק צום עבד, איז דאָך צו פרעגען ווארום? לאָמיר באַזאָרגען אַז טאָמער האָט דער באלעבאָס געשריבען דעם שטר צו געבען צום עבד אין ניסן, און געגעבען האָט ער אים ערשט אין תשרי, און דערווייל איז געגאנגען דער עבד און געקויפט פעלדער אין דער צייט פון ניסן ביז תשרי, און דער באלעבאָס איז געגאנגען און פאַרקויפט די פעלדער, און נאכהער האָט ער אַרויסגעוויזען דעם שטר שחרור דאָס ער האָט אים געשריבען אין ניסן, האָט ער דאָך מעהר קיין רעכט ניט געהאט צו פאַרקויפען די פעלדער וועלכע דער עבד האָט איינגע־קויפט, וועט דאָך דער עבד אַוועקנעמען זיי פונ'ם לוקח געגען דין, דען אין אמת'ן איז ער נאָך דאמאָלט געווען אַלס עבד וויל געקראָגען האָט ער ערשט דעם שטר אין תשרי? **הניחא למאן דאמר זכות הוא לעבד שיוצא מתחת רבו לחירות, וכאביי דאמר עדיו בחתומיו זכין ליה, שפיר, אלא למאן דאמר חוב הוא לעבד שיוצא מתחת יד רבו לחירות מאי איכא למימר?** עס וואלט ניחא זיין לויט'ן מאן דאמר וואס זאָגט אַז עס איז אַ גוטע זאך פאַר'ן עבד צו אַרויסגעהן פריי פון אונטערן באלעבאָס, און עס זאָל אויסקומען ווי אביי וואָס זאָגט אַז די עדות מיט זייער חתמ'ענען אויפ'ן שטר האָבען געמאכט זוכה זיין אַהן יענעמס באוואוסטזיין, וואלט זיין רעכט אַז דער עבד זאָל אוועק־נעמען די לקוחות פון ניסן און ווייטער, ווייל ער איז דאמאָלט שוין געווען פריי, און דער באלעבאָס האָט קיין רעכט ניט געהאט דעם עבד'ס געקויפטע פעלדער צו פאַרקויפען צו אנדערע, אָבער לויט'ן מאן דאמר אַז עס איז ניט קיין גוטע זאך צום עבד צו אַרויסגעהן פריי, ווייל ער פאַרלירט דאָך דאָס רעכט צו מעגען נעמען א שפחה, און אויב ער איז אַן עבד כנעני פאַרלירט ער דאָס רעכט צו עסען תרומה אויב דער באלעבאָס איז א כהן, איז ער דאָך ניט געוואָרען פריי, וועט ער דאָך אַוועקנעמען די לקוחות געגען דין, היינט וואָס איז פאַראן יעצט צו ענטפערען? ענטפערט די גמרא **דכי אתא למטרף אמרינן ליה אייתי ראייה אימת מטא שחרור לידך,** ווען דער געוועזענער עבד קומט אוועקנעמען די לקוחות פונ'ם לוקח זאָגען דער בית דין צו אים, ברענגט באווייזע ווען דער שטר שחרור איז געקומען צו דיין האנד.: **דייתיקי מתנה וכו' תנו רבנן איזו היא דייתיקי? דא תהא למיקם ולהיות שאם מת נכסיו לפלוני, מתנה כל שכתוב בו מהיום ולאחר מיתה,** די רבנן האָבען געלערנט וועלכער שטר הייסט דאָס דייתיקי? די ראשי תיבות זיינען דאָ תהא למיקם, דער שטר זאָל זיין מקוים דאָס אויב דער באלעבאָס פון אים איז געשטאָרבען, זאָלען זיינע נכסים באלאנגען צו דעם און דעם, דאָס איז א מתנה פון א שכיב מרע, און א מתנה פון א געזונטען איז אַז עס איז איינגעשריבען אינ'ם שטר, פון היינט ביז לאחר מיתה זאָל די קרקע זיין געהעריג צו דעם און דעם, און ער האָט מעהר קיין רשות ניט צו פאַרקויפען אָדער צו אַוועקשענקען אָדער צו מאכען ערבין צו ווען עס איז אַנדערען, אָבער די פירות עסט יענער ניט ביז ערשט לאחר

מיתה. פרעגט די גמרא אלמא אי כתיבא מהיום ולאחר מיתה הוא דקני, ואי לא, לא קני? אמר אביי הכי קאמר איזו היא מתנת בריא שהיא כמתנת שכיב מרע דלא קני אלא לאחר מיתה כל שכתוב בה מהיום ולאחר מיתה. זעהען מיר דאך אז אויב נאר עס שטעהט אין שטר, פון היינט ביז לאחר מיתה, דאמאלט האט ער קונה געווען, און אויב נים, האט ער ניט קונה געווען. ווארום ביי בריא זאל מוזען שטעהן געשריבען מהיום ולאחר מיתה? האט אביי געזאגט אזוי מיינט די ברייתא צו זאגען וועלכע איז דאס א מתנת בריא, וואס איז גלייך ווי א מתנת שכיב מרע וואו ער איז ניט קונה נאר ערשט לאחר מיתה? וואו עס שטעהט געשריבען מהיום ולאחר מיתה, דאמאלט ערשט האט דער שטר דעם כח, ווי א דייתיקי. פרעגט די גמרא טעמא דלא אמר תנו, הא אמר תנו נותנין, ורמינהו מצא דייתקאות אפותיקאות ומתנות אף על פי ששניהם מודים לא יחזיר לא לזה ולא לזה? די משנה ענדיגט דעם טעם, ווארום ער גיט ניט צוריק, צוליב ער האט זיך נמלך געווען, ניט צו געבען, איז דאך דער טעם ווייל ער האט ניט געזאגט תנו, אבער ווען ער וואלט געזאגט תנו, וואלט מען יא צוריקגעבען, ווער איך דיך אויף דעם א קשיא פרעגען, מיר האבען געלערנט אז איינער האט געפונען דייתקאות אפותיקאות אדער מתנות, כאטשביידע זיינען מודה, גיט ער ניט צוריק ניט צו דעם און ניט צו דעם, זעהסט דאך גוט אז אפילו ביי תנו וואו ביידע זיינען מודה גיט ער אויך ניט צוריק? אמר ר' אבא מר ממל לא קשיא (דף י"ט, ע"ב)הא בבריא והא בשכיב מרע, האט ר' אבא בר ממל געזאגט עס איז ניט קיין קשיא, אויף איין ארט שמועסט ביי א געזונטען און אויף איין ארט שמועסט ביי א קראנקען אבער געפונען האט מען ביידערליי שטרות, און די גמרא איז מפרש, מתניתין דקתני הא אמר תנו נותנין בשכיב מרע דבר מהדר הוא, דאמרינן מאי איכא למימר, דילמא כתבה מעיקרא להאי, ואמליך ולא יהבה ניהליה, והדר כתבה לאיניש אחרינא ויהבה ניהליה, השתא קא הדר ביה מההוא דיהבה, אי במתנת בריא יהבה ליה לית ליה פסידא, דכי נפקא תרתי בתרייתא זכי, דהא הדר ביה מקמייתא, אי במתנת שכיב מרע נמי יהבה ניהליה לית בה פסידא דבתרייתא זכי, דקא הדר ביה מקמייתא, די משנה וואס לערנט אין אזא לשון וואו מען דרינגט אז אבער ער האט געזאגט תנו, גיט מען יא צוריק, שמועסט וואו דער געבער איז א שכיב מרע פארשטעהט זיך אז דער ערשטער שטר איז געווען א מתנת שכיב מרע וואו ער קען צוריקציהען, דען זאגען וואס קענען מיר דא זאגען אויף צו באזארגען? זאלען מיר באזארגען דאס טאמער האט ער געשריבען איין שטר פריהער צו דעם און ער האט זיך איבערגעדענקט און ניט געגעבען ,און נאכהער האט ער ווידער געשריבען א שטר פאר אן אנדערען און יא געגעבען, נאר יעצט ציהט ער צוריק פון דעם וועמען ער האט געגעבען, האט ער דעם צווייטען שטר אלס מתנת בריא געגעבען, איז ניטא קיין שום פארלוסט, דען אויב צוויי שטרות ער האט ארויסגעצויגען און דער לעצטער האט געקראגען די מתנת בריא, האט דער לעצטער זוכה געווען, דען ער האט

דאָך צוריקגעצויגען פון ערשטען, האָט ער אויך געגעבען דעם ערשטען שטר אלס מתנת שכיב מרע, איז אויך ניט פאַראַן דערביי קיין פארלוסט ווייל אלענפאלס איז דער לעצטער זוכה, צוליב דער געבער אַלס שכיב מרע האָט צוריקגעצויגען פון ערשטען. **כי קתני ברייתא אף על פי ששניהן מודין לא יחזיר לא לזה ולא לזה בבריא, דלאו בר מיהדר הוא, דאמרינן דלמא כתבה להאי מעיקרא ואמליך ולא יהבה ליה, והדר כתבה לאיניש אחרינא ויהבה ליה, השתא קא הדר ביה מההוא דיהבה ליה, וסבר מהדר לא מצינא הדרנא בי, אימר להו דאנא להאי יהבתא ונהדרו ניהליה כתבא.** ווייסטו ווי דאָס וואָס איז געלערנט אין דער ברייתא לא יחזיר שמועסט? ביי א בריא איז דאָך זיין ערשטער שרייבען א מתנת בריא וואו ער קען ניט צוריקציהען, און דאָ קענען מיר זאָגען אויף צו באַזאָרגען אז טאָמער האָט ער געשריבען צו דעם פריהער און נאכהער זיך באַדענקט און ניט געגעבען צו אים, און נאכהער ווידער געשריבען צו אַן אנדער מענש און יאָ געגעבען און יעצט ציהט ער צוריק פון דעם. ווענען ער האָט געגעבען, און ער טראַכט זיך אַזוי, געזעצליך קען איך דאָך ניט צוריקציהען, וועל איך אַזוי טאָן, איך וועל זיי זאָגען אַז צו דעם ערשטען האָב איך געגעבען, וועלען זיי שוין אים צוריקגעבען דעם שריפט. **כי היכי דכי מפיק האי כתבא דקדים זכה ביה הוא, אלא אמרינן ליה אנן האי כתבא לא יהבינן ליה להאי, דילמא מכתב כתבת מיהב לא יהבת ניהליה, ויהבת לאיניש אחרינא וקא הדרת ביה,** דאָס האָט ער אַזוי געטאָן כדי עס זאָל אַרויסציהען דעם שריפט פון ערשטען אַלס דער וואָס האָט זוכה געווען, אָבער מיר בית דין זאָגען צו אים, מיר דעם שריפט וועלען ניט געבען צו דעם ערשטען וואָס דו זוכסט צו געבען, ווייל מיר באַזאָרגען דאָס טאָמער האָסטו טאַקע געשריבען, אָבער געבען צו אים האָסטו ניט געגעבען, און דו האָסט גאָר געגעבען צו אַן אנדערען מענשען, ניט מעהר דו ווילסט צוריקציהען. **אי לא יהבתה לאיניש אחרינא וקא בעית דתתבה להאי, כתיב ליה השתא כתבא אחרינא ויהביה ניהליה, דאי יהבת לאיניש אחרינא לית בה פסידא דקדים זכי,** און אויב עס איז ריכטיג אַז דו האָסט ניט געגעבען צו אַן אנדערען און דו ווילסט אַז די שריפט זאָל צוריקגעגעבען ווערען צום ערשטען, אַזוי שרייב אים יעצט אַן אנדער שריפט און גיב אים, ווייל נאָכדעם אַז דו וועסט געבען צו אַן אנדערען, וועט שוין ניט זיין קיין פארלוסט, דען דער ערשטער איז דאָך זוכה. **מתקיף לה רב זביד והא אידי ואידי דייתקאות קא תני?** האָט רב זביד א קשיא געפרעגט, סיי אין דער משנה סיי אין דער ברייתא לערנט ער דאָך דייתקאות וואָס מיינט מתנות פון א שכיב מרע, וואו דער געבער איז א שכיב מרע, היינט ווי קענסטו לערנען אַז די ברייתא שמועסט בלויז ביי א בריא? **אלא אמר רב זביד הא והא בשכיב מרע, ולא קשיא הא ביה והא בבריה,** נאָר האָט רב זביד געזאָגט אַז ביידע דייתקאות צי אין דער משנה צי אין דער ברייתא, ביידע מיינען בלויז ביי א שכיב מרע, אַי וואָרום אין דער משנה ביי תנו גיט מען צוריק, און אין דער ברייתא גיט מען קיינמאָהל ניט צוריק? נאָר עס איז ניט קיין קשיא דאָ אין דער משנה וואו ביי תנו גיט מען צוריק שמועסט ביי אים אַליין, און אין דער

ברייתא שמועסט ביי זיין זוהן וואו דער פאָטער איז געשטאָרבען. **מתניתין דקא אמר תנו נותנין, בדידיה דבר מהדר הוא, דאמרינן אי נמי יהבה לאיניש אחרינא לית בה פסידא דקמא ובתרא בתרא זכי דהא הדר ביה מקמא**, די משנה וואָס זאָגט אז ביי תנו גיט מען צוריק, שמועסט ביי אים אַליין וועלכער קען צוריקציהען, וואו מיר קענען זאָגען, ווען אַפילו ער האָט די שריפט פאַר א מתנה געגעבען צו אַן אנדערען מענשען, איז אויך דערביי ניט קיין שאָדען, ווייל צווישען אַן ערשטען און אַ לעצטען איז דער לעצטער זוכה, דען ער האָט דאָך צוריקגעצויגען פון ערשטען. **כי קא תני בברייתא אף על פי ששניהם מודים לא יחזיר לא לזה ולא לזה, בבריה, דאמרינן דלמא כתב אבוה להאי ואמלך, ולא יהביה ניהליה, ובתר אבוה כתב איהו לאיניש אחרינא ויהבה ליה, והשתא קא הדר ביה מההוא, סבר מהדר לא מצינא הדרנא בי, אימר להו דאבא יהבה ליה להאי ונתבו ליה כתביה, וניזול ונפיק מיניה דהוא זכי ונפלוג בהדיה**, און דאָס וואָס ער לערענט אין דער ברייתא אז אפילו וואו ביידע זיינען מודה זאָל ער ניט צריקגעבען ניט צו דעם און ניט צו דעם, שמועסט ביי זיין זוהן, ווייל מיר זאָגען צו באזאָרגען דאָס טאָמער האָט דער פאָטער געשריבען די שריפט פאַר דעם, און זיך איבערגעדענקט און ניט געגעבען, און נאָכ'ן פאָטער האָט דער זוהן געשריבען פאַר אַן אנדערען מענשען און יאָ געגעבען, נאָר יעצט וויל ער צוריקציהען פון דעם, ער דענקט אַזוי, צוריקציהען קען איך דאָך ניט, וועל איך זאָגען צום בית דין אַז מיין פאָטער האָט די שריפט געגעבען צו דעם, און דער בית דין וועט צוריקגעבען די שריפט צו דעם, נאכהער וועלען מיר געהען און אַרויסציהען פון אים עפּעס ווייל ער האָט זוכה געווען, און מיר וועלען זיך טיילען מיט אים אין דער שפּעקולאציע, **הלכך אמרינן ליה אנן האי כתבא לא יהבינן ליה להאי, דדלמא מכתב כתביה אבוה מיהב לא יהבה ליה, ויהבתיה את לאיניש אחרינא וקא הדרת ביה, אלא אי קושטא קא אמרת דיהב ליה אבוך, זיל את השתא כתיב ליה שטרא אחרינא.** דעריבער זאָגען מיר צו אים, מיר דעם שריפט וועלען ניט געבען צו דעם וואָס דו שפּעקולירסט, ווייל טאָמער האָט דיין פאָטער טאקע געשריבען פאַר אים, אָבער געבען האָט ער ניט געגעבען צו אים, און דו ביזט געגאנגען און געגעבען צו אַן אנדערען מענשען און דו ווילסט יעצט צוריקציהען זיך, נאָר אויב דו זאָגסט אמת אַז דיין פאָטער האָט יאָ געגעבען צו אים, אַזוי געה דו יעצט און שרייב פאַר אים אַן אנדער שטר, **דאי נמי לא יהבה ליה אבוה וכתבתיה את לאיניש אחרינא, לית בה פסידא דקמא ובתרא קמא זכי**, דען אויב אויך דער פאָטער האָט אים ניט געגעבען, און דו ביזט געגאנגען און געשריבען פאַר אַן אנדערען מענשען, איז אויך דערביי קיין שאָדען ניט פאַראַן, ווייל צווישען אַן ערשטען און א לעצטען איז דער ערשטער זוכה: **תנו רבנן מצא שובר בזמן שהאשה מודה יחזיר לבעל, אין האשה מודה לא יחזיר לא לזה ולא לזה, בזמן שהאשה מודה מיהת יחזיר לבעל, וליחוש שמא כתבה ליתן בניסן ולא נתנה עד תשרי ואזלה זבנתה לכתובה בטובת הנאה מניסן עד תשרי ומפיק ליה לשובר דכתיב בניסן ואתא למטרף לקוחות שלא כדין?** די רבנן האָבען געלערענט

אַז איינער האָט געפונען א שובר אזא קבלה פון פרוי צום מאן אַז זי האָט שוין געקראָגען באַצאָהלט פאַר דער כתובה, איז דער דין, אין צייט ווען די פרוי איז מודה אויף דער קבלה, זאָל ער צוריקגעבען די קבלה צום מאן, איז זי ניט מודה, זאָל ער ניט צוריקגעבען ניט צו דעם און ניט צו דעם. אָבער על כל פנים ווערהענד די פרוי איז מודה, גיט ער אים יאָ צוריק צום מאן, לאָמיר באַזאָרגען אז טאָמער האָט זי געשריבען דעם שובר צו געבען אים אין ניסן, און ניט געגעבען ביז ערשט תשרי, און זי איז געגאַנגען און פאַרקויפט די כתובה פאַר ביליג אין דער צייט פון ניסן ביז תשרי (אַזוי ווי די כתובה איז ניט קיין זיכערע צוליב טאָמער שטארבט זי און ער ירש'ענט איהר האָט זי איהר פאַרקויפט פאַר ביליג געלד) נאכהער קען דאָך דער מאן אַרויסציהען דעם שובר וועלכער איז אויסגעשטעלט אויף ניסן און אָוועקנעמען מיט אים די לקוחות, מיינענדיג צונעמען — די באַשטימטע פעלד אויף דער כתובה — פאַר זיך, געגען דיןֹ, ווען דאָך שוין דער לוקח וואָס האָט געקויפט דעם זכות ביי איהר ניט קענען קאָלעקטען? **אמר רבא** (**דף כ' ע"א**) **שמע מינה איתא לדשמואל, דאמר שמואל המוכר שטר חוב לחבירו וחזר ומחלו מחול, ואפילו יורש מוחל.** האָט רבא געזאָגט איז פון דעם געדרונגען אַז עס איז ווי שמואל האָט געזאָגט אַז איינער פאַרקויפט א שטר חוב צו איינעם, און נאכהער איז ער מוחל דעם חוב איז די מחילה גוט, און אַפילו דער יורש קען אויך מוחל זיין, אַזוי אויך דאָ ווען מיר זעהען אַז די משנה באַזאָרגט ניט דעם חשש, איז רעכט אַז די פרוי קען נאכהער מוחל זיין די כתובה צום מאן, און ער זאָל פאַרהאַלטען די באַשטימטע פעלד דערויף. **אביי אמר אפילו תימא ליתיה לדשמואל, הכא במאי עסקינן בששטר כתובה יוצא מתחת ידה,** אביי זאָגט מען קען אפילו זאָגען אַז דער דין בלייבט ניט ווי שמואל, אַי וואָרום באַזאָרגט ניט די משנה? נאַר ווייסטו ווי דאָ שמועסט? וואו דער שטר כתובה ביים פאַרקויפען געהט אַרויס פון איהר האַנט, איז דאָך שוין ניטאָ דער קלער, **ורבא אמר אי משום שטר כתובה, חיישינן לשתי כתובות?** און רבא זאָגט אויב צוליב דער שטר געהט אַרויס פון איהר האַנד, איז נאָך אַלץ ניט קיין באַוואָרעניש ווייל מיר באַזאָרגען דאָס טאָמער האָט זי געהאַט צוויי כתובות איינע האָט זי טאַקע איבערגעגעבען צום לוקח, און צום מאן האָט זי געגעבען א שובר מיט א דאטום פון פריהער אויף צו פאַרהאַלטען די פעלד. **ואביי אמר חדא לשתי כתובות לא חיישינן ועוד שובר בזמנו טריף,** און אביי זאָגט איינס פאַר צוויי כתובות באַזאָרגען מיר ניט ווייל אַזוי ווייט איז זי ניט חשוד, און נאָך איינס דער שובר פון ווען אַן ער איז אויסגעשטעלט, פון דאַן אַן קען מען מיט אים אָוועקנעמען, ווען שוין קיינער ניט קויפען אזא כתובה. **אביי לטעמיה דאמר עדיו בחתומיו זכין לו,** אביי געהט נאָך זיין סברה נאָך, וואו ער זאָגט אַז די עדות מיט זייער חתימה מאכען זוכה זיין פון דאמאָלט צו קענען גובה זיין, קען זי שוין אין דער צווישען צייט פון ניסן ביז תשרי ניט פאַרקויפען, ווייל סיזוי וועט ער קענען גובה זיין פון ניסן: **מתני' מצא אגרות שום ואיגרות מזון שטרי חליצה ומיאונין ושטרי בירורין וכל מעשה בית דין הרי זה יחזיר,** אַז איינער האָט געפונען בית דין שריפטען מיט שאַצונג פון

לוה'ס פאַרמעג פאַר א חוב צום מלוה, אָדער א צושריפט וואו דער מאַן נעמט זיך אונטער צו שפייזן זיין פרוי'ס טאָכטער, אָדער א שטר אז זי האָט געקראָגען חליצה פון איהר מאַנ'ס ברודער, אָדער א שטר מיאון פאַר א קטנה א יתומה — וועלכע איהר מוטער מיט די ברידער האָבען איהר פאַרהייראַט צו א מאַן — דאָס זי האָט רעכט צו זאָגען פאַר דריי מענשען אַז זי וויל אים ניט און זי דאַרף ניט קיין גט ,נאָר דער בית דין גיט איהר אזא שטר מיאון צו מעגען הייראַטען, אָדער שטרי בירורין, די גמרא וועט עס טייטשען, און אַזוי יעדע מעשה בית דין באשטעטיגט פון איהר, אַז מען געפינט גיט מען עס צוריק צו דעם וואָס באַ־לאַנגט, ווייל עס איז ניט צו באַזאָרגען אויף שמא נמלך דען דער בית דין שרייבט ניט נאָר א באשטעטיגטע זאַך וועגען פרעון איז אויך ניט קיין קלער ווי אויבען שוין באשייד וועגען די אלע חששות, **מצא בחפיסה או בדלוסקמא תכריך של שטרות און אגודה של שטרות הרי זה יחזיר**, אַז ער האָט געפונען שטרות אין א כלי וואָס הייסט חפיסה אָדער דלוסקמא, אָדער א בינטעל שטרות צוזאמענגעלעגט איינס אין אַנדערען אַריין אָדער צוזאמענגעבונדען, זאָל ער צוריקגעבען יענעם אויב ער זאָגט דעם סימן. **וכמה אגודה של שטרות? שלשה קשורין זה בזה**, און וויפיל הייסט אגודה? דריי שטרות צוזאמענגע־קניפּט דעם מיט דעם. **ר' שמעון בן גמליאל אומר אחד הלוה משלשה יחזיר ללוה, שלשה הלוין מן האחד יחזיר למלוה**, ר' שמעון בן גמליאל זאָגט אַז איינער האָט זיך געליהען געלד ביי דריי, און אַלע זיינען געפונען געוואָרען, זאָל ער אָפּגעבען אַלע דריי צום לוה ווייל עס איז ניט קיין סברה אַז אלע דריי האָבען געזאָלט פאַרלירען אין איין פלאַץ, נאָר גיכער איז אַז דער לוה האָט זיי פאַרלוירען אין איין פלאַץ, צוליב זיי זיינען שוין באצאָהלטע איז דער לוה ניט געווען אַזוי פאַרזיכטיג ניט צו פאַרלירען, און פאַרקערט איז, ווען דריי מענשען לייהען זיך ביי איין מלוה דאָס מען גיט צוריק אלע דריי צום מלוה. **מצא שטר בין שטרותיו ואינו יודע מה טיבו, יהא מונח עד שיבא אליהו, אם יש עמהן סמפונות יעשה מה שבסמפונות**, אַז ער האָט געפונען א שטר צווישען זיינע שטרות וואו ער ווייסט ניט צו וואָס א צוועק ער איז ביי אים, זאָל דער שטר ליגען ביי אים ביז אליהו קומט, דאָס מיינט ער זאָל אים קיינעם קיינמאָהל ניט אַרויסגעבען, (כאָטש עס איז אמת אַז אליהו וועט קומען ווי דער פסוק זאָגט הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ה' הגדול והנורא, איז עס דאָ נאָר אַזאַ אויסדרוק אויף ניט אוועקצוגעבען, און וואו נאָר די חכמים האָבען א געלעגענהייט צו אריינמישען א דבר שבקדושה, טוען זיי עס) אויב מיט די שטרות איז פאראַן סמפונות (אַן אויפקלערונג) ווי א שטייגער דאָ עס איז פאַרשריבען אין א שטר אַ שובר אַז ער איז שוין באצאָהלט זאָל ער טאָן לויט די סמפונות, ווייל געווים ער איז שוין באצאָהלט נאָר דער לוה האָט געדענקט צו נעמען אים. אַן אנדערס מאָהל און דערווייל האָט ער פאַרגעסען אָן אים: **גמ'**, פרעגט די גמרא **מאי שטרי ברורין הכא? תרגמו שטרי טענתא, ר' ירמיה אמר זה בורר לו אחד וזה בורר לו אחד**, וואָס מיינט דאָ בירורין? האָבען די רבנן באשיידט אזוינע שטרות וואו עס איז פאַרשריבען די טענות מען זאָל נאכהער ניט קענען ענדערען, ר' ירמיה זאָגט עס מיינט

וואו עס איז פארשריבען די בוררין צו וועלכע זיי האבען צוגעשטימט צו האלטען זייער אויסזאגען: וכל מעשה בית דין הרי זה יחזיר: ההוא גיטא דאשתכח בי דינא דרב הונא דהוה כתיב ביה בשווירי מתא דעל רכיס נהרא, אמר רב הונא (דף כ׳, ע״ב) חיישינן לשני שוירי, א גע־וויסער גט איז געפונען געווארען ביים בית דין פון רב הונא וואו עס איז געווען איינגעשריבען אין אים, אין דער שטאט שוירי וואס ליגט נעבען טייך רכיס, האט רב הונא געזאגט מיר האבען צו באזארגען פאר צוויי שטעדט מיט׳ן זעלבען נאמען, און פיליכט איז אין צווייטער שוירי פאראן צוויי יוסף בן שמעון׳ס. אמר ליה רב חסדא לרבה פוק עיין דלאורתא בעי לה רב הונא מינך, נפק דק ואשכח דתנן כל מעשה בית דין הרי זה יחזיר, האט רב חסדא געזאגט צו רבה אונז געפעלט דאך ניט דער דין צו באזארגען וועגען צוויי שווירי׳ס, אזוי געה ארויס און זוך, דען אין אבענד וועט רב הונא עס פרעגען פון דיר צו איבערצייגען אים, איז ער ארויס און געפונען די א משנה דא אז כל מעשה בית דין הרי זה יחזיר, אמר ליה רב עמרם לרבה היכי פשוט מר איסורא מממונא? אמר ליה תרדא שטרי חליצה ומיאונין תנן, האט רב עמרם געזאגט צו רבה ווי אזוי געהסטו דיר פושט זיין אן איסור־זאך פון א געלד־זאך? האט רבה געענטפערט וואס פאררעדסטו מיך צו ערני־דעריגען איך זאל ווערען צוטומעלט, די משנה לערנט דאך אויך וועגען שטרי חליצה און מיאון וואס איז אויך אן איסור־זאך, דו האסט געוואוסט דאס ווי יעדער אלס א משנה, נאר דו האסט געמיינט מיר צו ענידערען, פגע ארזא דבי רב, מר אמר משום לתאי דידי פקע, ומר אמר משום לתאי דידי פקע, איז צושפאלטען געווארען דער זייל פון בית המדרש וואס האט אויפגע־האלטען צו שטעהן גלייך, ווי א שטייגער דארט ביי דער מחלוקת פון ר׳ אליעזר מיט ר׳ יהושע וואו ר׳ אליעזר האט אויסגערופען אויב די הלכה איז ווי איך זאג זאלען די וועגד פון בית המדרש איבערצייגען. רב עמרם האט גערעכענט אז וכל מעשה בית דין באציהט זיך אויף בלויז געלד־זאכען, דא זאג איך אלע אהן אויסנאמע זאל מען צוריקגעבען, אבער ביי איסור זאכען מאכט מען יא חלוקים צווישען זיי, האט ער גוט געפרעגט, אבער רבה האט אים חושד געווען, און ווי דער זייל האט געפלאצט, האט ער געזאגט דאס האט זיך צוליב דעם דער זייל פון בית המדרש פאראייניגט מיט מיר, דאס איך בין גערעכט מיט מיין פראגע, און דער האט געזאגט אז דאס איז געווען צוליב מיין פאראייניגונג: מצא בחפיסה או בדלוסקמא׳ מאי חפיסה? אמר רבה בר בר חנה חמת קטנה, מאי דלוסקמא? אמר רבה בר שמואל טליקא דסבי, וואס מיינט חפיסה? האט רבה בר חנה געזאגט אזא קליינער לעדערנער לוגעל, און וואס מיינט דלוסקמא? האט רבה בר שמואל געזאגט אזא בייטעל פון די אלטע לייט צו האלטען דארט די טעגליכע זאכען צום געברויך: תכריך של שטרות או אגודה של שטרות וכו׳: תנו רבנן כמה הוא תכריך של שטרות? שלשה כרוכין זה בזה, וכמה היא אגודה של שטרות? שלשה קשורין זה בזה. די רבנן האבען געלערנט וויפיל איז דאס א תכריך שטרות? דריי שטרות איינגעלייגט איינער אין אנדערען, און וויפיל איז אגודה פון שטרות?

דריי שטרות צונויפגעבונדען אינאיינעם. **שמעת מינה קשר סימן? הא תני ר' חייא שלשה כרוכין זה בזה,** קענסט דאך דרינגען פון דאנען אַז א קשר איז אַ סימן? די פראַגע איז ערגעץ געפרעגט געוואָרען, ווענדט די גמרא אָפּ אז ר חייא האָט דאך געלערנט אויף אגודה אַז עס מיינט שלשה כרוכין זה בזה, פרעגט די גמרא **אי הכי היינו תכריך? תכריך כל חד וחד בראשה דחבריה, אגודה דרמו אהדדי וכרוכות,** אויב אַזוי ווי ר' חייא, איז דאך אגודה דאָס זעלבע ווי תכריך? ענטפערט די גמרא לויט ר' חייא מיינט אַזוי, אַז תכריך מיינט, יעדער שטר איז געלייגט איינער אויפ'ן פראַנט פון אנדערען, און אגודה מיינט אַז זיי ליגען צוזאמען איינע אויף די אנדערע און קנייטשען זיי איבער. דער סימן איז די פינקטליכקייט פון צוזאמענלייגען. פרעגט די גמרא **מאי מכריז? מנין, מאי אריא תלתא אפילו תרין נמי? אלא כדאמר רבינא טבעא מכריז הכא נמי שטרי מכריז,** ווי אַזוי רופט ער אויס? מען רופט אויס די צאָהל שטרות, אויב אַזוי, וואָס עפּעס איז אויס־נאמליך דריי, אפילו צוויי איז דאך אויך אַזוי קעגען צוריקגעבען מיט סימנים? נאָר עס איז ווי רבינא זאָגט אז מען רופט אויס דעם ארטיקעל אַזוי אויך דאָ רופט מען אויס שטרות, און דער פאַרלירער ענטפערט וויפיל, אָבער ביי צוויי איז מנין ניט קיין סימן ווען ער שטרות רופט אויס, נאָר ווי אַזוי זיי זיינען צוזאמענגעלייגט: **ר' שמעון בן גמליאל אמר וכו': דאי סלקא דעתך דמלוין נינהו מאי בעו גבי הדדי, דלמא לקיומינהו אזלי? דמקיימי, דלמא מידא דספרא נפיל? לא משהי איניש קיומיה בידא דספרא,** אַז איין לוה איז שולדיג צו דריי מלוין געהערען די שטרות צום לוה, דען אויב עס זאָל אַרויף אויפ'ן געדאנק אַז די שטרות געהערען צו די מלוין, ווי קומען זיי צו געפונען ווערען צוזאמען, פרעגט די גמרא פיליכט זיינען די מלוה'ס גע־באנגען צו מקיים זיין די שטרות ביים בית דין, און דאָרט פאַרלוירען? ענטפערט די גמרא עס שמועסט זיי זיינען שוין מקויים. פרעגט די גמרא פיליכט זיינען זיי פאַרלוירען פונ'ם סופר'ס האנד? ענטפערט די גמרא א מענש לאָזט ניט ליגען א שטר מקויים ביים סופר'ס האנד? **שלשה שלוו מאחד יחזיר למלוה,** אָבער אַז דער מלוה איז איינער און לוה'ס דריי, גיט מען צוריק דעם שטר צום מלוה: **דאי סלקא דעתך דלוין נינהו, מאי בעו גבי הדדי? דילמא למכתבינהו אזלי? דכתיבי בתלת ידי ספרי ודילמא לקיומינהו אזלי? מלוה מקיים שטריה, לוה לא מקיים שטריה,** דריי לוה'ס מיט איין מלוה, גיט מען אים צוריק צום מלוה, דען אויב עס זאָל אַרויף אויפ'ן געדאנק אַז די שטרות געהערען צו די לוה'ס, ווי קומען זיי צו געפונען ווערען אין זאיין פלאַץ, פרעגט די גמרא פיליכט זיינען די לוה'ס געגאנגען אין איין פלאַץ צו שרייבען די שטרות געהערען צו די לוה'ס, ווי קומען זיי צו געפונען ווערען אין איין פלאַץ, זיינען געשריבען געוואָרען פון דריי פארשידענע הענד סופרים, פיליכט זיינען זיי געגאנגען צום בית דין צו מקיים זיין און דאָרט פאַרלוירען? ענטפערט די גמרא א מלוה געהט מקיים זיין א שטר, ניט קיין לוה געהט מקיים זיין א שטר: **אם יש עמהן סמפונות יעשה מה שבסמפונות: אמר רב ירמיה בר אבא אמר רב סמפון היוצא מתחת ידי מלוה אף על פי שכתוב בכתב**

ידו, אינו אלא כמשחק ופסול. (סמפון מיינט א שובר וואָס דיקטירט דעם שטר אלס באצאָהלט) אויף דעם זאָגט רב ירמיה בר אבא פון רב ווענען אַז א סמפון וואָס געהט אַרויס פון די הענד פון מלוה כאָטש ער אַליין האָט אים געשריבען, איז ער ניט מעהר ווי ער וואָלט שפּאַסען פון'ם לוה און דער סמפון איז פסול. לא מיבעיא כתוב בכתב יד סופר, דאיכא למימר ספרא אתרמי ליה וכתב, אלא אפילו כתוב בכתב ידו פסול, סבר דילמא מתרמי ואתי בין השמשות וקא פרע לי, דאי לא יהיבנא ליה לא יהיב לי זוזי, אכתוב אנא, דכי אייתי לי זוזי אתן ליה, עס איז קיין פראגע ניט אַז אַזאַ סמפון ביים מלוה איז פסול, אויב ער איז געשריבען דורך אַ סופר ווייל דאָס איז נאָר א צוגרייטונג אויף צו קענען נעמען געלד, ווייל מען קען זאָגען, עס האָט זיך אים געמאכט א סופר איז געקומען דאָ, האָט ער אים געלאָזט מאכען אזא שובר אויף צו זיין גרייט, נאָר אפילו ווען ער אליין שרייבט, איז אויך דער שובר פסול, דען דער מלוה טראכט זיך עס קען דאָך מעגליך טרעפען אַז דער לוה זאָל זיך אהער כאפען צווישען טאָג און נאכט און וועלען באצאָהלען מיר און אויב איך וועל ניט האָבען גרייט אזא שובר, וועט ער ניט געבען די געלד, אַזוי וועל איך אַליין צוגרייטען אזא שובר און געבען אים אלס א קבלה. זאָגט די גמרא תנן אם יש עמהן סמפונות יעשה מה שבסמפונות? כדאמר רב ספרא שנמצא בין שטרות קרועין, הכא נמי שמצאו בין שטרות קרועין. איך וועל דיר א קשיא פרעגען פון אונזער משנה, דו זאָגסט אַז א געשריבענער סמפון ביים מלוה מיינט נאָך ניט באצאָהלט, אונזער משנה זאָגט דאָך אויב ער האָט א שטר וואו ער ווייסט ניט צי ער איז באצאָהלט אויב ער האָט מיט אים א סמפון זאָל ער טאָן לויט'ן סמפון, איז דאָך אַזא סימפון יאָ גילטיג? ענטפערט די גמרא עס איז ווי רב ספרא האָט געזאָגט אַז עס שמועסט דער מלוה האָט געפונען דעם. שטר אין גוטען צושטאנד, נאָר צווישען צעריסענע שטרות, ניט מעהר, דער לוה האָט געפעהלט צו צונעמען דעם סמפון, אַזוי אויך דאָ, אָבער ערגעץ אנדערש איז א סמפון ביים מלוה נאָר א צוגרייטונג. תא שמע נמצא לאחד בין שטרותיו שטרו של יוסף בן שמעון פרוע, שטרות שניהם פרועין? כדאמר רב ספרא שנמצא בין שטרות קרועין הכא נמי שנמצא בין שטרות קרועין, קום און הער איך וועל דיך ווידער פרעגען, מיר האָבען געלערנט אַז צו איינעם איז געפונען געוואָרען צווישען זיינע שטרות א שטר פון יוסף בן שמעון אַלס א באצאָלטער, וועהרענד דאָרט זיינען געווען צוויי מיט די זעלבע נעמען, איז דער דין דאָסביידע שטרות הייסען באצאָהלטע ווייל יעדער פון זיי קען דאָך טענה'ן אַז דער שובר אָדער סמפון איז אויף זיין חוב, אויפ'ן שטר אַליין איז געווען א סימן וועלכען יוסף בן שמעון מען מיינט, נאָר אויפ'ן שובר איז ניט געווען, זעהסט דאָך גוט אַז אפילו אין מלוה'ס האנד איז דער שובר ווען אפילו ביי אזא ספק — אויך גילטיג? ענטפערט די גמרא, עס איז ווי רב ספרא האָט געזאָגט ביי אזא פראגע אַז דער שטר איז געפונען געוואָרען צווישען די צוריסענע שטרות איז דאָך צו פארשטעהן, אַז עס איז צוליב ער איז א באצאָהלטער אַזוי אויך דאָ. תא שמע שבועה שלא פקדנו אבא, ושלא אמר לנו אבא, ושלא מצאנו

**בין שטרותיו של אבא ששטר זה פרוע**? איך וועל דיר ווייטער פרעגען מיר האָבען געלערנט אַזוי ווי יתומין פון יתומין קענען אויך ניט גובה זיין אָהן א שבועה, איז דאָס די שבועה וואָס די זיהן פון מלוה דאַרפען שווערען, מיר שווערען אַז דער פאָטער האָט אונז ניט באַפוילען שריפטליך אויף ניט, און אַז ער האָט אונז ניט געזאָגט אפילו מינדליך, און אַז מיר האָבען ניט געפונען צווישען זיינע שטרות א שובר אָדער סמפון אַז דער שטר איז א באצאָהלטער. זעהסט דאָך גוט אַז ווען דער שובר וואָלט זיך יאָ געפונען, וואָלט ער געווען פאַרלעסילך כאָטש אין מלוה'ס הענד? דאָרט ענטפערט דאָס רב ספרא אַז דער שטר איז געפונען געוואָרען צווישען די צוריסענע שטרות אין א גוטען צושטאנד, אויב עס וואָלט צו אים געווען אויך אַ שובר, וואָלט רעכט זיין אַז ער איז שוין א באצאָהלטער, אויב ניט קען ער גובה זיין מיט דער שבועה. **תא שמע סמפון שיש עליו עדים יתקיים בחותמיו**, איך וועל דיך ווייטער פרעגען, מיר האָבען געלערענט אַז א מלוה האלט א סמפון וואָס אויף אים זיינען פאַראן עדות און דער מלוה טענה'ט דאָס ער איז נאָר געווען אַזוי צוגעגרייט איז דער דין אַז דער סמפון איז גילטיג צוליב די עדות, זעהסט דאָך גוט אַז אפילו אין מלוה'ס הענד איז אויך דער סמפון גילטיג, עס קען דאָך זיין אַז אויך די עדות זיינען געווען א צוגרייטונג דאָס אויב דער לוה וועט געהן באצאָהלען טאָמער וועט ער פאַרלאַנגען אויך עדות? ענטפערט די גמרא **אימא יתקיים מחותמיו** (דף כ"א, ע"א) **דשיילינן להו לסהדי אי פרוע אי לא פרוע**, לייען אַזוי דעם טעקסט אַז דער שטר סמפון זאָל באשטעטיגט ווערען פון די גע'חתמ'עטע עדות, דען מיר פרעגען זיי צי דער שטר איז א באצאָהלטער צי ניט, מיינענדיג צי זיי האָבען עס געזעהן אָדער ווייניגסטענס אַז דער מלוה האָט עס זיי געזאָגט. **תא שמע סמפון שיש עליו עדים כשר**? **מאי עדים**? **עדי קיום**, וועל איך דיך ווייטער פרעגען, מיר האָבען געלערנט אַ סמפון וואָס האָט אויף זיך עדות איז כשר, אפילו אין מלוה'ס הענד, פילייכט איז ער נאָר א צוגרייטונג? ענטפערט די גמרא ווייסטו וואָס פאַר א עדות דאָ מיינט? עס מיינט אַזוינע עדות וועלכע די בית דין האָבען באשטעטיגט איז זיכער אַז דער לוה האָט באצאָהלט. **הכי נמי מסתברא מדקתני סיפא ושאין עליו עדים פסול, מאי אין עליו עדים**? **אילימא דליכא עלויה עדים כלל, צריכא למימר דפסול**? **אלא לאו עדי קיום**. די סברה גיט אויך אַזוי מיט, מיט דעם וואָס די סיפא לערנט אַז אויב קיין עדות אויף אים איז ניט פאַראן איז ער פסול, וואָס מיינט ער דאָ אָהן עדות? זאָל איך זאָגען, אינגאַנצען קיין עדות ניט, איז דאָס דאַרף ער זאָגען אַז דער סמפון איז פסול? נאָר מוז זיין ער מיינט עדי קיום, וואו עס איז באשטעטיגט פון בית דין, אָבער מיט סתם עדות קען אַלץ זיין, ער איז בלויז געווען צוגעגרייט אַזוי אפילו מיט עדות, ביז דער לוה וועט פאַר זייער געגענווארט באצאָהלען. **גופא סמפון שיש עליו עדים יתקיים בחותמיו, אין עליו עדים ויוצא ידי שליש או שיוצא לאחר חיתום שטרות כשר.** די גופא ברייתא אַלס א גאנצע איז אַזוי, א סמפון וואָס האָט אויף זיך עדות, דאַרף ער ווערען פון זיי מקוים, האָט ער ניט אויף זיך קיין עדות, נאָר דער סמפון געהט ארויס פון א שליש וואוביידע גלויבען אים, ווי אַלס אַ פאַרמיטלער,

אָדער דער סמפון איז אַרויס אין שטר חוב אַליין נאָך דער חתימה איז ער כשר. **יוצא מתחת ידי שליש, דהא הימניה מלוה לשליש, יוצא לאחר חיתום שטרות נמי דאי לאו דפרע לא הוה מרע ליה לשטריה,** אַז דער סמפון איז אַרויס דורכ'ן שליש איז ער כשר, דען דער מלוה האָט דאָך באַגלויבט דעם שליש, און אַז דער סמפון איז אַרויס נאָך דער חתימה־פלאַץ אין שטר חוב אַליין ,איז אויך כשר, ווייל ווען ניט באַצאָהלט, וואָלט זיך דער מלוה ניט לאָזען קאַלע מאכען דעם שטר:

## הדרן עלך שנים אוחזין

**אלו מציאות שלו, ואלו חייב להכריז, אלו מציאות שלו מצא פירות מפוזרין מעות מפוזרות כריכות ברשות הרבים ועגולי דבילה ככרות של נחתום, מחרוזות של דגים וחתיכות של בשר,** די דאָזיגע מציאות באַ־לאַנגען צו אים, און די דאָזיגע דאַרף ער אויסרופען, די וועלכע זיינען זיין, זיינען אַז ער האָט געפונען פירות צושפּרייטע, געלד צושפּרייטע, ציוואָרפענע בינטלאָך אין רשות הרבים און קרענצלאַך פייגען, ברויטען פון אַ בעקער, שנירלאָך אויפגעצויגען מיט פיש און שטיקלאָך פלייש, **וגיזי צמר הלקוחין ממדינתן ואניצי פשתן ולשונות של ארגמן הרי אלו שלו דברי ר' מאיר,** אויך גע־שוירענע וואָל פון די ציגען, וועלכע מען קויפט פון דער מדינה, ניט ביי קיין בעל מלאכה, און שטיקער פלאַקס און שטיקער פורפור־וואָל אויסגעקאַמטע ביז עס זעהט אויס ווי לשונות, די אַלע אויבען אויסגערעכענטע געהערען צו אים ווייל זיי האָבען ניט קיין סימן זיינען זיך די פאַרלירער פון זיי מייאש, און די בינטלאָך פאַרלירען דעם סימן אין רשות הרבים צוליב די דורכגעהער טרעטען אויף זיי דען ניט אַלע מענשען קימערען זיך צו אויפהויבען יעדע מציאה. (און נאָך דעם וואָס האַלט אַז אַזאַ סימן וואָס קען צוטרעטען ווערען הייסט אויך אַ סימן, שמועסט דאָ וואו די בינטלאָך האָבען ניט קיין סימן, און דער פלאַץ אין רשות הרבים איז ניט קיין סימן, די אַרבעט פון אַ געוועהנליכען מענש איז ניט קיין סימן, אָבער פון אַ בעל מלאכה איז יאָ אַ סימן דען יעדער בעל מלאכה דערקענט זיין אַרבעט, אַזוי האַלט ר' מאיר, **ר' יהודה אומר כל שיש בו שינוי חייב להכריז כיצד? מצא עגול ובתוכו חרס, ככר ובתוכו מעות, ר' שמעון בן אלעזר אומר כל כלי אנפוריא אין חייב להכריז,** ר' יהודה זאָגט יעדע זאַך וואו אין איהר איז פאַראַן אַן אויסנאַם, איז ער חייב צו אויס־רופען, ווי אַ שטייגער? אַז ער האָט געפונען אַ רעדעל פייגען און אין דער מיטען איז געווען אַרויפגעצויגען אויך אַ שערבעל, אָדער אַ ברויט און אינ־ווייניג איז געווען געלד, ר' שמעון בן אלעזר זאָגט יעדע נייע פרישע כלי וועלכע די אויג פונ'ם באַלעבאָס איז נאָך ניט איינגעוועהנט געווען מיט איהר, איז ער ניט חייב צואויסרופען, ווייל דער באַלעבאָס ווען אַפילו ער איז אַ תלמיד חכם, איז נאָך זיין אויג אויך ניט דורכגענומען מיט איהר. **גמ', מצא פירות מפוזרין וכמה? אמר ר' יצחק קב בארבע אמות, היכי דמי? אי דרך נפילה, אפילו טובא נמי ואי דרך הינוח אפילו בציר מהכי נמי לא,** אַז ער האָט געפונען צושפּרייטע פרות, וויפיל מיינט דאָ? האָט ר' יצחק געזאָגט אַ מעסטעל אין פיר איילען. פרעגט די גמרא ווי שמועסט דאָ? זיינען זיי

געלעגען אין אהן אָרדענונג ווי אַ זאך וואָס איז ארונטערגעפאַלען, איז דאָך די סברה ביי מער אויך אַזוי, זיינען זיי געלעגען אין אָרדענונג ווי מען לייגט אוועק, דארף דאָך אַפילו ווייניגער פון דעם אויך ניט זיין זיינע? אמר ר' עוקבא בר חמא במכנשתא דבי דרי עסקינן, קב בארבע אמות דנפיש טרחייהו לא טרח איניש ולא הדר אתי ושקיל להו, אפקורי מפקר להו. בציר מהכי טרח והדר אתי ושקיל להו ולא מפקר להו, האָט ר' עוקבא בר חמא געזאָגט עס שמועסט אין שניט־צייט ווען דער עולם זאמעלט אהיים די פרוכטען, א מעסטעל אין פיר איילען וואָס איז צופיל טירחה צונויפצונעמען, וועט א מענש זיך ניט באמיהען צו קומען נאָכאמאָהל און צונעמען, איז ער זיי מפקר, אָבער ווייניגער פון פיר איילען צושפרייט, באמיט זיך א מענש צו קומען נאָכאמאָהל און עס צונעמען און ער איז עס ניט מפקר. בעי ר' ירמיה חצי קב בשתי אמות מהו? קב בארבע אמות טעמא מאי? משום דנפיש טרחייהו, חצי קב בשתי אמות כיון דלא נפיש טרחייהו לא מפקיר להו, האָט רב ירמיה א פראַגע געשטעלט, א האלבע מעסטעל אין צוויי איילען ווי איז דער דין א מעסטעל אין פיר איילען וואָס איז דען דער טעם? צוליב דער גרויסער טירחא איז ער עס מפקיר, קען מען דאָך זאָגען אַז א האלבע אין צוויי איילען וויבאלד די טירחה איז ניט אַזוי גרויס איז ער עס ניט מפקיר, או דלמא משום דלא חשיבי, וחצי בשתי אמות כיון דלא חשיבי מפקיר להו, אָדער פיליכט איז מעהר עיקר טעם צוליב א קב איז ניט חשוב צו געהן אויפ־קלייבען איז ער מפקיר. (ער וואָלט דאָך דארפען זאָגען וחצי קב בשתי אמות דכל שכן דלא חשיבי, ער זאָגט ניט „דכל שכן" ווייל פאָרט איז דאָ געוועגדעט איןביידע טעמים אין טירחה און אין חשיבות נאָר די פראַגע איז דאָ וועלכער טעם איז מעהר עיקר, זיינען דאָך דער קב אין ארבע אמות און חצי קב אין שתי אמות אויף דער גלייכער וואָג־שאָל און די פראַגע איז נאָר וועלכער טעם וועגט איבער אויב עס וועגט איבער חשיבות, וואָלט ער גיכער צוריקגעהן פאַר א קב אין ארבע אמות און אויב ניט, איז פאַר א חצי קב געוויס ניט, און אויב דער טעם פון טירחה וועגט איבער, וואָלט ער גיכער פאַר א חצי קב אין שתי אמות — צוריקגעהן, און אויב ניט וואָלט ער אויך פאַר א קב אין ארבע אמות ניט צוריקגעהן. דעריבער זאָגט ער ניט די ווערטער דכל שכן). לויט דעם פרעג איך דיך קביים בשמונה אמות מהו? קב בארבע אמות טעמא מאי? משום דנפיש טרחייהו וכל שכן קביים בשמונה אמות כיון דנפישא טרחייהו טפי מפקיר להו, או דילמא משום דלא חשיבי, וקביים בשמונה אמות כיון דחשיבי לא מפקיר להו, צוויי מעסטלעך אין אכט איילען ווי איז דער דין? איינע אין פיר איילען וואָס איז דען דער הויפט טעם? צוליב דער גרויסער טירחה, איז דאָך געוויס אַזוי ביי צוויי אין אכט איילען וואו ער וועט גיכער מפקיר זיין, אָדער פיליכט וועגט דאָ איבער די חשיבות, אין צוויי קבין אין אכט איילען וועט ער שוין ניט מפקיר זיין? לויט דעם פרעג איך דיך וועגען, קב שומשמשין בארבע אמות מהו? קב בארבע אמות טעמא מאי? משום דלא חשיבי, ושומשמין כיון דחשיבי לא מפקר להו, או דלמא משוב דנפיש טרחייהו וכל שכן שומשמין כיון

**דנפיש טרחייהו טפי מפקיר להו?** א קב מאַהן אין פיר איילען ווי איז דער דין? א קב אנדערע פירות אין פיר איילען וואס איז דען דער טעם? צוליב דעם טעם פון ניט חשיבות, זיינען דאך שומשמין יאָ חשוב, וועט ער זיי ניט מפקיר זיין, אָדער פילייכט צוליב דעם טעם פון טירחה וועגט איבער, איז דאך געוויס אַזוי ביי שומשמין צוליב דער גרויסער טירחה וועט ער גיכער זיי מפקיר זיין. ווי איז דער דין? **קב תמרי בארבע אמות קב רימוני בארבע אמות מהו? קב בארבע אמות טעמא מאי? משום דלא חשיבי, קב תמרי בארבע אמות, קב רימוני בארבע אמות נמי כיון דלא חשיבי מפקר להו, או דילמא משום דנפישא טרווייהו וקב תמרי בארבע אמות וקב רימוני בארבע אמות כיון דלא נפיש טרחייהו לא מפקיר להו מהו? תיקו.** לויט די סברות פרעג איך אויך וועגען א קב טייטלען אָדער מילגרוימען אין פיר איילען. דען א קב אנדערע פרוכטען אין פיר איילען וואס איז דען דער טעם, צוליב זיי האָבען ניט קיין חשיבות, זיינען דאך תמרים און רימונים אויך ניט חשוב און דעריבער מפקיר, אָדער פילייכט איז דער הויפט טעם צוליב גרויסער טירחה, איז דאך ביי תמרים און רימונים ניט קיין גרויסע טירחה איז ער זיי ניט מפקיר, ווי איז דער דין? בלייבען די פראגען שטעהן.
**אתמר (דף כ"א, ע"ב) יאוש שלא מדעת אביי אמר לא הוה יאוש ורבא אמר הוי יאוש, בדבר שיש בו סימן כולי עלמא לא פליגי דלא הוי יאוש ואף על גב דשמעיניה דמיאש, לבסוף לא הוי יאוש,** מיר האָבען גע־לערענט יאוש וואס איז ערוואַרטעט, ניט מעהר עס איז נאָך אומבאוווסט צום בעל הבית אַז די זאך פעלט, אביי זאָגט אַז דער יאוש הייסט ניט קיין יאוש, יאוש מיינט דאָ וואו ער באדויערט דעם שאָדען אַלס פאַרפאַלען, און רבא זאָגט עס הייסט יא יאוש, ביי אַ זאך וואָס האָט א סימן קריגט קיינער ניט דאָס זיכער עס הייסט ניט קיין יאוש, ווייל יענער גיט ניט אויף, ער טראַכט זיך, מיט׳ן סימן וועל איך נאָך די זאך צוריקקריגען, כאָטש מיר האָבען געהערט ווי ער איז מיאש, צו דער ענד איז עס ניט קיין יאוש, **דכי אתא לידיה, באיסורא הוא דאתא לידיה, דלכי ידע דנפל מיניה לא מיאש, מימר אמר סימנא אית לי בגויה יהיבנא סימנא ושקילנא ליה,** היינט די זאך וואָס האָט א סימן אַז עס קומט אין זיין האנד, קומט עס אַלס איסור אין זיין האנד ווייל מיט א סימן איז מען ניט מיאש, דען אפילו נאָכ׳ן ערקונדיגען אַז די זאך איז פאַרלוירען פון אים, וועט ער אויך ניט מיאש זיין, ער וועט זיך טראַכטען איך האָב דאך א סימן דערביי וועל איך געבען דעם סימן און עס צוריקקריגען, **בזוטו של ים ובשלוליתו של נהר אף על גב דאית ביה סימן רחמנא שרייה כדבעינן למימר לקמן, כי פליגי בדבר שאין בו סימן, אביי אמר לא הוי יאוש דהא לא ידע דנפל מיניה, רבא אמר הוי יאוש דלכי ידע דנפל מיניה מיאש מימר אמר סימנא לית לי בגויה מהשתא הוא דמיאש,** אויב ער געפינט די מציאה אין פאַרנעם פון ים אָדער אין רויב פונ׳ם טייך, דען אַלעס וואָס דער ים קריגט שווענקט ער צוריק אַרויס צום ברעג, און דער איבער־לויפענדער טייך ביים אָפּפאַלען לאָזט אַלעס ערגעץ איבער, די זאַכען אַז מען געפינט כאָטש זיי האָבען א סימן, האָט עס די תורה ערלויבט אַזוי ווי מיר

וועלען דאַרפען זאָגען ווייטער. נאָר ווייסטו וואו זיי קריגען ביי א זאך וואָס האָט ניט קיין סימן, אביי זאָגט עס הייסט ניט קיין יאוש ווייל דער באַלעבאָס ווייסט דאָך ניט צי עס פעהלט אים עפעס, רבא זאָגט עס הייסט יאָ יאוש, ווייל ביים באוואוסט ווערען וועט ער עס מיאש זיין, דען ער וועט זיך טראכטען קיין סימן האָב איך דאָך ניט דערביי, נעמען מיר אָן אַז פון יעצט באלד איז ער עס מיאש, דען מיט'ן געדאנק זוכט ער באלד זייער פעהלונג. תא שמע פירות מפוזרין, הא לא ידע דנפל מיניה? הא אמר רב עוקבא בר חמא הכא במכנשתא דבי דרי עסקינן דאבידה מדעת היא, איך וועל דיך פרעגען פון אונזער משנה זי' זאָגט אַז צושפּרייטע פרוכטען געהערען צום געפינער, וואַרשיינליך צוליב ער איז מיאש, ער האָט דאָך ניט געוואוסט אַז זיי פעהלען, מוז דאָך זיין אז יאוש שלא מדעת הייסט יאָ יאוש, איז דאָך א קשיא אויף אביי? ענטפערט די גמרא רב עוקבא בר חמא האָט דאָך געזאָגט אַז דאָ שמועסט ביים אהיימנעמען די ערנטע, שטעלען זיך די טרעגער ערגעץ אָפּרוהען, מאכט זיך אַז זיי פארגעסען און לאָזען עפּעס איבער, אָדער עס פאַרגיסט זיך עפּעס אויפ'ן באָדען, דאָס הייסט שוין אָן אבידה וואָס איז באוואוסט. תא שמע מעות מפוזרות הרי אלו שלו, אמאי? הא לא ידע דנפל מיניה? התם נמי כדר' יצחק דאמר אדם עשוי למשמש בכיסו בכל שעה הכא נמי וכו', איך וועל פרעגען ווייטער, צושפּרייט געלד איז זיין, וואָרום ער האָט דאָך נאָך ניט געוואוסט אַז זיי זיינען פאַרלוירען? ענטפערט די גמרא דאָרט איז אויך ווי ר' יצחק וואָס זאָגט אַז דער מענש איז אין נאטור צו באטאפּען זיין געלד בייטעל יעדע ווילע, אַזוי אויך דאָ. תא שמע עיגולי דבילה וככרות של נחתום הרי אלו שלו, אמאי והא לא ידע דנפל מיניה? התם נמי אגב דיקירי מידע ידע בהו, איך וועל דיך ווייטער פרעגען קרענצלאך פייגען און ברויטען פון אַ בעקער זיינען זיין, וואָרום, ער האָט דאָך נאָך ניט געוואוסט אַז זיי פעהלען? ענטפערט די גמרא דאָרט אויך צוליב זיי זיינען שווער ווייסט ער באלד אויב עס פעהלט אים. תא שמע ולשונות של ארגמן הרי אלו שלו, אמאי? הא לא ידע דנפל מיניה? התם נמי אגב דחשיבי משמושי ממשמש בהו וכדר' יצחק, קום און הער ווייטער לשונות ארגמן זיינען זיין צוליב יאוש, וואָרום, ער האָט דאָך נאָך ניט געוואוסט אַז זיי זיינען פאַרלוירען פון אים? ענטפערט די גמרא דאָרט אויך צוליב זיי זיינען חשוב באַרירט ער זיי אלע ווילע און אַזוי ווי ר' יצחק האָט געזאָגט. תא שמע המוצא מעות בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ובכל מקום שהרבים מצויין שם הרי אלו שלו, מפני שהבעלים מתיאשין מהן, והא לא ידע דנפל מיניה? אמר ר' יצחק אדם עשוי למשמש בכיסו בכל שעה, קום און הער ווייטער מיר האָבען געלערנט אין א ברייתא אַז איינער געפינט געלד אין בתי כנסיות אָדער מדרשות און איבעראַל וואו א סך מענשען געפינען זיך, זיינען די געלדער זיין, צוליב די בעלים זיינען זיך מיאש פון זיי, ער האָט דאָך נאָך ניט געוואוסט אַז די געלד פעהלט אים? האָט ר' יצחק געזאָגט א מענש איז ביי נאטור צו באַרירען אלע ווילע זיין בייטעל איז ער באלד מיאש, תא שמע מאימתי כל אדם מותרין בלקט? משילכו בה הנמושות, ואמרינן מאי נמושות? ואמר

**ר׳ יוחנן סבי דאזלי אתיגרא, ריש לקיש אמר לקוטי בתר לקוטי, ואמאי, נהי דעניים דהכא מיאשי, איכא עניים בדוכתא אחריתא דלא מיאשי?** קום און הער ווייטער, פון ווען אָן מעג יעדער מענש אפילו ניט קיין אָרימאן — קלייבען? פון ווען עס געהען שוין דאָרט די נמושות און מיר האָבען געזאָגט וואָס מיינט דאָ נמושות? האָט אויף דעם ר׳ יוחנן געזאָגט עס מיינט די אלטע לייט וועלכע געהען דאָרט אויף זייערע אָנלעהן־שטעקענס. ריש לקיש זאָגט עס מיינט די אלטע לייט וואָס געהען הין און צוריק, און קלייבען נאָכ׳ן קלייבען, נמושות מיינט ניט אָפּלאָזענדיג דעם בליק פונ׳ם קלייבען, לויט׳ן שטייגער פון די אלטע לייט וועלכע באטראכטען אַלעס פאמעלאך, דאמאָלט זיינען שוין די אָרימעלייט זיך מיאש פונ׳ם לקט, מעגען שוין אַלע פון דאמאָלט אָן קלייבען, איז דאָך די קשיא ווארום זאָל יעדער מעגען קלייבען, צוואָר די עניים פון דאנעט זיינען זיך מיאש, איז דאָך אָבער פאַראן עניים אין אַנדערע פלעצער וועלכע זיינען ניט מיאש? **אמרי, כיון דאיכא עניים הכא הנך מעיקרא איאושי מיאש, ואמרי עניים דהתם, מלקטי ליה,** איך קען דיר זאָגען אָן ענטפער, וויבאלד עס איז פאראן עניים דאָ, זיינען זיי די ערשטע צו מיאש זיין, און עס זאָגען שוין די עניים פון ערגעץ אנדערש, דאָס די עניים פון דאָרט קלייבען שוין. **תא שמע קציעות בדרך ואפילו בצד שדה קציעות, וכן תאנה הנוטה לדרך ומצא תאנים תחתיה מותרות משום גזל, ופטורות מן המעשר, בזיתים ובחרובים אסור,** איך וועל דיך ווייטער פרעגען, מיר האָבען געלערנט אַז איינער געפינט אָפּגעהאקטע פייגען אויף אַ וועג אָדער אפילו אין א זייט פעלד ער האָט געפונען וואו מען טרוקענט די קציעות איז דאָך שוין ווי באוואוסט צו וועלכע עס באלאנגען אויך די קציעות, און אַזוי אויך א פייגען־בוים וואָס איז געבויגען צו אַ וועג און ער געפינט דאָרט פייגען אונטער איהר זיינען זיי מותר וואָס אנבעלאנגט גזל, כאָטש וועהרענד ארונטערפאַלען האָט ער ניט געוואוסט, וויבאלד אָבער ער וועט זיך דערוויסען וועט ער זיכער מיאש זיין, הייסט עס יאוש פון יעצט אָן לויט דער סברה פון רבא, און אַלס הפקר זיינען זיי אויך פטור פון מעשר, אָבער ביי זיתים און חרובים זיינען זיי אסור צוליב גזל. **בשלמא רישא לאביי לא קשיא אגב דחשיבי ממשמש בהו, תאנה נמי מידע ידוע דנתרא, אלא סיפא לרבא קשיא דקתני בזיתים ובחרובין אסור?** אנדערש די רישא קען מען נאָך זאָגען אַז זי איז נאָך אביי ניט שווער, ווייל פייגען זיינען חשוב, און דער וואָס פאַרקערט מיט זיי באַרירט זיי אַלע ווײלע, דערוויסט ער זיך באלד אַז זיי פעהלען, הייסט עס יאוש מדעת, דעריבער זיינען זיי מותר, און ביים בוים איבער׳ן וועג, ווייסט דער באלעבאָס אויך אַז פייגען וועלען ארונטערפאַלען איז ער זיי נאָך אין פאָראויס מיאש. אָבער די סיפא איז דאָך שווער נאָך רבא נאָך, דען זי לערנט דאָך אז ביי זיתים און חרובין (באָקסער) איז אסור צוליב גזל, זעהען מיר דאָך אז יאוש שלא מדעת הייסט ניט קיין יאוש? **אמר ר׳ אבהו שאני זית הואיל וחזותו מוכיח עליו, ואף על גב דנתרין זיתי, מידע ידיע דוכתא דאיניש הוא.**

האָט ר׳ אבהו געזאָגט א זית בוים איז אנדערש, ווייל זיין געשטאלט איז קענטיג און מען ווייסט צו וועמען ער באלאנגט, און כאָטש זיתים פאלען אראָפּ איז ער

זיי פונדעסטוועגען ניט מיאש, דען עס איז באַוואוסט אַז דער פּלאַץ וואָס באלאנגט צו א מענשען איז ווי דער מענש אַליין, און קיינער האָט קיין רעכט ניט צו אויפהויבען, און ער שטעלט טאקע אויף דעם דאָס קיינער וועט ניט נעמען איז ער דעריבער ניט מיאש, **אי הכי אפילו רישא נמי**? **אמר רב פפא תאנה עם נפילתה נמאסת**, פרעגט די גמרא אויב אַזוי, דאַרף דאָך די רישא ביי די תאנים אויך אַזוי זיין, ער זאָל ניט קונה זיין? האָט רב פפא געזאָגט א תאנה מיט'ן פאַלען ארונטער ווערט זי גלייך פארנאָרעט איז זייי דער באלעבאָס מיאש, און עס איז הפקר צו קונה זיין. **תא שמע הגנב שנטל מזה ונתן לזה וכן גזלן שנטל מזה ונתן לזה** (**דף כ"ב, ע"א**) **וכן ירדן שנטל מזה ונתן לזה, מה שנטל נטל ומה שנתן נתן**, איך וועל דיך ווייטער פרעגען מיר האָבען געלערנט דער גנב וואָס האָט אַוועקגענומען פון דעם און געגעבען צו דעם און אַזוי דער גזלן און אַזוי דער ירדן אָדער אנדער טייך, איז דער דין וואָס ער האָט גענומען, האָט ער גענומען, און וואָס געגעבען איז געגעבען, דאָס מיינט אַזביידע האָבען קונה געוועזן מיט יאוש, מיט'ן אונטער־שייד אַז דער גנב און גזלן האָבען קונה געוועזן באיסור און דער צווייטער פערזאָן וועמען זיי האָבען געגעבען האָט קונה געוועזן בהיתר. **בשלמא גזלן וירדן דקא חזי להו ומיאש, אלא גנב מי קא חזי ליה דמיאש**? **תרגמא רב פפא בלסטים מזוין**, אנדערש דער גזלן אָדער דער ירדן, האָט דאָך דער באלעבאָס געזעהן זיי ווי הילפלאָז ער איז, איז ער טאקע מיאש, אָבער דער גנב, האָט דען דער באלעבאָס אים געזעהן גנב'ענען, ער זאָל מיאש זיין? מוז דאָך זיין אַז יאוש שלא מדעת הייסט יאוש איז דאָך א קשיא אויף אביי? האָט רב פפא באשיידט אַז דער גנב איז דאָ געמיינט אַלס א באוואפענטער, ער קומט דאָך טאקע גנב'ענען, אָבער צו דערזעלבער צייט איז ער גרייט אויך מיט וואפען. שמועסט דאָ אַז דער באלעבאָס האָט עס באמערקט און מורא געהאט צו שטערען, איז ער עס מיאש. פרעגט די גמרא איבער **אי הכי היינו גזלן**? **תרי גווני גזלן**, אויב אַזוי איז דאָך דאָס פאקטיש דאָס זעלבע ווי אַ גזלן? ענטפערט די גמרא די ברייתא כאפּט אָן דאָ וועגען צוויי סאָרט גזלנים. **תא שמע שטף נהר קוריו עציו ואבניו ונתנו בתוך שדה חבירו הרי אלו שלו מפני שנתיאשו הבעלים, טעמא דנתיאשו הבעלים הא סתמא לא**? נאָך א קשיא, מיר האָבען געלערנט אַז א טייך האָט אויסגעגאָסען און מיטגעשלעפּט זיינע בעלקעס אָדער סתם האָלץ אָדער שטיינער, און עס פארטראָגען ערגעץ אין יענעמס פעלד אַריין, האָט זיי יענער קונה געוועזן אַלס מציאה און זיי געהערען צו יענעם, צוליב די בעלים האָבען זיך מיאש געוועזן דערפון, האָט שוין יענער קונה געוועזן פון הפקר, גוט אַז די בעלים האָבען זיך מיאש געוועזן, אָבער סתם ווען דער באלעבאָס רעאגירט ניט, הייסט עס ניט קיין יאוש, איז דאָך א קשיא אויף רבא וואָס זאָגט יאוש שלא מדעת הייסט יאוש? ענטפערט די גמרא **הכא במאי עסקינן כשיכול להציל, אי הכי אימא סיפא אם היו הבעלים מרדפין אחריהם חייב להחזיר, אי ביכולין להציל מאי אריא מרדפין, אפילו אין מרדפין נמי**? ווייסטו ווי דאָ שמועסט? אַז ער קען מציל זיין, הייסט דעריבער ניט קיין יאוש ביז בפירוש ער איז מיאש, פרעגט די גמרא:

אויב אַזוי, ציטיר די סיפא, זי זאָגט אויב די בעלים האָבען נאָכגעיאָגט נאָך די זאכען, איז ער יאָ מחויב צוריקצוגעבען, און אויב עס וואָלט שמועסען וואו זיי קענען מציל זיין, וואָס כאפט ער אָן מרדפין, ווען אפילו זיי יאָגען ניט נאָך, הייסט דאָך אויך ניט קיין יאוש, ווייבאלד ער קען מציל זיין? און ווען איך זעה ער כאפט אָן מרדפין, מוז דאָך זיין ער קען ניט מציל זיין, קומט דאָך צוריק די קשיא אויף רבא? ענטפערט די גמרא **הכא במאי עסקינן? ביכולין להציל על ידי הדחק, מרדפין לא אייאוש, אין מרדפין איאושי מיאש,** ווייסטו ווי דאָ שמועסט? וואו זיי קענען מציל זיין נאָר זעהר שווערליך, אין אזא פאל, אַז די בעלים זיינען מרדפין הייסט עס זיי זיינען ניט מיאש, זיינען זיי ניט מרדפין הייסט עס זיי זיינען מיאש. **תא שמע כיצד אמרו התורם שלא מדעת תרומתו תרומה? הרי שירד לתוך שדה חבירו וליקט ותרם שלא ברשות, אם חושש משום גזל, אין תרומתו תרומה ואם לאו תרומתו תרומה.** ווייטער אַ פראגע, ווי אַזוי האָבען דאָס די חכמים געמיינט צו זאָגען, אַז איינער שיידט אָפּ תרומה ניט צום באוואוסטזיין פון באלעבאָס איז פונדעסטוועגען זיין תרומה א תרומה? אז איינער איז אַריין אין יענעמס פעלד און אָנגעקליבען און אָפּגעשיידט ניט נעמענדיג קיין רשות, איז דער דין, אויב דער באלעבאָס באזאָרגט וועגען גזל, דאָס הייסט ער איז מקפיד ווארום ער טוט עס אָהן רשות, איז זיין תרומה קיין תרומה, און אויב ער איז ניט מקפיד, איז זיין תרומה א גוטע תרומה, **ומנין הוא יודע אם חושש משום גזל, ואם לאו? הרי שבא בעל הבית ומצאו, ואמר לו כלך אצל יפות, אם נמצאו יפות מהן, תרומתו תרומה, ואם לאו אין תרומתו תרומה**, און פונוואנען ווייסט ער צי דער באלעבאָס איז חושש, צי ניט? אַז דער באַלעבאָס איז אָנגעקומען און האָט אים געטראָפען ביי זיין ארבייט ביי דער תרומה, און ער האָט צו אים געזאָגט האָסטו געדארפט געהן צו די בעסערע, איז דער דין, אויב עס געפינען זיך בעסערע תבואות פון די וואָס ער האָט אָפּגעשיידט, איז זיין תרומה א תרומה, אויב ניט. **ליקטו הבעלים והוסיפו עליהן בין כך ובין כך תרומתו תרומה, וכי נמצאו יפות מהן תרומתו תרומה, אמאי? בעידנא דתרם הא לא הוה ידע?** אַז די בעלים האָבען אויך צוגעקליבען און מוסיף געווען אויף די תבואות, איז סיי עס זיינען געווען נאָך, בעסערע, סיי ניט, איז אַלץ זיין תרומה א גוטע תרומה, דאָס וואָס ער זאָגט פריהער, אַז אויב עס זיינען געפונען געוואָרען בעסערע, איז זיין תרומה א תרומה, ווארום אַזוי? אין דער צייט ווען ער האָט אָפּגעשיידט, האָט ער דאָך ניט געוואוסט די דעה פונ'ם באלעבאָס, מוז דאָך זיין אַז די צופרידענקייט פונ'ם באלעבאָס וואָס ציינט זיך שפּעטער, ווירקט אויך אויף פריהער, אַזוי אויך דאָ ביי יאוש שלא מדעת ווירקט אויף פריהער, איז דאָך א קשיא אויף אביי וואָס זאָגט לא הוי יאוש? **תרגמא רבא אליבא דאביי דשויה שליח, הכי נמי מסתברא, דאי סלקא דעתך דלא שוויה שליח, מי הויא תרומתו תרומה, והא אתם גם אתם אמר רחמנא לרבות שלוחכם מה אתם לדעתכם אף שלוחכם לדעתכם,** האָט רבא באשיידט נאָך אביי נאָך אַז דאָ שמועסט וואו ער האָט אים געמאכט אלס שליח. די סברה גיט אויך מיט אַזוי, דען אויב עס זאָל אַרויף אויפ'ן געדאנק אַז ער

האָט אים ניט געמאכט אלס שליח, ווי וואָלט זיין תרומה זיין א תרומה, די תורה זאָגט דאָך אנשטאָט בלויז אתם, גם אתם, קומט דער וואָרט גם מרבה זיין אייער שליח, איז דאָך דער גם מיט אתם אלס א היקש א גלייכונג, דאָס פונקט ווי אתם איז דאָך צו אייער באוואוסטזיין, אַזוי אויך אייער שליח מוז זיין צו אייער באוואוסטזיין, **אלא הכא במאי עסקינן? כגון דשוויה שליח ואמר ליה זיל תרום, ולא אמר ליה תרום מהני, וסתמיה דבעל הבית כי תרום, מבינונית הוא תרום, ואזיל איהו ותרם מיפות ובא בעל הבית ומצאו, ואמר ליה כלך אצל יפות, אם נמצאו יפות מהן תרומתו תרומה ואם לאו אין תרומתו תרומה**, נאָר וויסטו טאקע ווי דאָ שמועטס? וואו ער האָט אים געמאכט אַלס שליח, און געזאָגט צו אים געה שייד אָפּ, נאָר ער האָט צו אים ניט געזאָגט שייד אָפּ אָט פון די, און סתם. דעה פון באלעבאָס אַז ער שיידט אָפּ, שיידט ער אָפּ פון די מיטעלע, און דער שליח איז געגאנגען און אָפּגעשיידט פון די בעסערע, און דער באַלעבאָס איז געקומען און געטראָפען אים, און ער האָט צו אים געזאָגט האָסט געדאַרפט געהן צו די גוטע, איז דער דין, אויב עס זיינען געפינען געוועזן בעסערע פון די, איז זיין תרומה א תרומה, אויב ניט ניט. **אמימר ומר זוטרא ורב אשי אקלעו לבוסתנא דמרי בר איסק אייתי אריסיה תמרי ורימוני ושדא קמייהו. אמימר ורב אשי אכלי מר זוטרא לא אכיל**, אמימר און מר זוטרא און רב אשי האָבען באגעגענט צום פרוכט־גאָרטען פון מרי בר איסק, האָט זיין אונטערנעמער געבראכט טייטלען און מילגרוימען און געלייגט פאַר זיי, אמימר און רב אשי האָבען געגעסען און מר זוטרא האָט ניט געגעסען צוליב גזל ווייל טאָמער איז דער באלעבאָס מקפיד, **אדהכי אתי מרי בר איסק אשכחינהו ואמר ליה לאריסיה אמאי לא אייתית להו לרבנן מהנך שפירתא?** זיצענדיג אַזוי איז אָנגעקומען דער באלעבאָס מרי בר איסק — האָט ער זיי געטראָפען און ער האָט געזאָגט צו זיין אריס ווארום האָסטו ניט געבראכט פאַר די רבנן פון די אָ שעהנסטע? **אמרו ליה אמימר ורב אשי למר זוטרא השתא אמאי לא אכיל מר, והתניא אם נמצאו יפות מהן תרומתו תרומה? אמר להו הכי אמר רבא לא אמרו כלך אצל יפות אלא לענין תרומה בלבד משום דמצוה הוא וניחא ליה, אבל הכא משום כסיפותא הוא דאמר הכי**, האָבען אמימר און רב אשי געזאָגט צו מר זוטרא יעצט ווארום עסט דער האר ניט, מיר האָבען דאָך געלערנט אויבען אויב טאקע עס געפינען זיך בעסערע פון די, איז זיין תרומה א תרומה? האָט ער צו זיי געזאָגט אַזוי האָט רבא געזאָגט, די חכמים האָבען דאָס ניט געזאָגט אַז כלך אצל יפות העלפט נאָר ביי תרומה אליין צוליב עס איז א מצוה זאָך איז אים ניחא, אָבער דאָ איז צוליב ער שעהמט זיך זאָגט ער אַזוי. **תא שמע עודהו הטל עליהן ושמח הרי זה בכי יותן, נגבו אף על פי ששמח (דף כ"ב, ע"ב) אינן בכי יותן, טעמא מאי, לאו משום דלא אמרינן כיון דאיגלאי מילתא דהשתא ניחא ליה, מעיקרא נמי ניחא ליה?** איך וועל דיך ווייטער פרעגען, מיר האָבען געלערענט (דער פסוק זאָגט כי יתן מים על זרע אַז עס וועט געגעבען ווערען וואסער אויף זאָמען, וואָס מיינט אלערליי טרוקענע עסענוואַרג, אַז זיי וועלען באנעצט ווערען,

ווערען זיי גרייט דערמיט צו מקבל זיין א טומאה, דאָס מיינט אַז אָהן באַנעצונג פריהער זיינען זיי ניט מקבל קיין טומאה, דער יתן איז געשריבען מיט א שורי"ק אונטער דער יוד, איז עס ווי גלייך עס וואָלט שטעהן יותן מיט א מלופי"ם, וואָס טייטשט זיך עס ווערט געגעבען, ווען אַפילו דורכ'ן הימעל, עס פאלט אָבער ארונטער אונטער דער מחלוקת פון יש אם למקרא אָדער מסורת, איין תנא האלט יש אם למקרא אַז הויפּטזעכליך איז ווי מען לייענט, דען די נקודות הייסען שוין תורה שבעל פה וואָס איז ניט געגעבען געוואָרען צו אויפשרייבען, איז זייער עדות ווי צו לייענען דעם וואָרט, ווייל די פאָלק לייענט אַזוי, און וואַרשיינליך איז עס אַזוי געלייענט פון משה רבינו אָן, און דער צווייטער תנא האלט אַז הויפּטזעכליך איז די מסורה פון די אותיות, און ווי צו לייענען פאַרלאָזט זיך ניט די תורה אויפ'ן בלויזען לייענען, ווייל דורך פאַרשידענע גליות און וואַנדערונגען קען אויך דאָס לייענען פאַרגרייזט ווערען, איז דעריבער, זאָלאַנג עס איז ניט פאַראַן קיין באַווייז צו דעם לייענען — ווערען געגוצט צום טייטש ביידע וועגען אי די מקרא אי די מסורת, אלזאָ דאָ שטעהט יתן ווי גלייך מיט א חירי"ק אונטער דער יוד, וואָס טייטשט זיך ער וועט געבען, וואָס מיינט מיט כוונה, און געלייענט ווערט עס יותן וואָס טייטשט זיך שוין, עס ווערט געגעבען). יעצט קומען מיר צו דער ברייתא אַז ער האָט אויסגעשפּרייט זיינע פּירות און דער טהוי איז אַרויף אויף זיי און באַנעצט, איז דער דין איז נאָך דער טהוי אויף זיי ווען ער טרעפט זיי אָן און ער איז צופרידען דערפון, קומען די פּירות אונטער'ן דין בכי יותן אלס מוכשר צו מקבל זיין א טומאה, זיינען זיי אָבער דערווייל אָפּגעטריקענט געוואָרען ביז ער האָט זיי אָנגעטראָפען, כאָטש ער איז צופרידען געווען מיט דער באַנעצונג, זיינען זיי ניט אונטער'ן דין פון בכי יותן, וואָס איז דען דער טעם וואָס זיי ווערען ניט מוכשר צו א טומאה? איז עס דען ניט נאָר צוליב ווייל מיר זאָגען ניט, וויבאלד עס איז באַוואוסט געוואָרען אַז יעצט איז אים ניחא, איז צו אים אויך פריהער געווען ניחא? אַזוי אויך דאָ ביי יאוש שלא מדעת זאָל דער שפּעטערער יאוש אויך ניט העלפען אויף פריהער, איז דאָך א קשיא אויף רבא וואָס זאָגט עס העלפט יאָ אויף פריהער? ווענדט די גמרא אָפּ שאני התם דכתיב כי יתן עד שיתן, דאָרט איז אנדערש דען עס איז געשריבען יתן אלס מסורה ווי מיט א חיריק אונטער דער יוד, וואָס טייטשט זיך ביז ער גיט אַליין מיט רצון. פרעגט די גמרא אי הכי רישא נמי? אויב צוליב יתן, דאַרף דאָך די רישא אויך זיין אַזוי אַז אפילו וועהרענד דער טהוי איז אויף זיי, און ער איז צופרידען, זאָלען זיי אויך ניט זיין אונטער בכי יותן צוליב דער מסורה כי יתן? ענטפערט די גמרא התם כדרב פפּא, דרב פפּא רמי כתיב כי יתן וקרינן כי יותן, הא כיצד? בעינן כי יותן דומיא דכי יתן, מה יתן לדעת אף כי יותן נמי לדעת. דאָרט איז ווי רב פפּא האָט געזאָגט, דען רב פּפּא האָט געפרעגט די מסורה איז דאָך ער וועט געבען און לייענען לייענען מיר יותן עס ווערט געגעבען, זיינען זיי דאָך זיך סותר, היינט ווי אַזוי איז דאָ? נאָר מיר דרש'נען ביידע אַז כי יותן איז גלייך צו כי יתן פונקט ווי יתן מיינט דאָך צו זיין באַוואוסט אַזוי אויך יותן דאַרף זיין צום באַוואוסטזיין, איז דעריבער מוז ער זעהן ווי דער טהוי איז נאָך נאַס אויף

דער פרוכט. **תא שמע דאמר ר׳ יוחנן משום ר׳ ישמעאל בן יהוצדק מנין לאבידה ששטפה נהר שהיא מותרת? דכתיב וכן תעשה לחמורו וכן תעשה לשמלתו וכן תעשה לכל אבידת אחיך אשר תאבד ממנו ומצאתה, מי שאבודה הימנו ומצויה אצל כל אדם יצאתה זו שאבודה ממנו ואינה מצויה אצל כל אדם**, איך וועל דיך ווייטער פרעגען, דען ר׳ יוחנן האָט געזאָגט פון ר׳ ישמעאל בן יהוצדק וועגען, פונוואנעט איז געדרונגען אַן אבידה וועלכע א טייך האָט איהר אָוועקגעשווענקט אַז זי איז מותר? דער פסוק זאָגט אַזוי זאָלסטו טאָן צו יעדער אבידה וואָס ווערט פאַרלוירען פון אים און דו האָסט איהר געפונען, טייטש איך דאָס נאָר אַזא אבידה וואָס פון אים איז זי פאַרלוירען, אָבער זי געפינט זיך פריי פאַר יעמאנדען, וועלכער איז מחויב צוריקצוגעבען, ארויסגענומען איז די אבידה וועלכע איז פאַרלוירען פון אים, אָבער זי געפינט זיך ניט פריי פאַר יעמאנדען נאָר ערשט ווען דער טייך ווארפט איר אָרויס, **ואיסורא דומיא דהיתירא מה היתירא בין דאית בה סימן ובין דלית בה סימן שרא, אף איסורא בין דאית בה סימן ובין דלית בה סימן אסורא תיובתא דרבא, תיובתא, והלכתא כוותיה דאביי ביע״ל כג״ם**. און דער איסור, מיינענדיג די מציאה וואָס איז מצויה אצל כל אדם, איז געגליכען צום היתר, מיינענדיג די מציאה ששטפה נהר, פונקט ווי ביים היתר, איז סיי זי האָט א סימן סיי ניט איז זי אַלץ מותר פאַר׳ן געפינער. אַזוי אויך דער איסור איז סיי זי האָט דעם סימן סיי ניט איז זי אַלץ אסור, איידער עס דער־וואוסט זיך דער באלעבאָס אַז זי איז פאַרלוירען פון אים, דאָן ערשט ווערט חל דער יאוש, אָבער פריהער ניט, זעהסט דאָך גוט אַז יאוש שלא מדעת הייסט ניט קיין יאוש? איז דאָך א קשיא אויף רבא? בלייבט די קשיא, און די הלכה איז ווי אביי ביי יע״ל כג״ם געגען רבא, די אותיות זיינען ראשי תיבות פון די הלכות, די יוד איז יאוש שלא מדעת פון דאנען, די עיי״ן איז עד זומם למפרע הוא נפסל אין סנהדרין דף כ״ז און די למ״ד איז לחי העומד מאיליו עירובין דף ט״ו, די ק״ף איז קידושין שלא נסמרו לביאה קידושין דף נ״א, די גימ״ל איז גלוי דעתא בגיטא אין גיטין דף ל״ד, און די מ״ם איז מומר אוכל נבילות להכעיס פסול לענין עדות אין סנהדרין דף ל״ד. **אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי וכי מאחר דאיתותיב רבא הני תמרי דזיקא היכי אכלינן להו? אמר ליה כיון דאיכא שקצים ורמשים דקא אכלי להו, מעיקרא יאושי מיאש מנייהו**, האָט רב אחא דער זוהן פון רבא געזאָגט צו רב אשי, וויבאלד רבא איז אָפּגעפרעגט געוואָרען און די הלכה בלייבט אַז יאוש שלא מדעת לא הוי יאוש, איז דאָך שווער, די טייטלען וואָס דער ווינד ווארפט ארונטער ווי מעגען מיר עסען, דער באַלעבאָס ווייסט דאָך ניט פון זיי אַז זיי פעהלען אים? האָט ער צו אים געזאָגט ווייל אָבער עס געפינען זיך שקצים און רמשים וועלכע עסען זיי, איז ער זיי פון אָנפאַנג באלד מיאש, וויסענדיג דאָס ער קען זיי שוין ניט האָבען. פרעגט די גמרא **יתמי דלאו בני מחילה נינהו מאי? אמר ליה באגא בארעא דיתמי לא מחזקינן**, יתומים וועלכע זיינען נאָך קליין און קענען ניט מוחל זיין, ווי איז דער דין ביי אַזאַ פאַל קעגען יאוש? האָט ער צו אים געזאָגט א גאַנצע שטיק לאנד צו רעכענען אַלס יתומים לאנד רעכענען מיר ניט,

מיר געהען לויט'ן רוב, **מוחזק ועומד מאי? כרכתא מאי? אמר ליה אסירן**, אַז דער יתום האלטענדיג די לאַנד ווי איז דער דין? אַז די לאנד איז ארומגענומען מיט ווענט, וואו שקצים און רמשים קענען ניט אריינקומען ווי איז דער דין? האָט ער צו אים געזאָגט דאַן זיינען זיי אסור: **כריכות ברשות הרבים הרי אלו שלו: אמר רבה ואפילו בדבר שיש בו סימן, דלמא קסבר רבה סימן העשוי לידרס לא הוה סימן.** אַז ער געפינט קליינע בינטלאך אין רשות הרבים געהערען זיי צו אים, האָט רבה אויף דעם געזאָגט אפילו ביי דער זאך וואָס האָט א סימן, זעהען מיר דאָך דאָס רבה האלט אַז אַ סימן וואָס קען צוטראָטען ווערען הייסט ניט קיין סימן, דען די דורכגעהער איז זייער געוואוינהייט צו טרעטען אויף די קליינע בינטלאך. **רבא אמר לא שנו אלא בדבר שאין בו סימן, אבל בדבר שיש בו סימן חייב להכריז, אלמא קסבר רבא סימן העשוי לידרס הוי סימן**, רבא זאָגט אויף דער משנה אַז זיי האָבען ניט געלערענט דעם דין פון געהערען צום געפינער, נאָר ביי אַ זאך וואָס האָט ניט קיין סימן, אָבער אַ זאך וואָס האָט א סימן, איז ער חייב צו אויסרופען, זעהען מיר דאָך פון דעם אַז רבא האלט אַז אַ סימן וואָס איז געוויינטלעך צו צוטראָטען ווערען, הייסט פונדעסטוועגען א סימן, **ואיכא דמתני להא שמעתא באנפי נפשה סימן העשוי לידרס רבה אמר לא הוי סימן ורבא אמר הוי סימן.** פאַראַן וואָס לערנען די הלכה באזונדער אַלס מחלוקת דאָס רבה האלט אַז אַזאַ הייסט ניט קיין סימן, און רבא זאָגט ער הייסט יאָ אַלס סימן, וועל איך א קשיא פרעגען פון אונזער משנה **תנן כריכות ברשות הרבים הרי אלו שלו, ברשות היחיד נוטל ומכריז, היכי דמי? אי דלית בהו סימן, ברשות היחיד מאי מכריז? אלא לאו דאית בהו סימן וקתני ברשות הרבים הרי אלו שלו, אלמא סימן העשוי לידרס לא הוי סימן תיובתא דרבא?** אין אונזער משנה לערנען מיר אַז כריכות ברשות הרבים געהערען צו אים, אָבער אין רשות היחיד מוז ער נעמען און אויסרופען, ווי שמועסט דאָ, איז ביי די כריכות ניט פאַראַן קיין סימן, וואָס זאָל ער אויסרופען אין רשות היחיד? נאָר מוז דאָך זיין ניט אנדערש אַז זיי האָבען יאָ א סימן און אויף דעם לערנט ער דאָך אַז אין רשות הרבים געהערען זיי צו אים, זעהען מיר דאָך אַז די משנה האלט, אַ סימן וואָס איז געוויינטליך צו ווערען צוטראָטען הייסט ניט קיין סימן איז דאָך א קשיא אויף רבא? **אמר לך רבא לעולם דלית בהו סימן ודקא אמרת ברשות היחיד מאי מכריז? מכריז מקום**, רבא קען דיר אזא ענטפער געבען, לעולם שמועסט וואו עס איז ניט פאַראַן ביי זיי קיין סימן, אַי וואָס דו פרעגסט אין רשות היחיד וואָס זאָל ער אויסרופען, אויב עס איז ניט פאַראַן קיין סימן? ער קען אויסרופען וועגען פלאַץ אַלס סימן, אויב יעמאנד קען זאָגען וואו איך האָב געפונען עפּעס וועט ער די זאך קריגען צוריק, **ורבה אמר מקום לא הוי סימן, דאיתמר מקום רבה אמר לא הוי סימן, ורבא אמר הוי סימן.** און רבה זאָגט אז מקום איז ניט קיין סימן, דען מיר האָבען געלערנט וועגען מקום דאָס רבה האלט עס איז ניט קיין סימן, ווייל דער באלעבאָס האלט ניט אין אכט אַזאַ סימן וואָס איז געוויינטליך צו ווערען צוטראָטען, און רבא זאָגט עס הייסט יאָ א סימן. **תא שמע כריכות ברשות הרבים הרי אלו שלו,**

ברשות היחיד נוטל ומכריז, והאלומות בין ברשות הרבים ובין ברשות היחיד נוטל ומכריז, רבה היכי מתרץ לה ורבא היכי מתרץ לה? רבה מתרץ לטעמיה בסימן , ורבא מתרץ לטעמיה במקום, איך וועל אייך פרעגען מיר האָבען געלערנט קליינע בינטעלאך אין רשות הרבים געהערען צו אים, אין רשות היחיד דאַרף ער אויסרופען, און גרויסע בינטלאך סיי אין רשות הרבים סיי אין רשות היחיד דאַרף ער אויסרופען. רבה ווי קען דאָס פאַרענטפערען און רבא ווי קען עס פאַרענטפערען? רבה פאַרענטפערט לויט זיין סברה אַז עס שמועסט מיט א סימן, און רבא פאַרענטפערט לויט זיין סברה דעם פלאַץ וואו, אַלס סימן. רבה מתרץ לטעמיה בסימן, כריכות ברשות הרבים הרי אלו שלו משום (דף כ״ג ע״א) דמדרסא, ברשות היחיד נוטל ומכריז דלא מדרסא, ואלומות בין ברשות הרבים ובין ברשות היחיד נוטל ומכריז כיון דגביהן לא מדרסא, רבה פאַרענטפערט — לויט זיין סברה מיט א סימן — אַזוי, קליינע בינטלאך אין רשות הרבים, איז זיין, צוליב דער סימן איז צוטראָטען, אין רשות היחיד דאַרף ער אויסרופען ווייל דער סימן איז ניט צוטראָטען איז יענער ניט מיאש. און גרויסע בינטלאך איז סיי אין רשות הרבים סיי אין רשות היחיד דאַרף ער אויסרופען ווייל די גרויסע זיינען הויך קען מען זיי ניט צוטרעטען מיט׳ן געהן, האלט זיך ביי זיי דער סימן, איז דער בעל הבית ניט מוחל. רבא מתרץ לטעמיה במקום, כריכות ברשות הרבים הרי אלו שלו דמינשתפא, ברשות היחיד חייב להכריז דלא מנשתפא, והאלומות בין ברשות הרבים ובין ברשות היחיד נוטל ומכריז, כיון דיקירי לא מינשתפא. און רבא פאַרענטפערט מיט׳ן במקום אַזוי, קליינע בינטלאך אין רשות הרבים זיינען זיין, ווייל דער מקום אין רשות הרבים איז ניט קיין סימן. דען די בינטלאך ווערען דורך דידורכגעהער גע־שטויסען פאַרטווערענט און אַוועקגעוואלגערט, אין רשות היחיד איז ער חייב אויסצורופען ווייל דאָרט ווערען די בינטלאך ניט געשטויסען, און די גרויסע בינטלאך סיי אין רשות הרבים סיי אין רשות היחיד דאַרף ער אויסרופען, צוליב זייער שווערקייט ווערען זיי ניט געשטויסען פון אָרט צו אָרט איז דער פלאַץ יאָ א סימן. תא שמע ככרות של נחתום הרי אלו שלו, הא של בעל הבית חייב להכריז, של בעל הבית מאי טעמא? כיון דאית בהו סימן דמידע ידיע רפתא דאיניש איניש הוא, איך וועל ווייטער פרעגען די משנה זאָגט דאָס בעקער ברויט געהער צום געפינער, אָבער פון אַ באלעבאָס דאַרף ער אויסרופען, פון אַ באלעבאָס וואָס איז די סברה? ווייל באלעבאטיש ברויט האָט א סימן דען עס איז באוואוסט ביי די ברויטען וועמענס איז וועמענס, ולא שנא רשות הרבים ולא שנא רשות היחיד נוטל ומכריז, אלמא סימן העשוי לידרס הוי סימן, תיובתא דרבה? און עס איז קיין אונטערשייד ניט, צי רשות הרבים צי רשות היחיד דאַרף ער אַלץ אויסרופען, זעהען מיר דאָך אַז א סימן וואָס איז געוויינטליך צו ווערען צוטראָטען איז א גוטער סימן איז דאָך א קשיא אויף רבה? אמר לך רבה, התם היינו טעמא משום דאין מעבירין על האוכלין, והא איכא נכרים? חיישי לכשפים, והאיכא בהמה וכלבים? באתרא דלא שכיחי בהמה וכלבים. רבה קען דיר אַזוי ענטפערען דאָרט

ביי די ברויטען וואָס זיי ווערען ניט צוטראָטען איז דער טעם, צוליב מען טאָר ניט דורגעהן און לאָזען ליגען די אוכלין, איז שוין דער באלעבאָס וואָס האָט דעם סימן, ניט מיאש, פרעגט די גמרא איבער, עס זיינען דאָך פאַראן אויך, ניט אידען וואָס געהען דורך? ענטפערט די גמרא זיי קלערען ווידער איבער צוליב כישוף, טרעטען זיי ניט אַרויף, עס איז דאָך פאַראן אויך בהמות און כלבים. וואָס עסען די ברויט, איז דאָך צוליב דעם אַליין דער באַלעבאָס מיאש? ענטפערט די גמרא עס שמועסט אין אַזאַ אָרט וואו עס איז ניט פאַראן קיין בהמות און כלבים. פרעגט די גמרא לימא כתנאי ר' יהודה אומר כל דבר שיש בו שינוי חייב להכריז כיצד? מצא עיגול ובתוכו חרס, ככר ובתוכו מעות, מכלל דתנא קמא סבר הרי אלו שלו. צי מוזען מיר זאָגען אַז די מחלוקת פון רבא מיט רבה איז די זעלבע ווי די תנאים אין אונזער משנה, דען ר' יהודה זאָגט יעדע זאַך מיט א שינוי אַז ער געפינט מוז ער אויסרופען, דהיינו ווי אַזוי? אַז ער געפינט א קרענצעל פייגען און אין מיטען איז אַרויפגעצויגען א שערבעל, אָדער אַ ברויט און אינווייניג געלד, ווייזט דאָך פון ר' יהודה אויס אַז דער ערשטער תנא האלט ביי דעם אויך אַז זיי געהערען צו אים, סברוה דכולי עלמא סימן הבא מאיליו הוי סימן ומעבירין על האוכלין, מאי לאו בסימן העשוי לידרס קא מיפלגי מר סבר לא הוי סימן ומר סבר הוי סימן. האָבען די רבנן פארשטאנען די זאַך אַז אַלע האלטען אַז אַ סימן וואָס קומט פון זיך זעלבסט הייסט א סימן ווי א שטייגער דאָ ביי א טעות צו אַרויפציהען אויך א שערבעל וועלכע ווערט אַלס סימן, אויך האלטען אַלע אַז מען מעג פאַרבייגעהן אַן עסענווארג און ניט אויפהויבען, בלייבט דאָך איבער נאָר די איינע סברה וועגען סימן העשוי לידרס, מיינט עס דען ניט אַז זיי קריגען אין דער סברה אַז דער תנא קמא האלט אַז א סימן וואָס איז געוויינטליך צו פארטראָטען ווערען הייסט ניט קיין סימן און ר' יהודה האלט אַז יאָ, די זעלבע חילוק־סברה פון רבא און רבה? אמר רב זביד משמיה דרבא אי סלקא דעתך דקא סבר תנא קמא סימן העשוי לידרס לא הוי סימן ומעבירין על האוכלין, ככרות של בעל הבית ברשות הרבים אמאי מכריז? האָט רב זביד געזאָגט אין נאָמען פון רבא, אויב עס זאָל אַרויף אויפ'ן געדאנק אַז דער תנא קמא האלט אַז סימן העשוי לידרס איז ניט קיין סימן, און אויך אַז מעבירין על האוכלין, וואָלט דאָך שווער זיין, ביי די ברויטען פון א באלעבאָס אין רשות הרבים ווארום זאָל ער דאַרפען אויסרופען? אלא אמר רב זביד משמיה דרבא דכולי עלמא סברי סימן העשוי לידרס הוי סימן ומעבירין על האוכלין, והכא בסימן הבא מאיליו קא מיפלגי דתנא קמא סבר סימן הבא מאיליו לא הוי סימן, ור' יהודה סבר הוה סימן. נאָר האָט רב זביד געזאָגט פון רבא'ס וועגען אַז אַלע האלטען א סימן העשוי לידרס איז א סימן און מען איז מעביר אויף אוכלין, נאָר דאָ קריגען זיי וועגען א סימן וואָס קען זיך מאכען פון זיך זעלבסט, דהיינו עס קען זיך ארייננמישען א געלעכערט שערבעל צווישען די פייגען און ער זאָל ארויפציהען צוזאמען מיט די פייגען, און נאכהער האלטען עס פאַר א סימן. דער תנא קמא האלט אַז דער סימן איז קיין סימן ניט, און ר' יהודה האלט עס איז יאָ אַ סימן, אַי לויט דעם וואָלט

דאָך שווער זיין אויף רבה, אויב אַלע זאָלען האלטען א סימן העשוי לידרס איז א סימן? נאָר **ורבה אמר לך דכולי עלמא סימן העשוי לידרס לא הוי סימן ואין מעבירין על האוכלין והכא בסימן הבא מאיליו קא מיפלגי, תנא קמא סבר לא הוי סימן, ור' יהודה סבר הוי סימן,** רבה קען דיר אַזוי ענטפערען אַז אלע האלטען א סימן העשוי לידרס ניט פאַר קיין סימן און מען טאָר ניט מעביר זיין אויף אוכלין דעריבער ביי פריוואטע ברויטען ווייל זיי האָבען א סימן און מען איז ניט מעביר אויף זיי דאַרף ער אויסרופען, נאָר דאָ קריגען זיי ביי אַ סימן הבא מאיליו, דער תנא קמא האלט עס איז ניט קיין סימן און ר' יהודה האלט עס יאָ פאַר א סימן. **איכא דאמרי סברוה דכולי עלמא סימן הבא מאיליו הוי סימן וסימן העשוי לידרס לא הוי סימן, מאי לאו במעבירין על האוכלין קאמיפלגי דמר סבר מעבירין ומר סבר אין מעבירין,** פאראן וואָס שטעלען אַזוי איין די מחלוקת, אַז די רבנן האָבען פאַר־שטאַנען אַזוי, אַז אלע האלטען א סימן הבא מאיליו אלס א סימן, און א סימן לידרס איז ניט קיין סימן, איז נאָך דאָ איין סברה וואו זיי קענען קריגען און דאָס איז וועגען מעבירין על האוכלין, וואָס, מיינט עס דען ניט אַז זיי קריגען טאַקע אין דער סברה, דאָס דער תנא קמא האלט מעבירין על האוכלין און ר' יהודה האלט אין מעבירין, וואָס צוליב דעם ביי אוכלין מיט א שינוי וואָס איז א סימן איז ער חייב אויסצורופען, און אין דער סברה קריגען אויך רבא מיט רבה. **אמר רב זביד משמיה דרבא אי סלקא דעתך סבר תנא קמא סימן העשוי לידרס לא הוי סימן ומעבירין על האוכלין, ככרות של בעל הבית ברשות הרבים אמאי מכריז?** האָט רב זביד געזאָגט אין נאָמען פון רבא אויב עס זאָל אַרויף אויף דיין געדאַנק אַז דער תנא קמא האלט א סימן העשוי לידרס ניט פאַר א סימן און מעבירין על האוכלין, וואָלט דאָך שווער זיין וועגען ככרות פון אַ באַלעבאָס אין רשות הרבים וואָרום ער דאַרף אויסרופען? **אלא אמר רב זביד משמיה דרבא דכולי עלמא סברי סימן העשוי לידרס הוי סימן ומעבירין על האוכלין, והכא בסימן הבא מאיליו קא מיפלגי דתנא קמא סבר סימן הבא מאיליו לא הוי סימן, ור' יהודה סבר הוי סימן,** נאָר האָט רב זביד געזאָגט אין נאָמען פון רבא, אַז אַלע האלטען א סימן לידרס פאַר אַ סימן און אויך מעבירין על האוכלין, נאָר דאָ קריגען זיי ביי א סימן מאיליו, דער תנא קמא האלט אַ סימן מאיליו איז ניט קיין סימן און ר' יהודה האלט עס יאָ פאַר א סימן, אַי אַז אלע האלטען א סימן לידרס פאַר א סימן, איז דאָך שווער אויף רבה? נאָר **ורבה אמר לך דכולי עלמא סימן העשוי לידרס לא הוי סימן ואין מעבירין על האוכלין והכא בסימן הבא מאיליו קא מיפלגי, תנא קמא סבר סימן הבא מאיליו לא הוי סימן, ור' יהודה סבר הוי סימן,** רבה קען דיר אַזוי ענטפערען אַז אלע האלטען א סימן לידרס אלס ניט קיין סימן, און אין מעבירין על האוכלין, נאָר דאָ קריגען זיי וועגען סימן מאיליו, דער תנא קמא האלט אַ סימן מאיליו אַלס ניט קיין סימן, און ר' יהודה האלט אים יאָ פאַר א סימן. **אמר רב זביד משמיה דרבא כללא דאבידתא כיון דאמר ווי לה לחסרון כים מיאש ליה מינה,** רב זביד האָט געזאָגט אין נאָמען פון רבא אַז דער כלל ביי אבידה איז, וויבאלד אַז דער באַלעבאָס זאָגט נאָר

א שאד די געלד שאדען וואס איז פארלוירען געגאנגען, הייסט שוין ער איז זיך מיאש דערפון, ארום דער הויפט סברה דרעהט זיך די גאנצע הלכה. **ואמר רב זביד משמיה דרבא הלכתא כריכות ברשות הרבים הרי אלו שלו, ברשות היחיד אי דרך נפילה הרי אלו שלו, אי דרך הנחה נוטל ומכריז, וזה וזה בדבר שאין בו סימן, אבל בדבר שיש בו סימן לא שנא ברשות הרבים ולא שנא ברשות היחיד בין דרך נפילה בין דרך הנחה חייב להכריז.** נאך האט געזאגט רב זביד אין נאמען פון רבא אז די הלכה בלייבט קליינע בינטלאך אין רשות הרבים באלאנגען צום געפינער, און אין רשות היחיד, אויב זיי ליגען אין א וועג קענטיג אלס ארונטערגעפאלען געהערען זיי צום געפינער, ווייל ניט וויסענדיג דעם ארט וואו עס איז געפאלען, קען ער דאך ניט אנגעבען דעם ארט אלס סימן, אויב קענטיג אלס אוועקגעלייגט דארף ער נעמען אויסרופען ,און סיי אלס געפאלען סיי אלס אוועקגעלייגט שמועסט ביי א זאך וואס דערין איז קיין סימן, אבער ביי מיט א סימן, איז קיין אונטערשייד ניט צי רשות הרבים צי רשות היחיד, צי דרך נפילה צי דרך הנחה איז ער אלץ חייב צו אויסרופען: (**דף כ"ג, ע"ב**) **ומחריזות של דגים: אמאי ליהוי קשר סימן? בקטרא דציידא דכולי עלמא הכי מקטרי, וליהוי מנין סימן? במנינא דשווין.** מחריזות של דגים געהערען צום געפינער, פרעגט די גמרא דערויף ווארום אזוי, זאל דער קשר זיין אלס סימן, צו זאגען ווי אזוי ער האט עס געבונדען? ענטפערט די גמרא עס איז דער געוויינליכער קשר פון די פיש־פאנגער וואס די גאנצע וועלט בינדט אזוי, פרעגט די גמרא זאל דא די צאהל פון די פיש זיין דער סימן? ענטפערט די גמרא עס שמועסט ביי א גלייכע צאהל וואס אלע פישער ציהען ארויף לויט א געוויינליכען פרייז. **בעו מיניה מרב ששת מנין הוי סימן או לא הוי סימן? אמר להו רב ששת תניתוה מצא כלי כסף וכלי נחושת גסטרון של אבר וכל כלי מתכות הרי זה לא יחזיר עד שיתן אות, או עד שיכוין משקלותיו ומדמשקל הוי סימן מדה ומנין נמי הוי סימן,** האבען די רבנן געפרעגט פון רב ששת צו מנין איז א סימן צי ניט? האט געזאגט צו זיי רב ששת, מיר האבען שוין דאס געלערנט אין א ברייתא אז איינער האט געפונען זילבערנע אדער קופערנע כלים אדער שטיקער בליי אדער וועלכע עס איז מעטאלענע כלים, זאל ער זיי ניט צוריקגעבען ביז דער פארלירער גיט א צייכען, אדער ער זאגט די פינקטליכע וואג, און ווען מיר זעהען אז די וואג איז א סימן איז די מאס און צאהל אויך א סימן: **וחתיכות של בשר: אמאי? ליהוי משקלא סימן? במשקלא דשווין ותהוי חתיכה גופה סימן או דדפקא או דאטמא מי לא תניא מצא חתיכות דגים ודג נשוך חייב להכריז, חביות של יין ושל שמן ושל תבואה ושל גרוגרות ושל זיתים הרי אלו שלו?** שטיקער פלייש געהערען צום געפינער, פרעגט די גמרא ווארום? זאל דא די וואג זיין דער סימן? ענטפערט די גמרא עס שמועסט ביי א גלייכע וואג צו שטימען צום געוויינליכען פרייז. פרעגט די גמרא זאל די שטיק אליין זיין דער סימן, פון וועלכען טייל ביי דער בהמה זי קומט, צי פון האלז צו, צי פון הינטער־חלק וואס הייסט אטמא. ער מיינט צו זאגען פון כפא ביז דער אטמא, ביי דער גאנצער בהמה פון וועלכען עס איז

טייל זי קומט, (די זייט פון קאָף הייסט דפקא אָדער כפא און דער צווייטער עק פון דער בהמה הייסט אטמא) האָבען מיר דען ניט געלערנט אַז איינער האָט געפונען שטיקער פיש אָדער אַ געביסענעם פיש איז ער חייב צו אויסרופען, אַז ער האָט געפונען פעסער ויין און אויל תבואה פייגען און אַליווען געהערען זיי צום געפינער, זעהסט דאָך גוט אַז שטיקער פיש איז אַ סימן פון וועלכען טייל ער קומט? ענטפערט די גמרא הכא במאי עסקינן בדאיכא סימנא בפסקא כי הא דרבה בר רב הונא מחתיך ליה אתלתא קרנתא, דייקא נמי דקתני דומיא דדג נשוך שמע מינה, ווייסטו ווי דאָ שמועסט ביי די שטיקער? אַז עס איז דאָ אַ סימן ביי די עקען, ווי א שטייגער עס האָט געטאָן רבה בר רב הונא, אַז ער האָט געשיקט שטיקער פלייש צו זיין פרוי דורך אַ גוי, האָט ער געשניטען אַז די שטיקער זאָלען זיין אויף דריי עקען, דו קענסט דיר אויך דרינגען פון דעם וואָס ער לערנט עס אין רייהע גלייך צום דג נשוך וואָס איז א סימן, איז גוט געדרונגען. אמר מר חביות של יין ושל שמן ושל תבואה ושל גרוגרות ושל זיתים הרי אלו שלו, והא תנן כדי יין וכדי שמן חייב להכריז? אין דער ברייתא אויבען זאָגט ער אַז זיי געהערען צום געפינער, מיר האָבען דאָך געלערנט אין א משנה אַז כדי יין און שמן איז ער חייב צו אויסרופען? אמר ר' זירא אמר רב מתניתין ברשום, האָט ר' זירא געזאָגט פון רב וועגען אַז די משנה שמועסט ביי פארשטאָפּט און פאַר־קלעפּט מיט ליים איז עס א סימן, דאַרף ער אויסרופען. פרעגט די גמרא מכלל דברייתא בפתוח, אי בפתוח, אבידה מדעת היא? אמר רב הושעיא במציף איז דאָך געדרונגען אַז די ברייתא שמועסט ביי אָפענע חביות, און אויב אָפענע איז עס דאָך אַן אבידה מיט'ן באוואוסטזיין, דען ווער לאָזט עס אָפען, ווערים זאָלען קענען אַריין? האָט רב הושעיא געזאָגט עס שמועסט וואו ער האָט בלויז צוגעשטאָפּט און ניט פאַרקלעפּט ארום, אביי אמר אפילו תימא אידי ואידי ברשום, ולא קשיא כאן קודם שנפתחו האוצרות, כאן לאחר שנפתחו האוצרות, אביי זאָגט דו קענסט אפילו זאָגען אזביידע שמועסען וואו פארשטאָפּט און פאַרקלעפּט, נאָר די ברייתא שמועסט נאָך דעם ווי די אוצרות ווייגען זיינען געעפענט געוואָרען און דאמאָלט ווערען אַלע צייטווייליג געעפענט צו נעמען פרופס פאַר'ן קויף און פאַרקויף, און צוריק פאַרקלעפּט, איז דער רשום ניט קיין סימן, ווייל א סך סוחרים קויפען פון זעלבען באַלעבאָס, אָבער די משנה שמועסט ביי דער צייט פאַר'ן סעזאָן דאמאָלט איז רשום א סימן ווייל יעדער פריוואט טוט עס אין אַן אנדער וועג, איז עס דעריבער א סימן, כי הא דרב יעקב בר אבא אשכח חביתא דחמרא לאחר שנפתחו האוצרות, אתא לקמיה דאביי, אמר ליה זיל שקול לנפשך, ווי דאָס וואו רב יעקב בר אבא האָט געפונען א פאס וויין נאָך דעם ווי די אוצרות זיינען געעפענט געוואָרען, איז ער געקומען פאַר אביי, האָט ער צו אים געזאָגט גיי נעם עס פאַר דיר, ווייל יעצט איז רשום ניט קיין סימן. בעא מיניה רב ביבי מרב נחמן מקום הוי סימן או לא הוה סימן? אמר ליה תניתוה, מצא חביות של יין ושל שמן ושל תבואה ושל גרוגרות ושל זיתים הרי אלו שלו, ואי סלקא דעתך דמקום הוי סימן לכרוז מקום? האָט רב ביבי געפרעגט פון רב נחמן,

צי איז מקום א סימן צי ניט? האָט רב נחמן געזאָגט צו אים מיר האָבען שוין דאָס געלערנט אַז איינער האָט געפונען חביות יין שמן תבואה גרוגרות און זיתים, געהערען זיי צום געפינער, און וויבאלד עס זאָל אָרויף אויף דיין געדאנק אַז מקום איז א סימן, זאָל ער אויסרופען אַז דער פאַרלירער זאָל זאָגען דעם מקום? נאָר מוז זיין אַז מקום איז ניט קיין סימן, אמר רב זביד הכא במאי עסקינן ברקתא דנהרא האָט רב זביד געזאָגט לעולם איז איבעראל מקום א סימן, נאָר ווייסטו ווי דאָ שמועסט? ביים ברעג פון טייך וואו די שיפען ברענגען צו, און די ארבעטער לאָדען אויס אַלעס צום ברעג, און די מענשען טראָגען עס איינציגווייז אַוועק, מאכט זיך אַז זיי פאַרגעסען עפּעס און אַלע זיינען דאָך גלייך פארמאכט איז עס ניט קיין סימן. אמר רב מרי מאי טעמא אמרו רבנן רקתא דנהרא לא הוי סימן? דאמרינן ליה, כי היכי דאיתרמי לדידך, איתרמי נמי לחברך, האָט רב מרי געזאָגט וואָס איז די סברה וואָס די רבנן האָבען געזאָגט אַז מקום ביי רקתא דנהרא איז ניט קיין סימן? ווייל מיר זאָגען צום פאַרלירער פונקט ווי עס האָט דיך געטראָפען, דו האָסט פאַרגעסען, אַזוי האָט אויך געטראָפען צו דיין חבר, איז ניט קיין באווייז אַז עס איז דיין. איכא דאמרי אמר רב מרי מאי טעמא אמרו רבנן מקום לא הוי סימן? דאמרינן ליה כי היכי דאתרמי לדידך האי מקום, אתרמי נמי לחברך האי מקום, טייל זאָגען אַז אַזוי האָט רב מרי געזאָגט וואָס איז דער טעם וואָס די חכמים האָבען דאָ געזאָגט אַז מקום איז ניט קיין סימן? ווייל מיר זאָגען פונקט ווי עס האָט געטראָפען צו דיר דער מקום, אַזוי האָט אויך געטראָפען צו דיין חבר דער מקום, דער צווייטער לשון באציהט זיך וואו דער פאַרלירער זאָגט פּינקטליך דעם מקום ,און דער ערשטער לשון שמועסט וואו ער זאָגט בלויז דעם שטח מקום.

ההוא גברא דאשכח כופרא בי מעצרתא, אתא לקמיה דרב, אמר ליה זיל שקול לנפשך, חזייה דהוי קא מחסם, אמר ליה זיל פלוג ליה לחייא ברי מיניה. עס איז געווען א מאן וואָס האָט געפונען פעך נעבען די פלעצער וואו מען קוועטשט די ווינען, איז ער געקומען פאַר רב פרעגען, האָט ער צו אים געזאָגט געה נעם עס פאַר דיר ווייל עס האָט ניט קיין סימן אין זיך, האָט ער אים געזעהן ווי ער איז צוריקגעהאלטען צוליב'ן קלער וועגען מקום אלס סימן. האָט רב צו אים געזאָגט אויב דו האָסט מורא, טייל־צו צו מיין זוהן א העלפט דערפון, מיינענדיג דערמיט צו זאָגען דאָס זיכער די אבידה איז מותר און מקום איז דאָ ניט קיין סימן. פרעגט די גמרא לימא קסבר רב מקום לא הוי סימן? אמר ר׳ אבא משום יאוש בעלים נגעו בה דחזא דקדחי ביה חלפי, קומט דאָך אויס צו זאָגען אַז רב האלט אַז מקום איז ניט קיין סימן? האָט ר׳ אבא געזאָגט צוליב יאוש בעלים רירט דאָ אָן וואָס רב האָט אַזוי גע'פסק'ט, ווייל ער האָט געזעהן ווי עס איז שוין געווען אָנגעוואַקסען דערויף אזא גראָז וואָס הייסט חלפי, האָבען דאָך זיכער שוין לאנג די בעלים זיך מיאש געווען דערפון:

ר׳ שמעון בן אלעזר וכו׳: מאי אנפוריא אמר רב יהודה אמר שמואל כלים חדשים שלא שבעתן העין, היכי דמי אי אית בהו סימן, כי לא שבעתן העין מאי הוי? אי דלית בהו סימן בי שבעתן העין מאי הוי? וואָס מיינט כלי אנפוריא? האָט רב יהודה געזאָגט פון שמואל וועגען עס מיינט נייע כלים וואו דער באלעבאָס האָט זיי נאָך נישט גענוג לאנג, אַז דאָס אויג.

זאל זיין אנגעזעטיגט צו דערקענען זיי מיט'ן בליק. פרעגט דיגמרא ווי שמועסט דא, האט די כלי א סימן, אז די אויג איז נאך ניט זאט איז וואס? האט זי ווידער ניט קיין סימן, אז די אויב איז זאט איז וואס, זי האט דאך ניט קיין סימן? ענטפערט די גמרא **לעולם דלית בהו סימן, נפקא מינה לאהדורי לצורבא מרבנן בטביעות עינא, שבעתן העין קים ליה בגויהו ומהדרינן ליה, כי לא שבעתן העין לא קים ליה בגווייהו ולא מהדרינן ליה**, לעולם שמועסט אז די בייע כלים האבען ניט קיין סימן, אי וואס העלפט דערביי שבעתן העין? עס איז א נפקא מיניה קעגען צוריקצוגעבען זיי צו א תלמיד חכם מיט בלויז טביעות עין, בלויז מיט דעם וואס ער דערקענט זיי אלס זיינע, איז דערביי שבעתן העין, איז געשאצט דאס ער איז זיכער ביי זיי אלס זיינע, און מען גיט אים זיי צוריק, אבער לא שבעתן העין, גיט מען אים זיי ניט צוריק. **דאמר רב יהודה אמר שמואל בהני תלת מילי עבידי רבנן דמשני במלייהו במסכת ובפוריא (דף כ"ד, ע"א) ובאושפיזא**, דען רב יהודא האט געזאגט פון שמואל וועגען ביי די דריי זאכען זיינען די רבנן געוויינטליך צו ענדערען זייער ענטפער, אז מען פרעגט זיי צי זיי זיינען בקי אין א געוויסער מסכתא, ענטפערען זיי אז ניט צוליב עניוות, וועגען בפוריא דענק איך, די גמרא זאגט אין מגילה חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ברוך מרדכי לארור המן, אז א מענש איז מחוייב אזוי זיך צו פארשיכור'ן אין פורים ביז ער ווייסט ניט צווישען ברוך מרדכי און ארור המן. פונדעסטוועגען אז מען פרעגט זיי נאך פורים צי זיי האבען זיך אזוי פארשיכור'ט זאגען זיי אז ניט, ווייל פארט איז עס נאכהער ניט קיין כבוד, און אושפיזא מיינט דא א גאסטהויז פאר געלד, אז מען פרעגט זיי צי זיי זיינען דארט געווען צופרידענגעשטעלט מיט גוט עסען, זאגען זיי אימער אז ניט אזוי עקסטרא, פונדעסטוועגען געה איך דארט, דאס טוט ער צוליב ניט ארויסצורופען א שלעכטען שם אויף זיך דאס ער זוכט נאך די אכילה. **מאי נפקא מינה? אמר מר זוטרא לאהדורי ליה אבידתא בטביעות עינא, אי ידעינן ביה דלא משני אלא בהני תלת, מהדרינן ליה, ואי משני במילי אחריני, לא מהדרינן ליה**, געגען וואס איז דא די נפקא מינה? האט מר זוטרא געזאגט, קעגען צוריקצוגעבען צו א תלמיד חכם אן אבידה מיט בלויז טביעות עין, ווייסען מיר אין אים אז ער איז ניט משנה נאר ביי די דריי זאכען, גיט מען אים צוריק מיט בלויז טביעות עין, און אויב ער איז משנה ביי נאך זאכען, גיט מען אים ניט צוריק. **מר זוטרא חסידא אגניב ליה כסא דכספא מאושפיזא, חזיא לההוא בר בי רב דמשי ידיה ונגיב בגלימא דחבריה, אמר היינו האי, דלא איכפת ליה אממונא דחבריה, כפתיה ואודי**, מר זוטרא חסידא וואס האט געהאט א גאסט-הויז איז ביי אים גע'גנב'עט געווארען א זילבערנע כוס פונ'ם גאסט הויז, און ביי אים זיינען ניט איינגעשטאנען נאר רבנים און זייערע משמשים, האט ער נאכגעקוקט און געקלערט ווער דאס האט געקענט טאן? ביז ער האט דערזעהן איין תלמיד ווי ער וואשט זיך און ווישט זיך אפ מיט יענעמס קלייד, האט ער געזאגט זיכער דאס ער איז דאס, ווייל עס הארט אים ניט אויף יענעמס געלד, האט ער אים באצוואונגען ביז ער האט מודה געוועזן. **תניא מודה ר' שמעון בן אלעזר**

**בכלים חדשים ששבעתן העין שחייב להכריז, ואלו הן כלים חדשים שלא שבעתן העין שאינו חייב להכריז, כגון בדי מחטין וצינוריות ומחרוזות של קרדומות,** מיר האָבען געלערנט אַז ר' שמעון בן אלעזר איז מודה ביי נייע כלים וואו די אויג פונ'ם באלעבאָס איז שוין אָנגעזעטיגט מיט זיי, דאָס ער איז חייב צו אויסרופען און די זיינען דאָס די נייע כלים וואָס זיינען פאַרעכענט אַלס לא שבעתן העין ווייל א תלמיד חכם באנוצט זיך ווייניג מיט זיי, די איז מען ניט חייב צו אויסרופען, ווי א שטייגער שטיקלאך אלס הענגערס פאַר נאָדלען און שפיג־נאָדלען און הענגערס פאר לאָפּאָטעס און גראָב־איינזענס. (די פינקטליכקייט פון די נעמען פון די כלים קען מען היינט ניט וויסען, צוליב דעם לאַנגען גלות אין וועלכען אונזער שפראך האָט געהאט א לאנגען שלאָף, און יעצט ביי איהר תחיה וואו פרייע האָבען איר אויפגעריכט, האָבען זיי מסתמא פילעס ניט מכוון געווען און גענדערט, צוליב זיי האָבען אין ערשטען פיריאָד ניט געארבעט מיט אונזער גרויסען אוצר התלמוד און מדרשים). **כל אלו שאמרו אימתי מותרים? בזמן שמצאן אחד אחד, אבל מצאן שנים שנים חייב להכריז,** די אלע וואָס די חכמים האָבען דאָ געזאָגט, ווען זיינען זיי מותר? אין צייט ווען ער געפינט זיי איינציגווייז, אָבער אַז ער האָט זיי געפונען צו צוויי, איז ער חייב צו אויסרופען, ווייל מעהר איז שוין די צאָהל אַ סימן. **מאי בדי? שוכי, ואמאי קרו ליה בדי? דבר דתלו ביה מידי בד קרו ליה, כי ההוא דתנן התם עלה אחד בבד אחד,** וואָס מיינט דאָ בדי? שוכי, אַזא הענגער אָדער ריטעל מיט אַרויסשטארענדע שטיקלאך ווי צווייגעלאך, און וואָרום רופט מען זיי בדי? א זאַך וואָס מען הענגט אָן עפּעס, רופט מען בד, ווי א שטייגער די משנה וואָס מען האָט דאָרט געלערנט עלה אחד בבד אחד אַז אפילו נאָר איין בלעטעל איז פאַראן ביי איין ריטעל איז זי אויך כשר אַלס ערבה צום לולב. **וכן היה ר' שמעון בן אלעזר אומר המציל מן הארי ומן הדוב ומן הנמר ומן הברדלס ומן זוטו של ים ומשלוליתו של נהר,** און אַזוי פלעגט ר' שמעון בן אלעזר זאָגען אַז איינער איז מציל פון א לייב פון א בער פון א לעמפערט פון א ברדלס און פון צוריק־קערונג פון ים ביים ברעג וואו זי ווארפט אַרויס פון זיך פאַרכאפּטע זאכען. עס איז פאַראן ביים ים שעה'ן ווען דער ים העכערט זיך, און שעה'ן ווען ער פאַרקלענערט זיך, דאמאָלט רוקט זיך אָפּ ווייט פון ברעג און לאָזט איבער די פאַרכאפּטע זאכען, אָדער ער איז מציל פון די פאַרכאפּטע זאכען פון טייך **המוצא בסרטיא ופלטיא גדולה ובכל מקום שהרבים מצויין שם, הרי אלו שלו, מפני שהבעלים מתיאשין מהן,** אָדער ער געפינט אין די גרויסע וועגען מיט סטאַציעס און אין יעדען פלאַץ וואו נאָר א רבים פאַרקערען דאָרט, באלאנגען זיי צו אים, צוליב די בעלים זיינען זיך מיאש פון זיי. **איבעיא להו כי קאמר ר' שמעון בן אלעזר ברוב כנענים, אבל ברוב ישראל לא, או דלמא אפילו ברוב ישראל נמי אמר?** האָבען די בני הישיבה געפרעגט צי האָט ר' שמעון בן אלעזר געמיינט צו זאָגען דעם דין דאָ נאָר ביי רוב גוים, אָבער ביי רוב אידען ניט, אָדער פיליכט ביי רוב אידען האָט ער אויך געזאָגט אַז זיי געהערען צום געפינער? **אם תמצי לומר אפילו ברוב ישראל נמי**

אמר, פליגי רבנן עליה או לא פליגי, ואם תמצי לומר פליגי, ברוב ישראל ודאי פליגי, ברוב כנענים פליגי או לא פליגי? און אויב דו קענסט זאָגען אז ר' שמעון בן אלעזר זאָגט אויך דעם דין ביי רוב ישראל, פרעגט איך דיך צי קריגען אויף אים די רבנן צי ניט, און אויב דו קענסט זאָגען אַז די רבנן קריגען, איז ביי רוב ישראל געוויס אַ זיי קריגען, נאָר איך פרעג דיך צי זיי קריגען אויך ביי רוב כנענים צי ניט? און אויב דו קענסט זאָגען אַז זיי קריגען אויך ביי רוב כנענים פרעג איך דיך צי די הלכה איז ווי ער, אָדער ניט ווי ער, אם תמצי לומר הלכה כמותו דוקא ברוב כנענים או אפילו ברוב ישראל? און אויב דו קענסט זאָגען אַז די הלכה איז ווי ער, פרעג איך דיך צי נאָר ביי רוב כנענים איז די הלכה ווי ער, צי אפילו ביי רוב ישראל איז אויך אַזוי די הלכה? תא שמע המוצא מעות בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ובכל מקום שהרבים מצויין שם הרי אלו שלו מפני שהבעלים מתיאשין מהן, מאן שמעת ליה דאזיל בתר רובא? ר שמעון בן אלעזר, שמעת מינה אפילו ברוב ישראל נמי, קום פארשטעה ווי איך וועל דיר פושט זיין, מיר האָבען געלערנט אַז איינער געפינט מעות אין בתי כנסיות אָדער אין בתי מדרשות און איבעראל וואו דער רבים פאַרקערט דאָרט, געהערען זיי צום געפינער, צוליב די בעלים זיינען זיך מיאש פון זיי. ווער האָט דען געלאָזט הערען אַז מען געהט נאָך א רבים ביי א מציאה? ר' שמעון בן אלעזר, איז דאָך פון דער ברייתא געדרונגען אַז אפילו ביי רוב ישראל איז אויך דער זעלבער דין, ווען אפילו די זאך איז מיט א סימן. ווענדט די גמרא אָפּ, הכא במאי עסקינן? במפוזרין, אי במפוזרין מאי אריא מקום שהרבים מצוין שם, אפילו אין הרבים מצויין שם? לעולם זאָגען מיר אז מיט א סימן דארף מען יאָ אויס־רופען, נאָר ווייסטו ווי דאָ שמועסט? וואו די געלד איז געפונען געוואָרען צו־שאָטען האָט עס ניט קיין סימן, פרעגט די גמרא אויב צושאָטען וואָס כאפט ער עפּעס אָן ווענען א רבים דאָרט, אפילו אָהן א רבים איז דאָך דער דין אויך אַזוי אויב אָהן א סימן? אלא לעולם בצרורין, והכא במאי עסקינן? בבתי כנסיות של כנענים, בתי מדרשות מאי איכא למימר? בתי מדרשות דידן דיתבי בהו כנענים, השתא דאתית להכי, בתי כנסיות נמי דידן דיתבי בהו כנענים, נאָר זאָגט די גמרא לעולם שמועסט ביי געבונדענע וואָס איז אַ סימן, אַי איז דאָך א באַווייז אַז צוליב'ן רבים ישראל געהער די מציאה אויך צום געפינער? נאָר ווייסטו ווי דאָ שמועסט? ביי בתי כנסיות פון כנענים. פרעגט די גמרא איבער וואָס ווער סטו ענטפערען אויף בתי מדרשות וואָס איז זיכער אידיש? ענטפערט די גמרא עס מיינט טאקע אונזערע מדרשות נאָר עס זיצען אין זיי כנענים. איצט אַז דו ביזט שוין געקומען דערויף אַז עס זיצען דאָרט כנענים, קענסטו שוין אויך אַזוי זאָגען ביי די בתי כנסיות, אַז זיי זיינען אונזערע נאָר עס זיצען דאָרט כנענים. תא שמע מצא בה אבידה, אם רוב ישראל חייב להכריז, אם רוב כנענים אינו חייב להכריז, מאן שמעת ליה דאמר אזלינן בתר רובא? ר' שמעון בן אלעזר, שמעת מינה כי קאמר ר' שמעון בן אלעזר ברוב כנענים, אבל ברוב ישראל לא, קום איך וועל דיר פושט זיין, מיר האָבען געלערנט אַז איינער האָט געפונען אַן אבידה אין א שטאָט פון אידען מיט ניט אידען, איז דער דין אויב עס איז דאָרט

רוב אידען מוז ער אויסרופען, ביי רוב כנענים איז ער ניט חייב צו אויסרופען, ווער האָט דען געלאָזט הערען צו זאָגען די סברה אַז מיר געהען נאָכ'ן רבים? ר' שמעון בן אלעזר, איז דאָך געדרונגען אַז ווען זאָגט ר' שמעון בן אלעזר אַזוי? ביי רוב כנענים, אָבער ביי רוב ישראל איז ניט אַזוי, ווענדט די גמרא אָפּ לעולם האלט ר' שמעון בן אלעזר אַזוי, אויך ביי רוב ישראל, אַי די ברייתא זאָגט דאָך ריין אַרויס דעם אונטערשייד צווישען ישראל און כנעני? הא מני? רבנן היא, תפשוט מינה דמודו ליה רבנן לר' שמעון בן אלעזר ברוב כנענים? אלא לעולם ר' שמעון בן אלעזר היא ואפילו ברוב ישראל נמי והכא במאי עסקינן בטמון. נאָר ווייסטו ווי ווער די ברייתא קומט אויס? ווי די רבנן. אויב אַזוי פרעגט די גמרא זיי דיר ווייניגסטענס פּושט אַז די רבנן זיינען מודה צו ר' שמעון בן אלעזר ביי רוב כנענים אַז די אבידה געהערט צום געפינער? נאָר זאָגט די גמרא לעולם קומט די ברייתא אויס ווי ר' שמעון בן אלעזר וואָס האלט דעם דין ביי אפילו רוב ישראל, אַי די ברייתא מאכט דאָך דעם אונטערשייד צווישען ישראל און ניט ישראל? נאָר ווייסטו ווי דאָ שמועסט? וואו די אבידה איז באהאלטען, איז דעריבער ביי רוב ישראל מחויב צו אויס־רופען. פרעגט די גמרא אי בטמון מאי עבידתיה גביה והתנן מצא כלי באשפה מכוסה לא יגע בו, מגולה נוטל ומכריז? כדאמר רב פפא באשפה שאינה עשויה לפנות, ונמלך עליה לפנותה, אויב די אבידה איז באהאלטען וואָס טוט זי ביי אים, מיר האָבען דאָך געלערנט אַז איינער האָט געפונען א כלי אין מיסט, איז זי צוגעדעקט אַלס באהאלטען, זאָל ער ניט רירען, איז זי אָפּגע־דעקט, זאָל ער נעמען און אויסרופען? ענטפערט די גמרא עס איז ווי רב פפא האָט געזאָגט אַז דאָ שמועסט ביי אזא מיסט וואָס איז אָוועקגעלייגט געוואָרען פאַר א לענגערע צייט, ניט אויף באלד אוועקצוראמען, דעריבער האָט יענער זיך פאַרלאָזט צו האלטען די כלי דאָרט פאַרבאהאלטען. און דערווייל האָט ער זיך באַראָטען, איהר באלד צו אָוועקראמען, האָט ער דאָך איהר געמוזט נעמען, איז דער דין אַז ביי רוב ישראל דאַרף ער אויסרופען. (דף כ"ד, ע"ב) ואי בעית אימא לעולם רבנן, מי קתני הן שלו, אינו חייב להכריז קתני, ויניח וייתי ישראל ויהיב ביה סמנא ושקיל, און אַז דו ווילסט וועל איך דיר ענטפערען אַז לעולם קומט די ברייתא ווי די רבנן, אַי קען מען דאָך פּושט זיין אַז זיי זיינען מודה ביי רוב כנענים אַז די מציאה געהערט צום געפינער? ניט מעהר, לערנט ער דען אַז די מציאה איז זיין, ער לערנט דאָך בלויז אַז ער איז ניט חייב צו אויסרופען, מיינט די ברייתא דערמיט אַז ער זאָל עס לאָזען אַזוי ליגען, ביז א ישראל וועט קומען געבען א סימן אַז עס איז זיין און ער וועט עס נעמען. תא שמע דאמר רב אסי מצא חבית יין בעיר שרובה כנענים מותרת משום מציאה ואסורה בהנאה, בא ישראל ונתן בה סימן מותרת בשתיה למוצאה, קום איך וועל דיר פּושט זיין רב אסי האָט געזאָגט אַז איינער האָט געפונען א פאַס וויין אין א שטאָדט וואו איהר מערהייט זיינען כנענים איז דער וויין מותר אַלס מציאה, אָבער אסור פאַר הנאָה, איז געקומען א ישראל און געגעבען א סימן אַלס זיינע, איז דער וויין מותר געוואָרען צום טרינקען פאַר'ן געפינער, ווייל דער באלעבאָס האָט דאָך פריהער געהאַט מיאש געווען,

צוליב רוב כנענים, כמאן? כר' שמעון בן אלעזר, שמע מינה כי קאמר ר' שמעון בן אלעזר? ברוב כנענים, אבל ברוב ישראל לא, ווי ווער קען די זאך פון רב אסי אויסקומען? ווי ר' שמעון בן אלעזר, איז דאך גערדרונגען אז ווען זאגט ר' שמעון בן אלעזר דעם דין אז עס געהערט צום געפינער? נאר ביי א רוב כנענים, אבער ביי רוב ישראל ניט. ווענדט די גמרא אפ לעולם אימא לך ר' שמעון בן אלעזר אפילו ברוב ישראל נמי קאמר, ורב אסי סבר לה כוותיה בחדא ופליג עליה בחדא, לעולם קען איך דיר זאגען אז ר' שמעון האלט אזוי אפילו ביי רוב ישראל, ניט מער רב אסי האלט ווי ר' שמעון מיט איין זאך אז ביי רוב כנענים געהער די מציאה צום געפינער און קריגט אויף אים מיט איין זאך אז ביי רוב ישראל דארף ער אויסרופען. פרעגט די גמרא וכי מאחר דאסירא בהנאה מותר משום מציאה למאי הלכתא? אמר רב אשי לקנקנה, וויבאלד דער וויין איז אסור פאר הנאה, מיט וואס קען עס מותר זיין צוליב מציאה? האט רב אשי געזאגט מותרת מיינט ער דא צוליב'ן קרוג אדער די פעסעל וואס ער קען נוצען: ההוא גברא דאשכח ארבע זוזי דצייררי בסדינא ושדו בנהר בירן, אתא לקמיה דרב יהודה, אמר ליה זיל אכריז, והא זוטו של ים הוא? שאני נהר בירן כיון דמתקיל לא מיאש. עס איז געווען דער מאן וואס האט געפונען פיר זוז וועלכע זיינען געווען איינגעבונדען אין ליילאך און ארייגעווארפען אין טייך בירן, איז ער געקומען פאר רב יהודה, האט ער צו אים געזאגט גיה רוף אויס. פרעגט די גמרא עס איז דאך פון צוריקטרעטענדען ים וואס האט איבערגעלאזט? ענטפערט די גמרא דער נהר בירן איז אנדערש צוליב ער איז פול מיט שטיינער און פארהאלטען קען ער סייווי ניט פארשלעפען איז דער באלעבאס ניט מיאש, פרעגט די גמרא והא רובא כנענים ניינהו, שמע מינה אין הלכה כר' שמעון בן אלעזר אפילו ברוב כנענים? שאני נהר בירן דישראל סכרו ליה וישראל כרו ליה, כיון דישראל סכרו ליה אימור מישראל נפל, וכיון דישראל כרו ליה לא מיאש, עס זיינען דאך דארט רוב כנענים, איז דאך גערדרונ־גען אז די הלכה איז ניט ווי ר' שמעון בן אלעזר אפילו ביי רוב כנענים? ענטפערט די גמרא דער טייך בירן איז אנדערש, דען ישראלים האלטען אים פארשטאפט און זיי האלטען אים צוריק אויפגעגראבען צו ארויסלאזען די וואסער. וויבאלד זיי האבען אים פארשטאפט, זאגען מיר אז פון א ישראל איז עס ארייגעפאלען, און וויבאלד ישראלים האבען אים אויפגעגראבען, פארלאזט זיך דער פארלירער אויף דעם איז ער ניט מיאש. רב יהודה הוה שקיל ואזיל בתריה דמר שמואל בשוקא דבי דיסא, אמר ליה מצא כאן ארנקי מהו? אמר ליה הרי אלו שלו. בא ישראל ונתן בה סימן מהו? אמר ליה חייב להחזיר, רב יהודה האט גענומען נאכגעהן מר שמואל'ן אין מארק פון דיסא, האט ער געזאגט צו מר שמואל אז איינער געפינט דא א בייגארטעל מיט געלד ווי איז דער דין? האט ער צו אים געזאגט עס געהער צו אים, אז א ישראל איז נאכהער געקומען און אנגעגעבען א סימן ווי איז דער דין? האט ער צו אים געזאגט ער איז מחויב צוריקצוגעבען, האט רב יהודה געפרעגט תרתי? אמר ליה לפנים משורת הדין, כי הא דאבוה דשמואל אשכח

**הנך חמרי במדברא ואהדרינהו למרייהו לבתר תריסר ירחי שתא לפנים משורת הדין,** דו מיינסט דאָ צו אָנווענדען ביידע זאכען, אי עס געהער צום געפינער אי ער זאָל צוריקגעבען? האָט מר שמואל געזאָגט צו אים איך מיין על פי יושר, ווי די זאך פון אבוה דשמואל, ער האָט געפונען אייזלען אין דער מדבר, האָט ער זיי צוריקגעגעבען צום באלעבאָס שוין נאָך צוועלף חדשים אַלס יושר. **רבא הוה שקיל ואזיל בתריה דרב נחמן בשוקא דגלדאי ואמרי לה בשוקא דרבנן, אמר ליה מצא כאן ארנקי מהו? אמר ליה הרי אלו שלו, בא ישראל ונתן בה סימן מהו? אמר ליה הרי אלו שלו, והלא עומד וצווח? נעשה כצווח על ביתו שנפל ועל ספינתו שטבעה בים.** רבא האָט געגומען זיך און נאָכגעגאנגען נאָך רב נחמן אין מארק פון גלדאי וואו מען מאכט די רצועות, און טייל זאָגען אין מארק וואו עס זיצען די רבנן, האָט רבא צו אים געזאָגט אז מען געפינט דאָ א בייגארטעל מיט געלד ווי איז דער דין? האָט ער צו אים געזאָגט געהער עס צו אים. האָט ער צו אים געזאָגט אַז א ישראל איז אָנגעקומען און געגעבען א סימן, ווי איז דער דין? עס געהער צו אים. האָט ער געפרעגט ער שטעהט דאָך און שרייט? נו איז עס ווי איינער שרייט אויף זיין הויז וואָס איז איינגעפאַלען אָדער אויף זיין שיף וואָס איז געזונקען אין ים. **ההוא דיו דשקיל בשרא בשוקא ושדיה בצנייתא דבי בר מריון, אתא לקמיה דאביי, אמר ליה זיל שקול לנפשך,** א רוב־פויגעל האָט גענומען א שטיק פלייש אין מארקעט און אַריינגעוואָרפען אין אַ פלאַץ פון טייטעלבוימען פון בר מריון, איז ער געקומען פרעגען פאַר אביי, האָט ער צו אים געזאָגט געה נעם עס פאַר דיר, פרעגט די גמרא **והא רובא דישראל נינהו, שמעת מינה הלכה כר' שמעון בן אלעזר אפילו ברוב ישראל? שאני דיו דכזוטו של ים דמי,** דער פלאַץ איז דאָך רוב ישראל, קענסט דאָך דריגגען דערפון אַז די הלכה איז ווי ר' שמעון בן אלעזר אפילו ביי רוב ישראל? ווענדט די גמרא אָפּ, דער רויב-פויגעל איז אנדערש, דען ער איז גלייך ווי דער זוטו של ים וואָס מען איז מציל פון אים ווי אויבען געזאָגט. פרעגט די גמרא **והא אמר רב בשר שנתעלם מן העין אסור? בעומד ורואהו,** רב האָט ער דאָך געזאָגט אַז פלייש ווערענדיג פאַרהוילען פון אויג איז אסור? ענטפערט די גמרא עס שמועסט וואו ער שטעהט און זעהט אים ארונטערוואַרפענדיג די שטיק פלייש: **ר' חנינא מצא גדי שחוט בין טבריא לציפורי והתירוהו לו, אמר ר' אמי התירוהו לו משום מציאה כר' שמעון בן אלעזר, משום שחיטה כר' חנניא בנו של ר' יוסי הגלילי,** ר' חנינא האָט געפונען א גע־שאָכטענע ציגעלע צווישען טבריא און ציפורי, און מען האָט אים מתיר געמאכט פאַר אים, האָט ר' אמי געזאָגט מען האָט אים מתיר געמאכט וואָס אנבעלאַנגט מציאה ווי ר' שמעון בן אלעזר, און וואָס אנבעלאַנגט שחיטה ווי ר' חנניא דער זוהן פון ר' יוסי הגלילי, **דתניא הרי שאבדו לו גדיו ותרנגוליו והלך ומצאן שחוטין ר' יהודה אוסר ור' חנניא בנו של ר' יוסי הגלילי מתיר,** דען מיר האָבען געלערנט אַז עס איז איינעם פאַרלוירען געגאנגען זיינע ציגעלעך און הינער און אַזוי זוכענדיג האָט ער זיי געפונען אַלס געשאָכטען, ר' יהודה אסור'ט, און ר' חנניא דער זוהן פון ר' יוסי הגלילי איז מתיר. **אמר רבי נראין דברי**

ר׳ יהודה כשמצאן באשפה ודברי ר׳ חנניא בנו של יוסי הגלילי כשמצאן בבית, האט רבי געזאגט עס קוקט צו מיר אויס ר׳ יהודה׳ס רייד אלס גילטיג, וואו ער געפינט זיי אין מיסט, און די רייד פון ר׳ חנניא אז ער געפינט זיי אין הויז. מדהתירוהו לו משום שחיטה רובא ישראל נינהו שמעת מינה הלכה כר׳ שמעון בן אלעזר אפילו ברוב ישראל? אמר רבא רוב כנענים ורוב טבחי ישראל, ווען איך זעה מען האט פאר אים מתיר געמאכט וואס אנבעלאנגט שחיטה מוז זיין דארט איז רוב ישראל. קענסטו דאך דרינגען דערפון אז די הלכה איז ווי ר׳ שמעון בן אלעזר אפילו ביי רוב ישראל? האט רבא געזאגט עס שמועסט ביי רוב כנענים אין דעם פלאץ נאר מיט רוב קצבים ישראלים. רבי אמי אשכח פרגיות שחוטות בין טבריא לציפורי אתא לקמיה דר׳ אסי ואמרי לה לקמיה דר׳ יוחנן, ואמרי לה בי מדרשא ואמרי ליה זיל שקול לנפשך, רבי אמי האט געפונען געשאכטענע טייבעלאך צווישען טבריא און ציפורי, איז ער געקומען פאר ר׳ אסי און טייל זאגען פאר ר׳ יוחנן און טייל זאגען אין בית המדרש, האבען זיי צו אים געזאגט געה און נעם עס פאר דיר, ר׳ יצחק נפחא אשכח קיבורא דאזלי ביה אזלויי, אתא לקמיה דר׳ יוחנן ואמרי לה בבי מדרשא ואמרי ליה זיל שקול לנפשך, ר׳ יצחק נפחא האט געפונען אזוינע קנוילען מיט דינעם שפאגאט וואס מען שטריקט מיט אים נעצען מיט וואס עס געהען די פאנגער, איז ער געקומען פאר ר׳ יוחנן, און טייל זאגען אין בית המדרש איז ער געקומען פרעגען, האט מען צו אים געזאגט געה און נעם עס פאר דיר, דו דארפסט ניט אויסרופען: מתני׳, ואלו חייב להכריז מצא פירות בכלי או כלי כמות שהוא מעות בכים או כים כמות שהוא צבורי פירות צבורי מעות, און די זאכען איז ער חייב צו אויסרופען, אז ער האט געפונען פירות אין א כלי אדער די כלי אליין ווי זי באשטעהט אלס ליידיג, געלד אין א בייטעל אדער דעם בייטעל אלס ליידיג, בינטלעך פירות בינטלאך געלד, (דף כ״ה, ע״א) שלשה מטבעות זה על גב זה כריכות ברשות היחיד וכיכרות של בעל הבית, וגיזי צמר הלקוחין מבית האומן, כדי יין וכדי שמן הרי אלו חייב להכריז, דריי מטבעות איינע אויף די אנדערע איינגעוויקעלט געפינענדיג אין רשות היחיד, און ברויטען פון א בעל הבית און געשוירענע וואל געקויפט פון א בעל מלאכה, קרוגען וויין און אויל, די זאכען איז ער חייב צו אויסרופען, ווייל אין זיי איז פאראן סימנים איז דער פארלירער פון זיי זיך ניט מיאש: גמ׳, זאגט די גמרא טעמא דמצא פירות בכלי ומעות בכים, הא כלי ולפניו פירות, כים ולפניו מעות הרי אלו שלו, תנינא להא, דתנו רבנן מצא כלי ולפניו פירות, כים ולפניו מעות הרי אלו שלו. די משנה זאגט דא וועגען פירות אין דער כלי און די געלד אין די בייטעל, צייגט עס אז אבער די פירות נעבען דער כלי און די געלד נעבען דעם בייטעל, געהערען שוין די פירות מיט׳ן געלד צום געפינער, און מיר האבען שוין טאקע געלערענט לויט דעם געדראנג די זאך בפירוש אין א ברייתא, דען די רבנן האבען געלערענט אז ער האט געפונען א כלי און נעבען איהר די פירות, אדער א בייטעל און נעבען אים די געלד געהערען די פירות און די געלד צום געפינער. מקצתן

בכלי ומקצתן על גבי קרקע, מקצתן בכים ומקצתן על גבי קרקע חייב להכריז ורמינהו. טיילווייז אין דער כלי און טיילווייז אויף דער ערד, טיילווייז אין בייטעל און טיילווייז אויף דער ערד איז ער חייב צו אויסרופען, ווען איך דיך אויף דעם פאראיינאנדער, פרעגען, מצא דבר שאין בו סימן בצד דבר שיש בו סימן חייב להכריז, בא בעל סימן ונטל את שלו זכה הלה בדבר שאין בו סימן, מיר האבען געלערנט אז איינער האט געפונען א זאך וואס האט ניט קיין סימן נעבען א זאך וואס האט יא א סימן איז ער חייב צו אויסרופען אויף ביידע זאכען, איז געקומען דער בעל סימן און גענומען זיינס און געזאגט אז די זאך נעבען באלאנגט ניט צו אים, האט דער געפינער זוכה געווען די זאך וואס האט ניט קיין סימן, זעהסט דאך גוט אז אויף די פירות און געלד דערנעבען דארף ער אויך אויסרופען צוליב עס איז אנגענומען אז פון דער כלי און כיס זיינען זיי ארויסגעפאלען? אמר רב זביד לא קשיא הא בכובא וכיתנא הא בצנא ופירי, רב פפא אמר הא והא בצנא ופירי ולא קשיא הא דאישתייר בה מידי הא דלא אשתייר בה מידי, האט רב זביד געזאגט עס איז ניט קיין קשיא די ברייתא וואס לערנט לויט'ן גדראנג פון אונזער משנה אז די פירות מיט'ן געלד געהערען צום געפינער שמועסט ביי א קעסעל און נעבען אים די פלאקס, ווייל זיכער דער פלאקס איז פון דעם קעסעל ניט ארויסגעפאלען, דען אויב יא וואלט עפעס איבערגעבליבען און אזוי ביי געלד, און די ברייתא וואס לערנט ער איז חייב צו אויסרופען שמועסט ביי א זעקעל מיט די פירות נעבען וואס איז דער שטייגער זיי זאלען זיך ארויסגעליטשען אינגאנצען, רב פפא האט געזאגט ביידע ברייתות קענען שמועסען ביי א צנא און פירות און עס איז פונדעסטוועגען ניט קיין קשיא די ברייתא וואס איז מחייב צו אויסרופען שמועסט וואו עס איז נאך עפעס פארבליבען אין דער כלי, און די ברייתא וואס זאגט זיי געהערען צום געפינער שמועסט וואו עס איז גארניט פארבליבען אין דער כלי. אי בעית אימא הא והא דלא אשתייר בה מידי ולא קשיא הא דמהדרי אפיה לגבי פירי, הא דלא מהדרי אפיה לגבי פירי, און אז ווילסט וועל דיר ענטפערען אז ביידע שמועסען וואו עס איז גארניט פארבליבען אין דער כלי און פונדעסטוועגען איז ניט שווער ווייל איינע שמועסט וואו די עפענונג פון דער כלי איז אהערגעווענדט צו די פירות, איז א סברה אז זיי זיינען פון דער כלי ארויס און די צווייטע ברייתא שמועסט וואו די עפענונג איז ניט אויסגעדרייט צו די פירות, ואי בעית אימא הא והא דמהדרי אפיה לגבי פירי ולא קשיא הא דאית לה אוגנין לצנא, הא דלית לה אוגנין לצנא, און אז ווילסט וועל דיר ענטפערען אז די און די שמועסען וואו די עפענונגען פון דער כלי זיינען געווען אהערגדערעהט צו די פירות און פונדעסטוועגען איז ניט קיין קשיא ווייל די ברייתא וואס איז ניט מחייב צו אויסרופען שמועסט ביי א כלי וואס האט אריינגעבויגענע ראנד ארום וואס האלט צוריק די פירות פון ארויספאלען, איז א סברה אז די פירות נעבען זיינען פון דער כלי ניט ארויסגעפאלען, און די ברייתא וואס איז יא מחייב אויסרופען שמועסט וואו די כלי האט ניט קיין אריינגעבויגענע ראנד ארום, איז צו באווייז אז די פירות זיינען פון דער כלי

יא ארויסגעפאלען: **צבורי פירות וצבורי מעות: שמעת מינה מנין הוה סימן?** **תני צבור פירות, שמעת מינה מקום הוי סימן?** **תני ציבורי פירות**, די משנה שמועסט דאך וועגן מעהרער בינטלאך קענסטו דאך דרינגען אז מנין איז א סימן? ענטפערט די גמרא דו קענסט לערנען אז די משנה מיינט, נאר וועגן איין בינטעל, און דער לשון רבים צבורי באציהט זיך אויף די פירות, אויב אזוי פרעגט די גמרא איבער קענסטו דאך ווידער דרינגען אז מקום איז א סימן? ענטפערט די גמרא דו קענסט דאך אבער אויך לערנען אז דער לשון רבים באציהט זיך אויף די מעהרערע בינטלאך, ווייסטו דאך שוין ניט די איינציגע כוונה פון דער משנה וועלכע זי נעמט אן אלס א סימן: **שלשה מטבעות זה על גב זה: אמר ר' יצחק מגדלאה והוא?** **שעשויין כמגדלין**, די דריי מטבעות איינע אויף דער אנדערער דארף ער אויסרופען צוליב דעם סימן, האט ר' יצחק פון גדלאה געזאגט, ווען זאגען מיר עס אלס א סימן? ווען די דריי מטבעות זיינען איינע גרעסער פון דער אנדערע און צוזאמענגעלייגט קלענער אויף גרעסער, וואו עס קוקט אויס ווי א טורם איז עס א סימן. **תניא נמי הכי מצא מעות מפוזרות הרי אלו שלו, עשויין כמגדלים חייב להכריז, ואלו הן עשויין כמגדלים שלשה מטבעין זה על גב זה**, מיר האבען אויך אזוי געלערענט אין א ברייתא אז ער האט געפונען געלד צושפרייט געהער עס צו אים, זיינען די געלד געווען געלעגט ווי א טורם, איז ער חייב צו אויסרופען, און די הייסען ווי טורמס, דריי מטבעין איינע אויף די אנדערע. פרעגט די גמרא **הא גופא קשיא, אמרת מצא מעות מפוזרות הרי אלו שלו, הא משלחפי שלחופי חייב להכריז, אימא סיפא עשויין כמגדלים חייב להכריז הא משלחפי שלחופי הרי אלו שלו?** **תנא כל שאין עשויין במגדלין, מפוזרות קרי להו**, די ברייתא גופא איז דאך אין זיך שווער, דו זאגסט אז מעות מפוזרות געהערען צום געפינער, איז דאך צו דרינגען אז אבער צוזאמענגעלייגט איז ער חייב צו אויסצורופען, זאג ווייטער די סיפא אז די געלד איז געווען ווי מגדלין איז ער חייב צו אויסרופען, אבער איינפאך צוזאמענגעלייגט געהערען זיי צום געפינער, איז דאך שווער די רישא מיט דער סיפא? ענטפערט די גמרא אז ניט ווי מגדלין רופט עס דער תנא אלס שוין מפוזרות. **אמר רב חנינא לא שנו אלא של שלשה מלכים אבל של מלך אחד אינו חייב להכריז, היכי דמי?** **אי דעשויין כמגדלין, אפילו של מלך אחד נמי, ואי דאין עשויין כמגדלין אפילו של שלשה מלכים נמי לא?** האט ר' חנינא געזאגט די חכמים. אין אונזער משנה האבען ניט געלערנט דעם דין וועגן שלשה מטבעות, נאר אז זיי זיינען פון דריי מלכים, מיינענדיג דרייערליי מטבעות, אבער פון איין מלך איז ער ניט חייב צו אויסרופען? פרעגט די גמרא ווי שמועסט דא? זייענען זיי געלעגט ווי מגדלין, איז דאך פון איין מלך אויך אזוי דער דין צו אויסרופען, און אויב ווידער זיי זיינען ניט געלייגט ווי מגדלין, איז דאך פון דריי מלכים אויך ניט אזוי דער דין צו אויסרופען? **אלא אי אתמר?** **הכי אתמר לא שנו אלא של מלך אחד כעין שלשה מלכים, והיכי דמי?** **דעשויין כמגדלין, רויחא תתאה, ומציעא עילויה, וזוטא עילויה מציעא, דאמרינן אנוחי אנחינהו**, נאר

ווייסטו ווי עס איז געלערנט פון ר' חנינא, אַזוי איז עס געלערנט, אַז די חכמים האָבען ניט געזאָגט דעם דין פון אויסרופען, נאָר אַז די דריי מטבעות זיינען פון איין מלך, געלעגט מיט אזא ענדערונג, וואָס איז גלייך ווי זיי וואָלטען זיין פון דריי מלכים, און ווי מיינט דאָס? עס מיינט, אויב זיי זיינען געלעגט עס זאָל אויסקוקען ווי מגדלין, די ברייטע מטבעה פון אונטען און די מיטעלע מטבעה אויף דער ברייטער און די קליינע מטבעה אויף דער מיטלער, ווייל דאמאָלט זאָגען מיר אַז ער האָט זיי אַוועקגעלייגט, **אבל של מלך אחד דכולהו בי הדדי ניַנהו אף על גב דמנחי אהדדי הרי אלו שלו, אימר אתרמויי אתרמי ובהדי הדדי נפול**, אָבער פון איין מלך וואו קיין אנדערע ענדערונג איז אויך ניטאָ, דהיינו וואו אלע דריי מטבעות זיינען גלייך, איז כאָטש זיי ליגען איינע אויף די אנדערע אויפגעשטעלט, געהערען זיי פונדעסטוועגען צו איהם, ווייל מיר זאָגען עס איז נאָר א צופאַל וואָס צוזאמען זיינען זיי אַזוי ארונטערגעפאַלען. **ור' יוחנן אמר אפילו של מלך אחד נמי מכריז, מאי מכריז? מנין, מאי איריא תלתא אפילו תרין נמי? אמר רבינא טיבעא מכריז.** ר' יוחנן זאָגט אפילו פון איין מלך רופט מען אויס, וואָס זאָל ער אויס-רופען פאַר קריגען דעם סימן? די צאָל פרעגט די גמרא אויב די צאָהל, וואָס כאַפט ער אָן דריי, איז דאָך ביי צוויי די צאָהל אויך א סימן? האָט רבינא געזאָגט ער רופט אויס וועגען מטבעות, אַז דער פאַרלירער זאָל זאָגען וועלכע מטבעה צו פירטלען צו האלבע צו גאנצע צו צעהנטלאך — ער האָט פאַרלוירען, **בעי ר' ירמיה כשיר מהו? כשורה מהו? כחצובה מהו? כסולם מהו,** האָט ר' ירמיה א פראַגע געפרעגט אַז די מטבעות זיינען געלעגען אין אַ גלייכע ליניע צוזאמען ניט אָפּגערוקט ווי מען מאכט א בראַנזולעט צו אָנטאָן אויפ'ן האנד, ווי איז דער דין? אָדער אַז זיי ליגען ווי א שורה אָפּגעטרעטען אביסעל איינע פון דער אַנדערע ווי איז דער דין? אָדער אַז זיי ליגען ווי א סג"ל, אביסעל מעהר אָפּגעטרעטען וואָס קוקט אויס ווי דריי פיס פון א כלי ווי איז דער דין? אָדער אַז זיי ליגען וואָס קוקט אויס ווי א לייטער דהיינו האלב איינע אויף דער אנדערע, ווי איז דער דין? **פשוט מיהא חדא, דאמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה כל שאילו מכנים לה קיסם ביניהם ונטלם בבת אחת חייב להכריז.** זיי דיר פושט פון רב נחמן וויניגסטענס איין זאַך, דען ער האָט געזאָגט פון רבה בר אבוה וועגען יעדע שורה געלד ליגענדיג אויף דער ערד, ווען מען וואָלט ארונטערטון א שפּענדעל און קענען זיי אויפהויבען מיט אמאָהל, איז ער חייב צו אויסרופען, דאָס איז נאָר גילטיג ביי דער לייטער, ווייל נאָר דאמאָלט איז צו באווייז אַז ער האָט זיי אַזוי אוועקגעלייגט. **בעי רב אשי** (**דף כ"ה, ע"ב**) **כאבני קולים מהו? תא שמע דתניא מצא מעות מפוזרות הרי אלו שלו כאבני בית קולים חייב להכריז, ואלו הן אבני בית קולים, אחת מכאן ואחת מכאן ואחת על גביהן,** האָט רב אשי א פראַגע געפרעגט אַז די געלד איז געלעגען ווי די שטיינער פון דער עבודה זרה קוליס ווי איז דער דין? קום איך וועל דיר פושט זיין מיר האָבען געלערענט אַז איינער האָט געפונען געלד אויסגעשפּרייט אין גאַס, געהערען זיי צו אים, אַז זיי זיינען געלעגען ווי די שטיינער פון דער עבודה זרה בית קוליס, איז ער חייב

צו אויסרופען, און די זיינען ווי די אבני קוליס, איין מטבעה פון דער זייט און איינע פון דער זייט און אַ דריטע אויף ביידע. **תנו רבנן המוצא סלע בשוק ומצא חבירו ואמר לו שלי הוא חדשה היא נירונית היא, של מלך פלוני היא לא אמר כלום.** די רבנן האָבען געלערנט אַז איינער האָט געפונען א סלע אין גאס און אַן אנדערער האָט אים אָנגעטראָפען און געזאָגט ער איז מיין, אָ סימן די מטבעה איז ביי אָדער זי איז פון נירון קיסר אָדער פון א געוויסען אנדערען קעניג, האָט ער גאָרניט געזאָגט, **ולא עוד אלא אפילו שמו כתוב עליה, לא אמר כלום לפי שאין סימן למטבע, דאמר דלמא אפוקי אפקא ומאיניש אחרינא נפל,** און ניט דאָס אַליין, נאָר אפילו ווען ער זאָגט אַז דער נאָמען פון קעניג איז געשריבען אויף איהר, האָט ער גאָרניט געזאָגט, ווייל עס איז ניט אָנגענומען קיין סימן פאַר א מטבע, דען מיר זאָגען דאָס פיליכט האָט ער טאקע געהאט אזא מטבע אָבער ער האָט איהר אויסגעגעבען, און זי איז פון אַן אנדערען ארונטערגעפאלען: **מתני', מצא אחר הגפה או אחר הגדר גוזלות מקושרים או בשבילין שבשדות הרי זה לא יגע בהן,** אַז איינער האָט געפונען נאָכ'ן צוים פון ברעטער אָדער נאָכ'ן גדר פון שטיינער — געבונדענע טויבען, אָדער ער האָט זיי געפונען אין די שטעגען צווישען די פעלדער, זאָל ער זיי ניט אָנרירען, די גמרא וועט ווייטער באשיידען. **מצא כלי באשפה אם מכוסה לא יגע בו, אם מגולה נוטל ומכריז,** אַז ער האָט געפונען א כלי אין מיסט, אויב זי איז געווען צוגעדעקט פאַר מענשען, זאָל ער איר ניט אָנרירען, ווייל דאָס הייסט ניט קיין אבידה ער זאָל זיין פאַרפליכטעט צו נעמען איהר פאַר אויסרופען ווייל זי הייסט אַלס געהיטען, אויב די כלי איז געלעגען אָפּגעדעקט, זאָל ער איהר נעמען און אויסרופען: **גמ',** פרעגט די גמרא **מאי טעמא? דאמרינן הני איניש אצנעינהו הכא, ואי שקיל להו לית להו למרייהו סימנא בגווייהו, הלכך לשבקינהו עד דאתי מרייהו ושקיל להו,** וואָס איז דען דער טעם פאַר ניט אָנרירען די טויבען? ווייל מיר זאָגען אַז די טויבען האָט א מענש דאָ באהאלטען, און אויב ער וועט זיי נעמען, האָט דאָך דער באלעבאָס ניט קיין סימן ביי די טויבען, איז דעריבער זאָל ער זיי לאָזען ביז דער באלעבאָס וועט זיי קומען נעמען, איז דאָך אָבער צו פרעגען, **ואמאי? ליהוי קשר סימנא? אמר ר' אבא בר זבדא אמר רב במקושרין בכנפיהן דכולי עלמא הכי מקטרי להו,** האָט ר' אבא בר זבדא געזאָגט פון רב וועגען עס שמועסט די טויבען זיינען געבונדען ביי די פליגעל ווי אַלע בינדען איז עס ניט קיין סימן. פרעגט די גמרא **ולהוי מקום סימן? אמר רב עוקבא בר חמא במדדין, אי במדדין מעלמא אתו ומותרין? איכא למימר מעלמא אתו, ואיכא למימר איניש אצנעינהו והוה ליה ספק הינוח,** זאָל ווידער זיין דער מקום אַלס סימן? האָט רב עוקבא בר חמא געזאָגט עס שמועסט וואו די טויבען קענען שפרינגען, און באלד פרעגט די גמרא איבער אויב זיי שפרינגען קען דאָך זיין אַז זיי זיינען פון ערגעץ אנדערש און זיי זיינען מותר? ענטפערט די גמרא מען קען זאָגען זיי זיינען פון ערגעץ אנדערש, און מען קען זאָגען אַז א מענש האָט זיי דאָ באהאלטען, איז עס דאָך שוין א ספק הינוח צי יעמאנד האָט זיי דאָ אוועקגעלייגט. **ואמר ר' אבא בר זבדא**

**אמר רב כל ספק הינוח לכתחילה לא יטול ואם נטל לא יחזיר**, און ר׳ אבא בר זבדא האָט געזאָגט פון רב וועגען אַז יעדער ספק הינוח איז דער דין אז **לכתחילה** זאָל ער ניט נעמען, און אויב ער האָט יאָ גענומען, דאַרף ער ניט צוריקגעבען: **מצא כלי באשפה מכוסה לא יגע בו, מגולה נוטל ומכריז:** זאָגט די גמרא **ורמינהו מצא כלי טמון באשפה נוטל ומכריז שכן דרך אשפה לפנות?** איך וועל דיך פראייננאנדער פרעגען צווישען דער ברייתא און אונזער משנה, די ברייתא לערנט אַז ער האָט געפונען א כלי באהאלטען אין מיסט, דאַרף ער נעמען און אויסרופען, ווייל דער שטייגער איז מיסט צו אַוועקראמען וועט דאָך די כלי געהן פאַרלוירען, זעהסט דאָך אַז ער דאַרף די כלי יאָ נעמען? **אמר רב זביד לא קשיא הא בכובי וכסי הא בסכיני והמניק, בכובי וכסי לא יגע בסכיני והמניק נוטל ומכריז.** האָט רב זביד געזאָגט עס איז ניט קיין קשיא די משנה וואָס זאָגט ער זאָל ניט נעמען נאָר אַזוי לאָזען שמועסט ביי אַ פאַן מיט א דעק, אַ גרעסערע זאַך וועט ניט פאַרלוירען געהן און די ברייתא שמועסט ביי א קליין מעסערל און אַ לעפעלע (אָדער א גאָפּעל) די זאכען זאָל ער יאָ נעמען אניט וועט עס פאַרלוירען געהן און ער איז דאָך מחוייב צו אויסרופען און צוריקגעבען די אבידה. **רב פפא אמר הא והא בכובי וכסי ולא קשיא כאן באשפה העשויה לפנות, כאן באשפה שאינה עשויה לפנות,** רב פפא זאָגט די און די׳ שמועסען ביי אַ גרעסערע כלי ווי א שטייגער א פאַן און א צודעק, פונדעסטוועגען איז ניט שווער ווייל דאָ אין דער ברייתא שמועסט ביי אַן אשפה וואָס איז געוויינטליך צו אַוועקראמען און די משנה שמועסט ביי אַן אשפה וואָס מען ראמט ניט אַוועק. פרעגט די גמרא **אשפה העשויה לפנות אבידה מדעת הוא? אלא באשפה שאינה עשויה לפנות ונמלך עליה לפנותה,** אויב די אשפה איז עשויה לפנות, הייסט עס דאָך א באוואוסטזיניגע אבידה, וואָס מען איז פטור אויף איהר? נאָר עס שמועסט ביי אַן אשפה וואָס מען ראמט איהר ניט אוועק, נאָר מען האָט זיך באראָטען איהר יאָ אוועקצוראמען. פרעגט די גמרא **בשלמא לרב פפא היינו דקתני שכן דרך אשפה לפנות, אלא לרב זביד מאי שכן דרך אשפה לפנות? שכן דרך אשפה לפנות לה כלים קטנים,** אנדערש לויט רב פפא׳ס ענטפער איז ריכטיג וואָס די ברייתא לערנט אַז עס איז דער שטייגער די אשפה צו אַוועקראמען דאריבער מוז ער די כלי יאָ נעמען, אָבער לויט רב זביד וואָס מאכט א חילוק פון אַ גרויסע כלי צו א קלייגער כלי, איז דאָך שווער וואָס די ברייתא זאָגט דעם טעם ווייל עס איז דער שטייגער די מיסט צו אוועקראמען, וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט גרויס אָדער קליין? ענטפערט די גמרא די ברייתא מיינט אַזוי צו זאָגען אַז דער שטייגער איז דאָס מיט׳ן מיסט ראמט מען אמאָהל אַרויס פון הויז קליינע כלים אומבאוואוסט: **מתנ׳, מצא בגל ובכותל ישן הרי אלו שלו, מצא בכותל חדש מחציו ולחוץ שלו מחציו לפנים של בעל הבית,** אַז ער האָט געפונען א מציאה אין א קופּע שטיינער פון א חורבה, אָדער אין א לאָך אין אַן אלטער וואנד געהערען זיי צום געפינער, אַז ער האָט געפונען אין א נייער וואנד, איז דער דין אַז פון דער העלפט וואנד צו אַרויס געהער עס צו אים, פון דער העלפט וואנד צו אריין, געהער צום באלעבאָס.

**אם היה משכירו לאחרים אפילו בתוך הבית, הרי אלו שלו**, אויב ער האט די שטוב פארדונגען צו אנדערע איז אפילו שוין אין הויז ווען ער געפינט געהער אויך צו אים. ווייל עס איז ניט באוואוסט צו ווענען די זאך האט געהערט, צי צום באלעבאס, צי צו דעם וואס האט געדונגען, און זיי האבן דאך מיאש געווען. **גמ׳, תניא מפני שיכול לומר לו של אמוריים הן, אטו אמוריים מצנעי ישראל לא מצנעי? לא צריכא (דף כ״ו, ע״א) דשתיך טפי**, מיר האבן געלערנט ביי גל און כותל ישן איז דער טעם ווארום זיי געהערען צו אים ווייל דער געפינער קען זאגען צום באלעבאס אז די זאך איז דארט אוועקגעלייגט געווארען פון די אמורים וואס טוען כישוף ביי חורבות און אלטע ווענד. פרעגט די גמרא באהאלטען דען די אמורים יא און די אידען ניט? ענטפערט די גמרא עס איז א צופיל פארעלטערטע חורבה, אידען זאלען זיך דרעהען דארט: **בכותל חדש מחציו ולחוץ שלו, מחציו ולפנים של בעל הבית: אמר רב אשי סכינא בתר קתא וכיסא בתר שנציה**, האט רב אשי אויף דער משנה געזאגט אז אויב מען געפינט א מעסער אדער א בייטעל אין א לאך פון א נייער וואנד וואס איז דורך־און־דורך, געהט דער מעסער נאכ׳ן הענטעל און דער בייטעל נאך דער באנד וואס פארבינדט אים, ליגט דאס מעסער מיט׳ן הענטעל און דער בייטעל מיט׳ן באנד צו אויסזייט־צו געהערען זיי צום געפינער, צו אינווייניג־צו געהרען זיי צום באלעבאס. אויף דעם פרעגט די גמרא **ואלא מתניתין דקתני מחציו ולחוץ שלו מחציו ולפנים של בעל הבית, וליחזי אי קתא לגאו אי קתא לבר, אי שנציה לגאו אי שנציה לבר?** אבער די משנה וואס זאגט אז פון העלפט צו ארויס געהער צום געפינער און צו אריין צום באלעבאס, קען מען דאך זעהן צי די הענטעל איז צו־ארייך־צו, צי די באנד איז צו אריינ־צו צי ארויס־צו? ענטפערט די גמרא **מתניתין באודרא ונסכא**, אונזער משנה שמועסט ביי א שטיק וואטע אדער א שטיק זילבער וועלכע האבן ניט קיין האלטער צו קענען משער זיין פון וועלכער זייט מען האט עס אוועקגעלייגט, צי פון אויסזייט צי פון אינווייניג. **תנא אם היה כותל ממולא מהן חולקין, פשיטא? לא צריכא דמשפע בחד גיסא, מהו דתימא אשתפוכי אישתפוך, קא משמע לן**. מיר האבן געלערנט אויב די לאך אין וואנד איז געווען אנגעפילט מיט דער זאך וואס ער האט געפונען, טיילען זיי זיך האלב פאר׳ן געפינער און האלב פאר׳ן באלעבאס וואס וואוינט דארט. פרעגט די גמרא עס איז דאך א געוויס, דען ווי אנדערש קען דא זיין געערכט? ענטפערט די גמרא עס איז ניט געדארפט צו לאזען דאס הערען נאר אין א פאל וואו די וואנד איז אביסעל געבויגען צו איין זייט, דאן וואלט איך מיינען צו זאגען, דאס די זאך האט זיך צוגעגליטשט צו דער נידע־ריגער זייט, אבער באמת איז די מציאה אוועקגעלייגט געווארען פון דער הע־כערער זייט, לאזט אונז די ברייתא הערען אז מיר זאגען ניט אזוי ביי אזא פאל, נאר זיי טיילען זיך: **אם היה משכירו לאחרים אפילו מצא בתוך הבית הרי אלו שלו**: פרעגט די גמרא **ואמאי ליזול בתר בתרא, מי לא תנן מעות שנמצאו לפני סוחרי בהמה לעולם מעשר, בהר הבית חולין, ובירושלים בשאר ימות השנה חולין, בשעת הרגל הכל מעשר**, ווארום אין הויז זאל

געהערען צום געפינער, לאָמיר געהען נאָכ'ן לעצטען וואָס האָט איבערגענומען די שטוב אין באזיץ, האָבען מיר דען דאָס ניט געלערנט אין א משנה, אַז געלד וואָס איז געפונען געוואָרען נעבען די הענדלער פון בהמות פאַר קרבנות אין ירושלים, איז אימער מעשר ווייל מיר זאָגען, דאָס האָט דער מענש דערפאַר געוואָלט קויפען א בהמה פאַר שלמים, און ער האָט עס דאָרט דערווייל פאַר־לוירען, קיין אונטערשייד צי דאָס איז וועהרענד דער רגל קומט אָן, צי דאָס איז א גאַנץ יאָהר, ווייל פיל מעשר־געלד ווערט איבערגעלאָזען צו די אָרימעלייט פון די רייכע וואָס פאָרען אָפּ נאָכ'ן רגל. און אין הויף פון בית המקדש איז די געלד חולין, ווייל דאָרט אַריין קומט ער שוין בלויז מיט חולין־געלד אויסגעבענדיג פריהער די גאַנצע מעשר־געלד, און אין ירושלים א גאַנץ יאָהר איז עס חולין, און אין צייט פון רגל איז אַלעס מעשר. **ואמר ר' שמעיה בר זעירא מאי טעמא?** **הואיל ושוקי ירושלים עשויין להתכבד בכל יום, אלמא אמרינן קמאי קמאי אזלי והני אחריני נינהו, הכא נמי קמא קמא אזל והני דבתרא הוא?** און ר' שמעיה בר זעירא האָט אויף דעם געזאָגט וואָס איז די סברה אַז פאַר'ן שעת הרגל איז חולין און בשעת'ן רגל מעשר, פיליכט איז די געלד נאָך פון פריהער? דאָס איז ווייל די גאַסען פון ירושלים זיינען געווינטליך צו ווערען געקערט יעדען טאָג, זעהען מיר דאָך אַז מיר זאָגען אַז די ע'רשטע ערשטע זיינען אַוועק, און די געלדער זיינען אַנדערע, אַזוי אויך דאָ לאָמיר זאָגען אַז דער ערשטער באַלעבאָס איז אַוועק און די מציאה געהער צום צווייטען באַלעבאָס וואָס איז איצט אין באזיץ, ווייל מיר זאָגען דאָס וואָרשיינליך האָט דער ערשטער פאַר'ן אַוועקגעהן גוט ארומגעקוקט, און גאָרניט איבערגעלאָזט? **אמר ריש לקיש משום בר קפרא כגון שעשאו פונדק לשלשה ישראל,** האָט ריש לקיש געזאָגט פון בר קפרא וועגען אַז עס שמועסט וואו דער באַלעבאָס האָט פאַרדונגען צו איינעם וואָס האָט געמאַכט די שטוב פאַר אורחים צו קענען איבערנעכטיגען דריי אידען מיט אמאָהל, אויב איינער פון זיי פאַרלירט עפּעס איז ער עס גלייך מיאש צוליב ער ווייסט ניט פון וועמען צו מאָנען. פרעגט די גמרא **שמע מינה הלכה כר' שמעון בן אלעזר אפילו ברוב ישראל?** אויב אַזוי קענסט דאָך דיר פּושט זיין אַז די הלכה איז ווי ר' שמעון בן אַלעזר אַז אפילו ביי רוב ישראל געהער אויך די מציאה צום געפינער, און די ברייתא מאַכט דאָך ניט קיין חילוק צווישען מיט א סימן און אָהן אַ סימן? **אלא אמר רב מנשיא בר יעקב כגון שעשאו פונדק לשלשה עובדי כוכבים,** נאָר האָט רב מנשיא געזאָגט אַז עס שמועסט וואו ער האָט געמאַכט די שטוב אַלס א פונדק פאַר דריי גוים. **רב נחמן אמר רבה בר אבוה אפילו תימא לשלשה ישראל, מאי טעמא? ההוא דנפל מיניה מיאש, מימר אמר, מכדי איניש אחרינא לא הוה בהדי אלא הני, אמרי קמייהו כמה זימני ליהדרי לי ולא הדרי לי, והשתא ליהדרי? אי דעתייהו לאהדורה אהדרוה ניהלי, והאי דלא אהדרוה לי בדעתייהו למיגזלה,** רב נחמן האָט געזאָגט פון רבה בר אבוה וועגען דו קענסט אפילו זאָגען ביי דריי ישראלים אַי דו קענסט דאָך דרינגען דערפון אַז די הלכה איז ווי ר' שמעון בן אלעזר אפילו ביי רוב ישראל? נאָר ווייסטו וואָס די סברה איז דאָ? דער וואָס פאַרלירט עס איז מיאש, ער

זאָגט זיך אַזוי, מיט מיר איז דאָך דאָ קיין אנדערער ניט געווען, נאָר די צוויי, און איך האָב דאָך צו זיי געזאָגט עטליכע מאָהל זיי זאָלען צוריקגעבען ווער עס האָט עס, און זיי האָבען עס מיר ניט צוריקגעגעבען, ווען זיי עס יעצט צוריקגעבען? עס קען ניט זיין, דען אויב עס וואָלט אויף זייער דעה געווען צוריקצוגעבען, וואָלטען זיי עס שוין לאנג מיר צוריקגעגעבען, און וואָס זיי האָבען מיר ניט צוריקגעגעבען, איז א סימן אַז זייער מיין איז צו גזל'ען, אָבער ר' שמעון רעדט פון אומבאוואוסטע מענשען איז אנדערש, ואזדא רב נחמן לטעמיה, דאמר רב נחמן ראה סלע (דף כ"ו, ע"ב) שנפל משנים חייב להחזיר מאי טעמא? ההוא דנפל מיניה לא מיאש מימר אמר מכדי איניש אחרינא לא הוה בהדאי אלא האי, נקיטנא ליה ואמינא ליה אנת הוא דשקלתיה, און רב נחמן געהט נאָך זיין סברה נאָך, דען ער האָט געזאָגט אַז איינער האָט געזעהן ווי אַ סלע איז ארונטערגעפאַלען פון צוויי מענשען, און ער האָט אים געפונען, איז ער מחוייב צוריקצוגעבען, וואָס איז די סברה? דען דער פאַרלירער דאָ וועט ניט מיאש זיין, ער טראכט זיך, קיין אַנדערער מענש איז דאָך ניט געווען מיט מיר נאָר דער געפינער, וועל איך אים נעמען צום בית דין און באשווערען, איך וועל צו אים זאָגען דו האָסט אים. געגומען. בשלשה אינו חייב להחזיר מאי טעמא? ההוא דנפל מיניה ודאי מיאש, מימר אמר מכדי תרי הוו בהדאי, אי נקיטנא להאי אמר לא שקלתיה, ואי נקיטנא להאי אמר לא שקלתיה( אָבער ביי דריי איז ער ניט מחוייב צוריקצוגעבען, וואו זיי זיינען צוזאמען און איינער פון זיי פארלירט, וואָס איז די סברה? ווייל דער וואָס האָט ארונטערגעלאָזט איז זיכער מיאש ער טראכט זיך, עס זיינען דאָך געווען צוויי מענשען מיט מיר, אויב איך וועל נעמען דעם צום בית דין וועט ער זאָגען ער האָט ניט גענומען, און איך וועל נעמען דעם צווייטען וועט ער אויך זאָגען ער האָט ניט גענומען. אמר רבא אי דאמרת בשלשה אינו חייב להחזיר, לא אמרן אלא דלית ביה שוה פרוטה לכל חד וחד, אבל אית ביה שוה פרוטה לכל חד וחד חייב להחזיר, מאי טעמא? אימור שותפי נינהו ולא מיאשו, האָט רבא געזאָגט דאָס וואָס דו זאָגסט אַז ביי דריי איז ער ניט חייב צוריקצוגעבען, זאָגען מיר ניט נאָר ביי א זאך וואָס האָט ניט קיין ווערט אין זיך, עס זאָל אויסקומען פאַר יעדען איינעם צו א פרוטה, אָבער אַז עס איז יאָ פאראן גענוג עס זאָל אויסקומען פאַר יעדען איינעם א פרוטה, איז ער חייב צוריקצוגעבען, וואָס איז די סברה? ווייל איך זאָג זיי די צוויי פון וועלכע די זאך איז ארונטערגאַפלען זיינען שותפים און באגלויבט איינער אויפ'ן אנדערען, קען יעדער פון די צוויי חושד זיין דעם דריטען און נעמען אים צום בית דין, זיינען זיי דעריבער ניט מיאש, אָבער ווען די זאך זאָל ניט ווערט זיין נאָר איין פרוטה, וואָלט דאָך זיין טענה ניט קענען זיין נאָר אויף א האלבע פרוטה, וואו קיין טענה איז ניט חל. איכא דאמרי אמר רבא אף על גב דלית ביה אלא שוה שתי פרוטות חייב להחזיר, מאי טעמא אימור שותפי נינהו וחד מינייהו אחולי למנתיה גבי חבריה, טייל זאָגען אַזוי דעם לשון פון רבא, אַז ער האָט אַזוי געזאָגט כאָטש די זאך האָט ניט קיין ווערט נאָר צוויי פרוטות, וואו ביי צוטיילונג ווערט יעדע העלפט ביליגער און קומט

ניט אויס פאַר יעדען א גאנצע פרוטה, מוז ער אויך צוריקגעבען, וואָס איז די סברה? ווייל איך זאָג זיי זיינען שותפים און איינער פון זיי האָט מוחל געווען זיין טייל פאַר'ן חבר, וועט ער שוין ניט מיאש זיין. ואמר רבא ראה סלע שנפלה, נטלה לפני יאוש על מנת לגוזלה עובר בכולן משום לא תגזול ומשום השב תשיבם ומשום לא תוכל להתעלם, נאָך האָט רבא געזאָגט אַז איינער האָט געזעהן א סלע וואָס איז ארונטערגעפאַלען פון יעמאנדען, האָט ער אים גענומען פאַר יאוש מיט דער דעה צו גזל'ען, דאָס מיינט אויף צו האלטען אים אלענפאלס, איז ער עובר אויף די אַלע פסוקים, צוליב לא תגזול זאָלסט ניט גזל'ן, צוליב השב תשיבם זאָלסט אלענפאלס צוריקקערען די זאכען און צוליב לא תוכל להתעלם, דו טאָרסט דיך ניט אַוועקדרעהען פון דער זאך פון צו נעמען א האנד דערביי. ואף על גב דהזרה לאחר יאוש, מתנה הוא דיהיב ליה, ואיסורא דעבד עבד, און כאָטש ער האָט די מציאה צוריקגעגעבען נאָכ'ן יאוש, איז עס א מתנה וואָס ער האָט געגעבען, אָבער אַן איסור וואָס ער האָט געטאָן איז אָפּגעטאָן, נטלה לפני יאוש על מנת להחזירה, ולאחר יאוש נתכווין לגוזלה עובר משום השב תשיבם, המתין לה עד שנתיאשו הבעלים ונטלה, אינו עובר אלא משום לא תוכל להתעלם בלבד, אַז ער האָט גענומען די מציאה פאר יאוש אויף צוריקצוגעבען, און נאָכ'ן יאוש האָט ער געקראָגען אין זיין מיין אויף צו גזל'ן, איז ער עובר אויף השב תשיבם ווייל די כוונה אויף צו גזל'ן איז זיך מצטרף מיט'ן אויפהויבען פון פאַר יאוש. האָט ער געוואַרט מיט'ן אויפהויבען ביז נאָך יאוש, איז ער ניט עובר נאָר אויפ'ן פסוק לא תוכל להתעלם. אמר רבא האי מאן דחזי דנפל זוזי מחבריה בי חלתא ואשכחיה ושקליה לא מיחייב לאהדורי ליה, מאי טעמא? ההוא דנפל מיניה מייאש הוא אף על גב דחזייה דאייתי ארבלא וקא מרבל, האָט רבא געזאָגט אז א מאן האָט געזעהן ווי איינער האָט ארונטערגעלאָזט דאָלערס אין זאמד אַריין, און ער האָט זיי געפונען און גענומען, איז ער ניט מחוייב צוריקצוגעבען. וואָס איז די סברה? ווייל דער וואָס האָט ארונטער־געלאָזט איז מיאש, כאָטש ער זעהט נאכהער ווי יענער ברענגט א זיפּ און זיפּט די זאמד. מימר אמר כי היכי דנפול מינאי דידי, הכי נמי נפול מאינש אחרינא ומשכחנא מידי, ווייל דער וואָס זוכט אַזוי מיט'ן זיפען, טראכט זיך, איך וויל פונדעסטוועגען זוכען כאָטש איך בין זיך מיאש, דען פונקט ווי עס איז דאָ פון מיר ארונטערגעלאָזט געוואָרען געלד, אַזוי אויך האָט אַן אנדערער דאָ געקענט ארונטערלאָזען, און איך קען דאָ עפּעס געפינען: מתני', מצא בחנות הרי אלו שלו, בין התיבה ולחנווני, של חנווני, לפני שולחני הרי אלו שלו, בין הכסא ולשולחני הרי אלו של שולחני, אַז איינער האָט געפונען געלד אין געוועלב וואו מענשען קומען אַריין איינקויפען, געהער עס צום געפינער, אַז ער האָט געפונען צווישען קאנטער און דעם קרעמער וואו ער שטעהט און באדינט די קונים, געהער עס צום קרעמער, אַז ער האָט געפונען די געלד פאַר דעם וועקסלער וואָס מיינט פאַר דעם טיש וואו מען לייגט אוועק די געלד, געהער עס צום געפינער, ווייל זיכער עס איז דאָרט געפאלען פון איינעם פון די טוישער, אַז אָבער ער האָט געפונען די געלד צווישען דער שטוהל און דעם געלד־

וועקסלער, געהער עס צום וועקסלער, (די שטוהל מיינט דאָ אזא שטוהל אינ־
איינעם מיט א טישעל ספעציעל געמאכט פאַר'ן וועקסלער צו טוישען געלד)
הלוקח פירות מחבירו או ששילח לו חבירו פירות ומצא בהן מעות הרי
אלו שלו, אם היו צרורין נוטל ומכריז, אַז איינער נעמט פירות פון זיין חבר,
אָדער דער חבר האָט צו אים געשיקט פירות און ער האָט געפונען אין זיי געלד,
געהערען זיי צו אים, זיינען זיי געווען צוזאמענגעבונדען דאַרף ער נעמען און
אויסרופען: גמ׳, אמר ר׳ אלעזר אפילו מונחין על גבי שולחן. תנן —
לפני שולחני הרי אלו שלו, הא על גבי שולחן דשולחני? האָט ר׳ אלעזר
געזאָגט אַז דאָס וואָס די משנה זאָגט לפני שולחני געהער צום געפינער, מיינט
עס אפילו אויפ'ן טיש, אויף דעם פרעגט די גמרא פון דער משנה, זי זאָגט
אַז לפני שולחן געהער צום געפינער, קען מען דאָך דערפון דרינגען אַז אָבער
אויפ'ן שולחן געהער צום שולחני, איז דאָך א קשיא אויף ר׳ אלעזר? ווענדט
די גמרא אָפּ אימא סיפא בין הכסא ולשולחני, של שולחני, הא על גבי
שולחן שלו, ציטיר די סיפא פון איהר קענסטו שוין דרינגען, די סיפא זאָגט
אז צווישען כסא און דעם שולחני אַז ער האָט געפונען, געהער עס צום. שולחני,
איז דאָך געדרונגען אַז אָבער אויפ'ן טיש אַז ער געפינט, געהער עס צום געפינער.
נאָר זאָגט די גמרא אלא מהא ליכא למשמע מינה, ור׳ אלעזר הא מנא
ליה? אמר רבא מתניתין קשיתיה, מאי איריא דתני בין הכסא לשולחני
של שולחני, ליתני על גבי שולחן אי נמי מצא בשולחנות כדקתני רישא
מצא בחנות שלו? אלא שמע מינה אפילו מונחין על גבי שולחן הרי אלו
שלו. נאָר פון דאנען קען מען ניט דרינגען, אַי פונוואנען דרינגט דאָס אַזוי
ר׳ אלעזר? האָט רבא געזאָגט צו ר׳ אלעזר איז די משנה שווער געווען, וואָס
עפּעס לערנט די משנה אַז בין הכסא לשולחני, געהער צום שולחני, גיכער
האָט די משנה געדאַרפט לערנען, אַז אויפ'ן טיש געהער צום שולחני, אָדער
אז מצא בשולחנות פונקט ווי ער לערנט מצא בחנות? נאָר מוז זיין געדרונגען
אַז אפילו אויפ'ן טיש געהער עס צום געפינער: הלוקח פירות מחבירו וכו׳:
אמר ריש לקיש משום ר׳ ינאי לא שנו אלא (דף כ"ז, ע"א) בלוקח
מן התגר, אבל בלוקח מבעל הבית חייב להחזיר, אויף דער סיפא דאָ פון
אונזער משנה האָט ריש לקיש געזאָגט פון ר׳ ינאי וועגען אַז די חכמים. האָבען
דאָס ניט געלערנט אַז די געלד זאָל באַלאַנגען צום געפינער, נאָר וואו ער האָט
געקויפט פונ'ם סוחר וועלכער ווייסט אויך ניט פון וועמען ער האָט די פירות,
אָבער וואו ער קויפט פונ'ם באלעבאָס איז ער חייב צוריקצוגעבען. וכן תני
תנא קמיה דרב נחמן לא שנו אלא בלוקח מתגר אבל בלוקח מבעל הבית
חייב להחזיר. און אַזוי האָט אויך דער תנא געלערנט פאַר רב נחמן,, אַז ווען
האָבען דאָס די חכמים געלערנט? וואו ער קויפט פונ'ם סוחר, אָבער אַז ער
קויפט פונ'ם באלעבאָס איז ער חייב צוריקצוגעבען. אמר ליה רב נחמן וכי
בעל הבית בעצמו דשן? אמר ליה איסמיה. האָט רב נחמן געזאָגט צום
תנא וואָס האָט איבערגעגעבען די ברייתא אַלס פירוש אויף דער משנה, וואָס
מאכסטו עפּעס אַן אונטערשייד פונ'ם סוחר צום באלעבאָס? אַזוי גוט ווי דער
סוחר ווייסט ניט פון וועמען ער האָט זיי געקויפט, אַזוי אויך קען דער באלעבאָס

ניט וויסען צי עס איז זיין ארבעט, דען דרעשט דען דער באלעבאָס אַליין זיין תבואה? האָט דער תנא געענטפערט איך וועל טאקע אוועקנעמען די ברייתא און ניט מעהר איבערגעבען אין מיין דרשה. **אמר ליה לא, תתרגם מתניתין כגון שדשן על ידי עבדו ושפחתו הכנענים**, האָט רב נחמן געזאָגט צום תנא ניין, דו זאָלסט יאָ איבערגעבען, נאָר דו זאָלסט באשיידען די משנה וואו דער באלעבאָס האָט געדראָשען די תבואה דורך זיין גויאישען קנעכט אָדער דינסט וועלכע ארבעט ער דערקענט, (דשן מיינט ניט דוקא דרעשען נאָר די גאנצע ארבעט ביז ער ברענגט אַרויס די תבואה): **מתני', אף השמלה היתה בכלל כל אלו ולמה יצאת להקיש אליה, לומר לך מה שמלה מיוחדת שיש בה סימנין ויש לה תובעין, אף כל דבר שיש בו סימנין ויש לו תובעין חייב להכריז**, דער פסוק זאָגט ביי מציאה וכן תעשה לשמלתו און אַזוי זאָלסטו טאָן צו זיין קלייד, די קלייד איז דאָך געווען אין כלל פון אלע מציאות, צי וואָס איז די קלייד אַרויס אַלס אַן עקסטרא פונקט? צו גלייכען צו איהר, דאָס פונקט ווי שמלה איז אויסנאַמליך וואָס האָט סימנין און האָט מאָהנער, אַזוי יעדע זאַך וואָס מען געפינט מיט סימנים און עס האָט א מאָהנער, דאַרף מען אויסרופען: **גמ', מאי בכלל כל אלו? אמר רבא בכלל כל אבידת אחיך**, אין וועלכען פסוק מיינט דאָ בכלל כל אלו? האָט רבא געזאָגט אין כלל פון פסוק כל אבידת אחיך, **אמר רבא למה לי דכתב רחמנא שור חמור שה ושמלה? צריכי, דאי כתב רחמנא שמלה הוה אמינא הני מילי בעדים דגופה וסימנין דגופה**, האָט רבא געזאָגט צו וואָס האָט די תורה אַרויסגעשריבען די אלע פיר נעמען? ענטפערט די גמרא זיי זיינען גדארפט אַלע צו לאָזען הערען, דען ווען די תורה וואָלט בלויז אַרויסשרייבען שמלה, וואָלט איך זאָגען אַז די רייד פון דער תורה דאָס מען גיבט צוריק א מציאה מיט עדות און א סימן, איז נאָר ביי א סימן פונדער קלייד אליין אָדער עדות אויף דער קלייד אליין, **אבל חמור בעדים דאוכף וסימנין דאוכף אימא לא מהדרינן ליה, כתב רחמנא חמור דאפילו חמור בסימני האוכף**, אָבער א חמור וואו מען קערט צוריק אפילו מיט א סימן אָדער עדות אויפ'ן זאָטעל, ווען די תורה וואָלט עס ניט אַרויס־שרייבען וואָלט איך מיינען מען קערט ניט צוריק, האָט די תורה אַרויסגעשריבען אויך חמור, דאָס אַפילו א חמור מיט א סימן אויפ'ן זאָטעל גיט מען אויך צוריק. **שור ושה דכתב רחמנא למה לי? שור דאפילו לגוזת זנבו ושה לגיזותיו**, שור און שה צו וואָס האָט די תורה אַרויסגעשריבען? שור איז א רויסגעשריבען צו לאָזען הערען דאָס אַפילו די אָפגעשוירענע האָר פון ווידעל—עק מוז ער אויך צוריקגעבען און די אָפגעשוירענע וואָל פון די שאָף. פרעגט רבא ווייטער **ולכתוב רחמנא שור דאפילו לגוזת זנבו וכל שכן שה לגיזותיו? אלא אמר רבא חמור דבור לר' יהודה ושה דאבידה לדברי הכל קשיא**, זאָל די תורה בלויז אַרויסשרייבען שור וואָס איז מרבה גיזת זנבו, וועלען מיר דאָך שוין וויסען דאָס געוויס אַזוי די שה מיט זיין געשוירענע וואָל? נאָר האָט רבא געזאָגט דאָס חמור ביי בור וואו די רבנן לערנען ארויס פון אים צו ממעט זיין כלים, דאָס נאָר פאַר'ן חמור אין בור איז מען חייב, ניט פאַר כלים, און ר' יהודה איז דאָך מחייב אויך פאַר כלים אין בור, — נאָך אים נאָך, איז חמור איבעריג,

און דער שה דאָ ביי אבידה איז שווער נאָך אלע נאָך, צו וואָס די תורה האָט עס אַרויסגעשריבען, ער איז דאָך איבעריג? פרעגט די גמרא ואימא לגללים הוא דאתי? גללים אפקורי מפקר להו, לאָמיר זאָגען אַז דער שה קומט פאַר די גללים דאָס אויך די מיסט מוז ער צוריקגעבען? ענטפערט די גמרא די מיסט האָט דער באלעבאָס מפקיר געווען. פרעגט די גמרא ודילמא לסימנין הוא דאתי, דאיבעיא לן סימנים דאורייתא או דרבנן? כתב רחמנא שה דאפילו בסימנין מהדרינן וסימנים דאורייתא? פילייכט קומט דער שה פאַר סימנין, דען עס איז דאָך אונז צו פראגע געווען, צי סימנים זייען דאורייתא צי דרבנן? דעריבער האָט די תורה אַרויסגעשריבען שה צו ווייזען אַז אפילו מיט סימנין גיבט מען אויך צוריק אַן אבידה און סימנין זיינען דאורייתא? ענטפערט די גמרא אמרי מדקתני להו תנא לסימנין גבי שמלה, דקתני מה שמלה מיוחדת שיש בה סימנין ויש לה תובעין חייב להכריז אף כל דבר שיש בו סימנים ויש לו תובעין חייב להכריז, שמע מינה דשה לאו לסימנין הוא דאתי, איך קען דיר זאָגען, פון דעם וואָס דער תנא לערנט וועגען סימנים ביי שמלה, דען ער לערנט דאָך אַרויס פון שמלה אויף אלע, דאָס פונקט ווי שמלה וואָס האָט סימנים און האָט מאָהנער איז ער חייב צו אויסרופען אַזוי אויך אלע זאכען, איז דאָך דערפון געדרונגען אז שה קומט ניט פאַר סימנים. דען שמלה אַליין איז אויך אָפּגעשטויסען געגען סימנים, דאָס הויפּטזעכליך קומט שמלה פאַר תובעין, דאָס צוליב סימנים זיינען זיי ניט מיאש און שטעהען אַלס תובעין: ..תנו רבנן אשר תאבד פרט לאבידה שאין בה שוה פרוטה, ר' יהודה אומר ומצאתה פרט לאבידה שאין בה שוה פרוטה, די רבנן האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט איבעריגע ווערטער אשר תאבד, צו ממעט זיין אַן אבידה וואָס האָט ניט די ווערט פון א פרוטה, דען וויניגער פון א פרוטה הייסט ניט פאַרלוירען, און ר' יהודה איז עס ממעט פון ומצאתה ווייל וויניגער פון א פרוטה הייסט ניט געפונען. פרעגט די גמרא מאי בינייהו? אמר אביי משמעות דורשין איכא בינייהו, מר נפקא ליה מאשר תאבד ומר נפקא ליה מומצאתה, וואָס איז דער אונטערשייד צווישען זיי? האָט אביי געזאָגט צווישען זיי איז דאָ הויפּטזעכליך די באדייטונג, איינער נעמט גיכער אַרויס פון תאבד און דער צווייטער גיכער פון ומצאתה, (ווייל פון תאבד באדייט די ווערט בשעת דעם פאַרלירען, און פון ומצאתה באדייט די ווערט בשעת דעם געפינען), פרעגט די גמרא ולמאן דנפקא ליה מאשר תאבד האי ומצאתה מאי עביד ליה? ההיא מיבעי' ליה לכדרבנאי דאמר רבנאי ומצאתה דאתאי לידיה משמע, נאָך דעם וואָס לערנט אַרויס פון אשר תאבד, וואָס טוט ער מיט ומצאתה? ומצאתה איז געדאַרפט פאַר רבנאי וואָס זאָגט אַז ומצאתה מיינט ווען ער האָט שוין די מציאה אין האנט, ניט מיט'ן בלויזען זעהן, פרעגט די גמרא ולמאן דנפקא ליה מומצאתה האי אשר תאבד מאי עביד ליה? מיבעי ליה לכדר' יוחנן דאמר ר' יוחנן משום ר' שמעון בן יוחי מניין לאבידה ששטפה נהר שהיא מותרת - שנאמר כן תעשה לכל אבידת אחיך אשר תאבד ממנו ומצאתה, מי שאבודה הימנו ומצויה אצל כל אדם, יצתה זו שאבודה הימנו ואינה מצויה אצל כל אדם, און דער וואָס

לערנט אַרויס פון ומצאתה, וואָס טוט ער מיט אשר תאבד? ער דאַרף אים פאַר דער זאך פון ר' יוחנן, דען ער האָט געזאָגט פון ר שמעון בן יוחי וועגען, פונוואַנען איז געדרונגען אַז אַן אבידה וואָס א טייך האָט אַוועקגעשווענקט, אַז זי איז מותר? דען דער פסוק זאָגט אַזוי זאָלסטו טאָן צו יעדער אבידה פון דיין ברודער וואָס וועט פאַרלוירען געהן פון אים, און דו וועסט איהר האָבען געפונען, רעדט דאָך דער פסוק פון אַן אבידה וואָס איז פאַרלוירען פון אים, און צוגענגליך פאַר אלעמען. אויסגענומען איז די אבידה דורך א פארשווימונג וועלכע איז ניט צוגענגליך פאַר יעדען צו אויפהויבען איהר. פרעגט די גמרא **ואידך הא דרבנאי מנא ליה? נפקא ליה מומצאתה.** דער מאן דאמר וואָס נוצט אויס דעם ומצאתה אויף אבידה, זי זאָל ווערט זיין א פרוטה, פונוואַנען קען ער שוין דרינגען רבינאי'ס דין, אַז ער איז ניט קונה ביז די מציאה קומט אים צו האנד? ענטפערט די גמרא ער לערנט עס אַרויס פון ומצאתה, עס האָט געדאַרפט שטעהן א רעכטער עתיד ותמצאה, אָבער ומצאתה איז אַ פאַרגאנגענהייט ווארט איבערגעקערט אויף א צוקונפט, און עס טייטשט זיך שוין (און דו וועסט איהר האָבען געפונען) טאקע פערטיג שוין אין האנד אַלס געפונען, זעה נאָכאמאָהל אויבען דף ב' וועגען ומצאתה, פרעגט די גמרא **ואידך הא דר' יוחנן מנא ליה? נפקא ליה ממנו, ואידך? ממנו לא משמע ליה**, און דער וואָס לערנט אַרויס פון אשר תאבד אויף אבידה פון א פרוטה, פונוואַנען קען ער שוין אַרויסלערנען די זאך פון ר' יוחנן? ענטפערט די גמרא ער לערנט עס אַרויס פון ממנו, אַז נאָר פון אים אַז עס ווערט פאַרלוירען, ניט פון אַ פאַרשווימונג. פרעגט די גמרא און דער אנדערער מאן דאמר ווארום לערנט ניט אַרויס פון ממנו? ענטפערט די גמרא צו אים איז ממנו ניט משמע דען סייווי מוז שוין שטעהן אשר תאבד ממנו פאַר דעם לימוד, לערנט ער דעריבער אַרויס אויף אבידה שיש בה פרוטה פון ומצאתה. **רבא אמר פרוטה שהוזלה איכא בינייהו, מאן דאמר מאשר תאבד, איכא, ומאן דאמר מומצאתה, ליכא**, רבא זאָגט אַז דער אונטערשייד צווישען זיי איז, וואו די מציאה איז ביליגער געוואָרען פון א פרוטה, נאָכ'ן פאַרלוירען געהן, דער וואָס לערנט אַרויס פון אשר תאבד איז דאָך דאמאָלט בשעת'ן פאַרלירען ווערט געוועז די פרוטה, און דער וואָס לערנט אַרויס פון ומצאתה, איז דאָך דאמאָלט שוין קיין פרוטה ניטאָ איז ער פטור פון אויסרופען. פרעגט די גמרא **ולמאן דאמר אשר תאבד, הא בעינן ומצאתה וליכא? אלא פרוטה שהוקרה איכא בינייהו, מאן דאמר ומצאתה איכא ומאן דאמר אשר תאבד ליכא.** און דער מאן דאמר וואָס לערנט אַרויס פון אשר תאבד, מיר דאַרפען דאָך האָבען עס זאָל אויך ווערט זיין בשעת'ן געפינען, און דאָס איז דאָך ניטאָ? נאָר זאָגט די גמרא דער אונטערשייד צווישען זיי איז וואו בשעת'ן פאַרלירען איז עס ניט ווערט געוועזן קיין פרוטה, נאָר שפּעטער איז זי געשטיגען, דער מאן דאמר וואָס לערנט אַרויס פון ומצאתה, איז דאָך דאמאָלט דאָ די פרוטה, און דער מאן דאמר פון אשר תאבד, איז דאָך דאמאָלט קיין פרוטה ניט געוועזן. פרעגט די גמרא **ולמאן דאמר ומצאתה הא בעינן אשר תאבד וליכא? אלא פרוטה שהוקרה והוזלה, וחזרה והוקרה איכא בינייהו, מאן דאמר אשר תאבד איכא, ומאן**

**דאמר ומצאתה, בעינן דאית בה שיעור מציאה משעת אבידה ועד שעת מציאה**, און נאָך דעם מאן דאמר פון ומצאתה, מיר דאַרפען דאָך האָבען עס זאָל אויך די ווערטה זיין בשעת'ן פאַרלירען, און דאָס איז דאָך ניטאָ? נאָר זאָגט די גמרא דאָס איז דער אונטערשייד צווישען זיי אַז נאָכ'ן פאַרלירען איז די מציאה אַרויף אויף א פרוטה און נאכהער אראָפּ פון א פרוטה און צוריק אַרויף אויף אַ פרוטה, דער מאן דאמר פון אשר תאבד, איז דאָך דאָ, און דער מאן דאמר ומצאתה, דאַרפען מיר דאָך האָבען אַז דער שיעור מציאה זאָל זיין פון פאַרלירען ביז'ן געפינען, און דאָס איז דאָך ניט: **איבעיא להו סימנין דאורייתא או דרבנן? מאי נפקא מינה (דף כ"ז, ע"ב) לאהדורי גט אשה בסמנים, אי אמרת דאורייתא מהדרינן, ואי אמרת דרבנן כי עבוד רבנן תקנתא בממונ' אבל באיסורא לא עבוד רבנן תקנתא**, האָבען די בני הישיבה געפרעגט צי סימנים זיינען דאורייתא צי נאָר מדרבנן? געגען וואָס איז די נפקא מינה? געגען צוריקגעבען א גט־אשה מיט סימנים, אַז דו וועסט זאָגען אז סימנים זיינען דאורייתא, גיבען מיר א גט־אשה יאָ צוריק, און אויב דו וועסט זאָגען אז סימנים זיינען נאָר דרבנן אַלס א תקנה, זאָגען מיר שוין, ווען האָבען די רבנן געמאכט אזא תקנה? נאָר ביי געלד־זאַכען, אָבער ביי אַן איסור זאך האָבען די רבנן קיין תקנה ניט געמאכט. **תא שמע אף השמלה היתה בכלל כל אלו ולמה יצאת? להקיש אליה ולומר לך מה שמלה מיוחדת שיש בה סימנין ויש לה תובעין חייב להכריז, אף כל דבר שיש לו סימנין ויש לו תובעין חייב להכריז?** קום איך וועל דיר פושט זיין פון אונזער משנה, זי איז שוין אויבען פאַרטייטשט, לערנט דאָך די משנה ארויס סימנים פון שמלה זעהסט דאָך גוט אַז סימנים זיינען דאורייתא, ווענדט די גמרא אָפּ **תנא תובעין איצטריכא ליה, סימנים כדי נסבא**, דער תנא דאַרף האָבען דאָס אַרויסלערנען וועגען תובעין, און סימנים זיינען נאָר איינוועגס דערמאָנט צוליב זיי שאפען די תובעין דען אָהן סימנים זיינען די באַלעבאטים מיאש, **תא שמע חמור בסימני אוכף, אימא בעידי אוכף**, איך וועל דיר פושט זיין פון דעם וואָס ער איז מרבה פון חמור אַז מען גיט אים צוריק מיט סימנים פונ'ם זאָטעל, זעהסט דאָך גוט אַז סימנים זיינען דאורייתא, ווענדט די גמרא אָפּ דאָס פיללייכט מיינט דאָ מרבה צו זיין פון חמור מיט עדות אויפ'ן זאָטעל, און זאָג טאקע דעם טעקסט בעידי אוכף, ווייל מעגליך דער איבערגעבער פון דער דרשה האָט פאַרטוישט פון עדי אוכף אויף סימני אוכף. **תא שמע והיה עמך עד דרוש אחיך אתו וכו' וכי תעלה על דעתך שיתננו לו קודם שידרשנו? אלא דרשהו אם רמאי הוא או אינו רמאי, מאי לאו בסימנין, לא בעדים**, איך וועל דיר פושט זיין פון דעם פסוק, די מציאה זאָל זיין מיט דיר, ביז דיין ברודער וועט זיך נאָכפרעגען אויף איהר, קען דען אַרויף אויף דיין געדאנק אַז ער זאָל אים די מציאה צוריק־געבען פאַר דעם וואָס פרעגט זיך אויף איהר? ניט מעהר מען מיינט דאָ א געמיינזאמע נאָכפרשונג, דאָס אויך דו פאָרש אים אויס צי ער איז א ליגנער צי ניט, מיינסטו דען ניט אַז די אויספאָרשונג איז ביי סימנים, ווענדט די גמרא אָפּ, **לא בעדים**, ניין עס מיינט פיללייכט מיט עדות, **תא שמע אין מעידין אלא על פרצוף הפנים עם החוטם אף על פי שיש סימנים בגופו ובכליו שמע**

**מינה סימנין לאו דאורייתא**, קום איך וועל דיר פושט זיין מיר האָבען גע־לערנט מען זאָגט ניט קיין עדות אויף א טויטען מענש און פריי צו מאכען זיין פרוי צו הייראטען — נאָר אויף א פנים, געשטאלט מיט דער נאָז. **כאטש** עס איז נאָך פאַראן סימנים ביים גוף און זיין קליידונג, איז דאָך געדרונגען אז סימנים זיינען ניט דאורייתא .ווענדט די גמרא אָפּ **אמרי גופו דארוך וגוץ, כליו דחיישינן לשאלה**, איך קען דיר זאָגען אַז די סימנים ביים גוף מיינט מען דאָס צי ער איז לאנג צי קורץ און וועגען זיין קליידונג באַזאָרגען מיר טאָמער זיינען זיי געליגענע. פרעגט די גמרא **אי חיישינן לשאלה חמור בסימני אוכף היכי מהדרינן** ? **אמרי אוכף לא שאולי אינשי אוכפא משום דמסקב ליה לחמרא, אי בעית אימא כליו בחיורא ובסומקי**, אויב ביי קליידונג איז צו באזאָרגען פאַר א געליגענע, איז דאָך ביים זאָטעל אויך צו פרעגען, ווי אַזוי קענען מיר צוריקגעבען דעם חמור צוליב די סימנים פונ׳ם זאָטעל ? ווענדט די גמרא אָפּ איך קען דיר זאָגען ביים אוכף אז מענשען לייהען ניט קיין זאָטעל, צוליב ער קוועטשט און רייבט דעם חמור צו וועלכען ער איז ניט צו דער מאָס, נאָך אן ענטפער קען איך דיר זאָגען אַז סימנים ביי זיין קליידונג מיינט דאָ, צי ווייסע צי רויטע, און דאָס איז פאראן ביי פילע, איז עס ניט קיין סימן, פרעגט די גמרא **אלא הא דתניא מצאו קשור בכים או בארנקי ובטבעת או שמצאו בין כליו, אפילו לזמן מרובה כשר, ואי סלקא דעתך חיישינן לשאלה כי מצאו קשור בכים אמאי כשר, ניחוש לשאלה** ? אָבער דאָס וואָס די ברייתא לערנט אז אויב מען האָט געפונען דעם גט געבונדען אינ׳ם בייטעל און אינ׳ם בייגארטעל אָדער אינ׳ם רינג, אָדער מען האָט אים געפונען צווישען זיינע זאכען, ווען אָפּילו שוין נאָך א לאנגע צייט, איז ער פונדעסטוועגען כשר, און אויב עס זאָל אַרויף דיין געדאנק אַז מיר באזאָרגען אויף געליגענע, וואָרום אַז ער געפינט אים פאַרבונדען אינ׳ם בייטעל, זאָל זיין כשר, לאָמיר באזאָרגען טאָמער איז דער בייטעל אַ געליגענער ? ווענדט די גמרא אָפּ **אמרי כים וארנקי וטבעת לא משאלי אינשי, כים וארנקי משום דמסמני וטבעת משום דמזייף**, איך קען דיר זאָגען אַז די דריי זאכען לייהען מענשען ניט, צוליב מען דערקענט זיי יעדער צו וועמען זיי האָבען באלאנגט, איז עס ניט קיין כבוד פאַר זיי, און די רינג צוליב ער איז מיט א זיגעל, וועט יענער אים נאָכמאכען. פרעגט די גמרא **לימא כתנאי אין מעידין על השומא ואלעזר בן מהבאי אומר מעידין על השומא, מאי לאו בהא קמיפלגי דתנא קמא סבר סימנין דרבנן ואלעזר בן מהבאי סבר סימנין דאורייתא** ? צי מוזען מיר זאָגען אַז אין דער סברה קריגען תנאים, דען מיר האָבען געלערנט דאָס מען זאָגט ניט קיין עדות אויף א וואָרצעל ביי א מאן אַלס א סימן דאָס דער און דער איז טויט און זי איז פריי צו הייראטען, און אלעזר בן מהבאי זאָגט אז מען זאָגט יאָ עדות אויף א וואָרצעל אלס א סימן, מיינט עס דען ניט אז זיי קריגען אין דער סברה, דאָס דער ערשטער תנא האלט אַז סימנים זיינען נאָר דרבנן, און אלעזר בן מהבאי האלט אַז סימנים זיינען דאורייתא און מען קען זיך ד׳רויף סומך זיין אויך ביי אן אשת איש. **אמר רבא דכולי עלמא סימנים דאורייתא והכא בשומא מצויה בבן גילו קמיפלגי, מר סבר שומא מצויה בבן גילו ומר**

סבר שומא אינה מצויה בבן גילו, האָט רבא געזאָגט צו אָפּווענדען דאָס מיר קענען אפילו זאָגען אַז אלע האלטען סימנים אַלס דאורייתא, ניט מעהר זיי קריגען דאָ, צי אזא וואָרצעל איז געוויינטליך עס זאָל טרעפען צו זיין נאָך ביי יעמאנדען זיינס גלייכען, דער ערשטער תנא האלט עס איז געוויינטליך דעריבער פארלאָזט מען זיך ניט אויף דעם סימן, און ר' אלעזר בן מהבאי האלט אַז אזא וואָרצעל איז ניט געוויינטליך צו טרעפען ביי נאָך יעמאנדען, און מען פארלאָזט זיך יאָ אויף אים אַלס סימן. איבעית אימא דכולי עלמא שומא אינה מצויה בבן גילו, והכא בסימנין העשויין להשתנות לאחר מיתה קמיפלגי, מר סבר סימנין עשויין להשתנות אחר מיתה, ומר סבר סימנין אין עשויין להשתנות אחר מיתה, און אַז ווילסט וועל דיר זאָגען דאָס אַלע האלטען אז שומא אינה מצויה בבן גילו, נאָר דאָ קריגען זיי אין דער סברה צי עס איז געוויינטליך אַז סימנים זאָלען זיך ענדערען נאָכ'ן טויט, איינער האלט אַז סימנין ענדערען זיך נאָכ'ן אָפּשטארבען און איינער האלט אז ניט. איבעית אימא דכולי עלמא שומא אינה עשויה להשתנות לאחר מיתה וסימנין דרבנן, והכא בשומא סימן מובהק הוא קמיפלגי, מר סבר שומא סימן מובהק הוא, ומר סבר שומא לאו סימן מובהק הוא, אַז ווילסט וועל דיר זאָגען אַז אלע האלטען אַז א וואָרצעל איז ניט געוויינטליך צו ענדערען זיך נאָכ'ן טויט, און סימנים זיינען נאָר דרבנן, נאָר דאָ קריגען זיי צי א שומא הייסט אַן אויסגעצייכענטער סימן, איינער האלט אַז שומא איז א סימן מובהק, און איינער האלט אַז שומא הייסט ניט קיין סימן מובהק, אמר רבא אם תמצי לומר סימנים לאו דאורייתא היכי מהדרינן אבידתא בסימנין? דניחא ליה למוצא אבידה דנהדר בסימנין, כי היכי דכי אבדה ליה לדידיה נמי נהדרו ליה בסימנין, האָט רבא געזאָגט אויב דו ווילסט זאָגען אַז סימנים זיינען ניט דאורייתא, ווי קענען מיר פסק'נען מען זאָל צוריקגעבען אַן אבידה מיט סימנין? ענטפערט די גמרא עס איז ניחא צום געפינער צוריקצוגעבען מיט סימנים, ווייל דער געזעץ קען אויך גוט זיין פאַר אים, דען ביי א פאל ווען ער פארלירט, וועט מען צו אים אויך צוריקגעבען מיט סימנים, אמר ליה רב ספרא לרבא וכי אדם עושה טובה לעצמו בממון שאינו שלו? האָט רב ספרא געזאָגט צו רבא טוט דען דער מענש עפּעס א גוטס ווען אַפילו צו זיך מיט די געלד וואָס איז ניט זיינע, מען דאַרף דאָך גיכער פרעגען דעם פאַרלירער, דען דער געפינער האָט דאָך דאָ גאָרניט שטעקען? טוט ער דאָך גאָרניט? אלא ניחא ליה לבעל אבידה למיהב סימנים ולמשקליה, מידע ידע דעדים לית ליה, ומימר אמר כולי עלמא לא ידעי סימנים מובהקים דידה ואנא יהיבנא סימנין מובהקים דידה ושקילנא לה, נאָר אַזוי זאָג אַז עס איז ניחא צום פאַרלירער צו געבען סימנים און צו נעמען, ווייל ער ווייסט דאָך ביי זיך אַז קיין עדות האָט ער ניט, און ער טראכט זיך אַזוי, קיינער ווייסט דאָך ניט די ריכטיגע סימנים דערביי, און איך וועל געבען די ריכטיגע סימנים און נעמען די אבידה. אלא הא דתנן ר' שמעון בן גמליאל אומר אחד הלוה משלשה יחזיר ללוה, שלשה שלוו מן האחד יחזיר למלוה, ניחא ליל ללוה לאהדורי ליה למלוה? אבער זאָגט

רב פפא דאָס וואָס איז געלערנט אין דער משנה, רבן שמעון בן גמליאל זאָגט אז איינער האָט געליגען פון דריי מענשען, און מען האָט נאכהער געפונען די שטרות, דארף מען זיי צוריקגעבען צום לוה, אַז דריי האָבען געליגען פון איינעם דאַרף דער געפינער צוריקגעבען די שטרות צום מלוה. איז דאָך צו פרעגען, אימפאלס דער לוה האָט שוין אויסגעלייזט דעם שטר איז דען ניחא צו אים מען זאָל צוריקגעבען דעם שטר צום מלוה, עס איז דאָך מעגליך אַז דער מלוה ווייסט אויך גוט די סימנים פונקט ווי דער לוה, היינט וואָס א סברה איז דאָ צו אָפּגעבען מיט סימנים? **אמר ליה התם סברה הוא, אחד הלוה משלשה יחזיר ללוה, דגבי לוה שכיחי, גבי מלוה לא שכיחי, שמע מינה מלוה נפול, שלשה שלוו מאחד יחזור למלוה דגבי מלוה שכיחי, גבי לוה לא שכיחי,** האָט רבא צו אים געזאָגט דאָרט איז א סברה אז איינער האָט געליגען פון דריי דאַרף מען צוריקגעבען צום לוה, ווייל די שטרות זיינען שכיח ביים לוה, ניט ביים מלוה, איז געדרונגען אַז זיי זיינען פאַרלוירען פון לוה, אַז דריי האָבען געליגען פון איינעם, גיט מען צוריק צום מלוה, ווייל ביים מלוה זיינען זיי שכיח, ניט ביים לוה, געהערען די שטרות צום מלוה. (דף כ"ח, ע"א) **אלא הא דתנן מצא תכריך של שטרות או אגודה של שטרות, הרי זה יחזיר, הכי נמי דניחא ליה ללוה לאהדורי ליה למלוה?** האָט רב ספרא געפרעגט אָבער דאָס וואָס איז געלערנט אין דער משנה אַז געפינענדיג בינטלאך שטרות, דאַרף ער צוריקגעבען צום מלוה, ווערסט אויך אַזוי זאָגען אַז עס איז ניחא צום לוה מען זאָל צוריקגעבען די שטרות צום מלוה, דאָרט איז דאָך שוין ניט איינער פון דריי? **אלא אמר רבא סימנין דאורייתא דכתיב והיה עמך עד דרוש אחיך אותו, וכי תעלה על דעתך שיתננו קודם שידרשנו? אלא דרשהו אם רמאי הוא או אינו רמאי, לאו בסימנין שמע מינה,** נאָר האָט רבא געזאָגט אַז סימנין זיינען דאורייתא און פון דעם פסוק, דען ער זאָגט אַז די מציאה זאָל זיין מיט דיר ביז דער פאַרלירער וועט נאָכפאָרשען דערויף, קען דען אַרויף אויף דיין געדאנק צו אָפּגעבען די מציאה נאָך איידער יענער פרעגט זיך נאָך? נאָר דער דרוש אחיך מיינט א געמיינזאמע פאַרשונג וואו דער פאַרלירער פרעגט אויס נאָך דער מציאה און אויך דער געפינער פרעגט אים אויס, מיינסטו דען ניט אַז ער פרעגט אים אויס וועגען סימנים, איז דאָך געדרונגען אַז סימנים זיינען דאורייתא. **אמר רבא אם תמצי לומר סימנין דאורייתא, אם תמצי לומר הא פשיט ליה סימנין דאורייתא? משום דאיכא למימר כדשנינן,** האָט רבא געזאָגט אויב דו ווערסט וועלען זאָגען אַז סימנין זיינען דאורייתא, און באלד פרעגט די גמרא איבער דו זאָגסט תמצי, ערשט האָסטו דאָך דיר פּושט געווען אַז סימנין זיינען דאורייתא? ענטפערט די גמרא, דאָס זאָגט רבא אַזוי, ווייל מען קען נאָך אַלץ זאָגען, ווי מיר האָבען פריהער פאַרענטפערט אַז מען מיינט מיט עדות. **סימנים וסימנים יניח, סימנים ועדים ינתן לבעל העדים,** אַז איינער איז געקומען און געגעבען סימנים און נאכהער איינער מיט סימנים, זאָל די מציאה בלייבען ליגען ביז אליהו הנביא, אַז איינער האָט געגעבען סימנים און דער צווייטער האָט געבראכט עדות, זאָל די מציאה צוריקגעגעבען ווערען צו דעם מיט די עדות, ווען אפילו

מיר זאלען זאגען אז סימנים זיינען דאורייתא, **סימנים וסימנים ועד אחד, עד אחד כמאן דליתיה דמי וניית. עדי אריגה ועדי נפילה, תנתן לעדי נפילה דאמרינן זבוני זבנה ומאיניש אחרינא נפל.** אז איינער האט געגעבען סימנים און א צווייטער האט געגעבען סימנים מיט איין עדות, זאגען מיר אז דער איינער עדות איז גלייך ווי גארניט קיין עדות, און די מציאה מוז בלייבען ליגען ביז אליהו. אז איינער האט געבראכט עדות אויפ'ן וועב, מיינענדיג אויפ'ן קלייד אליין און דער צווייטער האט געבראכט עדות ווי זיי האבען געזעהן, אז פון אים איז עס ארונטערגעפאלען, זאל די מציאה געגעבען ווערען צו דעם מיט די עדי נפילה, דען מיר זאגען אז ער האט עס פארקויפט און פון אנדערען איז עס ארונטערגעפאלען. **מדת ארכו ומדת רחבו תנתן למדת ארכו, דמדת רחבו שעורי קא משער לה, כדי מכסי לה מרה וקאי, ומדת ארכו לא משתער לה,** אז איינער זאגט די מאס ווי לאנג אלס סימן, און דער צווייטער זאגט די מאס ווי ברייט, זאל די מציאה צוריקגעגעבען ווערען צו דער מאס ווי לאנג, ווייל די מאס פון דער ברייט ביים טלית קען מען משער זיין ווען דער באלעבאס דעקט זיך איין מיט איהר און שטעהט אזוי, אבער די מאס פון איהר לענג קען מען ניט משער זיין. **מדת ארכו ומדת רחבו ומדת גמיו ינתן למדת ארכו ורחבו,** אז איינער זאגט די מאס פון איהר לענג און די מאס פון איהר ברייט און איינער זאגט די מאס פון דער לענג און ברייט אלס צוזאמענ־גענומען, נים וויסענדיג יעדע באזונדער (גמיו מיינט זיין "גאם" אזא אות וואס קוקט אויס ווי א לאנגע כף וואו לענג און ברייט אינאיינעם) ווערט די מציאה געגעבען צו דעם, וואס גיט אן די לענג און די ברייט. **מדת ארכו ומדת רחבו ומדת משקלותיו, ינתן למדת משקלותיו,** די לענג און ברייט, און די מאס פון זיין וואג, ווערט עס געגעבען צו דער מאס וואג. **הוא אומר סימני הגט והיא אומרת סימני הגט ינתן לה, במאי? אילימא במדת ארכו ורחבו, דילמא בהדי דנקט ליה חזיתיה? אלא נקב יש בו בצד אות פלוני** אז דער מאן גיט אן די סימנים פון גט און די פרוי גיט אן די סימנים פון גט, ווערט דער גט צוריקגעגעבען צו איהר. פרעגט די גמרא מיט וואס א סימן ווערט ער איהר געגעבען? זאל איך זאגען מיט סימנים פון לענג און ברייט, איז דאך צו פרעגען דאס טאמער האלטענדיג אזוי דעם גט, האט זי אים געזעהן צו וויסען די סמנים. נאר זאגט די גמרא אז זי האט אנגעגעבען אלס א סימן וועגען א לעכעל נעבען א געוויסען אות. **הוא אומר סימני החוט והיא אומרת סימני החוט, ינתן לה, במאי? אילימא בחיורא ובסומקא, ודלמא בהדי דנקיט ליה חזיתיה? אלא במדת ארכו,** אז ער זאגט די סימנים פון דער שנור מיט וועלכען דער גט איז געבונדען און די פרוי זאגט אויך די זעלבע סימנים, ווערט דער גט צוריקגעגעבען צו איהר, פרעגט די גמרא מיט וואס נאך א סימן קריגט זי צוריק דעם גט? זאל איך זאגען מיט די קאלירען פון ווייס און רויט, איז דאך אבער צו פרעגען, דאס פילייכט וועהרענד זיין האלטען דעם גט, האט זי אים געזעהן? נאר עס מיינט די מאס פון זיין לענג, **הוא אומר בחפיסה והיא אומרת בחפיסה ינתן לו, מאי טעמא? מידע ידעה דכל מה דאית ליה בחפיסה הוא דמנח ליה,** אז ער זאגט אלס סימן דאס אין א

לעדער־בייטעל האָסטו דעם גט געפונען און זי זאָגט אויך דעם סימן, ווערט דער גט צוריקגעגעבען צו איִם, וואָס איז די סברה? ווייל זי ווייסט גוט אַז אלעס וואָס ער האָט, לעגט ער אין א לעדער־בייטעל: **מתני', ועד מתי חייב להכריז? עד כדי שידעו בו שכניו, דברי ר' מאיר, ר' יהודה אומר שלש רגלים ואחר הרגל האחרון שבעה ימים, כדי שילך לביתו שלשה ויחזיר שלשה ויכריז יום אחד,** ביז ווילאנג דארף ער ארויסרופען? ביז עס דערוויסען זיך פון דער מציאה זיינע שכנים אַזוי האלט ר' מאיר. ר' יהודה זאָגט אַז ער רופט אויס דריי רגלים און נאָכ'ן לעצטען רגל זיבען טעג, כדי צו געבען צייט יעדער זאָל קענען אהיימגעהן דריי טעג צו אומקוקען זיך צי עס פעהלט אים ניט עפּעס, און צוריקצוקומען אין דריי טעג און צו אויסרופען פאַר'ן פאַרלירער איין טאָג דאָס די און די זאַך האָב איך פאַרלוירען און דער און דער איז דער סימן. די גמרא וועט אַלעס באשיידען: **גמ', תנא שכיני אבידה, מאי שכיני אבידה? אילימא שכינים דבעל אבידה, אי ידע ליה ליזל ולהדריה ניהליה?** מיר האָבען געלערנט אַז שכינים מיינט די משנה די שכינים פון דער אבידה, אויף דעם פרעגט די גמרא וואָס מיינט שכיני אבידה? זאָל איך זאָגען די שכינים פונ'ם פאַרלירער, איז דאָך צו פרעגען אויב ער קען איִם, זאָל ער געהן און צוריקגעבען איִם די אבידה? ענטפערט די גמרא **אלא שכיני מקום שנמצאת בו אבידה,** נאָר עס מיינט די שכינים פונ'ם פלאַץ וואו עס איז גע־פונען געוואָרען די אבידה: **ר' יהודה וכו' ורמינהו בשלשה במרחשון שואלין את הגשמים, רבן גמליאל אומר בז' בו שהוא ט"ו יום אחר החג כדי שיגיע אחרון שבארץ ישראל לנהר פרת?** ר' יהודה זאָגט וועגען דריי טעג, אהיים און דריי טעג צוריק, וועל איך דיר אויף דעם א קשיא פרעגען, מיר האָבען געלערנט אין דריטען טאָג פון חשון פאנגט מען אָן צו זאָגען אין דער תפילת שמונה עשרה ותן טל ומטר. ר' גמליאל זאָגט אין זיבענטען טאָג פון חשון, וואָס באטרעפט שוין פופצעהן טאָג נאָך סוכות אום דער לעצטער וואָס מיינט דער ווייטסטער זאָל קענען כאָטש גרייכען דעם טייך פרת, ער זאָל ניט געכאפּט ווערען פון רעגען, זעהסט דאָך גוט אַז א סך מעהר פון דריי טעג איז געדארפט צו גרייכען די היים צום ווייטסטען פונקט אין ארץ ישראל? **אמר רב יוסף לא קשיא כאן במקדש ראשון כאן במקדש שני, במקדש ראשון דנפישי ישראל טובא דכתיב בהו יהודה וישראל רבים כחול אשר על הים לרוב, בעינן כולי האי, במקדש שני דלא נפישי ישראל טובא דכתיב בהו כל הקהל כאחד ארבע ריבוא אלפים שלש מאות וששים לא בעינן כולי האי,** האָט רב יוסף געזאָגט עס איז ניט קיין קשיא דאָ ביים שואלין את הגשמים שמועסט ביים ערשטען בית המקדש און אונזער משנה שמועסט ביים צווייטען בית המקדש, ביים ערשטען בית המקדש וואו אידען זיינען געווען א סך מעהר, דען דער פּסוק זאָגט יהודה און ישראל זיינען געווען א סך, ווי דער זאמד ביים ים, האָבען זיי געוואוינט איבער'ן גאנצען לאנד ביז די ווייטסטע פונקטען, האָבען מיר געדארפט אַזויפיל טעג פאַר'ן געהן קיין ירושלים און צוריק אהיים, אָבער ביים צווייטען בית המקדש וואו עס זיינען ניט געווען פיל אידען, ווי דער פסוק זאָגט ביי זיי אַז דער גאנצער קהל ווי

אייגס איז געווען פיר מאָהל צעהן טויזענד, דריי הונדערט און זעכציג, דאַרפען מיר ניט אַזויפיל פאַר׳ן באוועגונג. אמר ליה אביי והא כתיב וישבו הכהנים והלויים וגו׳ והמשוררים והשוערים וכל ישראל בעריהם. האָט אביי צו אים געזאָגט דער פסוק זאָגט דאָך אַז אלע אידען (ווי ווייניג זיי זיינען געווען) האָבען (זיי) געוואוינט צעשפּרייט אין זייערע שטעדט איבער גאנץ ארץ ישראל. וכיון דהכי הוא איפכא מסתברא מקדש ראשון דנפישי ישראל טובא דמצות עלמא ומשתכחי שרייתא דאזלי בין בימכא ובין בליליא לא בעינן כולי האי, וסגי בתלתא יומא, און וויבאלד עס איז אַזוי איז דאָך פאַרקערט די סברה, ביים ערשטען מקדש וואו עס זיינען געווען א סך אידען און א וועלט נעמט זיך צוזאמען ביים עולה רגל זיין, געפינען זיך דאָך אלעמאָל קאָמפּאניעס מענשען וואָס געהען צוזאמען סיי בייטאָג סיי ביינאכט, דאַרפען מיר ניט אַזויפיל צייט, און עס איז דריי טעג אויך גענוג, מקדש שני דלא נפישי ישראל טובא ולא מצות עלמא ולא משתכחי שרייתא דאזלי בין בימכא ובין בליליא בעינן כולי האי, אָבער ביים צווייטען מקדש וואו קיין סך אידען זיינען ניט געווען און קיין אָפענע וועלט נעמען זיך ניט צוזאמען, געפינען זיך דאָך ניט קיין קאָמפּאניס צו געהן סיי בייטאָג סיי ביינאכט, דאַרפען מיר טאקע פיל צייט. רבא אמר לא שנא במקדש ראשון ולא שנא במקדש שני, לא הטריחו רבנן באבידה יותר מדאי, רבא זאָגט קיין אונטערשייד צי ביים ערשטען מקדש צי ביים צווייטען מקדש די רבנן האָבען ניט מטריח געווען ביי אבידה צופיל. אמר רבינא שמע מינה כי מכריז גלימא מכריז, דאי סלקא דעתך אבידתא מכריז בעינן למטפי ליה חד יומא לעיוני במאניה? אלא שמע מינה גלימא מכריז, שמע מינה. האָט רבינא געזאָגט פון דעם וואָס ער גיט אים נאָר צייט פאַר׳ן געהן היין און צוריק, איז געדרונגען אז ביים אַויסרופען רופט ער אויס וואָס א סאָרט קלייד ער האָט געפונען, דען אויב עס זאָל אַרויף אויפן געדאנק אַז ער רופט אויס סתם אן אבידה, וואָלטען מיר אים דאַרפען מעהרען נאָך א טאָג אויף צו אונטערזוכען וואָס א סאָרט קלייד פעהלט אים? נאָר מוז זיין דאָס ער רופט אויס דעם סאָרט קלייד, איז גוט געדרונגען. רבא אמר אפילו תימא אבידתא מכריז, לא הטריחו רבנן באבידה יותר מדאי, רבא זאָגט דו קענסט אפילו זאָגען אַז מען רופט אויס סתם אבידה, און פונדעסטוועגען גיט מען אים ניט קיין מעהר צייט, ווייל די רבנן האָבען ניט מטריח געווען ביי אבידה צופיל. תנו רבנן רגל ראשון, אומר רגל ראשון, רגל שני אומר רגל שני, רגל שלישי אומר סתם, ואמאי, לימא רגל שלישי דלא אתי לאחלופי בשני, שני נמי (דף כ״ח, ע״ב) אתיא לאחלופי בראשון? הא קא אתי רגל שלישי, די רבנן האָבען געלערנט אַז ער רופט אויס אין ערשטען רגל זאָל ער זאָגען אַז ער רופט אויס דעם ערשטען מאָהל, איז עס דער צווייטער רגל שוין זאָל ער אויסרופען דאָס איז שוין דער צווייטער רגל וואָס ער רופט, אָבער אין דריטען רגל זאָל ער אויסרופען סתם, פרעגט די גמרא וואָרום, זאָל ער ביים דריטען מאָהל אויך אויסרופען אַז דאָס איז דער דריטער רגל וואָס ער רופט אויס, אום די צוהערער זאָלען אים ניט פאַרטוישען אַלס ערשט דעם צווייטען רגל, פונקט ווי ביים

צווייטען רגל וואָס ער רופט אויס אַז עס איז שוין דער צווייטער רגל, מען זאָל אים ניט פאַרטוישען אַלס דעם ערשטען רגל? ענטפערט די גמרא הא קא אתי רגל שלישי, ביים צווייטען רגל מוז ער אויסרופען אַלס צווייטען, ווייל דער פאַרלירער דארף דאָך דאָס וויסען אַז ער האָט נאָך צייט צום דריטען רגל ווען ער וועט סיי ווי קומען, אָבער אין דריטען אַלס סתם וועט שוין דער פאַר־לירער וויסען אַז ער דאַרף באלד צוריקקומען, פאַר וועלכען צוועק ער קריגט טאקע די זיבען טעג נאָכ'ן לעצטען רגל. תנו רבנן בראשונה כל מי שמצא אבידה היה מכריז עליה שלשה רגלים ואחר רגל אחרון שבעת ימים כדי שילך שלשה ויחזיר שלשה ויכריז יום אחד. די רבנן האָבען געלערנט פאַרצייטען ווער עס האָט געפונען אַן אבידה האָט ער אויסגערופען וועגען איהר דריי רגלים און נאָכ'ן לעצטען רגל זיבען טעג דריי פאַר אהיימגעהן און דריי פאַר צוריקקומען און איין טאָג פאַר אויסרופען וואָס ער האָט דאָס פאַרלוירען. משחרב בית המקדש שיבנה במהרה בימינו התקינו שיהו מכריזין בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, ומשרבו האנסין התקינו שיהו מודיעין לשכיניו ולמיודעיו ודיו, ווי דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, ער זאָל ווי אמשנעלסטען נאָך אין אונזערע טעג געבויט ווערען, האָבען די חכמים איינגע־פירט מען זאָל אויסרופען אין די שולען און די בתי מדרשים, און ווען עס האָבען זיך פאַרמערט די באַצווינגער, האָבען די חכמים איינגעפירט מען זאָל לאָזען וויסען צו זיינע שכנים און באקאַנטע און עס איז גענוג, פרעגט די גמרא מאי משרבו האנסין? אמרי אבידתא למלכא, וואָס מיינט דאָ משרבו האנסין? אַ גוי אַז ער האָט געזעהן געפינענדיג א מציאה האָט ער גע'מסור'ט צו דער רעגירונג צוליב'ן געזעץ אַז אַן אבידה געהער צו דער רעגירונג. ר' אמי אשכח אודייא דדינרי, חזייה ההוא בר נש דקא מירתת, אמר ליה זיל שקול לנפשך דלאו פרסאי אנן אבידתא למלכא, ר' אמי האָט געפונען א כלי פול מיט גאָלדענע דינרין, האָט אים געזעהן אַ מאַן ווי ער האָט מורא, האָט ער צו אים געזאָגט געה נעם עס פאַר זיך, דען מיר זיינען ניט קיין (פרסאי) א רומאי וועלכע זאָגען אַז די מציאה געהער צו דער ממשלה. תנו רבנן אבן טוען היה בירושלים כל מי שאבדה לו אבידה נפנה לשם, וכל מי שמוצא אבידה נפנה לשם, זה עומד ומכריז וזה עומד ונותן סימנין ונוטלה, וזו היא ששנינו צאו וראו אם נמחת אבן הטוען, די רבנן האָבען געלערנט עס איז געווען אַ פלאַץ וואו עס איז געשטאַנען א הויכער שטיין מען האָט אים גע־רופען אבן הטוען, ווער עס האָט געפונען א מציאה האָט זיך געווענדעט דאָרט אהין, און ווער עס האָט פאַרלוירען האָט זיך געווענדעט דאָרט אהין, אויף דעם שטיין האָט מען זיך געשטעלט און אויסגערופען, דער געפינער האָט אויסגע־רופען און דער פאַרלירער האָט געגעבען די סימנים און גענומען. דאָס איז וואָס מיר האָבען געלערנט אין תענית דאָס חוני המעגל האָט געזאָגט געהט אַרויס און זעהט צו דער אבן הטוען איז ניט אָפּגעמעקט, מיינענדיג צו זאָגען צי מען זעהט נאָך אַרויס דעם שטיין פונ'ם רעגען־וואסער, וועל איך מתפלל זיין די רעגענס זאָלען אַוועק, דאָס איז אזא ווערטעל אַז מען באקלאָגט זיך ניט אויף צופיל גוטס: מתני', אמר את האבידה ולא אמר סימניה לא יתן לו,

**והרמאי אף על פי שאמר סימניה לא יתן לו שנאמר עד דרוש אחיך אותו, עד שתדרוש את אחיך אם רמאי הוא אם אינו רמאי**, אז דער פאַרלירער האָט געזאָגט די אבידה, נאָר ער האָט ניט געזאָגט איהרע סימנים, זאָל ער אים ניט געבען די אבידה, און איינער וואָס איז אין דער חזקה אַלס א ליגנער כאָטש ער זאָגט די סימנים זאָל ער אים ניט געבען, דען דער פסוק זאָגט אַז דער געפינער זאָל האַלטען די אבידה ביז דיין ברודער וועט נאָכפאָרשען און פאַרלאַנגען צוריק די אבידה, איז דאָך שווער זוי קען זיין אַ געדאנק צו אָפּגעבען די אבידה נאָך פריהער? נאָר דער דרוש מיינט דאָ א געמיינזאמע פאָרשונג, ער פרעגט אים אויס די צייט און פּלאַץ און מעהר איינצעלהייטען וועגען דער זאַך און די סימנים: **גמ' אתמר רב יהודה אמר אבידתא מכריז, ורב נחמן אמר גלימא מכריז, רב יהודה אמר אבידתא מכריז, דאי אמרת גלימא מכריז חיישינן לרמאי, רב נחמן אמר גלימא מכריז לרמאי לא חיישינן, דאם כן אין לדבר סוף**, מיר האָבען געלערנט רב יהודה זאָגט אַז דער געפינער רופט אויס סתם איך האָב געפונען א זאַך, און רב נחמן זאָגט אַז ער רופט אויס וואָס א זאַך ער האָט געפונען. רב יהודה זאָגט סתם, דען אויב ער זאָל אויסרופען וואָס א זאַך, איז צו באַזאָרגען אַז א ליגנער האָט געהערט פונ'ם פארלירער וואָס ער האָט פאַרלוירען און ער האָט געראַדע געקענט די זאַך מיט די סימנים און רב נחמן וואָס זאָגט גלימא מכריז, איז ווייל ער האַלט אַז מיר באַזאָרגען ניט וועגען א רמאי, דען אויב יאָ איז דאָך צו דער זאַך קיין ענד, ווייל דער רמאי קען אַלץ נאָך פאַרשטעלען אַז דאָס מוז דער אויסרופער מיינען דעם טלית וואָס יענער האָט אַזוי באַדויערט, איבער וועלכען ער ווייסט די סימנים, זאָגט די גמרא **תנן אמר את האבידה ולא אמר את סימניה הרי זה לא יתן לו, אי אמרת בשלמא אבידתא מכריז, הא קא משמע לן אף על גב דאמר גלימא כי לא אמר סימנין לא מהדרינן ליה**, איך וועל דיך א קשיא פרעגען פון אונזער משנה, אַז ער האָט געזאָגט די אבידה, נאָר ער האָט ניט געזאָגט די סימנים, זאָל ער אים די אבידה ניט צוריקגעבען, אנדערש ווען דו זאָלסט זאָגען אַז ער רופט אויס סתם, איך האָב געפונען אַן אבידה, איז רעכט, ווייל ער לאָזט הערען דערמיט אַז כאָטש דער פאַרלירער האָט געזאָגט גלימא, דהיינו וואָס א זאַך ער האָט פאַרלוירען, זאָלאנג ער זאָגט ניט די סימנים, גיבען מיר אים ניט צוריק די אבידה. **אלא אי אמרת גלימא מכריז, אמר איהו גלימא, ואמר איהו גלימא, צריכא למימר כי לא אמר סימנין לא מהדרינן ליה**? אָבער אַז דו וועסט זאָגען אַז ער רופט אויס גלימא, דהיינו וואָס א זאַך ער האָט דאָס געפונען, און דער פאַרלירער זאָגט אויך גלימא, זאָגען דאָךביידע גלימא, דאַרף די משנה ערשט זאָגען אַז אויב ער זאָגט ניט די סימנים, גיט מען אים ניט צוריק די אבידה? מוז דאָך זיין אַז ער רופט אויס סתם אַן אבידה איז דאָך א קשיא אויף רב נחמן וואָס זאָגט גלימא מכריז? **אמר רב ספרא לעולם גלימא מכריז, אמר איהו גלימא ואמר איהו סימנים, ומאי לא אמר את סימניה? לא אמר סימנים מובהקים דידה**, האָט רב ספרא געזאָגט לעולם שמועסט די משנה וואו ער רופט אויס גלימא, און דער פאַרלירער זאָגט די סימנים, אַי וואָס דען מיינט די משנה מיט לא אמר סימניה? די משנה

מיינט וואו ער האט ניט געזאגט די ריכטיגע סימנים איהרע: **והרמאי אף על פי שאמר סימניה הרי זה לא יתן לו**: **תנו רבנן בראשונה כל מי שאבדה לו אבידה היה נותן סימנין ונוטלה, משרבו הרמאין התקינו שיהו אומרים לו צא והבא עדים דלאו רמאי את וטול**, די רבנן האבען געלערנט פריהער פלעג יעדער פארלירער געבען די סימנין און נעמען די אבידה, ווי עס האבען זיך פארמערט די רמאים, האבען די חכמים מתקן געווען מען זאל זאגען צום פארלירער געה ארויס און ברענג עדות אז דו ביזט ניט קיין ליגנער און נעם. **כי הא דאבוה דרב פפא אירכס ליה חמרא ואשכחוה, אתא לקמיה דרבה בר רב הונא, אמר ליה זיל אייתי סהדי דלא רמאי את וטול**, ווי די געשיכטע וואו דער פאטער פון רב פפא האט פארלוירען אן אייזעל און מען האט עס געפונען, איז ער געקומען פאר רבה בר רב הונא, האט ער צו אים געזאגט געה ברענג עדות אז דו ביזט ניט קיין ליגנער, און נעם עס. **אזל אייתי סהדי, אמר להו ידעיתון ביה דרמאי הוא אמרו ליה אין, אמר להו אנא רמאה אנא? אמרו ליה, אנן, לאו רמאי את קאמרינן, אמר רבה בר רב הונא מסתברא לא מייתי איניש חובתא לנפשיה**, איז ער געגאנגען און געבראכט עדות, האט רבה בר רב הונא געפרעגט די עדות קענט איהר דעם מאן אלס א ליגנער? האבען די עדות — מיינענדיג אז ער פרעגט זיי, קענט איהר איהם אלס ניט קיין ליגנער? — געענטפערט אז יא. אבער רבה בר רב הונא האט געפרעגט, צי זיי קענען אים אלס ליגנער, ווייל די פראגע מוז זיין פאזיטיוו, דען נעגאטיוו, צי ער זאגט ניט אמאהל א ליגען קען קיינער ניט זאגען, אבער דער פארלירער הערענדיג פון די עדות דאס ער איז א ליגנער, האט זיי איבערגעפרעגט, איך בין א ליגנער? האבען זיי צו אים געזאגט, מיר זאגען אז דו ביזט ניט קיין ליגנער, האט רבה בר רב הונא געזאגט עס הייסט ניט קאלע געמאכט זייער עדות זאגעריי, ווייל די סברה גיט מיט אז א מענש ברענגט ניט קיין עדות אויף צו באשולדיגען זיך: **מתני', כל דבר שעושה ואוכל יעשה ויאכל, ודבר שאין עושה ואוכל ימכר שנאמר והשבותו לו ראה היאך תשיבנו לו**, יעדער זאך וואס ארבעט און עסט, דארף ער עס אויסהאלטען, ארבעטען דערמיט און געבען עסען, און די זאך וואס ארבעט ניט, נאר בלויז עס פארצעהרט, דארף די זאך פארקויפט ווערען, דען דער פסוק זאגט דו זאלסט אים די זאך צוריקקערען דאס מיינט דו זעה ווי אזוי קענסט אים צוריקקערען. **מה יהא בדמים? ר' טרפון אומר ישתמש בהן לפיכך אם אבדו חייב באחריותן, ר' עקיבא אומר לא ישתמש בהן לפיכך אם אבדו אין חייב באחריותן**, וואס זאל זיין מיט די געלד? ר' טרפון זאגט ער מעג נוצען די געלד, דעריבער אויב די געלד ווערט פארלוירען איז ער חייב אנדערע געלד צוריקצושטעלען, ר' עקיבא זאגט ער טאר ניט נוצען די געלד, דעריבער אויב די געלד געהט פארלוירען איז ער ניט פאראנטווארטליך פאר אנדער געלד: **גמ'**, פרעגט די גמרא **ולעולם? אמר רב נחמן אמר שמואל עד י"ב חודש**, די משנה זאגט אז די זאך וואס ארבעט און עסט, זאל ער אזוי האלטען ביז דער פארלירער וועט קומען, מיינט דען די משנה ביז אייביג? האט רב נחמן געזאגט פון שמואל וועגען ביז צוועלף

חדשים. תניא נמי הכי כל דבר שעושה ואוכל כגון פרה וחמור מטפל בהן עד י"ב חודש, מכאן ואילך שם דמיהן ומניחן, עגלים וסייחין מטפל בהן שלשה חדשים מכאן ואילך שם דמיהן ומניחן, מיר האָבען אויך אַזוי געלערענט אין א ברייתא אז די זאך וואָס אַרבעט און עסט ווי א שטייגער א קוה און אַן אייזעל, באמיהט ער זיך מיט זיי ביז צוועלף חדשים, פון דאַן און ווייטער מאכט זיי צו געלד און לעגט עס אוועק. אַז עס זיינען קעלבער און קליינע אייזע־לאך באמיהט ער זיך מיט זיי ביז דריי חדשים, פון דאַן און ווייטער מאכט ער זיי צו געלד און לאָזט עס ליגען, אווזין ותרנגולין מטפל בהן שלושים יום, מכאן ואילך שם דמיהן ומניחן. אמר רב נחמן בר יצחק תרנגולת כבהמה גסה, געגנז און העהנער באמיהט ער פאַר זיי דרייסיג טעג, פון דאן און ווייטער מאכט ער זיי צו געלד און לעגט אוועק. האָט רב נחמן בר יצחק געזאָגט אַז הינער וואָס לייגען אייער איז ווי א בהמה גסה ביז צוועלף חדשים. תניא נמי הכי תרנגולת ובהמה גסה מטפל בהן שנים עשר חודש מכאן ואילך שם דמיהן ומניחן, עגלים וסייחין מטפל בהן שלושים יום, מכאן ואילך שם דמיהן ומניחן, אווזין ותרנגולין וכל דבר שטיפולו מרובה משכרו, מטפל בהן שלשה ימים מכאן ואילך שם דמיהן ומניחן, מיר האָבען אויך אַזוי געלערנט ווי רב נחמן בר יצחק אַז א הון און אַגרויסע בהמה, איז ער מטפל מיט זיי ביז צועלף חדשים, פון דאַן און ווייטער מאכט ער זיי צו געלד און לעגט אוועק, מיט קינדער־בהמות איז ער מטפל ביז דרייסיג טעג, פון דאן און ווייטער מאכט ער זיי צו געלד און לעגט אוועק, מיט געגנז און העהנער און יעדע זאך וואו די באמיהונג איז מעהר פון פאַרדינסט, איז ער מטפל מיט זיי ביז דריי טעג און פון דאַן און ווייטער מאכט ער זיי צו געלד און לעגט אוועק. קשיא עגלים וסייחין אעגלים וסייחין, אווזין ותרנגולין אאווזין ותרנגולין? עגלים וסייחין אעגלים וסייחין לא קשיא, הא דרעיא והא דפטומא, אווזין ותרנגולין אאווזין ותרנגולין נמי לא קשיא, הא ברברבי הא בזוטרי. איז דאָך א קשיא צווישען די צווי ברייתות פון עגלים וסייחין אויף עגלים וסייחין, דען אין ערשטער ברייתא לערנט ער ביז דריי חדשים און אין דער צווייטער ברייתא ביז דרייסיג טעג, און פון אווזין ותרנגולין אויף אווזין ותרנגולין, דען אין דער ערשטער ברייתא זאָגט ער ביז דרייסיג טעג און אין דער צווייטער ברייתא ביז דריי טעג? ענטפערט די גמרא פון עגלים וסייחין אויף עגלים וסייחין איז ניט קיין קשיא ווייל די ברייתא וואָס זאָגט ביז דריי חדשים מיינט זי ווען זיי זיינען אויף פאשע אין פעלד וואָס קאָסט ווייניגער, און די ברייתא וואָס זאָגט ביז דרייסיג טעג מיינט זי וואו מען פיטערט זיי אין שטאַל פון געקויפטע פוט, און פון אווזין און תרנגולין אויף אווזין און תרנגולין איז ניט שווער, ווייל די ערשטע ברייתא פון דרייסיג טעג שמועסט ביי קינדער־עופות וואָס עסען ווייניג און די צווייטע ברייתא פון דריי טעג שמועסט ביי גרויסע עופות וואָס עסען א סך. דער רמב"ם באשיידט עס פאַרקערט אז מיט קינדער־עופות איז טייערער און שווערער די פיטינג: ושאינו עושה ואוכל: תנו רבנן והשבותו לו ראה היאך תשיבנו לו שלא יאכיל עגל לעגלים וסיח לסייחין אווזא לאווזין ותרנגול לתרנגולין. די רבנן האָבען געלערנט דער

פסוק זאָגט דו זאָלסט די זאַך צוריקקערען צו אים, דאָס מיינט דו זאָלסט זעהן ווי אַזוי דו קענסט אויספירען צו קענען אים צוריקגעבען, עס זאָל ניט פאַר־צעהרען איין זאַך די אַנדערע, ער זאָל ניט מאַכען עסען א קאַלב צו קעלבער, מיינענדיג דערמיט ער זאָל ניט אַנקומען צו דאַרפען פאַרקויפען א קאַלב אום צו שפּייזען די אַנדערע: מה יהא בדמים ? ר' טרפון אומר ישתמש וכו': עד כאן לא פליגי (דף כ"ט, ע"א) אלא כשנשתמש בהן אבל לא נשתמש בהן, אם אבדו פטור, זאָגט די גמרא די תנאים אין דער משנה קריגען ניט קעגען חייב צו זיין פאַר'ן געלד פון דער אבידה, נאָר סיידען אַז ער האָט געניצט די געלד, דאמאָלט זאָגט ר' טרפון אויב די געלד איז פאַרלוירען געגאַנגען איז ער חייב אַנדער געלד, און ר' עקיבא זאָגט אַז ער איז ניט חייב. פרעגט די גמרא לימא תיהוי תיובתא דרב יוסף דאתמר שומר אבידה רבה אומר כשומר חינם, רב יוסף אמר כשומר שכר, צי מוזען מיר זאָגען אַז לויט דער הנחה, וועט די משנה זיין א קשיא אויף רב יוסף, דען מיר האָבען געלערנט וועגען דעם שומר אבידה דאָס רבה זאָגט ער האָט דעם דין ווי א שומר חינם צו פטור זיין אויב פאַרלוירען, רב יוסף זאָגט ער האָט דעם דין ווי א שומר שכר צו חייב זיין פאַר אבדה, און לויט דער הנחה אַז חייב איז ער נאָר אויב ער האָט די געלד געניצט, אַניט איז ער פטור, איז דאָך א קשיא אויף רב יוסף? ענטפערט די גמרא אמר לך רב יוסף בגניבה ואבידה דכולי עלמא לא פליגי דחייב, כי פליגי באונסין דשואל, ר' טרפון סבר שרו ליה רבנן לאשתמושי בגוייהו והוה ליה שואל עלייהו, ור' עקיבא סבר לא שרו ליה רבנן לאישתמושי בגוייהו הלכך לא הוי שואל עלייהו, רב יוסף קען דיר אַזוי ענטפערען ביי גניבה ואבידה קריגט קיינער ניט, אַז זיכער דער געפינער איז חייב אויב די געלד איז ביי אים אַוועקגעקומען, נאָר ווייסטו ווען זיי קריגען וואו די געלד איז אַוועקגעקומען פון אים מיט געוואַלד צי ער האָט דעם דין פון א שואל וואָס איז חייב באונסין, ר' טרפון האַלט אַזוי ווי די רבנן האָבען אים ערלויבט צו נוצען די געלד איז ער ווי א שואל איבער די געלד און ער איז חייב באונסין, און ר' עקיבא האַלט אַז די רבנן האָבען אים ניט ערלויבט צו נוצען די געלד איז ער דעריבער ניט ווי א שואל און ער איז פטור באונסין. פרעגט די גמרא אי הכי לפיכך דאמר ר' עקיבא למה לי, אי אמרת בשלמא בגניבה ואבידה הוא דפליגי, היינו דקתני ר' עקיבא אומר לא ישתמש בהן לפיכך אם אבדו אינו חייב באחריותן, סלקא דעתך אמינא שומר שכר הוי כדר' יוסף ובגניבה ואבידה מחייב, קא משמע לן לפיכך, אויב אַזוי, אויב עס שמועסט קעגען אונסין ווי ביי א שואל צו וואָס זאָגט ר' עקיבא דעם לפיכך, אַנדערש אַז דו ווערסט זאָגען אַז זיי קריגען נאָר ביי גניבה ואבידה, איז רעכט וואָס ר' עקיבא לערנט ער זאָל ניט נוצען, דעריבער איז ער ניט חייב ביי פאַרלירען די געלד, דען איך וואָלט מיינען צו זאָגען אַז ער איז ווי א שומר שכר ווי רב יוסף זאָגט עס אַז ער איז חייב פאַר גניבה ואבידה, לאָזט ר' עקיבא הערען אונז דעם לפיכך אַז השתא דאמרת לא ישתמש בהן שומר שכר לא הוי ולא מחייב בגניבה ואבידה, יעצט אַז דו זאָגסט אַז ער זאָל ניט נוצען די געלד איז ער דאָך שוין ניט קיין שומר־

שכר, איז ער אויך ניט חייב בגניבה ואבידה. **אלא אי אמרת בגניבה ואבידה דכולי עלמא לא פליגי דחייב, כי פליגי באונסין דשואל מאי לפיכך דר' עקיבא?** אבער אז דו ווערסט זאגען אז בגניבה ואבידה קריגט קיינער ניט, דאס זיכער ער איז חייב, נאר זיי קריגען ביי אונסין פון א שואל וואס באדייט דער לפיכך פון ר' עקיבא דא? **הכי מבעי ליה למתני ר' עקיבא אומר לא ישתמש בהן, ואנא ידענא דכיון דלא ישתמש בהן לאו שואל הוי ואינו חייב באחריותן לפיכך דר' עקיבא למה לי?** אזוי האט ער געדארפט לערנען דעם לשון ר' עקיבא אומר לא ישתמש בהן און מעהר ניט, און איך וואלט שוין וויסען אז וויבאלד ער טאר ניט נוצען איז ער ניט קיין שואל און ער איז ניט חייב קיין אנדער געלד, היינט צו וואס איז געדארפט דא דער לפיכך פון ר' עקיבא? ענטפערט די גמרא **משום לפיכך דר' טרפון, ולפיכך דר' טרפון למה לי? הכי קאמר כיון דשרו ליה רבנן לאשתמושי בגוויהו, כמאן דאישתמש בגווייהו דמי וחייב באחריותן.** צוליב ער לערנט דעם לפיכך ביי ר' טרפון, לערנט ער אויך שוין דעם לשון ביי ר' עקיבא. און באלד פרעגט ער איבער צו וואס איז געדארפט דער לפיכך ביי ר' טרפון, אז ער נוצט ניט די געלד ווי קען ער הייסען אלס שואל? ענטפערט די גמרא אזוי מיינט ער צו זאגען וויבאלד די רבנן האבען אים ערלויבט צו נוצען מיט די געלד, איז גלייך ווי ער וואלט זיי גענוצט און דעריבער חייב אין זייער אחריות. פרעגט די גמרא **והא אבדו קתני? (דף כ"ט, ע"ב) כדרבה דאמר רבה נגנבו בלסטים מזויין, אבדו שטבעה ספינתו בים, אמר רב יהודא אמר שמואל הלכה כר' טרפון,** ער לערנט דאך אין דער משנה אבדו, און אויב שואל איז דאך געדארפט צו לערנען באנסו? ענטפערט די גמרא עס איז ווי רבה האט געזאגט אויף אן אנדער ארט, אז נגנבו מיינט דורך באוואפענטע רויבער און אבדו מיינט וואו זיין שיף איז אונטערגעגאנגען מיט די געלד, הייסט דאך שוין דאס באונס. **ביד רחבה הוה ליה הנהו זוזי דיתמי, אתא לקמיה דרב יוסף, אמר ליה מהו לאשתמושי בגווייהו? אמר ליה הכי אמר רב יהודה אמר שמואל הלכה כר' טרפון,** אין רחבה'ס האנד איז געווען יתומים געלד, איז ער געקומען פאר רב יוסף און געזאגט צו אים ווי איז דער דין צי מעג מען נוצען די געלד? האט ער צו אים געזאגט אזוי האט רב יהודה געזאגט פון שמואל וועגען אז די הלכה איז ווי ר' טרפון אז מען מעג נוצען די געלד. **אמר ליה אביי ולאו אתמר עלה אמר ר' חלבו אמר רב הונא דלא שנו אלא בדמי אבידה הואיל וטרח בה, אבל מעות אבידה דלא טרח בהו לא,** האט אביי צו אים געזאגט איז דען ניט געלערנט געווארען דערויף אז ר' חלבו האט געזאגט פון רב הונא וועגען, אז די חכמים האבען דאס ניט געלערנט צו מעגען נוצען די געלד נאר ביי געלד פון אבידה, ווייל ער האט זיך שוין געהאט באמיט מיט דער אבידה ביז ער איז געצוואונגען געווארען צו מאכען איהר צו געלד, אבער וואו די אבידה אליין איז געווען געלד, מיט וועלכער ער האט זיך ניט באמיהט, טאר ער טאקע ניט נוצען, **והני כמעות אבידה דמו. אמר ליה זיל לא שבקי לי דאשרי לך,** און די יתומים געלד זיינען דאך גלייך ווי אבידה געלד, האט ער געזאגט צו רחבה, געה זיי לאזען מיך ניט איך זאל מתיר זיין

פאַר דיר צו נוצען די געלד: **מתני', מצא ספרים קורא בהן אחד לשלושים יום, ואם אינו יודע לקרות גוללן, אבל לא ילמוד בהן בתחילה ולא יקרא אחר עמו**, אַז איינער האָט געפונען מגילות־ספרים (פאַרצייטענס פלעגט מען אויך שרייבען ספרים זיי זאָלען זיך וויקלען ווי מגילות) זאָל ער אין זיי לייענען ווייניגסטענס איין מאָהל צו דרייסיג טעג, זיי זאָלען זיך אויסלופטערען, און אויב ער ווייסט ניט ווי צו לייענען, זאָל ער זיי איבערוויקלען, אָבער ער זאָל אין זיי ניט לערנען זאכען וואָס זיינען פאר אים ניי, דעם ערשטען מאָהל, ווייל האלטענדיג לענגער אין דעם פלאַץ ווערט דער ספר מעהר אָפּגענוצט, אויך זאָל אַן אנדערער ניט מיטלייענען מיט אים. **מצא כסות מנערה אחד לשלושים יום ושטחה לצרכה, אבל לא לכבודו, כלי כסף וכלי נחושת משתמש בהן לצרכן אבל לא לשחקן**, אַז ער האָט געפונען א קלייד דאַרף ער איהר אויס־שאָקלען אין דער לופט איין מאָהל צו דרייסיג טעג, און ער מעג איהר אויס־שפּרייטען פאַר איר נוץ, אָבער ניט פאַר זיין כבוד וועגען, זילבער און קופער כלים מעגסטו נוצען פאַר דיינסוועגען אָבער ניט מיט הארטע זאכען וואָס רייבט זיי אָפּ, **כלי זהב וזכוכית לא יגע בהן עד שיבא אליהו, מצא שק או קופה וכל דבר שאין דרכו ליטול הרי זה לא יטול**, גאָלדענע כלים און גלאָז־כלים זאָל ער ניט באַרירען, גאָלד צוליב זיין טייערקייט און עס נוצט זיך פאָרט עפּעס אָפּ, און גלאָז צוליב עס זאָל זיך ניט צוברעכען, די כלים דאַרף ער האלטען פאַר אימער אומגענוצט, אַז ער האָט געפונען א זאק אָדער אַ גרויסען בייטעל וואָס איז ניט קיין כבוד ער זאָל עס נעמען און זיך מטפל זיין דערמיט, זאָל ער זיי ניט נעמען: **גמ', אמר שמואל המוצא תפילין בשוק שם דמיהן ומניחן לאלתר**, האָט שמואל געזאָגט אַז איינער געפינט תפילין אין גאס, מאכט ער זיי צו געלד און לעגט זיי באלד אוועק. **מתיב רבינא מצא ספרים קורא בהן אחד לשלשים יום, ואם אינו יודע לקרות גוללן, גוללן אין, שם דמיהן ומניחן לא? אמר אביי תפילין בי בר חבו משכח שכיחי, ספרים לא שכיחי**, האָט רבינא א קשיא געפרעגט אויף שמואל'ן פון דער משנה, אַז איינער האָט געפונען ספרים, דאַרף ער לייענען אין זיי איינמאָהל צו דרייסיג טעג און אויב ער ווייסט ניט צו לייענען, זאָל ער זיי איבערוויקלען, זעהסט דאָך אַז איבערוויקלען יאָ, אָבער צו מאכען זיי צו געלד און אַוועקלייגען ניט, איז דאָך א קשיא אויף שמואל'ן? האָט אביי געזאָגט, תפילין ביים תפילין מאַכער געפינען זיך קען ער באלד פאַר די געלד קויפען אנדערע תפילין, אָבער ספרים געפינען זיך ניט, (היינט וואָלט זיין דער דין אנדערש, ווייל גיכער איז שווערער צו קריגען תפילין גוטע ווי ספרים). **תנו רבנן השואל ספר תורה מחבירו, הרי זה לא ישאלנו לאחר, פותחו וקורא בו ובלבד שלא ילמוד בו בתהילה, ולא יקרא אחר עמו**. די רבנן האָבען געלערנט אַז איינער לייהט זיך ביי יענעם א ספר תורה, זאָל ער אים ניט לייהען צו אַן אנדערען, ער מאכט אים אויף און ער לייענט אין אים, אָבער ער זאָל ניט לערנען אין אים א זאך דעם ערשטען מאָהל, און אַן אנדערער זאָל ניט מיטלייענען מיט אים, **וכן המפקיד ספר תורה אצל חבירו גוללו כל שנים עשר חודש, פותחו וקורא בו, אם בשבילו פתחו אסור**.

און אַזוי אַז איינער גיט צו באהאלטען א ספר תורה צו יענעם, זאָל ער יעדע צוועלף חדשים איבערוויקלען כדי צו איבערלופטערען, ער מעג אויפמאכען דעם ספר און לייענען אין אים, אויב פאַר זיך׳ס וועגען ער האָט געעפענט איז אסור. סומכוס אומר בחדש שלושים יום, בישן שנים עשר חודש, ר׳ אליעזר בן יעקב אומר אחד זה ואחד זה שנים עשר חודש, סומכוס זאָגט א נייע ספר תורה וויקעלט ער איבער יעדע דרייסיג טעג, און אַן אלטע יעדע צוועלף חדשים, ר׳ אליעזר בן יעקב זאָגט סיי א נייע סיי אַן אלטע יעדע צוועלף חדשים: אמר מר השואל ספר תורה מחבירו, הרי זה לא ישאילנו לאחר, מאי אריא ספר תורה, אפילו כל מילי נמי, דאמר ריש לקיש כאן שנה רבי אין השואל רשאי להשאיל, ואין השוכר רשאי להשכיר? אויבען האָט דער האר געזאָגט אַז איינער לייהט זיך א ספר תורה פון זיין חבר, זאָל ער אים ניט אַוועקלייהען צו אַן אנדערען, וואָס כאפט ער אָן אַ ספר תורה, אפילו יעדע זאך האָט דאָך דעמזעלבען דין, דען ריש לקיש האָט דאָך געזאָגט ביי א גט וואו דער שליח מעג איבערגעבען אים דורך אַן אנדערען שליח, אָבער אַן אנדער זאך ניט, דאָס דאָ האָט רבי אונז געלערנט דערמיט דאָס אויך א שואל און א שוכר טאָר ניט די זאך ווייטער אַוועקלייהען אָדער אַוועקפאַרדינגען צו אַן אנדערען, ווייל יענער קען אלץ טענה׳ן איך וויל ניט מיין זאך ביי אַן אנדערען, דיר געטרוי איך, ניט קיין אנדערען, היינט וואָס כאפט ער אָן דוקא א ספר תורה? ענטפערט די גמרא ספר תורה איצטריכא ליה, מהו דתימא ניחא ליה לאיניש דתעבד מצוה בממוניה? קא משמע לן, ספר תורה איז געדארפט צו לאָזען הערען, ווייל איך וואָלט מיינען צו זאָגען, אַז עס איז ניחא צו א מענש מען זאָל טאָן א מצוה מיט זיין געלד? לאָזט ער אונז הערען אַז אויך א ספר תורה טאָר מען ניט ווייטער אַוועקלייהען צו אַן אנדערען. פרעגט די גמרא פותחו וקורא בו פשיטא ואלא למאי שייליה מיניה? סיפא איצטריכא ליה ובלבד שלא ילמוד בו בתחילה, דו זאָגסט אַז ער מעג עפענען און לייענען אין אים, עס איז דאָך אַ געוויס צו וואָס דען האָט ער אים געליגען פון אים? ענטפערט די גמרא ער לערנט דאָס צוליב די סיפא וואָס איז געדאַרפט צו זאָגען אַז נאָר לערנען א נייע זאך זאָל ער ניט דעם ערשטען מאָהל. וכן המפקיד ספר תורה אצל חבירו, גוללו כל שנים עשר חודש פותחו וקורא בו מאי עבידתיה גביה? ותו אם בשבילו פתחו אסור, הא אמרת פותחו וקורא בו? ער זאָגט ווייטער און אַזוי איז דער דין אַז מען גיט א ספר תורה צו באַהאלטען, אַז ער וויקעלט איבער יעדע צוועלף חדשים, און ער מעג עפענען און לייענען אין אים, וואָס איז זיין ארבעט דערביי צו לייענען אין אים, ער זאָגט דאָך שוין וועגען איבערוויקלען, און נאָך איז שווער אויב פאַר זיך ער האָט געעפענט צו לייענען איז אסור, ערשט האָסטו דאָך געזאָגט אז ער מעג עפענען און לייענען אין אים. ?ענטפערט די גמרא הכי קאמר אם כשהוא גוללו פותחו וקורא בו מותר, אם בשבילו פותחו אסור, אַזוי האָט ער געמיינט צו זאָגען אויב ביים איבערוויקלען ער האָט אים געעפענט און געלייענט איז מותר אויב פאַר אייגען נוצען ער האָט געעפענט איז אסור. סומכוס אומר

בחדש שלשים יום בישן שנים עשר חודש, ר' אליעזר בן יעקב אומר אחד זה ואחד זה שנים עשר חודש, ר' אליעזר בן יעקב היינו תנא קמא? אלא אימא ר' אליעזר בן יעקב אומר אחד זה ואחד זה שלשים יום, ר' אליעזר בן יעקב זאָגט דאָך דאָסזעלבע וואָס דער ערשטער תנא? ענטפערט די גמרא נאָר זאָג דעם טעקסט אַז ר' אליעזר בן יעקב זאָגט אַז סיי א נייע סיי אַן אלטע ספר תורה דאַרף ער איבערוויקלען אלע דרייסיג טעג: אבל לא ילמוד בו בתחילה ולא יקרא אחר עמו: ורמינהו לא יקרא פרשה וישנה, ולא יקרא בו פרשה ויתרגם, ולא יפתח בו יותר משלשה דפין ולא יקראו בו שלשה בני אדם בכרך אחד, הא שנים קורין? אמר אביי לא קשיא כאן בענין אחד כאן בשני עניינים, די משנה זאָגט אז נאָך איינער זאָל ניט מיטלייענען, ווער איך דיך אויף דעם א קשיא פרעגען. מיר האָבען געלערנט, ער זאָל ניט לייענען א פרשה און ווידערהאָלען איהר, און ניט לייענען איהר און איבערזעצען, און ניט עפענען דעם ספר מעהר פון דריי דאַפין, און עס זאָל ניט לייענען אין אים דריי מענשען אין איין ספר, אָבער צוויי מעגען יאָ לייענען, איז דאָך א קשיא צווישען דער משנה און די ברייתא? האָט אביי געזאָגט עס איז ניט קיין קשיא, די משנה דאָ שמועסט ביי איין ענין איז מעהר ווי איינער טאָר ניט לייענען, און די ברייתא שמועסט ביי צוויי ענינים וואו נאָר דריי טאָרען ניט צוזאמען לייענען אָבער צוויי מענשען יאָ: מצא כסות מנערה אחד לשלושים יום: פרעגט די גמרא למימרא דניעור מעלי לה, והאמר ר' יוחנן מי שיש לו גרדי אומן בתוך ביתו ינער כסותו בכל יום? אמרי בכל יום קשי לה, אחד לשלשים יום מעלי לה, לויט אונזער משנה קומט דאָך אויס צו זאָגען אַז אויסשאָקלען איז געזונד פאַר דער ווארע פון קלייד, ר' יוחנן האָט דאָך געזאָגט ווער עס האָט קלאָט בעל־מלאכות אין הויז, זאָל ער אויסשאָקלען זיינע קליידער יעדען טאָג, וועלען זיי זיך שנעל צורייסען צו קענען אָנטאָן פרישע קליידער, זעהסט דאָך גוט אז אויסשאָקלען רואינירט די קליידער? ענטפערט די גמרא איך קען דיר זאָגען אַז יעדען טאָג איז טאקע שעדליך פאַר'ן קלייד, אָבער איינמאָהל צו דרייסיג טעג מאכט יאָ גוט. אי בעית אימא לא קשיא הא בחד והא בתרי, אי בעית אימא לא קשיא הא בידא והא בחוטרא, אי בעית אימא לא קשיא הא בדעמרא הא בדכיתנא, אז ווילסט וועל דיר ענטפערען אַז עס איז ניט קיין קשיא דאָ וואו ער הייסט אויסטרעסלען פון שטויב עס זאָל גוט מאכען פאַר'ן קלייד, שמועסט וואו איינער טוט עס, אָבער ר' יוחנן מיינט וואו צוויי טוען עס, אַז ווילסט וועל זאָגען אַז עס איז ניט קיין קשיא, דאָ וואו עס מאכט גוט פאַר'ן קלייד שמועסט אַז ער טשעפּעט אויס מיט דער האנד, און דאָ ביי ר' יוחנן שמועסט וואו ער קלאפּט אויס מיט א שטעקען, אַז ווילסט וועל דיר זאָגען עס איז ניט קיין קשיא ביי וואָל איז שעדליך צו אויסקלאַפּען און אויסטשעפּען און ביי פלאקס־סענע־ווארע איז ניט שעדליך. אמר ר' יוחנן כסא דחרשין ולא כסא דפושרין, ולא אמרן אלא בכלי מתכת אבל בכלי חרס לית לן בה. האָט ר' יוחנן געזאָגט, (אַז ער האלט שוין ביי א שמועס וואָס עס איז געזונד צו א זאַך, רעדט ער אויך שוין וועגען געזונדהייט פאַר'ן מענש, וואסער האָט אויף

זיך באצילען, איז געזונד פאַר'ן מענש צו טרינקען אָדער קאלטערהייט אָדער אַלס געקאָכט ווייל אַלס קאלט העלפען זיי צו פאַרדייאונג און אַלס געקאָכט זיינען זיי פאַרניכטעט), דאָס זאָגט עס ר' יוחנן אַז עס איז שוין בעסער צו טרינקען א כוס פון מכשפות וואס איז א קלער פאַר כישוף, איידער צו טרינקען לעבלאך וואסער ווייל דאמאלט זיינען שוין די באצילען קאלע און זיינען דעריבער זיכער שעדליך, און מיר זאָגען דאָס ניט, נאָר אין א כלי פון מעטאל אָבער אין אַן ערדענע כלי שאָדט ניט, **ובכלי מתכת נמי לא אמרן אלא דלא צויץ, אבל דצויץ לית לן בה, ולא אמרן אלא דלא שדא ביה ציביא, אבל שדא ביה ציביא לית לן בה,** און ביי א מעטאל כלי אַלס שעדליך זאָגען מיר אויך ניט, נאָר דאָ וואו די וואסער איז ניט הייס אָבער אַז די וואסער איז יאָ הייס שאָדט ניט, און ביי לעבלאך וואַסער זאָגען מיר אויך ניט אַלס שעדליך, נאָר דאָ וואו ער וואַרפט ניט אַריין קיין שטארקע זאך (אזא מין תבלין) אָבער אַז ער וואַרפט אַריין תבלין שאָדט ניט, ווייל זיי פאַרניכטען די באצילען: **ואמר ר' יוחנן מי שהניח לו אביו מעות הרבה ורוצה לאבדן, ילבש בגדי פשתן וישתמש בכלי זכוכית, וישכור פועלים ולא ישב עמהן,** נאָך האָט ר' יוחנן געזאָגט וועמען דער פאָטער האָט איבערגעלאָזט א סך געלד און ער וויל עס שנעל פאַרלירען, זאָל ער זיך קליידען אין לינען־קליידער, און ער זאָל נוצען גלאָז־וואַרג, און ער זאָל דינגען אַרבייטער און ניט זיצען מיט זיי, **ילבש בכלי פשתן, בכיתנא רומיתא, וישתמש בכלי זכוכית בזוגיתא חיורתא, וישכור פועלים ואל ישב עמהן תרגומא (דף ל', ע"א) בתורי דנפיש פסידייהו,** קליידען זיך מיט לינען מיינט מען רומישע לינען וואָס איז טייער און ווערט שנעל צוריסן, און די גלאָז־וואַרג מיינט דאָ ווייסע גלאָז, און די פועלים, איז באשיידט געוואָרען אַז עס מיינט וואו זיי ארבעטען מיט אָקסען, וואָס קענען פיל שעדיגען אויב מען זאָל ניט אויפפאַסען: **שוטחה לצרכה אבל לא לכבודו: איבעיא להו לצרכו ולצרכה מאי? תא שמע שוטחה לצורכה, לצורכה אין, הא לצורכו ולצורכה לא,** האָבען די בני הישיבה געפרעגט אַז ער שפרייט אויף לטובה פאַר'ן קלייד און פאַר'ן כבוד זיך, ווי איז דער דין? קום איך וועל דיר פושט זיין פון אונזער משנה, זי זאָגט אַז ער מעג איהר אויפשפרייטען לטובה פאַר'ן קלייד זעהסט דאָך גוט אַז בלויז פאַר'ן קלייד יאָ, אָבער פאַר זיך און פאַר'ן קלייד ניט, איז דאָך געדרונגען אַז פאַר ביידע אינ־איינעם ניט, אויב אַזוי **אימא סיפא אבל לא לכבודו, לכבודו הוא דלא הא לצורכה ולצורכו שפיר דמי? אלא מאי ליכא למשמע מינה.** זאָג'זשע די סיפא אָבער צוליב זיין כבוד ניט, איז דאָך געדרונגען אַז נאָר צוליב זיין כבוד אליין ניט, אָבער, צוליב'ן קלייד און צוליב אים איז רעכט, איז דאָך שווער פון דער סיפא אויף דער רישא, נאָר מוז זיין אַז פון דער משנה קען מען ניט דרינגען, דען די רישא און די סיפא זאָגען בלויז דעם דין, אָבער ניט צו דרינגען אויף אַן אנדערען פאַל. **תא שמע לא ישטחנה לא על גבי מטה, ולא על גבי מגוד לצרכו, אבל ישטחנה על גבי מטה ועל גבי מגוד לצרכה, נזדמנו לו אורחים לא ישטחנה לא על גבי מטה ולא על גבי מגוד בין לצורכו בין לצורכה,** קום איך וועל דיר פושט זיין מיר האָבען געלערנט ער זאָל די

קלייד ניט אויפשפרייטען ניט אויף א בעט, און ניט אויף הענגער פאַר זיך וועגען, אָבער ער מעג איהר אויפשפרייטען אויף א בעט אָדער אויף הענגער פאַר׳ן קלייד וועגען, זיינען צו אים אָנגעקומען אורחים זאָל ער איהר ניט אויפ־שפרייטען ניט אויף א בעט און ניט אויף הענגער, סיי פאַר זיך סיי פאַר׳ן קלייד, זעהסט דאָך גוט אַז אפילו פאַרביידע אינאיינעם אויך ניט, ווענדט די גמרא אָפּ **שאני התם דמקלא קלי לה אי משום עינא אי משום גנבי**, לעולם קען זיין אַז ביידע יאָ, נאָר דאָרט איז אנדערש דען מיט׳ן אויפשפרייטען פארברענט ער איהר, צי מיט א גוט אויג צי מיט גנבים וועלכע פארקוקען זיך דערויף צו קענען, גנב׳ענען. **תא שמע הכניסה לרבקה ודשה כשרה, בשביל שתינק ותדוש פסולה, והא הכא דלצורכו ולצורכה הוא וקתני פסולה**, קום איך וועל דיר פושט זיין אַז ער האָט די עגלה ערופה מיט וועלכער מען טאָר ניט ארבעטען אריינגענומען אין שפאַן מיט נאָך עטליכע בהמות אָבער די כוונה פאַר דער ארבעט איז בלויז געווען אויף די בהמות, און די עגלה ערופה האָט גע־דראָשען, איז זי כשר. אָבער אַז ער האָט איהר אריינגענומען ווען אַפילו אויף זויגען פון דער מוטער, נאָר ער האָט אין זינען געהאט דאָס איינוועגס זאָל די עגלה אויך דרעשען, איז זי פסולה, און דאָ איז דאָך שוין פאַר זיך און פאַר דער עגלה און ער לערנט דאָך אַז זי איז פסול, ווענדט די גמרא אָפּ **שאני התם דאמר קרא אשר לא עובד בה מכל מקום, אי הכי אפילו רישא נמי?** לעולם קענען מיר זאָגען אַז פאַר ביידע אינאיינעם מעג מען יאָ, נאָר דאָרט איז אנדערש, דען דער פסוק זאָגט ביי עגלה ערופה אַז זי זאָל זיין אזא מיט וועלכער עס איז ניט געארבעט געוואָרען, איז אסור אַלענפאַלס, פרעגט די גמרא, אויב אַזוי דאַרף דאָך דער דרעשען פון דער רישא אויך אסור׳ן? ענטפערט די גמרא **הא לא דמיא אלא להא דתנן שכן עליה עוף כשרה עלה עליה זכר פסולה, מאי טעמא? כדרב פפא דאמר רב פפא אי כתיב עובד וקרינן עובד הוה אמינא אפילו ממילא, ואי כתיב עבד וקרינן עבד הוה אמינא עד דעבד בה איהו**, די רישא איז ניט גלייך נאָר צו דער זאַך פון דער משנה דען מיר האָבען געלערנט ביי פרה אדומה וואָס האָט דעם זעלבען דין ניט צו ארבעטען מיט איהר, אַז אויב אַן עוף האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף איהר איז זי כשר, אָבער אַז א זכר איז אַרויף אויף איהר איז זי פסול, וואָס איז די סברה? עס איז ווי רב פפא זאָגט, אין פסוק שטעהט עבד מיט א שורו״ק אונטער דער עיי״ן, וואָס האָט דעמזעלבען טייטש ווי עובד מיט אמלופי״ם, ווערען געארבעט, זאָגט דאָס רב פפא ווען עס וואָלט שטעהן מיט א מלופי״ם וואו מען מוז לייענען אַזוי וואָלט איך טאקע זאָגען, ווען אפילו עס פאַסירט אַזוי אָהן זיין ווילען, איז אויך אסור, און ווען עס וואָלט שטעהן אָהן א מלופי״ם אַזוי ווי עס שטעהט טאקע, און מיר וואָלטען לייענען אָהן א שורו״ק נאָר מיט א קמץ וואָס טייטשט זיך ער האָט געארבעט, וואָלט איך זאָגען ביז ער האָט נאָר געטאָן, אָבער אליין אָהן זיין ווילען אַז עס האָט זיך געטאָן שאַד ניט, **השתא דכתיב עבד וקרינן עובד, בעינן עובד דומיא דעבד, מה עבד דניחא ליה אף עובד דניחא ליה**, יעצט אַז עס שטעהט געשריבען עבד אָהן א מלופי״ם און מיר לייענען מיט א שורו״ק ווי גלייך עס וואָלט שטעהן מיט א מלופי״ם,

איז עס צו גלייכען דעם עבד מיט'ן עובד, פונקט ווי עבד וואָס איז טייטש ער האָט געארבעט וואָס מיינט, מיט א וואונש, אַזוי אויך עובד — וואָס איז טייטש עס איז געוואָרען געארבעט פון זיך זעלבסט — דאַרף זיין מיט'ן וואונש עס זאָל אים ניחא זיין ,און די רישא דאָ שמועסט דאָך וואו עס איז אים ניט ניחא געווען פאַר דער ארבעט: כלי כסף וכלי נחושת משתמש בהן וכו': תנו רבנן המוצא כלי עץ משתמש בהן בשביל שלא ירקבו, כלי נחושת משתמש בהן בחמין, אבל לא על ידי האור מפני שמשחיקן, די רבנן האָבען געלערנט אַז איינער געפינט האָלצענע כלים, דאַרף ער זיי נוצען זיי זאָלען ניט פוילען. קופערנע כלים מעג ער נוצען אויך מיט ווארימע וואסער און געוויס מיט קאלטע, אָבער ער זאָל די כלים מיט'ן וואסער ניט דערווארעמען דורכ'ן פייער, צוליב די פייער ווייכט און נוצט אָפּ דעם קופער, כלי כסף משתמש בהן בצונן אבל לא בחמין מפני שמשחירן, מגריפות וקרדומות משתמש ברך אבל לא בקשה מפני שמפחיתן, זילבער כלים זאָל ער נוצען מיט קאלטס אָבער ניט מיט ווארעמס, ווייל דערמיט פארשווארצט ער זיי, און האקמעסערס פארשידענע אַז ער געפינט זאָל ער זיי נוצען צו האקען ווייכע זאכען, אָבער ניט קיין הארטע זאַכען, צוליב ער קען זייער שאַרף קארבען, כלי זהב וכלי זכוכית לא יגע בהן עד שיבא אליהו, כדרך שאמרו באבידה כך אמרו בפקדון, גאָלד און גלאָז כלים זאָל ער ניט אָנרירען ביז אליהו קומט, אין דעם שטייגער ווי זיי האָבען געזאָגט ביי אבידה, האָבען זיי אויך געזאָגט ביי א פקדון. פרעגט די גמרא פקדון מאי עבידתיה גביה? אמר רב אדא בר חמא אמר רב ששת בפקדון שהלכו בעליהם למדינת הים, אזא פקדון וואָס מען דאַרף נוצען ער זאָל ניט קאַלע ווערען — וואָס טוט ביי אים, יענער קען דאָך עס צוריקנעמען און נוצען? האָט רב אדא בר חמא געזאָגט פון רב ששת וועגען אַז עס שמועסט ביי א פקדון וואו דער באלעבאָס איז אַוועק איבער'ן ים: מצא שק או קופה וכל דבר שאין דרכו ליטול הרי זה לא יטול: פרעגט די גמרא מנא הני מילי דתנו רבנן והתעלמת פעמים שאתה מתעלם, ופעמים שאי אתה מתעלם, הא כיצד? ..היה כהן והיא בבית הקברות, או שהיה זקן ואינה לפי כבודו או שהיתה מלאכה שלו מרובה משל חבירו, לכך נאמר והתעלמת מהם. פונוואנען איז געדרונגען אַז ניט לויט זיין כבוד זאָל ער ניט טאָן? דען די רבנן האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט אז דו וועסט זעהן יענעמס זאך וואָס איז פאַרלוירען פון יענעם, און דו וועסט דיך וועלען פאַרהוילען דערפון, זאָג איך דיר אַז דו קענסט דיך ניט פאַרהוילען דערפון, איז דאָך דער וואָרט והתעלמת איבעריג, קומט עס אָנלערנען אז צו מאָהל קענסטו דיך פאַרהוילען דערפון און צו מאָהל ניט, ווי אַזוי מיינט דאָ? אַז ער איז געווען א כהן און די אבידה איז געווען אויפ'ן בית הקברות, אָדער אַז ער איז געווען א תלמיד חכם און די אבידה צו פירען איז ניט לויט זיין כבוד, אָדער אַז זיין מלאכה פאַרלוסט צו דער אבידה באטרעפט מער ווי די אבידה, דערויף שטעהט והתעלמת מהם אַז ביי אזא פאַל קענסטו דיך אָפּזאָגען, פרעגט די גמרא למאי איצטריך קרא, אילימא לכהן והיא בבית הקברות, פשיטא? האי עשה, והאי לא תעשה ועשה, ולא אתי עשה ודחי את לא תעשה

**ועשה** צו וואָס איז געדאַרפט דער פסוק? זאָל איך זאָגען צום כהן וואו די מציאה איז אויפ'ן בית הקברות, איז דאָך אַ געוויס אַזוי? א מציאה איז אַן עשה השב תשיבם דו זאָלסט די מציאה צוריקקערען צום באַלעבאָס, און א כהן אויפ'ן בית הקברות איז א לא תעשה מיט אַן עשה, די לא תעשה איז לא יטמא, ער זאָל זיך ניט מטמא זיין, און די עשה איז קדושים יהיו, אַז די כהנים זאָלען זיין הייליג פון טומאה, און אַן עשה קען ניט קומען און דוחה זיין א לא תעשה מיט אַן עשה, כאָטש מציאה האָט אויך א לא תעשה לא תוכל להתעלם דו קענסט דיך ניט פאַרהוילען דערפון? איז אָבער א לאו קיינמאָהל ניט דוחה קיין לאו, **ותו לא דחינן איסורא מקמי ממונא**? און נאָך איינס, מיר שטויסען דאָך ניט אָפּ קיין איסור פאַר געלד? **אלא לשלו מרובה משל חבירו, מדרב יהודה אמר רב נפקא דאמר רב יהודה אמר רב אפס כי (דף ל', ע"ב) לא יהיה בך אביון, שלך קודם לשל כל אדם, אלא לזקן ואינו לפי כבודו**, זאָל איך ווידער זאָגען אַז דער פסוק קומט צו לאָזען הערען וואו זיין שאָדען צו טאָן צו דער מציאה וועט איבערשטייגען די מציאה אליין, דאָס קען מען דאָך אַרויסלערנען פון רב, דען רב יהודה האָט געזאָגט פון רב וועגען דער פסוק זאָגט זאָנדערען עס זאָל ביי דיר ניט זיין קיין אָרימאַן דאָס מיינט אַז דער מאַן דאַרף זיך שיצען ביי געלד־זאכען, דאָס דיינס איז פריהער פאַר יעדענס, אויב דיינס וועט באַטרעפען מעהר פון דער מציאה פאַר יענעם, דאַרפסט עס ניט טאָן, איז דאָך עס געדרונגען פון רב? נאָר דער פסוק קומט בלויז פאַר'ן תלמיד חכם וואָס איז געגען זיין כבוד, דאָס ער קען זיך אָפּזאָגען דערפון. **אמר רבה הכישה חייב בה, אביי הוה יתיב קמיה דרבה חזא להנך עיזי דקיימו שקל קלא ושדא בהו, אמר ליה איחייבת בהו, קום אהדרינהו,** האָב רבה געזאָגט אויב די מציאה איז געווען אַן אָקס אָדער אַן עזעל וואָס איז ניט לויט זיין כבוד, און ער האָט אונטערגעקלאַפּט די בהמה זי זאָל געהן, איז ער שוין חייב צוריקצוקערען די בהמה, אביי איז געזעסען פאַר רבה, האָט ער דערזעהן די ציגען וואָס שטעהען דאָרט אַלס פאַרלוירענע, האָט ער גענומען א שטיק ערד און געוואָרפען אין זיי, האָט רבה געזאָגט צו אים דו ביזט חייב געוואָרען אין די שאָף צו אָפּפירען זיי צום באַלעבאָס קום און גיב זיי צוריק. **איבעיא להו דרכו להחזיר בשדה, ואין דרכו להחזיר בעיר מהו? מי אמרינן השבה מעליא בעינן, וכיון דלאו דרכיה להחזיר בעיר לא ליחייב,** האָבען די בני הישיבה געפרעגט אַז איינער איז געגען זיין כבוד צו פיהרען א בהמה אין שטאָדט, אָבער ער טוט עס אין פעלד, ווי איז דער דין? צי זאָגען מיר אַז עס דאַרף זיין א ריכטיגע השבה, און וויבאַלד אַז זיין שטייגער איז ניט צו פיהרען א בהמה אין שטאָדט, קען דאָך שוין ניט זיין אַ ריכטיגע השבה, ווייל וואוינען וואוינט דאָך דער באַלעבאָס צווישען מענשען וואו עס איז ניט לויט זיין כבוד, זאָל ער אויך אין פעלד ניט דאַרפען פיהרען, ווייל אַז מען פאַנגט אָן מוז מען שוין ענדיגען. **או דילמא בשדה מיהת הוא דאיחייב ליה, וכיון דאיחייב ליה בשדה איחייב ליה בעיר? תיקו.** אָדער פיללייכט איז ער יאָ חייב, ווייל אין פעלד איז ער ווייניגסטענס חייב, און וויבאַלד ער מוז שוין פיהרען אין פעלד, איז ער שוין אויך חייב צו פיהרען אין שטאָדט, פרעג

איך דאָס ווי איז דער דין? בלייבט די פראַגע שטעהן. **אמר רבא כל שבשלו מחזיר, בשל חבירו נמי מחזיר, וכל שבשלו פורק וטוען, בשל חבירו נמי פורק וטוען,** האָט רבא געזאָגט יעדער וואָס ביי זיין אייגענס פיהרט ער איבער, איז דער דין דאָס ביים חבר'ס זאך דאַרף ער אויך איבערפיהרען, אויב עס איז ביי זיינס לפי כבודו, דאַרף עס ביים חבר'ס אויך זיין לפי כבודו, און יעדער וואָס ביי זיך לאָדענט ער אויס און לאָדענט אויף, איז ביי יענעמס אויך דער זעלבער דין דאָס ער מוז העלפען יענעם אויב ער איז געבליבען הילפלאָז, און ער קען ניט זאָגען עס איז ניט לויט זיין כבוד. **רבי ישמעאל ברבי יוסי הוה קאזיל באורחא פגע ביה ההוא גברא הוה דרי פתכא דאופי אותביגהו וקא מותפח, אמר ליה דלי לי,** ר' ישמעאל ברבי יוסי איז געגאַנגען אין וועג, האָט אים אָנגעטראָפען א מאַן ווי ער טראָגט א לאדנונג האָלץ און לעגט עס אוועק און רוהט זיך אָפּ, און ער זאָגט צו ר' ישמעאל גיב מיר לאדונג אַרויף. **אמר ליה כמה שוין? אמר ליה פלגא דזוזא, יהיב ליה פלגא דזוזא ואפקרה, הדר זכה בהו, הדר יהיב ליה פלגא דזוזא ואפקרה, חזייה דהוה קא בעי למיהדר למזכיה בהו, אמר ליה לכולי עלמא אפקרנהו ולך לא אפקרנהו,** האָט ר' ישמעאל געזאָגט צום מאַן וויפיל איז די ווערט פונ'ם האָלץ? האָט דער מאַן צו אים געזאָגט אַ האלבע זוזא, האָט ער אים געגעבען די האלבע זוזי און מפקיר געמאכט די האָלץ, כדי ער זאָל פטור זיין פון צו העלפען א זאך וואָס איז ניט לויט זיין כבוד, איז געגאַנגען דער מאַן און ווידער זוכה געווען די האָלץ פונ'ם הפקר. האָט ר' ישמעאל ווידער אים געגעבען א האלבע זוזי און מפקיר געמאכט, ווי ער האָט געזעהן אַז דער מאַן געהט ווידער קונה זיין, האָט ר' ישמעאל צו אים געזאָגט, צו דער גאנצער וועלט האָט איך מפקיר געווען, און צו דיר ניט. פרעגט די גמרא **ומי הוי הפקר כי האי גוונא, והתנן בית שמאי אומרים הפקר לעניים הפקר, ובית הלל אומרים אינו הפקר עד שיהא הפקר לעניים ולעשירים כשמיטה,** איז דען הפקר אין אזא וועג הפקר, מיר האָבען דאָך געלערנט אין א משנה די בית שמאי זאָגען אַז איינער מאכט הפקר א זאך בלויז פאַר עניים, איז עס הפקר, און די בית הלל זאָגען עס איז ניט הפקר, סיידען ער איז מפקיר סיי פאַר אָרימע סיי פאַר רייכע פונקט ווי שמיטה, קען מען דאָך הפקר ניט אויסנעמען פאַר וועמען? **אלא ר' ישמעאל ברבי יוסי לכולי עלמא אפקרינהו ובמלתא בעלמא הוא דאוקמיה,** נאָר ר' ישמעאל ברבי יוסי האָט עס פאַר דער גאנצער וועלט מפקיר געווען, ניט מעהר אים האָט ער נאָר אַזוי אָפּגעשטעלט, ער זאָל ניט ווידער אמאָהל זוכה זיין. פרעגט די גמרא **והא ר' ישמעאל ברבי יוסי זקן ואינו לפי כבודו הוה? ר' ישמעאל ברבי יוסי לפנים משורת הדין הוא דעבד, דתני רב יוסף והודעת להם זה בית חייהם, את הדרך זו גמילת חסדים, ילכו זה ביקור חולים, בה זו קבורה, ואת המעשה זה הדין אשר זו לפנים משורת הדין.** ר' ישמעאל איז דאָך געווען צו דער זאך א זקן וואָס איז ניט לפי כבודו צו העלפען די האָלץ אויפלאָדנען אויף אים? ענטפערט די גמרא ר' ישמעאל האָט דאָס געטאָן לפנים משורת הדין ער זאָל ניט דארפען אָנקומען דערצו, דען רב יוסף האָט געלערנט דער פסוק זאָגט דו זאָלסט זיי לאָזען וויסען דעם

וועג אין וועלכען זיי זאָלען געהן און די מעשים וואָס זיי זאָלען טאָן. **דרך ילכו בה** מיינט די וועגען פון נפש פון טראכטען און מדות וואָס ברייגגען צום טאָן. קומט אויס אַז די ערשטע זאַך איז א מלאכה אָדער אַן אנדער זאַך אויף פרנסה דאַן צו זיין דערמיט א גומל חסד און ביקור חולים ווי אויך חסד של אמת, דאַן די מעשה וואָס איז מצד הדין וואָס דאַרף מיטברייגגען לפנים משורת הדין, דאָס איז וואָס ישמעאל ברבי יוסי האָט דאָ געטאָן לפנים משורת הדין: **אמר מר ילכו זה ביקור חולים, היינו גמילת חסדים? לא נצרכה אלא לבן גילו, דאמר מר בן גילו נוטל אחד מששים בחליו, ואפילו הכי מבעי ליה למיזל לגביה**, אויבען רעכענט ער אויס גמילת חסדים און ביקור חולים, עס זיינען דאָך דאָסזעלבע? ענטפערט די גמרא דער ביקור חולים איז ניט געדארפט צו לאָזען הערען, נאָר ביי א פאַל וואו זיינס גלייכען קומט אים מבקר חולה זיין, דען דער תנא האָט געזאָגט אַז א בן גילו איז מבקר חולה נעמט ער אראָפּ א זעכציגסט חלק אין זיין קראנקהייט, לאָזט ער הערען דאָס פונדעסטוועגען דאַרף ער געהן צו אים מבקר חולה זיין. **בה זו קבורה היינו גמילת חסדים? לא נצרכה אלא לזקן ואינו לפי כבודו**, דו רעכענסט אויך קבורה, דאָס איז דאָך אויך גמילת חסדים? ענטפערט די גמרא עס איז ניט געדארפט צו לאָזען הערען נאָר אין אַ פאַל וואו ער איז א זקן און עס איז ניט לויט זיין כבוד צו מקבר זיין, לאָזט ער דאָ הערען אַז אפילו א זקן איז אויך מחויב ביי קבורה. **אשר יעשון זו לפנים משורת הדין, דאמר ר' יוחנן לא חרבה ירושלים אלא על שדנו בה דין תורה**, ער זאָגט אַז אשר יעשון מיינט לפנים משורת הדין, דען ר' יוחנן האָט געזאָגט אַז ירושלים איז ניט חרוב געוואָרען, נאָר ווייל זיי האָבען גע'פסק'עט אין איהר אַ דין תורה. און באלד פרעגט די גמרא איבער **אלא דינא דמגוזתא לדיינו? אלא אימא שהעמידו דיניהם על דין תורה ולא עבדו לפנים משורת הדין**, נאָר וואָס דען האָבען זיי געזאָלט פסק'נען? ניט פון דער תורה נאָר פון דער אייגענער שיסעל מיינענדיג פון אייגענע השערות? נאָר זאָג אַזוי דעם טעקסט אַז זיי האָבען געשטעלט זייערע דינים אויף דער תורה, עס באציהט זיך ניט אויפ'ן בית דין, נאָר אויפ'ן פאָלק, דאָס זיי האָבען ניט געטאָן איינער קעגען אנדערען לפנים משורת הדין, נאָר געשטעלט אויפ'ן הארטען דין. די דרשה אויבען איז באזירט ווייל ער זאָגט דאָך פריהער והזהרתה אתהם את החקים ואת התורות, דו זאָלסט זיי וואָרנען די חוקים און די תורות וואָס נעמט ארום אלע דינים און דעות פון דער תורה, און באלד דערנאָך זאָגט ער והודעת להם הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון, מוז דאָך זיין אַז דאָ שמועסט שוין וועגען די וועגען ביים נפש, ווי צו טראכטען צו אויספירען די מדות, איז דאָס ערשטע דאַרף ער האָבען אַ פאַך פון וואָס צו לעבען, וואָס מיינט ער זאָל האָבען אַ וועג, אגיט האָט ער דאָך מיט זיך צו טאָן, אַז ער האָט שוין א וועג, קען ער שוין גומל חסד זיין געגען זיינע מיטמענשען, צו העלפען זיי זיך אויך צו באקומען אויף א דרך צו קענען טון קעגען אנדערע, דער ילכו איז דאָ א פירוש אויפ'ן דרך אַז זיי זאָלען געהען אין דעם דרך צו קענען גומל חסד זיין צו די מיטמענשען אַזאַ חסד און אזא מעשה וואָס די מענשהייט קען זיך אָהן דעם ניט באגעהן,

לויט דעם איז יעשון אויך א פירוש אויפ'ן המעשה, אַז דער דין מיינט דאָ לפנים משורת הדין, דאָס וואָס רב יוסף טיילט דאָ איין די ווערטער ווי א שטייגער „בה זו קבורה" מיינט ער ניט פונקטליך, דען „בה"" באַציהט זיך אויך אויפ'ן הדרך, און אַלעס דרינגט זיך פון הדרך ילכו בה און פון המעשה אשר יעשון: מתני', אי זו אבידה? מצא חמור או פרה רועין בדרך, אין זו אבידה, חמור וכליו הפוכין, פרה רצה בין הכרמים הרי זו אבידה, וועלכע הייסט דאָס אַן אבידה וואו מען פאַרשטעהט אַז דער באַלעבאָס ווייסט ניט וואו זי איז, אָדער אַז זי קען געשעדיגט ווערען, וואָס מיינט אַז זי איז פאַרלוירען פון אים? אַז ער האָט געפונען א חמור אָדער א פרה פאַשענדיג זיך אין וועג, הייסט דאָס ניט קיין אבידה, אַז ער האָט געפונען א חמור וואו זיינע כלים אויף אים זיינען געווען איבערגעקערט וואָס קען שאדען אים, אָדער א פרה וואו זי לויפט ארום צווישען די גאָרטענס וואו זי קען צובייטלט ווערען, הייסט דאָס אַן אבידה, ווייל דאָס איז א סימן אַז דער באַלעבאָס ווייסט ניט וואו זי איז, דען דאָרט לויפענדיג וואָלט ער איהר ניט לאָזען, החזירה וברחה החזירה וברחה אפילו ארבעה וחמשה פעמים חייב להחזירה, שנאמר השב תשיבם, אַז ער האָט איהר צוריקגעקערט און זי איז ווידער אנטלאָפען, ווען אפילו פיר פינף מאָהל מוז ער אַלץ זיך מטריח זיין און צוריקקערען, ווייל דער פסוק זאָגט א דאָפעלט לשון צוריקקערענדיג זאָלסטו זיי צוריקקערען, דאָס מיינט שוין פאָרטווערענט צוריקצוקערען, ווי א שטייגער הוכח תוכיח זאָלסט אימער שטראָפען אויב דו זעהסט דיין ברודער פאַרברעכען געגען דער תורה, היה בטל מסלע לא יאמר לו תן לי סלע, אלא נותן לו שכרו כפועל, אם יש שם בית דין מתנה בפני בית דין, אם אין שם בית דין בפני מי יתנה, שלו קודם, אַז ער האָט זיך באַלאַמוטשעט פון אַ סלע־פאַרדינסט זאָל ער ניט זאָגען צום פאַרלירער גיב מיר א סלע וויפיל איך האָב פאַרלוירען, נאָר ער גיט אים דעם לוין ווי אַן ארבעטער לויט זיין צייט. אויב עס איז דאָרט א בית דין, מעג ער זיך פאַר זיי אויסרעדען אַז פאַרלירען וויל איך ניט, נאָר איך וויל דעם גאַנצען פאַרלוסט צוריק, און אויב עס איז ניט פאַראַן דאָרט וועלכע קענען זיין אַלס בית דין, פאַר וועמען קען ער זיך אויסרעדען? דאַמאָלט איז זיינס פריהער, און ער איז ניט מחוייב צו פאַרלירען און געהן נאָך דער מציאה: גמ', פרעגט די גמרא אטו כל הני דאמרינן לאו אבידה הוו? אמר רב יהודה הכי קאמר אי זו היא כלל אבידה שהוא חייב בה? מצא חמור ופרה רועין בדרך אין זו אבידה ולא מיחייב בה, חמור וכליו הפוכין פרה ורצה בין הכרמים הרי זו אבידה ומחייב בה. און די אבידות ביז יעצט וואָס מיר האָבען געשמועסט הייסען ניט קיין אבידות? האָט רב יהודה געזאָגט אַזוי מיינט די משנה צו זאָגען, וועלכע איז דאָס אין כלל פון אבידה וואו ער איז חייב זיך מטריח צו זיין צוריק צוקערען? אַז ער האָט געפונען א חמור אָדער א פרה פאַשענדיג זיך אין וועג, הייסט דאָס ניט קיין אבידה און ער האָט ניט קיין חיוב צו איהר, ווייל וואַרשיינליך ווייסט דער באַלעבאָס פון איהר, אַז ער האָט אָבער געפונען א חמור וואו די כלים אויף איהר זיינען געווען איבער־געקערט אויף איהר, אָדער א פרה וואו זי לויפט צווישען די גאָרטענס הייסט

דאָס אַן אבידה אויף וועלכער ער איז חייב. פרעגט די גמרא **ולעולם?** **אמר רב יהודה אמר רב עד שלשה ימים**, און אויף אימער הייסט זי אַלץ ניט קיין אבידה אין מיטען וועג? האָט רב יהודה געזאָגט פון רב וועגען ביז דריי טעג אַז זי דרעהט זיך אין וועג, הייסט זי דערנאָך אַן אבידה. פרעגט די גמרא **היכי דמי?** **אי בלילותא אפילו חדא שעתא נמי, אי בימָמא אפילו טובא נמי לא?** **לא צריכא דהוה חזי לה בקדמתא ובחשכתא, תלתא יומי אמרינן איתרמויי איתרמי לה ונפקא, טפי ודאי אבידה היא**, ווי שמועסט דאָ ביז דריי טעג? האָט ער איהר געטראָפען ביינאכט, איז זי דאָך אַפילו איין שעה אויך אַלס אַן אבידה, און אויב בייטאָג איז זי דאָך אפילו ביי פילע טעג ניט קיין אבידה? ענטפערט די גמרא עס איז ניט געדארפט צו לאָזען הערען נאָר אין אַ פאל וואו ער האָט איר געזעהן פארטאָגס אָדער אין אָבענד, ביז דריי טעג אַז ער זעהט איר אַזוי, זאָגען מיר אַז עס איז א טראַף אַזוי וואָס זי איז אַרויס, מער פון דריי, איז זי זיכער אַן אבידה, **תניא נמי הכי מצא טלית וקרדום** (דף ל״א, ע״א) **באסרטיא, ופרה רצה בין הכרמים הרי זו אבידה, טלית בצד גדר קרדום בצד גדר ופרה רועה בין הכרמים אין זו אבידה, ג׳ ימים זה אחר זה הרי זו אבידה**, מיר האָבען אויך אַזוי געלערענט אין א ברייתא אַז ער האָט געפונען א טלית (א קלייד) אָדער א גראָב־כלי אויף א ברייטען וועג, אָדער א פרה וואָס לויפט צווישען די גאָרטענס הייסט דאָס אַן אבידה, אַז דער טלית אָדער די שנייד־כלי זיינען געלעגען ביי דער זייט פון א גדר (אזא צוים ביי א פעלד) אָדער א פרה פאשענדיג צווישען די גאָרטענס הייסט עס ניט קיין אבידה, אָבער אַז ער זעהט זיי דריי טעג איינעם נאָכ׳ן אנדערען איז עס אַן אבידה, **ראה מים ששוטפין ובאין הרי׳זה גודר בפניהם, אמר רבא לכל אבידת אחיך לרבות אבידת קרקע**, אַז איינער האָט דערזעהן ווי וואסער פארפלייצט און קומט אָן, דאַרף ער פאַר זיי פאַרצוימען דעם וועג, צו רעטען יענעמס פעלד, האָט רבא געזאָגט דער פסוק זאָגט לכל אבידת אחיך יעדע אבידה איז דער לכל מרבה א פעלד אַלס אבידה, ווי א שטייגער דאָ צו פאַר־האלטען א פאַרפלייצונג... **אמר ליה רב חנניא לרבא תניא דמסייע לך ראה מים ששוטפין ובאין, הרי זה גודר בפניהן**, האָט רב חנניא געזאָגט צו רבא דאָס וואָס מיר האָבען פריהער געלערנט וועגען מים ששוטפין דאָס ער דאַרף רעטען יענעמס פעלד אַלס אבידה וועט זיין א ראייה צו דיר, **אמר ליה אי משום הא לא תיפייע, הכא במאי עסקינן בדאיכא עומרין**, האָט רבא צו אים געזאָגט אויב דו רעדסט פון דער ברייתא וועט זי ניט זיין קיין ראייה, ווייל מען קען זאָגען ווייסטו ווי דאָ שמועסט? וואו עס איז פאַראַן בינטלאך אין יענעמס פעלד, רעטעט ער דאָך די בינטלאך, ניט די פעלד, די פעלד אַליין קען זיין ער איז פטור צוליב אבידה. פרעגט די גמרא **אי דאיכא עומרין, מאי למימרא?** **לא צריכא דאית בה עומרין דצריכי לארעא, מהו דתימא כיון דצריכי לארעא, כי גופה דארעא דמיין?** **קא משמע לן.** אויב עס זאָל שמועסען אַז עס איז פאראַן דאָרט בינטלאך, וואָס איז ווידער די נייעס צו לאָזען הערען? ענטפערט די גמרא עס איז ניט געדארפט צו לאָזען הערען נאָר אין אַ פאל וואו די בינטלאך דאַרפען האָבען דעם פעלד צום טריקענען, וואָלט

איך דעריבער מיינען וויבאלד זיי דאַרפען אָנקומען צום פעלד זיינען זיי גלייך ווי די פעלד אליין, און עס איז ניט קיין באווייז פאַר'ן פעלד אַליין צו חייב זיין צוליב אבידה: **מצא חמור ופרה**: פרעגט די גמרא **הא גופה קשיא אמרת מצא חמור ופרה רועין בדרך אין זו אבידה, רועין בדרך הוא דלא הוו אבידה, הא רצה בדרך ורועה בין הכרמים הויא אבידה, אימא סיפא חמור וכליו הפוכים ופרה רצה בין הכרמים, הרי זו אבידה**? די משנה איז דאָך אין זיך אַליין שווער, דו זאָגסט אין דער רישא אַז א חמור און א פרה פאשענדיג זיך אין פעלד, הייסט ניט אַלס אבידה, ווייזט דאָך אויס אַז אָבער ער טרעפט איהר לויפענדיג אין וועג, אָדער זי פאשעט זיך צווישען די גאָר־טענס, הייסט זי יאָ אַלס אבידה, יעצט ציטיר די סיפא אַז א חמור וואו זיינע כלים אויף אים זיינען איבערגעקערט, און די פרה לויפט צווישען די כרמים, הייסט זי ניט אַלס אַן אבידה, ווייזט דאָך פונדאנען אויס אַז נאָר לויפענדיג צווישען די כרמים, דאמאָלט הייסט זי אַן אבידה, אָבער לויפענדיג אין וועג אָדער פאשענדיג צווישען די כרמים הייסט ניט קיין אבידה, איז דאָך שווער די רישא מיט דער סיפא? **אמר אביי יגיד עליו ריעו, תנא רועה בדרך דלא הויא אבידה, והוא הדין לרועה בין הכרמים, תנא רצה בין הכרמים דהויא אבידה והוא הדין לרצה בדרך**, האָט אביי געזאָגט, פאַר יעדען זאָגט עדות אויף אים זיין פריינד, די משנה לערנט רועה בדרך אלס ניט קיין אבידה, מיינט דאָס אויך פאַר רועה בין הכרמים, און זי לערנט רצה בין הכרמים אַלס ניט קיין אבידה, מיינט זי דאָסזעלבע אויך פאַר רצה בדרך, זיינען שוין די רישא מיט דער סיפא ניט געגען איינע די אַנדערע. **אמר ליה רבא אי יגיד עליו ריעו ליתני קילתא וכל שכן חמירתא, ליתני רצה בדרך דהוי אבידה וכל שכן רצה בין הכרמים, וליתני רועה בין הכרמים דלא הויא אבידה וכל שכן רועה בדרך**? האָט רבא געזאָגט צו אביי אויב יגיד עליו ריעו, זאָל די משנה לערנען די לייכטע זאַך ביי יעדען פאַל, מיר זאָלען וויסען דערפון דאָס געוויס אַזוי איז די הארבערע, דהיינו זי זאָל לערנען אַז רצה בדרך איז אַן אבידה און איך זאָל דרינגען דאָס געוויס אַזוי איז רצה בין הכרמים אַלס אַן אבידה, און זאָל אויך לערנען רועה בין הכרמים אַלס ניט קיין אבידה, און מיר זאָלען דרינגען דאָס געוויס אַזוי איז רועה בדרך אלס ניט קיין אבידה? **אלא אמר רבא רצה ארצה לא קשיא הא דאפה לגבי דברא, הא דאפה לגבי מתא, רועה ארועה נמי לא קשיא כאן באבידת גופה כאן באבידת קרקע**, נאָר זאָגט רבא רצה אויף רצה איז נישט שווער, דען דאָ וואו ער האלט רצה אַלס אבידה שמועסט וואו די בהמה איז מיט'ן פנים צום פעלד, דאָרט מוז ער זיך באמיהען צו צוריקקערען די אבידה, און דאָ וואו ער האלט איהר ניט אַלס אבידה שמועסט וואו זי איז מיט'ן פנים צום שטאָדט, און רועה אויף רועה איז אויך ניט קיין קשיא, ווייל דאָ וואו ער זאָגט אַז רועה בין הכרמים איז ניט אַן אבידה שמועסט ביי דער בהמה אליין אלס אַן אבידה, און דאָ וואו ער האלט איר יאָ אַלס אַן אבידה שמועסט ביי דער פעלד וואו די בהמה מאכט קאלע די גאָרטען־פלאַנצונגען, און די גמרא שמועסט מעהר אויס, **כי קתני רועה בדרך לא הויא אבידה, הא רועה בין הכרמים הויא אבידה, באבידת קרקע, וכי**

קתני רצה בין הכרמים הויא אבידה הא רועה בין הכרמים לא הוי
אבידה כאבידת גופה, דרצה בין הכרמים מסקבא, ורועה בין הכרמים לא
מסקבא, אַז ער לערענט אין דער משנה רועה בדרך אַלס ניט קיין אבידה, וואו
מען דרינגט דערפון אַז אָבער רועה בין הכרמים איז יאָ אַן אבידה, שמועסט
ביי דער פעלד אַלס אַן אבידה, דען זי רואינירט דעם גאָרטען, און וואו זי
לערנט אין דער סיפא אַז רצה בין הכרמים איז אַן אבידה, וואָס מען דרינגט
דערפון אַז אָבער רועה בין הכרמים הייסט ניט קיין אבידה, שמועסט וועגען
דער בהמה אַליין, ווייל לויפענדיג צווישען די גאָרטענס ווערט זי געשעדיגט
און פאשענדיג צווישן די גאָרטענס ווערט זי ניט געשעדיגט, פרעגט די גמ' ורועה
בין הכרמים נהי דלא מסקבא תיפוק ליה משום אבידת קרקע? בדכותי
ותיפוק ליה משום אבידת גופה, דדילמא קטלו לה? באתרא דמתרי
והדר קטלי, אַ רועה בין הכרמים כאָטש זי ווערט ניט צושעדיגט ווייל זי
פאשעט זיך רוהיג, אָבער נאָך אַלץ דרינג דיר אַלס אבידה צוליב'ן פעלד, דען
זי צושעדיגט דאָך די פלאַנצונגען, דארפסטו איהר אַרויסנעמען און צוריקגעבען
צום באַלעבאָס? ענטפערט די גמרא עס שמועסט וואו די כרמים געהערען צו
א כותי, דאָס זיינען די גוים מיט'ן נאָמען כותים וואָס דער מלך אשור האָט
אריינגעבראכט און באזעצט אין ארץ ישראל אויפ'ן פלאַץ פון אידען וועלכע ער
האָט ארויסגעטריבען, זיינען דאָך די פעלדער סייווי אַלס רויב אין זיינע הענד.
פרעגט ווייטער די גמרא דרינג'זשע דיר צוליב דער אבידה פון דער בהמה,
ווייל טאָמער וועט דער כותי טויטען איהר? ענטפערט די גמרא עס שמועסט
אין אַ פלאַץ וואו מען וואָרענט פריהער און דאַן ערשטע טויט ער איהר. פרעגט
די גמרא ודילמא אתרו בה? אי אתרו בה ולא אזדהרו בה, ודאי אבידה
מדעת היא, פיללייכט האָבען זיי שוין געוואָרענט אַז מען וועט טויטען די בהמה
אויב זי וועט זיך פאשען דאָרט? ענטפערט די גמרא אויב מען האָט טאקע
געוואָרנט איהר, און די באלעבאטים זיינען ניט געווען פאָרזיכטיג, הייסט די
אבידה זיכער אַז מען האָט איהר באוואוסטזיניג אהינגעלאָזט: החזירה וברחה
החזירה וברחה וכו': אמר ליה האי מרבנן לרבא, אימא השב חדא
זימנא תשיבם תרי זימני? אמר ליה השב אפילו ק' פעמים משמע,
תשיבם אין לי אלא לביתו, לגינתו ולחרבתו מנין? תלמוד תשיבם
מכל מקום, די משנה זאָגט דאָס אפילו מעהרערע מאָהל די אבידה איז ענטלאָפען,
דאַרף ער איהר אַלץ צוריקברייגען, אויף דעם האָט איינער פון די רבנן געזאָגט
צו רבא, אויב די משנה לערנט עס אַרויס פונ'ם טאָפלען לשון השב תשיבם,
לאָמיר זאָגען אַז השב צייגט אויף איינמאָהל און תשיבם אויפ'ן צווייטען מאָהל,
אָבער ניט מעהר? האָט רבא צו אים געזאָגט אַז השב איז א מקור וואָס מיינט
סתם צוריקקערען וואָס באדייטעט אפילו א הונדערט מאָהל. און תשיבם קומט
אויף אַן אנדער לימוד, דען איך וואָלט מיינען אַז ער מוז צוריקקערען צום הויז
זיינעם, פונוואנען איז געדרונגען אַז אויך צו זיין גאָרטען אָדער חורבה אַז ער
קערט צוריק איז גענוג? דערויף שטעהט תשיבם, דאָס אלענפאַלס הייסט עס
צוריקגעקערט .פרעגט די גמרא היכי דמי? אי דמינטרא פשיטא, אי דלא
מינטרא אמאי? לעולם דמינטרא והא קא משמע לן דלא בעינן דעת

**בעלים**, וכדר' **אלעזר דאמר הכל צריכין דעת בעלים חוץ מהשבת אבידה, שהתורה ריבתה השבות הרבה**, ווי שמועסט דאָ ביי דעם לגינתו ולחרבתו, איז דאָרט דער פלאַץ געהיטען אַז די אבידה וועט ניט אוועקקומען, איז דאָך געוויס אַז עס איז געגוג, איז ווידער דער פלאַץ ניט געהיטען ווארום זאָל זיין געגוג? ענטפערט די גמרא לעולם שמועסט אַז דער פלאַץ איז געהיטען, נאָר די משנה לאָזט הערען אַז מיר דארפען ניט ער זאָל לאָזען וויסען דעם. באלעבאָס דאָס צוריבריינגען, און ווי ר' אלעזר האָט עס גזאָגט אַז ביי אַלעס מוז זיין מיט'ן וויסען פון די בעלים, אויסער אַן אבידה — צו צריקקערונג, ווייל די תורה האָט מרבה געווען השב תשיבם, **שלח תשלח, אימא שלח חדא זימנא תשלח תרי זימני? אמר ליה שלח אפילו מאה פעמים משמע, תשלח אין לי אלא לדבר הרשות, לדבר מצוה מנין? תלמוד לומר תשלח מכל מקום**. דאָס זעלבע האָט ער געפרעגט אויף שלח תשלח וואָס שטעהט ביי קן צפור אַז דו זאָלסט אוועקשיקען פריי די מוטער־פויגעל און די קינדער נעמען צו דיר, דאָס טאָמער מיינען זיי צוויי מאָהל און ניט מעהר? האָט ער אים געענטפערט אז שלח מיינט אוועקשיקען ווי אַלס א גרונד־וואָרט וואָס מיינט מעהרערע מאָהל, און דער תשלח איז שוין מרבה נאָך א זאַך, דען איך וואָלט מיינען דאָס נאָר ביי א פרייע זאַך וואו ער דארף ניט דעם צפור פאַר א מצוה צו מטהר זיין א מצורע, דאמאָלט דארף ער אים אוועקשיקען, אָבער צו מצוה פונוואנעט איז געדרונגען אַז ער מוז אויך דאמאָלט אוועקשיקען? דערויף שטעהט אויך תשלח, דאָס אלענפאלס מוז ער אַזוי טאָן, **אמר ליה האי מרבנן לרבא ואימא הוכח חדא זימנא תוכיח תרי זימני אמר ליה הוכח אפילו ק' פעמים ..משמע, תוכיח ..אין לי אלא הרב לתלמיד, תלמיד לרב מנין? תלמוד לומר תוכיח מכל מקום**, דאָס זעלבע האָט ער אים געענטפערט דאָס תוכיח איז מרבה, דען איך וואָלט מיינען פון הוכח דאָס נאָר א רב צום תלמיד מעג שטראָפען מיט שטראָף־רייד, דערויף זאָגט ער אויך תוכיח, דאָס אפילו א תלמיד צום רב מוז אויך שטראפען אויב ער זעהט אים עובר זיין אויף דער תורה, **עזוב תעזוב עמו אין לי אלא בעליו עמו, שאין בעליו עמו מנין? תלמוד לומר הקם תקים מכל מקום**, עזוב תעזוב מיינט אויך עזוב אפילו מעהרערע מאָהל, און תעזוב איז מרבה, דען איך וואָלט מיינען אַז נאָר ווען דער באלעבאָס אַליין איז מיט דער לאסט, דאמאָלט מוזטו העלפען אָבער ווען די לאסט איז מיט'ן באלעבאָס וואָס איז שוואך און קען גאָרניט טאָן, פונוואנען איז געדרונגען? דערויף שטעהט אויך תעזוב, דאָס אלענפאלס מוז ער העלפען. **הקם תקים עמו, אין לי אלא בעליו עמו, שאין בעליו עמו מנין תלמוד לומר הקם תקים מכל מקום**, די זעלבע דרשה איז אויף הקם תקים עמו, עזוב תעזוב מיינט אראָפּלייגען און הקם תקים אויפלאָדען די לאסט, פרעגט די גמרא **ולמה ליה למכתב פריקה ולמה ליה למכתב טעינה? צריכי דאי כתב רחמנא פריקה הוה אמינא משום דאיכא צער בעלי חיים, ואיכא חסרון כיס, אבל טעינה דלאו צער בעלי חיים איכא, ולא חסרון כיס איכא אימא לא?** צו וואָס איז געדארפט צו שרייבען אין דער תורה וועגען אַפּלעגען און אויפלאָדנען, עס איז דאָך געגוג געווען צו שרייבען

בלויז עזוב תעזוב? ענטפערט די גמרא עס זיינען געדארפטביידע, דען ווען די תורה וואָלט בלויז שרייבען וועגען אָפּלייגען מען זאָל העלפען, וואָלט איך זאָגען אַז די מצוה איז, צוליב עס איז פאַראַן דערביי צער בעלי חיים ווען די בהמה ליגט אונטער דער לאַסט, און עס איז אויך פאַראַן דערביי א געלד־שאָדען וואו די בהמה ווערט רואינירט, אָבער אויפלאָדנען וואו קיין צער בעלי חיים איז ניטאָ און אויך קיין געלד־שאָדען איז ניטאָ, וואָלט איך מיינען ער זאָל ניט דאַרפען העלפען? ואי אשמעינן טעינה משום דבשכר אבל פריקה דבחינם אימא לא? צריכא, ולר' שמעון דאמר אף טעינה בחינם מאי איכא למימר? לר' שמעון לא מסיימי קראי, און ווען די תורה וואָלט בלויז שרייבען וועגען אויפלאָדנען, וואָלט איך זאָגען צוליב די אויפלאָדנען איז פאַר באַצאָהלט, אָבער פריקה איז דאָך בחינם, וואָלט איך מיינען ער זאָל ניט דארפען העלפען? איז דעריבער אויך געדארפט צו ארויסשרייבען פריקה. פרעגט די גמרא און נאָך ר' שמעון נאָך, וואָס זאָגט אַז אויך אויפלאָדנען איז בחינם, וואָס קענסטו ענטפערען? ענטפערט די גמרא צו ר' שמעון זיינען די פסוקים עזיבה און טעינה (קימה) ניט קענטיג וועלכע מיינט אָפּלייגען אָדער אויפלאָדנען, אַז זיי שטעהען ביידע פארשטעהט זיך שוין אַז איינער מיינט אויפלאָדנען און איינער מיינט אָפּלייגען, דעריבער מוזען שטעהן ביידע. פרעגט די גמרא למה לי למכתב הני תרתי ולמה לי למכתב אבידה? צריכי דאי כתב רחמנא הני תרתי משום דצערא דמרה איתא, צערא דידה איתא, אבל אבידה דצערא דמרה איתא וצערא דידה ליתא אימא לא, צו וואָס האָט געדארפט די תורה שרייבען די ביידע און האָט אויך געדארפט שרייבען וועגן אבידה, אַז ער מוז זיי העלפען? ענטפערט די גמרא זיי זיינען געדארפט, דען ווען די תורה וואָלט בלויז שרייבען וועגען עזיבה און טעינה, וואָלט איך זאָגען, דאָס נאָר ביי זיי מוז ער העלפען, צוליב עס זיינען דערביי א צער פאַר'ן באַלעבאָס און א צער פאַר דער בהמה, אָבער ביי אבידה איז נאָר פאַראַן א צער פאַר'ן באַלעבאָס אָבער פאַר דער בהמה ניט, וואָלט איך מיינען אַז ביי אבידה מוז ער זיך ניט באַמיהען צוריק צוקערען? מוז ער שרייבען אויך אבידה, ואי אשמעינן אבידה, משום דליתא למרה בהדה (דף ל"א ע"ב) אבל הני תרתי דאיתא למרה בהדה, אימא לא? צריכא, און ווען די תורה וואָלט בלויז לאָזען הערען אבידה, וואָלט איך זאָגען דאָס נאָר אבידה דאַרף ער זיך באַמיהען צוריקצוקערען, צוליב דער באַלעבאָס איז ניט דערביי מיט דער בהמה, אָבער ביי פריקה און טעינה וואו דער באַלעבאָס איז מיט דער בהמה, וואָלט איך מיינען, ער איז ניט מחויב צו העלפען? מוז די תורה אויך ארויס־שרייבען פריקה און טעינה. מות יומת המכה אין לי אלא במיתה הכתובה בו, מנין שאם אי אתה יכול להמיתו במיתה הכתובה בו, שאתה רשאי להמיתו בכל מיתה שאתה יכול להמיתו? תלמוד לומר מות יומת מכל מקום, עס זאָל געטויט ווערען דער שלעגער, ווייס איך דערפון ניט נאָר דעם טויט וואָס איז פאַרגעשריבען ביי אים, פונוואַנעט איז געדרונגען אויב דו קענסט אים ניט טויטען מיט דער מיתה וואָס איז פאַרגעשריבען ביי אים, דאָס דו מעגסט אים טויטען מיט יעדער מיתה וואָס דו קענסט? דערויף שטעהט דאָפּעלט

מות יומת אויף אלע אופנים. **הכה תכה אין לי אלא בהכאה הכתובה בהן, מנין אם אי אתה יכול להמיתן בהכאה הכתובה בהן, שאתה רשאי להכותן בכל הכאה שאתה יכול? תלמוד לומר הכה תכה מכל מקום**, ביי עיר הנדחת וואָס איז צגעשטאַנען צו עבודה זרה איז געשריבען דאָס דו זאָלסט אויס'הרג'ענען די גאנצע שטאָט, ווייס איך דערביי ניט נאָר מיט דער הכאה וואָס איז פאַרגעשריבען, דהיינו מיט דער שווערד, פונוואנעט איז געדרונגען דאָס אויב דו קענסט ניט מיט דער הכאה, אַז דו מעגסט אויך מיט יעדער וואָס דו קענסט? דערויף שטעהט דאָפּעלט הכה תכה אויף אַלע אופנים. **השב תשיב אין לי אלא שמשכנו ברשות בית דין, משכנו שלא ברשות בית דין מנין? תלמוד לומר השב תשיב מכל מקום**. ביי נעמען א משכון אויף א חוב שטעהט השב תשיב דאָס ער מוז אים צוריקגעבען דעם משכון אויב ער איז א קלייד וואָס איז נויטיג פאַר אים, ווייס איך ניט דערפון נאָר וואו דער בית דין האָט דעם משכון פארנומען, פונוואנען קען איך דרינגען דאָס אויך אַז ער אַליין נעמט דעם משכון, דאָס ער מוז אים יעדען טאָג צוריקגעבען? דערויף שטעהט השב תשיב דאָס יעדענפאלס. **חבול תחבול אין לי אלא שמשכנו ברשות בית דין, משכנו שלא ברשות בית־דין? תלמוד לומר חבול תחבול מכל מקום, והני תרי קראי למה לי? חד לכסות יום וחד לכסות לילה**, חבול תחבול קומט אויך פאַר'ן זעלבען דין, אַי ווארום זיינען געדארפטביידע פסוקים? איין פסוק איז געדארפט פאַר'ן טאָג־קלייד דאָס ער מוז אים צוריקגעבען פאַר'ן טאָג און איינער איז געדארפט פאַר'ן נאכט־כסות פאר יעדער נאכט, **פתח תפתח אין לי אלא לעניי עירך, לעניי עיר אחרת מנין? תלמוד לומר פתוח תפתח מכל מקום**, דו זאָלסט עפענען דיין האנד פאַר'ן אָרימאַן, ווייס איך ניט דערפון נאָר דיינע שטאָדט אָרימעלייט, פאַר די אָרימע פון אַן אנדערע שטאָדט, פונוואנען איז געדרונגען? דערויף שטעהט דאָפּעלט פתח תפתח דאָס אַלענפאלס, **נתון תתן אין לי אלא מתנה מרובה, מתנה מועטת מנין? תלמוד לומר נתן תתן מכל מקום**, ביי נתן תתן ווייס איך ניט נאָר ביי אַ גרויסע מתנה, א קליינע מתנה בלויז ר'האָט פונוואנען איז געדרונגען אַז ער דארף געבען? דערויף שטעהט דאָפּעלט נתן תתן אויף אלענפאלס. **הענק תעניק אין לי אלא שנתברך הבית בגללו מעניקים, לא נתברך הבית בגללו מנין? תלמוד לומר הענק תעניק מכל מקום**, ביים אידישען דינער שטעהט אַז ווען ער געהט אהיים דאַרף איך דער באלעבאָס מעניק זיין פון זיינע פראָדוקטען, ווייס איך ניט דערפון נאָר אויב דער באלעבאָס איז צוליב אים געבענטשט געוואָרען מיט גוטע ערנטעס, אויב ניט, פונוואנען איז געדרונגען אַז ער דאַרף אים אויך מעניק זיין? דערויף שטעהט הענק תעניק אין דאָפּעלט אויף אַלענפאלס. פרעגט די גמרא **ולר' אלעזר בן עזריה דאמר נתברך הבית בגללו מעניקין לו, לא נתברך הבית בגללו אין מעניקין לו, תעניק למה לי?** און נאָך ר' אלעזר בן עזריה וואָס זאָגט אז נתברך איז מען אים מעניק, ניט, ניט, צו וואָס איז געדארפט דער צווייטער וואָרט תעניק? ענטפערט די גמרא **דברה תורה כלשון בני אדם**, דאָ וואו עס איז ניט קיין סברה מען זאָל מעניק זיין, אויב קיין ברכה צוליב אים איז ניט חל געווען,

רעכענען מיר אַז די תורה רעדט אַזוי מיט א שענערען לשון ווי דער שטייגער מענשען טוען דאָס צו פארשענערען דעם לשון ביים שרייבען, אָבער דער ערשטער תנא האלט אַז עס איז ניט קיין סברה אַז די הענקה זאָל די תורה אָנהענגען אין דער ברכה. **העבט תעביטנו אין לי אלא שאין לו, ואינו רוצה להתפרנס אמר רחמנא תן לו דרך הלואה, יש לו ואינו רוצה להתפרנס מנין? תלמוד לומר תעביטנו מכל מקום,** דו זאָלסט באָרגען צום אָרימאַן ווען ער פארלאנגט דאָס פון דיר, ווייס איך ניט דערפון נאָר דאָ וואו ער האָט ניט און ער וויל ניט נעמען קיין מתנות אויף פרנסה, דאמאָלט האָט די תורה געזאָגט גיב צו אים אַלס הלואה, אָבער אַז ער האָט זיינס, נאָר ער וויל זיך לייהען ביי דיר אניט עסט ער ניט, פונוואנען איז געדרונגען דאָס מען איז מחוייב אים צו לייהען? דערויף שטעהט תעביטנו אַלענפאלס זאָלסטו אים לייהען. פרעגט די גמרא **ולר' שמעון דאמר יש לו ואינו רוצה להתפרנס אין נזקקין לו תעביטנו למה לי? דברה תורה כלשון בני אדם,** און נאָך ר' שמעון וואָס זאָגט אַז אויב איינער האָט זיינס און ער וויל ניט לעבען פאַר זיינס נאָר באָרגען, און ער האָט אומבאַוועגליך פאַרמעג, וואו מען קען אמאָהל קאָלעקטען דעם חוב, איז מען פונדעסטוועגען ניט געבונדען פון דער תורה צו לייהען אים, נאָך אים נאָך צו וואָס איז געדאַרפט דער איבעריגער תעביטנו? ענטפערט די גמרא די תורה רעדט דאָ מיט א דאָפעל לשון צו פאַרשענערען איהר שפראך, ווייל עס איז ניט קיין סברה וואו איינער וויל ניט לעבען פאַר זיינס, צו זיין פאַרפליכטעט צו אים, און דער ערשטער תנא האלט אַז מען קען יענעם ניט לאָזען הונגערען וואו ער איז פארפירט אין זיין גדאנק, האָט דעריבער די תורה פארדאָפעלט דעם תעביטנו אַז מען זאָל אים יאָ באָרגען, און קאָלעקטען נאָך זיין אָפשטערבען: **היה בטל מן הסלע לא יאמר לו תן לי סלע, אלא נותן לו שכרו כפועל: תנא נותן לו שכרו כפועל בטל, מאי כפועל בטל? אמר אביי כפועל בטל של אותה מלאכה דבטל מינה,** מיר האָבען געלערנט אַז ער גיט אים זיין לוין ווי אַן ארבעטער ווען ער איז לידיק, וואָס מיינט דאָ כפועל בטל? האָט אביי געזאָגט ער מיינט ווי אַ פועל בטל פון דער מלאכה פון וועלכער ער איז לידיג געוואָרען, און ביי אַן אנדערע מלאכה איז ער שוין ניט אזויפיל ווערט, דאָס איז אַזוי אויב עס איז שוין אָפגעטאָן: **אבער אם יש שם בית דין מתנה בפניהם** פאַר'ן בית דין קען ער מאכען דעם באדינג צו קריגען וויפיל ער האָט פאַרלוירען פאַר זיין צייט וואָס ער איז געוואוינט צו קריגען, און אויב עס איז ניט פאַראַן קיין בית דין, ער זאָל אויסקומען מיט אים, קען ער אַליין באשטעהן אויף זיינס, וואָס קומט ביי אים פריהער: **איסור ורב ספרא עביד עיסקא בהדי הדדי, אזל רב ספרא פלג ליה בלא דעתיה דאיסור באפי דבי תרי, אתא לקמיה דרבה בר רב הונא אמר ליה זיל אייתי תלתא דפלגת קמייהו,** איסור און רב ספרא האָבען געמאכט א געשעפט אויף שותפות, איז געגאַנגען נאכהער רב ספרא און צוטיילט די סחורה פאַר דער געגענוואַרט פון צוויי, אָהן דעם וויסען פון איסור, איז ער געקומען פאַר רבה בר רב הונא און פאַרגעבראַכט די זאַך, האָט ער צו אים געזאָגט גהע און ברענג דריי מענשען אַז דו האָסט פאַר זיי צוטיילט, **אי נמי** (דף ל"ב, ע"א)

**תרי מגו תלתא ואי נמי תרי סהדי דפלגת באפי בי תלתא**, עס קען אויך גוט זיין ווען דו ברענגסט צוויי פון די דריי, זיי זאלען זאגען מיר זיינען פון די דריי פאר וועמען דו האסט צוטיילט, און אויך קען זיין גוט ווען דו ברענגסט צוויי עדות אז האסט צוטיילט פאר דריי, **אמר ליה מנא לך הא**? **אמר ליה דתנן אם יש שם בית דין מתנה בפניהם, אין שם בית דין כפני מי יתנה שלך קודם**, האט רב ספרא געזאגט צו רבה בר רב הונא פונוואנעט דריינגסטו עס אזוי אויף דריי? האט ער צו אים געזאגט, דען עס איז געלערנט אין אונזער משנה אויב עס איז פאראן דארט א בית דין, קען דער געפינער געהן אהין זיך אויסרעדען וויפיל ער וויל צו דערפילען זיין פארלוסט, און א בית דין זיינען דאך דריי, זעהען מיר דאך אז צו בארירען יענעמס געלד מוז דאך זיין דריי, **אמר ליה מי דמי התם דמפיק ממונא מהאי ומותיב להאי**, **בעינן בית־דין**) **אבל הכא דידי שקלי, גילוי מלתא בעלמא הוא, כתרי סגי ליה**, האט רב ספרא געזאגט צו אים איז עס דען גלייך, דארט אין אונזער משנה ביי מציאה וואו ער וויל ארויסציהען געלד פאר זיין ארבעט צוריק צוקערען, ציהט דאך דער בית דין ארויס פון דעם און גיט עס צו אים, מוזען מיר טאקע האבען א בית דין וואס זיינען דריי, אבער דא נעם איך דאך מיינס, איז עס בלויז אן אויפצייגונג, זיינען גענוג צוויי ווי אלס עדות, **תידע דתנן אלמנה מוכרת שלא בפני בית־דין, אמר ליה אביי ולאו מי איתמר עלה אמר רב יוסף בר מניומי אמר רב נחמן אלמנה אינה צריכה בית דין של מומחין אבל צריכה בית דין של הדיוטות**. א באוויז האסטו אז מיר האבען געלערנט אין א משנה אז אן אלמנה קען פארקויפען פון די יתומים׳ס פארמעג פאר איהר שפייז אפילו ניט אין געגענווארט פונ׳ם בית דין, זעהסט דאך גוט אז ביי נעמען זיינס מוז ניט זיין קייך בית דין פון דריי. האט אביי צו אים געזאגט האבען מיר דען ניט געלערנט אויף דער זאך, אז רב יוסף בר מניומי האט געזאגט פון רב נחמן וועגען אז אן אלמנה דארף ניט קיין בית דין מומחין וואס האבען סמיכה, אבער זי דארף יא א בית דין פון דריי מענשען ציוויל: **מתני׳, מצאה ברפת אין חייב בה, ברשות הרבים חייב בה, ואם היתה בבית הקברות לא יטמא לה**, אז ער האט געפונען די בהמה אין אן אפענער שטאל אזא מין גרויסער קעמפ מיט בהמות, איז ער ניט חייב צוריק צוקערען איהר, אין רשות הרבים איז ער יא חייב,, און אויב די בהמה איז געווען אין בית הקברות דארף ער זיך אלס כהן ניט מטמא זיין צוליב איהר. **אם אמר לו אביו היטמא או שאמר לו אל תחזיר לא ישמע לו**, אויב דער פאטער האט געזאגט צום זון זאל זיך מטמא צו א מת אדער ער האט צו אים געזאגט קעהר ניט צוריק די אבידה, זאל ער אים ניט הערען, ווייל דער פאטער אליין אלס כהן איז דאך אויך מחוייב, זיך ניט צו מטמא זיין צו א מת. **פרק וטען פרק וטען אפילו ארבעה וחמשה פעמים חייב, שנאמר עזב תעזוב, הלך וישב לו ואמר הואיל ועליך מצוה אם רצונך לפרוק פרוק, פטור, שנאמר עמו**, אז איינער האט געהאלפען אפלעגען און נאכהער אנגעלאדען און די בהמה האט ווידער נידערגעקניהט ווען אפילו פיר אדער פינף מאהל

איז ער אַלץ חייב צו העלפען דען דער פסוק זאָגט עזב תעזוב, אַז איינער **האָט זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט צום צווייטען** אזוי ווי אויף דיר איז די מצוה צו העלפען אויב דו ווילסט אָפּלעגען לעג אָפּ, איז ער פּטור פון צו העלפען, דען דער פסוק זאָגט עמו אז נאָר מיט אים דאַרף ער העלפען אָבער אַליין ניט. **אם היה זקן או חולה חייב, מצוה מן התורה לפרוק אבל לא לטעון. ר שמעון אומר אף לטעון**, אויב דער פון דער לאסט איז א זקן אָדער א חולה וועלכער קען גאָרניט טאָן, איז מען יאָ חייב צוהעלפען אים. די מצוה פון דער תורה איז צו העלפען אָפּלעגען די משא אָבער ניט צו אויפלאָדען. די גמרא וועט ווייטער באשיידען אַז עס מיינט אויפלאָדען פאַר געלד ניט בחינם אָבער אָפּלעגען איז די מצוה בחינם, ר' שמעון זאָגט אויך צו אויפלאָדען איז די מצוה בחינם. **ר יוסי הגלילי אומר אם היה עליו יתר על משאו, אין זקוק לו, שנאמר תחת משאו משאוי שיכול לעמוד בו**, ר' יוסי הגלילי זאָגט אויב אויף אים איז משא מעהר ווי ער קען דערהאלטען, איז ער ניט מחוייב צו העלפען, דען דער פסוק זאָגט תחת משאו ווען דער עזעל פאלט אונטער זיין משא, מיינט עס זיין משא וואָס ער קען האלטען און שטעהן מיט אים: **גמ', אמר רבא רפת שאמרו אינה מתעה ואינה משמרת, אינה מתעה מדקתני אינו חייב בה, ואינה משמרת מדאיצטריך למיתני אינו חייב בה**, האָט רבא געזאָגט דעם רפת וואָס די חכמים זאָגען דאָ, דער רפת מאכט ניט פאַרבלאָנדזשען די בהמה און מאכט איהר ניט אלס געהיטען. עס מאכט איהר ניט פאַרבלאָנדזשען, ווען איך זעה ער לערנט אַז ער איז ניט חייב צו אָפּפירען איהר אהיים, און די תורה זאָגט נאָר ווען זי בלאָנדזשעט ,און דער רפת היט איהר אויך ניט, ווען איך זעה אַז די משנה דאַרף לערנען אַז ער איז ניט חייב צו אָפּפירען איהר אהיים, דאָס צייגט אַז עס איז געווען אַ קלער אויף יאָ חייב, מוז דאָך זיין אַז דער רפת איז ניט געהיטען, דאָס מיינט אַז דער רפת איז ניט אַהין און ניט אהער, ער איז א קעמפּ פונבהמות וואָס האלטען זיך צוזאמען אָבער ניט געהיטען. **דאי סלקא דעתך משמרת, השתא משכח לה אבראי מעייל לה לגואי, משכח לה מגואי מיבעיא? אלא שמע מינה אינה משמרת** שמע מינה, דען אויב עס זאָל אַרויף אויפ'ן געדאנק אַז דער רפת איז געהיטען די בהמות זאָלען ניט ענטלויפען, וואָלט דאָך שווער זיין מה־דאָך אַז ער געפינט די בהמה אויטסייד פון רפת, פירט ער איהר צוריק צו די אינוועניגסטע, אַז ער געפינט איהר אַלס פון די אינווייניגסטע, איז דאָך געוויס אַז ער לאָזט איהר דאָרט אַזוי, דאַרף דאָך די משנה דאָס ניט לאָזען הערען? נאָר מוז זיין געדרונגען אַז דער רפת איז ניט געהיטען איז עס אַ קלער אַזוי, איז גוט געדרונגען: **מצאה ברפת אינו חייב: אמר ר' יצחק והוא? שעומדת תוך לתחום, מכלל דברשות הרבים ואפילו בתוך התחום נמי חייב.** האָט ר' יצחק געזאָגט ווען זאָגען מיר אַז אין רפת איז ער ניט חייב צו איהר? וואו די בהמה שטעהט אין תחום פון רפת, דאָס הייסט אין דער גרענעץ פון רפת, איז דאָך דערפון געדרונגען אַז אין רשות הרבים וואו ער איז יאָ חייב צו איהר, מיינט עס אז אפילו אין תחום צו רשות הרבים צו איז ער חייב, ניט דוקא אין מיטען רשות הרבים. **איכא דמתני לה אסיפא ברשות הרבים חייב בה, אמר**

ר' יצחק והוא? שעומדת חוץ לתחום, מכלל דברפת אפילו עומדת חוץ לתחום נמי אינו חייב בה, טייל לערנען ר' יצחק'ן אויף דער סיפא וואו די משנה זאָגט אז אין רשות הרבים איז ער חייב צו איהר, אויף דעם האָט ר' יצחק געזאָגט ווען איז ער חייב אין רשות הרבים? אַז די בהמה שטעהט אויסער'ן גרענעץ פון רפת וואו עס איז שוין רשות הרבים, איז דאָך געדרונגען דערפון אַז אין רפת איז אפילו ווען זי שטעהט אויסער'ן תחום וואו עס איז נאָך ניט קיין רשות הרבים איז ער אויך ניט חייב צו אָפּפירען איהר, (עס איז פאַראן א תחום צום רפת און א תחום צום רשות הרבים און א פּאָס לאַנד אין דער מיטען): בבית הקברות לא יטמא לה: תנו רבנן מנין שאם אמר לו אביו היטמא או שאמר לו אל תחזיר שלא ישמע לו? שנאמר איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו אני ה' כולכם חייבים בכבודי, די רבנן האָבען געלערנט פונוואנעט איז געדרונגען אַז אויב זיין פאָטער האָט געזאָגט צום זוהן זיי זיך מטמא צו א מת אָדער ער האָט געזאָגט צו אים פיהר ניט צוריק קיין אבידה, אַז ער זאָל זיך ניט צוהערען צו אים? דען דער פסוק זאָגט יעדער איינער זאָלט איר פאַר אייער פאָטער און מוטער מורא האָבען פאַר רעספעקט און מיינע שבתים זאָלט איהר אָפּהיטען ניט צו טאָן קיין מלאכה אין זיי, איך בין ג־ט, איז דאָך צו פאַרשטעהן דעם שייכות פון די צוויי מצות כיבוד אב ואם מיט שמירת שבת, דען ווען ג־ט וואָלט ניט אָפּגעשטעלט פון באשאפונג אין שבת נאָר ער וואָלט כסדר באשאפען, וואָלט דאָך ניט געווען קיין פלאץ פון פאָטער און מוטער, זיינען דאָך פאָטער און מוטער שותפים צום מענש, וואָלט איך מיינען דאָס אויך זיי קענען באַפעהלען צום זוהן אויף צו עובר זיין אויף א געבאָט פון דער תורה? אויף דעם ענדיגט דער פסוק איך בין ג־ט וואָס האָב אויך געמאכט צו זיין דעם ערשטען פאָטער און אַלע איר זענט מחויב אין מיין כבוד, דעריבער וואָרנט דאָ די תורה אויף שבת דאָס כאָטש דער שבת האָט צוגעלאָזט צו כיבוד אב ואם, שטייגט פונדעסטוועגען דער כיבוד אב ואם ניט איבער דעם שבת, צו מאכען דעם זוהן מחלל זיין און אזוי אלע מצות. פרעגט די גמרא טעמא דכתב רחמנא את שבתותי תשמרו הא לאו הכי הוה אמינא צייתא ליה, ואמאי? האי עשה והאי לא תעשה ועשה, ולא אתי עשה ודחי את לא תעשה ועשה? גוט וואָס די תורה האָט בעשריבען וועגען שבת, אָבער ווען ניט וואָלט מען מיינען אַז דער זוהן זאָל יאָ פאָלגען דעם פאָטער, פארוואָס? כיבוד אב ואם איז דאָך בלויז אַן עשה און שבת אין אַן עשה מיט א לא תעשה, און אַן עשה קען דאָך ניט קומען און דוחה זיין א לא תעשה מיט אן עשה? ענטפערט די גמרא איצטריך סלקא דעתך אמינא הואיל והוקש כיבוד אב ואם לכבודו של מקום שנאמר כאן כבד את אביך ואת אמך, ונאמר להלן כבד את ה' מהונך, הלכך לציית ליה, קא משמע לן דלא לשמע ליה. עס איז געדאַרפט דער את שבתותי תשמרו, דען איך וואָלט מיינען צו זאָגען, אַזוי ווי כיבוד אב ואם איז געגליכען צו כבוד המקום, דען דאָ שטעהט כבד את אביך און ביי כבוד המקום שטעהט כבד את ה', און עס איז אַן אונטערשייד פון ה' תירא ביז מה' תירא, דאָס את ה' תירא אָדער ה' תירא מיינט א העכערע מורא, א מורא פאַר גרויסקייט, און מה' תירא

מיינט א מורא פאר שטראף, און א מורא פאר גרויסקייט איז נאר שייך ביי ג־ט, היינט אזוי ווי ער נוצט דעמזעלבען לשון אויך ביים פאטער הייסט שוין זיין כבוד געגליכען צום כבוד פון ג־ט, אזוי גילט אויך די גלייכונג ביי כיבוד אב צו כבד את ה' מהונך, וואלט איך מיינען אז דער זוהן מוז יא פאלגען דעם פאטער אפילו געגען שבת, לאזט ער אונז הערען אז ניט, ((וואס ער זאגט אויבען ניט אין דער קשיא אז שבת איז אן עשה מיט א לא תעשה, וואס האט אויך כרת ? נאר ער האט ניט געדארפט אנקומען צו דעם,ווייל סיווי האט מען געמוזט האבען דעם פסוק געגען דעם היקש) : **מצוה מן התורה לפרוק אבל לא לטעון** : פרעגט די גמרא **מאי אבל לא לטעון, אילימא אבל לא לטעון כלל, מאי שנא פריקה, דכתיב עזב תעזב עמו, טעינה נמי הכתיב הקם תקים עמו** ? וואס מיינט די משנה אז עס איז ניט קיין מצוה צו אויפלאדען. זאלען מיר זאגען אז גענצליך ניט אויפצולאדען, איז דאך אבער צו פרעגען וואס עפעס פריקה יא, ווערסט דאך זאגען צוליב דעם פסוק זאגט עזוב תעזוב עמו, איז דאך טעינה אויך אזוי, צוליב דער פסוק זאגט הקם תקים עמו ? **אלא מצוה מן התורה לפרוק בחינם ולא לטעון בחינם אלא בשכר, ר' שמעון אומר אף לטעון בחינם**, נאר די משנה מיינט עס איז די מצוה פון דער תורה צו אפלעגען די משא בחינם, אבער אויפצולאדען ניט בחינם נאר פאר א לוין. ר' שמעון זאגט אויך אויפצולאדען איז בחינם. **תנינא להא דתנו רבנן פריקה בחינם טעינה בשכר, ר' שמעון אומר זו וזו בחינם, מאי טעמייהו דרבנן ? דאי סלקא דעתך כר' שמעון, לכתוב רחמנא טעינה ולא בעי פריקה, ואנא אמינא ומה טעינה דלית בה צער בעלי חיים וליכא חסרון כיס, חייב, פריקה דאית בה צער בעלי חיים וחסרון כיס לא כל שכן ? אלא למאי הלכתא כתביה רחמנא ? לומר לך פריקה בחינם טעינה בשכר**, מיר האבען דאס טאקע אויך געלערנט, דען די רבנן האבען גע־לערנט אז פריקה איז בחינם און טעינה איז פאר שכר, ר' שמעון זאגט די און די איז בחינם. וואס איז דער טעם פון די רבנן ? זיי ענטעפרען אויב עס זאל ארויף אויפ'ן געדאנק ווי ר' שמעון, האט די תורה געזאלט שרייבען בלויז טעינה ניט דארפענדיג צו שרייבען אויך פריקה, און איך וואלט זאגען מה־דאך טעינה וואו עס איז ניט פאראן קיין צער בעלי חיים, און עס איז ניט פאראן קיין געלד־שאדען ביי דער בהמה, פונדעסטוועגען איז ער חייב, איז דאך פריקה — וואו עס איז יא פאראן צער בעלי חיים און געלד־שאדען — געוויס ניט אנדערש נאר אזוי, היינט צו וואס האט די תורה ארויסגעשריבען אויך פריקה ? איז געוויס צו זאגען דיר אז פריקה איז בחינם און טעינה איז פאר שכר. פרעגט די גמרא **ור' שמעון מאי טעמא ? משום דלא מסיימי קראי**, און ר' שמעון וואס איז דער טעם ? ר' שמעון האלט עס האבען געמוזט שטעהן ביידע, ווייל די פסוקים זיינען ניט באצייכענט וועלכע איז וועלכע, עס קען זיין ווען עס וואלט בלויז שטעהן הקם תקים וואלט איך טייטשען אויף פריקה, פרעגט די גמרא **ורבנן ? אמאי לא מסיימי קרא הכא כתיב רובץ תחת משאו התם כתיב נופלים בדרך דרמו אינהו ומעונייהו באורחא משמע**, און די רבנן וואס זאגען עס איז גענוג איינס אליין, עס מוזען דאך ארויסשטעהן ביידע אום

צו דערקענען וועלכע איז וועלכע? זיי ענטפערען וואַרום זיינען ניט קענטיג די פסוקים? דאָס שטעהט רובץ תחת משאו אַז דאָס אייזעל קניהט אונטער דער משא, און אויף אַן אנדער פּלאַץ שטעהט נופלין בדרך, אַז דו וועסט געפינען איינעם מיט אַן עזעל פאַלענדיג צו דער ערד, וואָס מיינט וואו די אייזלען פאלענדיג וואַרפען זיי אַלעס צו דער ערד, זעהען מיר דאָך אז עזוב תעזוב מיינט זיכער אָפּלעגען. פרעגט די גמרא ור' שמעון? נופלין בדרך אינהו וטעונייהו עלוייהו משמע, און ר' שמעון? נופלין בדרך צייגען דאָך אויף פריקה? ער ענטפערט אַז נופלין בדרך קען אויך מיינען אַז די אייזלען מיט דער משא אויף זיי פאַלען אויפ'ן וועג, און אויף דעם ענדיגט דער פסוק עזב תעזב אז זאָלסט העלפען צו אויפלאָדען. אמר רבא (דף ל"ב, ע"ב) מדברי שניהם נלמד צער בעלי חיים דאורייתא ואפילו ר' שמעון לא קאמר אלא משום דלא מסיימי קראי, אבל מסיימי קראי דרשינן קל וחומר, האָט רבא געזאָגט פון ביידע צוזאמענגענומען קענען מיר אָפּלערנען אז צער בעלי חיים איז דאורייתא, אַניט ווי וואָלט מען קענען מאכען דעם קל וחומר, און אָפילו ר' שמעון זאָגט אויך ניט אַז ביידע זאָלען מוזען אַרויסשטעהן אין דער תורה, נאָר צוליב די טייטשען זאָלען זיין קענטיג, אָבער ווען די טייטשען וואָלטען זיין קענטיג וואָלטען מיר יאָ דרש'ענען דעם קל וחומר, משום מאי? לאו משום צער בעלי חיים דרשינן, דילמא משום דאיכא חסרון כיס, צוליב וואָס א חומרא וואָלסטו דען מאכען דעם קל וחומר? מיינסטו דען ניט אַז צוליב דער חומרא פון צער בעלי חיים, ווענדט די גמרא אָפּ פיללייכט וואָלט ר' שמעון דרש'נען דעם קל וחומר צוליב דער חומרא פון חסרון כיס, ווייל צער בעלי חיים איז ניט מדאורייתא, והכי קאמר ומה טעינה דלית בה חסרון כיס חייב, פריקה דאית בה חסרון כיס לא כל שכן, און אַזוי מיינט ער צו זאָגען דעם קל וחומר מה־דאָך טעינה וואו ביי איהר איז ניט פאַראַן קיין חסרון כיס, פונדעסטוועגען איז ער חייב צו העלפען, איז דאָך פריקה מיט חסרון כיס געוויס ניט אנדערש נאָר אַזוי, פרעגט די גמרא וטעינה אין בה חסרון כיס, מי לא עסקינן דאדהכי והכי בטיל משוקיה, אי נמי אתו גנבי ושקלי כל מה דאיכא בהדיה, און ביי טעינה זאָגסטו איז ניט פאַראַן קיין חסרון כיס, שמועסט דען ניט טעינה אויך ביי א פאַל, דאָס אויב ער וועט אים ניט העלפען אויפלאָדען, וועט ער דערווייל פאַרלירען און צוריקשטעהן פון מארק, אויך קען זיין גנבים זאָלען דערווייל צוקומען און צונעמען אַלעס ביי אים. זאָגט די גמרא תדע דצער בעלי חיים דאורייתא דקתני סיפא ר' יוסי הגלילי אומר אם היה עליו יתר על משאו אין זקוק לו שנאמר תחת משאו משאו שיכול לעמוד בו, דו קענסט דיר דריגגען אַז צער בעלי חיים איז דאורייתא דען די סיפא לערנט אַז ר' יוסי הגלילי זאָגט אויב די משא איז גרעסער ווי דער אייזעל קען האלטען, איז מען ניט געצוואונגען צו אים, ווי דער פסוק זאָגט תחת משאו אונטער זיין משא מיינט דאָס אַזאַ משא לויט זיין כח ער זאָל קענען שטעהן מיט איהר, לאו מכלל דתנא קמא סבר זקוק לו, מאי טעמא? לאו משום דצער בעלי חיים דאורייתא, איז דען פון ר' יוסי הגלילי ניט געדרונגען, דאָס ווארשיינליך האלט דער ערשטער תנא, אז מען איז

יאָ געצוואונגען צו העלפען, וואָס א סברה קען דען זיין ביים תנא קמא דערביי? מיינסטו דען ניט צוליב ווייל צער בעלי חיים איז דאורייתא מוז מען אים העלפען. וועגדט די גמרא אָפּ דילמא בתחת משאו פליגי דר' יוסי סבר דרשינן תחת משאו משאו שיכול לעמוד בו ורבנן סברי לא דרשינן תחת משאו, פּילייכט קריגען זיי אין טייטש פון תחת משאו, אַז ר' יוסי האלט מיר דרש'נען תחת משאו לויט זיין משא וואָס ער קען אויסהאלטען, ווייל עס וואָלט דארפען שטעהן תחת המשא, אָבער משאו מיינט שוין זיין געהעריגע משא א קוואנטום וואָס ער קען האלטען, און די רבנן האַלטען מיר דרש'נען ניט דעם תחת משאו ווייל עס איז געהעריג עס זאָל אַזוי שטעהן אין פסוק, תדע דצער בעלי חיים לאו דאורייתא דקתני רישא הלך וישב לו ואמר הואיל ועליך מצווה לפרוק פרוק, פטור, שנאמר עמו, ואי סלקא דעתך צער בעלי חיים דאורייתא מה לי איתיה למריה בהדיה ומה לי כי ליתיה למריה בהדיה. דו קענסט דיר דרינגען אַזוי אַז צער בעלי חיים איז ניט דאורייתא, דען ער לערנט אין דער רישא אַז אויב דער באַלעבאָס האָט זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט צו אים אַזוי ווי אויף דיר איז די מצוה צו אָפּלעגען טו עס אַליין, איז ער פטור צוליב'ן פסוק „עמו" אַז נאָר מיט אים איז דער חיוב, און וויבאלד עס זאָל אַרויף אויפ'ן געדאנק אַז צער בעלי חיים איז דאורייתא, וואָס איז שוין דער אונטערשייד צי דער באַלעבאָס איז מיט אים, צי ניט מיט אים, נאָר מוז זיין אַז צער בעלי חיים איז ניט דאורייתא. וועגדט די גמרא אָפּ לעולם צער בעלי חיים דאורייתא, מי סברת פטור, פטור לגמרי, דלמא פטור בחינם וחייב בשכר והכי קאמר רחמנא כי איתיה למריה בהדיה, עבד גביה בחינם, וכי ליתיה למריה בהדיה עבד גביה בשכר, ולעולם צער בעלי חיים דאורייתא. לעולם זאָגען מיר אַז צער בעלי חיים איז דאורייתא, אַי וואָס ער איז פטור? מיינסטו דען אַז ער איז געגצליך פטור, עס קען זיין ער איז פטור פאַר בחינם אָבער נאָך אַלץ חייב פאַר שכר, און אַזוי מיינט די תורה צו זאָגען, איז דער באַלעבאָס מיט, העלף אים בחינם, איז ער ניט מיט, העלף אים פאר שכר, און אימער טאקע איז צער בעלי חיים דאורייתא. פרעגט די גמרא לימא מסייע ליה בהמת עובד כוכבים מטפל בה כבהמת ישראל, אי אמרת בשלמא צער בעלי חיים דאורייתא, משום הכי מטפל בה כבהמת ישראל, אלא אי אמרת צער בעלי חיים לאו דאורייתא אמאי מטפל בה כבהמת ישראל? צי מוזען מיר זאָגען אַז די ברייתא זאָל זיין א באַוויז צו דער סברה, דען מיר האָבען געלערנט אַז צו א בהמה פון אַ גוי איז מען זיך מטפל ווי צו א בהמה פון א איד, אַנדערש ווען דו זאָלסט זאָגען אַז צער בעלי חיים איז דאורייתא, איז רעכט דער דין צו באַמיהען זיך ביי איהר ווי ביי א בהמה פון א ישראל, אָבער אַז דו זאָלסט זאָגען לאוו דאורייתא, ווארום זאָל ער זיך מוזען מטפל זיין ווי ביי אַ ישראל? נאָר מוז זיין אַז צער בעלי חיים איז דאורייתא. וועגדט די גמרא אָפּ התם משום איבה, הכי נמי מסתברא דקתני אם היתה טעונה יין אסור, אינו זקוק לה, אי אמרת בשלמא לאו דאוריתא, משום הכי אינו זקוק לה, אלא אי אמרת דאורייתא, אמאי אין זקוק לה? הכי קאמר ולהטעינה יין אסור אין

זקוק לה, דאָרט איז דער טעם צוליב עס זאָל ניט שאפען א פיינדשאפט ביי די גוים אויף אידען, און די סברה גיט אויך אַזוי מיט, דען ער לערנט ,אויב די בהמה איז געווען אָנגעלאָדען מיט יין נסך, איז ער ניט געצוואונגען צו העלפען ווייל ער קען זיך אויסדרעהען מיט דעם אויסרייד, אנדערש ווען דו זאָלסט זאָגען אַז עס איז ניט דאורייתא איז רעכט ער זאָל צוליב דעם אויסרייד, ניט זיין געצוואונגען, אָבער אַז דאורייתא, ווארום זאָל ער ניט זיין געבונדען צו העלפען? נאָר מוז זיין עס איז ניט דאורייתא, ווענדט די גמרא אָפּ לעולם קען זיין עס איז יאָ דאורייתא, אַי וואָס דען איז אין זקוק לה? נאָר אַזוי מיינט די ברייתא צו זאָגען דעם טעקסט אויף צו אויפלאָדען יין נסך איז ער ניט געבונדען צו העלפען אפילו פאר שכר. **תא שמע בהמת עובדי כוכבים ומשאוי ישראל וחדלת, ואי אמרת צער בעלי חיים דאורייתא אמאי וחדלת, עזב תעזב מיבעי ליה?** קום איך וועל דיר פושט זיין פון דער ברייתא, אַז דו זעהסט א בהמה פון אַגוי און די משא איז א אידישע וואָס דארף הילף, מעגסטו פאַרמיידען די הילף, און אויב דו זאָלסט זאָגען אַז צער בעלי חיים איז דאורייתא, וואָס עפּעס זאָגט ער וחדלת אַז דו מעגסט אויסמיידען. פאַרקערט, עזב תעזב האָט ער געדאַרפט זאָגען, אַז דו מוזט העלפען? ווענדט די גמרא אָפּ **לעולם צער בעלי חיים דאורייתא התם בטעינה, אי הכי אימא סיפא בהמת ישראל ומשאוי עובד כוכבים עזב תעזב, ואי בטעינה אמאי עזב תעזב? משום צערא דישראל,** לעולם איז צער בעלי חיים דאורייתא, נאָר דאָרט שמועסט ביי אויפלאָדנען. פרעגט די גמרא אויב אַזוי זאָג די סיפא אַז די בהמה איז פון אַ ישראל און די משא פון אַגוי, דארפסטו מקיים זיין דעם עזב תעזב, און אויב ביי אויפלאָדען ווארום זאָל ער מחוייב זיין? ענטפערט די גמרא צוליב דעם צער פון ישראל וואָס מוז ווילען דאָרט, פרעגט די גמרא **אי הכי אפילו רישא נמי? רישא בחמר עובד כוכבים וסיפא בחמר ישראל,** אויב אַזוי איז דאָך די רישא אויך אַזוי צו דארפען העלפען צוליב'ן צער פון ישראל? ענטפערט די גמרא די רישא שמועסט ביי אָנטרייבער עובד כוכבים און די סיפא ביי אַן אָנטרייבער א ישראל, איז דאָך צער ישראל נאָר פאַראַן ביי דער סיפא, פרעגט די גמרא **מאי פסקת? סתמא דמילתא איניש בתר חמריה אזיל, והא וחדלת ועזב תעזב בפריקה הוא דכתיבי? אמר ליה הא מני ר' יוסי הגלילי הוא דאמר צער בעלי חיים לאו דאורייתא,** וואָס טוסטו אזוי אָנ'פסק'נען אַז אימער וואו די בהמה געהער צום איד איז ער דער אָנטרייבער און אויב צום גוי איז דער גוי דער אָנטרייבער, צוליב דער משא קען דאָך אמאָהל זיין דער אָנטרייבער צו וועמען די משא געהער? ענטפערט די גמרא דאָס איז שוין געווינליך אַזוי אַז יעדער געהט נאָך זיין אייזעל, ניט וועלענדיג איבערגעבען די בהמה אין אנדערע הענט. פרעגט די גמרא דער וחדלת און עזב תעזב שטעהען דאָך ביים אָפּלעגען און אראָפּנעמען די משא? האָט ער צו אים געזאָגט ווייסטו ווי ווער די ברייתא וועט אויסקומען? ווי ר' יוסי הגלילי וואָס זאָגט אַז צער בעלי חיים איז ניט דאורייתא, **תא שמע אוהב לפרוק ושונא לטעון, מצוה בשונא כדי לכוף את יצרו, ואי סלקא דעתך צער בעלי חיים דאורייתא הא עדיף ליה? אפילו הכי כדי לכוף את יצרו עדיף,** קום איך

וועל דיר פושט זיין פון דער ברייתא, אַז עס שטעהט א פריינד וועמען מען דאַרף אויסלאָדען און אראָפּנעמען די משא, און עס שטעהט זיינס א שונא צו אויפלאָדען, איז מעהר מצוה צו העלפען דעם שונא, ווייל צו אַרויפצווינגען אויף זיין יצר הרע איז בעסער, און אויב עס זאָל אַרויף אויף דיין געדאנק אַז צער בעלי חיים איז דאורייתא, איז דאָך בעסער צו העלפען אויסלאָדענען? ענטפערט די גמרא פונדעסטוועגען צו באקעמפפען דעם יצר הרע איז וויכטיגער. **תא שמע שונא שאמרו שונא ישראל ולא שונא עובד כוכבים, אי אמרת צער בעלי חיים דאורייתא מה לי שונא ישראל ומה לי שונא עובד כוכבים? מי סברת אשונא דקרא קאי, אשונא דמתניתין קאי,** קום איך וועל דיר פושט זיין א שונא וואָס די חכמים האָבען דאָ געזאָגט, איז געמיינט א שונא וואָס איז א ישראל ניט קיין גוי, און אויב דו זאָלסט זאָגען אַז צער בעלי חיים איז דאורייתא, וואָס מאכט צו מיר אַן אונטערשייד צי דער שונא איז א ישראל צי אַ גוי, עס איז דאָך צוליב צער בעלי חיים? ענטפערט די גמרא מיינסטו דען אַז די ברייתא באציהט אויפ׳ן שונא אין פסוק וואו עס זאָגט זיך, כי תראה חמור שונאך, עס באציהט זיך אויף דער ברייתא וואָס זאָגט ושונא לטעון, **תא שמע (דף ל״ג, ע״א) רובץ ולא רבצן, רובץ ולא עומד, תחת משאו ולא מפורק, תחת משאו משאוי שיכול לעמוד בו, ואי אמרת צער בעלי חיים דאורייתא, מה לי רובץ מה לי רבצן ומה לי עומד?** קום איך וועל פרוּווען פושט זיין פון דער ברייתא, מיר האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט אַז דו וועסט זעהן דעם אייזעל פון דיין חבר איז צולייגט אונטער דער משא, טייטש איך דאָס רובץ מיינט אַז צייטענווייז טרעפט זיך אַז דער חמור לעגט זיך אַוועק אונטער דער משא, דאַמאָלט נעמען מיר אָן אַז צוליב מידעקייט האָט ער עס געטאָן, דאַן איז מען מחויב צו העלפען, אָבער ניט ווען דער חמור איז אַ רבצן מיט א טבע אַזוי צו טוען, אויך איז רובץ ממעט, דאַמאָלט ווען דער חמור שטעלט זיך אוועק און וויל ניט געהן, און תחת משאו מיינט נאָר אונטער דער משא, ניט ווען די משא איז אראָפּגענומען. אויך מיינט תחת משאו אונטער זיין משא וויפיל ער קען אויפהאַלטען און שטעהן מיט איהר, און וויבאלד דו זאָלסט זאָגען אַז צער בעלי חיים איז דאורייתא, וואָס איז שוין אַן אונטער־שייד צווישען רובץ און רבצן אָדער עומד? נאָר מוז זיין אַז צער בעלי חיים איז ניט דאורייתא, ענטפערט די גמרא **הא מני ר׳ יוסי הגלילי היא דאמר צער בעלי חיים דרבנן, הכי נמי מסתברא דקתני תחת משאו משאו שיכול לעמוד בו, מאן שמעת ליה דאית ליה האי סברה? ר׳ יוסי הגלילי, שמע מינה.** ווייסטו ווי ווער די ברייתא קומט אויס ווי ר׳ יוסי הגלילי וואָס זאָגט אַז צער בעלי חיים איז נאָר דרבנן, און די סברה גיט אויך אַזוי מיט, דען ער לערענט אין אונזער משנה דעם זעלבען לימוד פון תחת משאו אויף א משא וועלכע דער אייזעל קען אויסהאלטען, און ווער האָט דאָס געלאָזט הערען די סברה? ר׳ יוסי, איז דאָך גוט געדרונגען. פרעגט די גמרא **ומי מצית מוקמת לה כר׳ יוסי הגלילי, והא קתני סיפא תחת משאו ולא מפורק, מאי לא מפורק, אי לימא לא מפורק כלל, הא כתיב הקם תקים עמו? אלא פשיטא לא מפורק בחינם אלא בשכר,** און ווי קענסטו איינזעצען די

ברייתא ווי ר' יוסי הגלילי, ער לערנט דאָך אין דער סיפא פון דער ברייתא אז תחת משאו מיינט, נאָר מיט דער משא, ניט אלס אויסגעלאָדען, וואָס קען דאָ מיינען דער מפורק? זאָל איך מיינען אַלס ניט געלאָדען, גענצליך ניט צו לאָדען, דער פסוק זאָגט דאָך הקם תקים דאָס מען איז מחוייב אויך צו אויפלאָדנען? נאָר געוויס מוז זיין ניט אויפצולאָדען בחינם נאָר פאָר שכר, מאן שמעית ליה דאית ליה האי סברה? רבנן? לעולם ר' יוסי הגלילי היא ובטעינה סבר לה כרבנן, און ווער האָט דען גלאָזט הערען די סברה וועגען טעינה פאָר שכר? אויב ניט די רבנן, היינט קומט דאָך גיכער צו איינזעצען די ברייתא ווי די רבנן? וווענדט די גמרא אָפּ לעולם קומט די ברייתא אויס ווי ר' יוסי הגלילי, נאָר ביי טעינה האלט ער אויך ווי די רבנן אַז זי קומט מיט שכר. תנו רבנן כי תראה יכול אפילו מרחוק, תלמוד לומר כי תפגע, אי כי תפגע יכול פגיעה ממש? תלמוד לומר כי תראה, ואיזו היא ראייה שיש בה פגיעה? שיערו חכמים אחד משבע ומחצה במיל, וזה הוא רוס, די רבנן האָבען געלערנט דער פסוק זאָגט אַז דו וועסט זעהן, וואָלט איך פון תראה מיינען ווען אפילו ער דערזעהט עס פון גאַנץ ווייט, דעריבער זאָגט דער פסוק אויך ביי דעם געגענשטאַנד כי תפגע אַז דו וועסט באגעגענען וואָס מיינט שוין גאַנץ נאָהענט, לויט דעם וואָלט איך ווידער מיינען פנים צו פנים דערויף שטעהט אויך כי תראה, היינט ווי קען דאָ זיין אַ ראייה צוזאמען מיט א פגיעה? האָבען די חכמים משער געווען אַז עס מיינט א קנאַפּ אכטעל פון א מייל און דאָס איז איין „רוס" צוויי הונדערט און זעכציג איילען. אָבער פגוש מיינט אימער אזא נאָהנט צום אָנרירען. תנא ומדדה עמו עד פרסה, אמר רבה בר בר חנה ונוטל שכר, מיר האָבען געלערנט אַז נאָכ'ן אויפלאָדנען מעסט ער איהר אויס מיט זיך ביז א פרסה צו זעהן צי די אייזעל וועט ווידערהאָלען דעם פאַל, האָט רבה בר בר חנה געזאָגט און ער נעמט שכר דערפאַר: מתני', אבידתו ואבידת אביו, אבידתו קודמת, אבידתו ואבידת רבו שלו קודם, אבידת אביו ואבידת רבו, של רבו קודמת, שאביו הביאו לעולם הזה ורבו שלמדו חכמה מביאו לחיי העולם הבא, ואם אביו חכם של אביו קודמת, אַז ער געפינט זיין אייגענע אבידה און די אבידה פון זיין פאָטער דאַרף ער זיך פריהער באמיהען מיט זיין אבידה צו אָפּירען אהיים, אַז ער געפינט זיין אבידה און די אבידה פון זיין רבין, קומט זיין אבידה פריהער. די אבידה פון פאָטער און די אבידה פון רבין, איז פון רבין פריהער, ווייל זיין פאָטער האָט אים געבראַכט צו דער וועלט, און זיין רבי וואָס האָט אים געלערנט חכמה האָט אים געבראַכט צום לעבען פון צוקונפטיגער וועלט, און אויב דער פאָטער זיינער איז אַ חכם קומט דעם פאָטער'ס מציאה פריהער, היה אביו ורבו בבית השבי, פודה את רבו ואחר כך את אביו, ואם אביו חכם פודה את אביו ואחר כך פודה את רבו, אַז זיין פאָטער און זיין רבי זיינען אין געפאַנגענשאַפט לעזט ער צוערשט אויס זיין רבין און דערנאָך דעם פאָטער, און אויב זיין פאָטער איז אַ תלמיד חכם לעזט ער צוערשט אויס זיין פאָטער און דערנאָך זיין רבין: גמ', מנא הני מילי? אמר רב יהודה אמר רב אמר קרא אפס כי לא יהיה בך אביון שלך קודם לשל

**כל אדם, ואמר רב יהודה אמר רב כל המקיים בעצמו כך סוף בא לידו כך**, פונוואנען זיינען די רייד געדרונגען אַז זיינס קומט פריהער? האָט רב יהודה געזאָגט פון רב וועגען דער פסוק זאָגט, רק נאָר זאָלסט זעהן עס זאָל ביי דיר ניט זיין קיין אָרימאַן, דער פסוק באַציהט זיך אויף שמיטה אַז מען זאָל זעהן צו האלטען שמיטה, און ניט איינמאָהנען קיין חוב פונ'ם אָרימאַן מיט דעם איז די באשיצונג עס זאָל ניט זיין קיין אָרימקייט ביי דיר, פונדעסט־וועגען מוז מען אויך זעהן לויט'ן דרך הטבע צו רעטען די געלד וואָס קען פאַרלוירען געהן, דאָס דרינגט אַז דיינס צו רעטען מיט דיין באמיהונג קומט פריהער, פונדעסטוועגען זאָגט רב אַז דער וואָס טוט אימער אַזוי פאַר זיך ניט איבערערעכענדיג, דאָס צומאָהל קען יענעמס שאָדען פיל איבערשטייגען איבער זיינעם, אין אזא פאַל איז דאָך לאָגישער צוערשט יענעמס — נאָר ער קוקט ניט דערויף, איז דער סוף דאָס ער קומט אָן צו דער לאגע: **היה אביו ורבו נושאין משאוי וכו': תנו רבנן רבו שאמרו, רבו שלמדו חכמה, ולא רבו שלמדו מקרא ומשנה דברי ר' מאיר ר' יהודה אומר כל שרוב חכמתו הימנו.** די רבנן האָבען געלערנט, וועגען רבו וואָס די חכמים זאָגען דאָ, מיינט עס אזא רבי וואָס האָט אים געלערנט חכמה וואָס מיינט די טעמים פון דער תורה, ניט בלויז פון מקרא און משנה אַזוי האלט ר' מאיר, ר' יהודה זאָגט אז רבו מיינט וואו ער האָט פון אים געלערנט זיין רוב חכמה, **ר' יוסי אומר אפילו לא האיר עיניו אלא במשנה אחת זה הוא רבו, אמר רבא כגון רב סחורה דאסברן זוהמא ליסטרון**, ר' יוסי זאָגט אפילו ווען ער באַלייכטעט זיינע אויגען נאָר אין איין משנה הייסט ער שוין זיין רבי, האָט רבא דאַרויף געזאָגט ווי א שטייגער רב סחורה האָט געגעבען צו דערקלערען צו מענשען אַז זוהמא ליסטרון מיינט אזא מעטעל צו איין עק אַ לעפעל צו אָפשוימען און איין עק אַ גאָפּעל. זיין נוץ איז אוועקשארען די שוים וואָס זידט אַרויף סיי ביי יויך סיי אנדערע משקה, און דער גאָפּעל איז צו דערלאַנגען די שטיקער פלייש, צוליב עס נעמען זיך אָן דאָרט באַצילען פון דער לופט, דאָס קלערט אויף אַ טעם ערגעץ אויף א משנה, אָדער א ברייתא, **שמואל קרע מאניה עליה ההוא מרבנן דאסבריה אחד יורד לאמת השחי ואחד פותח כיון**, שמואל האָט זיך קורע געווען אויף איינעם פון די רבנן ווען ער איז נסתלק געוואָרען, ווייל ער האָט אים ערקלערט איין זאך אויף א משנה וואו זי שמועסט פון צוויי שליסלען אין די האנד פון איינעם וועלכער איז געגאנגען עפענען די טויערען פון היכל, אום צו צוקומען דאָרט האָט ער געמוזט אויפשליסען צוויי טהירען, ביי דער ערשטער טיר האָט ער געמוזט אריינגידערן זיין האנד ביז'ן אקסעל צו קענען אויפשליסען, און מיט איין שליסעל ביים צווייטען טהיר־דורכגאנג האָט ער שנעל געעפנט מיט'ן בלויזען צוטאָן דעם שליסעל, די צוויי עפענונגען ווי עס געהט צו, האָט ער אים ערקלערט, האָט ער אים דערפאַר שוין געהאלטען אַלס זיין רבי, **אמר עולא תלמידי חכמים שבבבל עומדין זה מפני זה וקורעין זה על זה, ולענין אבידה במקום אביו אינן חוזרין אלא לרבו מובהק**, האָט עולא געזאָגט די תלמידי חכמים אין בבל האָבען זיך אויפגע־שטעלט איינער פאַר'ן אַנדערען, און קורע געווען זיך איינער אויפ'ן אנדערען,

און קעגען אבידה אין פלאַץ פון זיין פאָטער, ציהט ער זיך ניט צוריק פון זיין פאָטער'ס צו געהן פריהער לייסטען פאַר'ן רבין, סיידען ער איז זיין קענטיגער רבי, **קבעי מיניה רב חסדא מרב הונא תלמיד וצריך לו רבו מאי? אמר ליה חסדא חסדא לא צריכנא לך, את צריכת לי, עד ארבעין שנין איקפדי אהדדי ולא עיילי לגבי הדדי,** רב חסדא האָט געפרעגט ביי רב הונא א תלמיד ביי א רבין וועלכער דאַרף אויך אַנקומען צום תלמיד וואָס ווייסט א סך הלכות פון אנדערע רבי'ס, ווי איז דער דין געגען אבידה אין פלאַץ פון זיין פאָטער? רב הונא האָט אים חושד געווען אַז ער מיינט דאָס אים, דאָס ער מוז אַנקומען צו אים, האָט ער צו אים געזאָגט חסדא חסדא איך דאַרף ניט אַנקומען צו דיר, גיכער דארפסטו אַנקומען צו מיר, ביז פערציג יאָהר זיינען זיי געווען ברוגז איינער אויפ'ן צווייטען, און האָבען זיך ניט באזוכט איינער דעם אַנדערען, **יתיב רב חסדא ארבעין תעניתא משום דחלש דעתיה דרב הונא, יתיב רב הונא ארבעין תעניתא משום דחשדיה לרב חסדא,** רב חסדא איז געזעסען אין תענית פערציג תעניתים פאַר גורם זיין פאַרדרוס צו רב הונא, און רב הונא האָט געפאסט פערציג תעניתים פאַר חושד זיין צו רב חסדא, **איתמר רב יצחק בר יוסף אמר ר' יוחנן הלכה כר' יהודה, רב אחא בר רב הונא אמר רב ששת הלכה כר' אסי,** מיר האָבען געלערנט רב יצחק בר יוסף האָט געזאָגט פון ר' יוחנן וועגען אַז די הלכה איז ווי ר' יהודה אַז א רבי הייסט ווען ער לערנט פון אים זיין רוב חכמה, און רב אחא בר בר הונא האָט געזאָגט פון רב ששת וועגען אַז די הלכה איז ווי ר' יוסי, ווען ער באלייכטעט אים נאָר ביי איין משנה, הייסט ער אויך אַלס זיין רבי, פרעגט די גמרא **ומי אמר ר' יוחנן הכי והאמר ר' יוחנן הלכה כסתם משנה ותנן רבי שלמדו חכמה? מאי חכמה? רוב חכמתו,** האָט דען ר' יוחנן אַזוי געקענט זאָגען, ר' יוחנן האָט דאָך געזאָגט אַז די הלכה איז ווי א סתם משנה, וואו רבי שטעלט איהר אַרויס אָהן א נאָמען, דאָס האָט ער געטאָן צוליב ער איז זיכער געווען אין איהר הלכה, ניט דאַרפענדיג ברענגען די תנאים אַלס גאראנטי פאַר דער דעה, און מיר האָבען דאָך א סתם משנה אַז רבו מיינט וואו ער האָט אים אויסגעלערנט חכמה, ענטפערט די גמרא ווייסטו וואָס ער מיינט דאָ אין דער סתם משנה חכמה? ער מיינט רוב חכמה, קומט עס שוין אויס ווי ר' יהודה, און די ברייתא דעקט אויף אַז די משנה דאָ מיינט עס לויט ר' יהודה, **תנו רבנן העוסקין במקרא מדה ואינה מדה, במשנה מדה ונוטלין עליה שכר, גמרא אין לך מדה גדולה מזו, ולעולם הוי רץ למשנה יותר מן הגמרא,** די רבנן האָבען געלערנט די וואָס זיינען עוסק אין פסוק קען עס זיין א מאָס און עס קען זיין ניט קיין מאָס, ער מיינט דאָ צו זאָגען עס קען זיין אַ גרויסע מדרגה אין לערנען, עס ווענדט זיך ביי וועמען, ביים גרויסען תלמיד חכם וועלכער געדענקט די קבלות חז"ל אויף די פסוקים איז עס א גרויסע מדרגה אין לערנען, אָבער ווער עס געדענקט ניט די קבלות אויף די פסוקים, קען ער נאָך אמאָל קאלע מאכען אין טייטש, און אין בעסטען פאַל איז עס ניט קיין גרויסקייט, אָבער משנה אַז איינער לערנט איז עס שוין יאָ א מדה, ווייל ער ווייסט פון איהר די הלכות, נעמען זיי פאַר איהר שכר, אָבער גמרא, איז ניט

פאראן קיין גרעסערע מדה פון איהר, און אימער לויף גיכער צו משנה ווי צו גמרא. פרעגט די גמרא **הא גופא קשיא אמרת בגמרא אין לך מדה גדולה מזו, והדר אמרת ולעולם הוי רץ למשנה יותר מן הגמרא**? די ברייתא איז דאך שווער אין זיך אליין, ביי גמרא זאגסטו עס איז ניט פאראן קיין גרעסערס, און באלד ענדיגסטו דאס אימער לויף צו משנה גיכער ווי צו גמרא? **אמר ר' יוחנן (דף ל"ג, ע"ב) בימי רבי נשנית משנה זו שבקו כולה עלמא מתניתין ואזלו בתר גמרא הדר דרש להו ולעולם הוי רץ למשנה יותר מן הגמרא**, האט ר' יוחנן געזאגט אין די צייטען פון רבי איז די משנה אדער ברייתא געלערנט געווארען, (א ברייתא פון די פריהערע תנאים ווערט אויך גערופען אלס משנה) סיי משנה סיי גמרא זיינען פון די תנאים געלערנט געווארען אויסווייניג, משנה מיינט די טעקסטען פון משנות וואס רבי האט נאכהער אויפגעשריבען און די טעקסטען פון ספרא ספרי מכילתא וואס אנדערע תנאים האבען אויפגעשריבען, און גמרא מיינט די האנדלונגען צו אויסגלייכען די אלע טעקסטען און צו אויפקלערען די טעמים און סברות פון זיי. אין רבי'ס צייטען אז די משנה איז שוין געווען געשריבען האבען זיך אלע געלאזט צו דער משנה און געלערנט בלויז איהר, האבען דאך פילע הלכות געקענט פארגרייזט ווערען, ווייל מיט'ן כח פון גמרא זיינען דאך פילע טעקסטען געענדערט געווארען צוליב פארשידענע קשיות און סברות, האבען די תנאים פארפאסט די ברייתא אויבען דאס הויפטזעכליך איז גמרא, דערהערענדיג דאס, זיינען אלע געלאפען צו גמרא האנדלונגען, ביז ווידער זיי האבען צופיל פארלאזט די משנה ניט געדענקענדיג איהר ריכטיג ביי די האנדלונגען פון גמרא, האבען זיי שוין אויך, אום צוריק צוציהען צו משנה, געענדיגט דאס אימער זאלסטו לויפען צו משנה גיכער ווי צו גמרא. פון די האנדלונגען ביי גמרא, ניט ציהענדיג צו דער משנה, קען קומען צו קאמפליקאציעס אין הלכה. **מאי דריש? כדדריש ר' יהודה ברבי אלעאי מאי דכתיב הגד לעמי פשעם ולבית יעקב חטאתם, הגד לעמי פשעם אלו תלמידי חכמים ששגגות נעשות להם כזדונות, ולבית יעקב חטאתם אלו עמי הארץ שזדונות נעשות להם כשגגות**, וואס האט דאס דער תנא גע'דרש'נט, וואס האט אים אזוי געמאכט צו זאגען אז דאס גרעסטע איז גמרא? עס איז די דרשה ווי ר' יהודה ברבי אלעאי האט גע'דרש'נט, וואס מיינט דער פסוק, זאג צו מיין פאלק די זינד וואס זיי טוען גערנוויליג, און צום הויז פון יעקב זאג די זינד וואס זיי טוען אומגערען, עמי מיינט די תלמידי חכמים וואס מען איז מדקדק מיט זיי, אז אפילו א זינד אומגערען רעכענט מען פאר גערנוויליג, און בית יעקב מיינט די פראסטערע אידען וועלכע קענען זיך ניט אזוי פאנאנדערקלייבען, זיי רעכענט מען די זדונות ווי שגגות, דאס באציהט זיך אויף די תלמידי חכמים וועלכע לערנען גמרא צו וויסען די טעמים פון די הלכות וואו מען דארף זיין קערפול, און די עמי הארץ לערנען משנה אלס איינפאכע הלכות ניט פארשטענדיג נאך זייערע טעמים, ווייל מעהר זיינען זיי ניט פעהיג צו טוען און דעריבער ניט אזוי פאראנטווארטליך. )פשע מיינט גערנוויליג און חטא מיינט אומגערען, וואלט דאך גיכער דארפען שטעהן ביי עמי חטאתם און ביי בית יעקב פשעם

ווייל תלמידי חכמים זינדיגען דאך ווייניגער ווי די עמי הארץ.) והיינו דתנן ר' יהודה אומר הוי זהיר בתלמוד ששגגת תלמוד עולה זדון, און דאס איז וואס איז געלערנט אין א משנה אז ר' יהודה זאגט זיי געווארענט אין גמרא ווייל אן אומגערנער טעות ווערט פארערכענט פאר גערנווייליג, דען די הלכות זיינען געוועגדט אן זיינע אויסטייטשונגען. דרש ר' יהודה בר' אלעאי מאי דכתיב שמעו דבר ה' החרדים אל דברו, אלו תלמידי חכמים, אמרו אחיכם אלו בעלי מקרא, שנאיכם אלו בעלי משנה מנדיכם אלו עמי הארץ, האט ר' יהודה ברבי אלעיא גע'דרש'נט וואס מיינט דער פסוק, הערט אויס די רייד פון ג־ט וואס ציטערען צו זיינע רייד, דאס מיינט די תלמידי חכמים וואס לערנען גמרא, עס האבען געזאגט אייערע ברידער אייערע פיינד אייערע באליידיגער צוליב מיין נאמען ווערט ג־ט געערט און מיר ווילען זעהן אין אייער שמחה ווען אלע אידען ווילען זיך פרעהען און זיי ווילען זיך שעמען. אייערע ברידער מיינט די וואס לערנען פסוק דען די וואס לערנען גמרא וואס מיינט טעמי משנה פארשען דאס אויס מיט פסוקים, און אייערע פיינט מיינט די וואס לערנען משנה ווייל זיי האבען קינאה אויף די בעלי גמרא, און די וואס פארשעמען אייך מיינט מען די עמי הארץ דען זיי האבען פיינט די תלמידי חכמים צוליב זייער גרויסקייט, פונדעסטוועגען זיינען זיי מיט די אידען אין איין בונד. שמא תאמר פסק סברם ובטל סיכוים, תלמוד לומר ונראה בשמחתכם, שמא תאמר ישראל יבושו? תלמוד לומר והם יבושו, עובדי כוכבים יבושו וישראל ישמחו, טאמער וועסטו זאגען אז צוליב זייער פיינד־שאפט צו די תלמידי חכמים, איז אפגעהאקט זייער האפנונג און צונישט זייער ערווארטונג, דערויף זאגט דער פסוק און מיר ווילען זעהן אין אייער שמחה אם ירצה השם ווען ג־ט וועט העלפען, טאמער וועסטו זאגען אז אידען ווילען זיך דא שעמען צוליב זייער געגנערשאפט צו די תלמידי חכמים, דערויף זאגט דער פסוק והם יבושו, און אויב עס זאל זיך באציהען אויף די פריהער אויסגע־רעכענטע אידען שונאיכם מנדיכם, וואלט דארפען שטעהן הם יבושו אהן א ווא"ו אבער מיט א ווא"ו, מיינט עס שוין אויף אנדערע, דאס מיינט שוין אז די גוים ווילען זיך שעמען און די אידען ווילען זיך פרעהען:

## הדרן עלך אלו מציאות

המפקיד אצל חבירו בהמה או כלים ונגנבו או שאבדו, שילם ולא רצה לישבע, שהרי אמרו שומר חינם נשבע ויוצא, אז איינער גיט צו באהאלטען ביים חבר א בהמה אדער כלים, און זיי זיינען גע'גנב'ט געווארען אדער פאר־לוירען געגאנגען, אז ער האט באצאהלט און ניט געוואלט שווערען, דען די חכמים האבען דאך געזאגט אז א שומר חינם קען שווערען און יוצא זיין, נמצא הגנב משלם תשלומי כפל, טבח ומכר משלם תשלומי ארבעה וחמשה, למי משלם? למי שהפקדון אצלו, אז דער גנב איז נאכהער געפונען גע־ווארען באצאהלט ער דאפעלט, אז ער האט די גנבה געשאכטען אדער פארקויפט באצאהלט ער פיר און פינף, פיר שאף פאר איין שעפס און פינף גרויסע בהמות